STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10681

ARUM VOKZAL

David Bergelson

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָוויד בערגעלסאָן

ארום וואָקזאל

און אנדערע דערציילונגען

HARTFORD JEWISH COMMUNITY CENTER
335 BLOOMFIELD AVE.
WEST HARTFORD 17, CONN.

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1935

Printed in Soviet Union

אַרום וואָקזאַל

אינ פארשיידענע אָרעמע שטעטלעכ הייבנ זיכ אָנ ציִענ שמאָלע
וועגנ און שנײַדנ דורכ פארשלאָפענע דערפער. אפ שטילע גרינע
בערג דראפענ זיכ די וועגנ, צום גרונט פונ טיפע טאָלנ נידערנ זיי
אַראָפ און ווײַט, ווײַט, בײַ דער הייכ פונ א קליינעמ בארג, קומענ זיכ
די וועגנ צונויפ און בוקנ זיכ פונ דאָרטנ צום שטיינערנעמ און
רויטנ וואָקזאל.

א הויכער איז ער דער וואָקזאל, א רויטער און א צוויי=אָרנדי=
קער. און שטיינ שטייט ער דאָ שוינ פונ יאָרנ א פארגליווערטער און
מידער, און ווײַזט דער געגנט אויס, ווי א פארקישעפטער היטער,
וועלכנ ס'האָט אמאָל עמעצ אפ א שפיצל פארשלעפט מיט אנ איי=
ביקנ מעלאנכאָלישנ דרימל. יענער אומבאקאנטער און שווײַגנדיק=ביי=
זער, וואָס האָט אמאָל אפ אימ דעמ שלאָפ אנגעוואָרפנ, איז שוינ
לאנג א שוינ=אָפער, די ביינער זײַנענ שוינ אינ דער פײַכטער ערד
פונקל געוואָרנ. און דער וואָקזאל קאָנ זיכ נאָכ אלצ פונעמ דרימל נישט
באפרײַענ. דרימלענדיק היט ער אָפ די וועגנ, וואָס בוקנ זיכ צו אימ,
די נאָענטע און ווײַטע בערגלעכ און טאָלנ מיט יענעמ שיינעמ און
צעוואָרפענעמ דאָרפ, וואָס ליגט אינ דער טיפ פונ א לאנגנ טאָל, דרא=
פעט זיכ שוינ פונ יאָרנלאנג אפ די שפיצנ פונ די צוויי שכיינישע
בערג און קאָנ זיכ נאָכ אלצ ביז זייערע שפיצנ נישט ארופדראפענ. דער=
פאר, וואָס דאָס דאָרפ מיטנ געגנט האָבנ געשוויגנ, האָט אויכ געש=
וויגנ דער אלטער פארגליווערטער וואָקזאל און מיט א באהאלטענער
בענקשאפט ארײַנגעקוקט אינ דער טיפעניש פונ דער בלויער און אומ=
באקאנטער ווײַטקייט, גלײַכ ווי די ווײַטקייט וואָלט דאָ אינגאנצנ דער=
איקער געווענ, און נאָר פונ איר האָט אינ איינעמ א טאָג געדראפט א
שטארקער און שטאָלצער העלפער זיכ מיט גערויש ארומטראָגנ אינ

אלע שלאָפנדיקע ווינקעלעכ און מיט זײַנ קראַפט און מאַכט צום לעבנ אומקערנ אלצ, וואָס איז דאָ שוינ פונ יאָרנ פארשטייגערט און פארשמאכט. נאָר די ווײַטקײַט איז טאָמיד רויִק געווענ, טאָמיד מאָרעשכוירעדיק און טאָמיד שטיל, און נימעס איז איר שוינ געווענ צו קוקנ אופ דער שלעפעריקער געגנט, און אלײנ איז זי שוינ אויכ שלעפעריק געווענ. דערפאר האָט זי אָפט א נודנעם גענעצ געטאָנ, געעפנט פאמעלעכ איר גרויס, אלט און לײדיק מויל און מיט גרויס פוילקײַט אויסגעשפיגנ א לאנגנ און לויפנדיקנ פאסאזשיר=צוג. פונ ווײַט איז דער צוג געלאָפנ און געטראָגנ האָט ער מיט זיכ א גוטע און פרײלעכע פסורע פארנ וואָקזאל און פאר דער געגנט, און געײַלט האָט ער זיכ די פסורע צו ברענגענ. אָבער נאָכ אײנעם ערשטנ טרויעריקנ אָפהילכנ פונ זײַנ לאנגנ און פרײלעכנ פײַפ האָט ער זיכ שוינ איבערצײַגט, אז די מאָרעשכוירע איז דאָ זײער טיפ און אײביק. ער איז שוינ צום וואָקזאל צוגעקראָכנ פאמעלעכ מיט א געפאלנ געמיט און דאָרטנ שטײנ געבליבנ מיט א שווערנ און לאנגנ זיפצ פונ דער באפרײַטער און הייסער פארע פונעם טאָרמאָז.

„אומזיסט... אומזיסט... און פארפאלנ... אלצ פארפאלנ”, האָט זיכ א טויבער קלאנג צוזאמענ מיטנ זיפצ ארומגעטראָגנ.

און בא די רײַזנדע, וואָס אינ צוג, האָט זיכ דערפאר מאָדנע פארקוועטשט דאָס הארצ, און א בלאָז האָט אופ זיי געטאָנ מיט טרויער. זיי האָבנ באלד ארויסגעשטעקט זײערע אומבאקאנטע פענצטער און שווײַגנדיק באטראכט דעם אלטנ און שלעפעריקנ וואָקזאל. אזוי פוסט, מאָרעשכוירעדיק און נודנע איז דאָ געווענ; ס'האָט זיכ קײנעם נישט געוואָלט רירנ און פונעם אָרט זיכ א ריר טאָנ. און די מענטשנ האָבנ געשוויגנ, געשטאנענ אָנ א שטומ באוועגונג און שוינ אויסגעזעענ אזוי מעלאנכאָליש און שלעפעריק, ווי אלײנ דער אלטער פארשטײנערטער וואָקזאל. עטלעכע פארטיפטע אינ כאלוימעס זײַנענ דאָ פאמעלעכ ארומגעגאנגענ און שווײַגנדיק געקוקט אופ די פארכאָלעמטע רײַזנדער. זיי האָבנ נישט געוווסט פונוואנענ און וווהינ די רײַזנדער פאָרנ, מיט וואָס זיי פארנעמענ זיכ און וועגנ וואָס זיי קלערנ. דערפאר האָבנ זיי געהאַט דערעכערעצ, געשוויגנ און געוואָלט אויסזענ פײַנער און לײַטישער ווי זיי זײַנענ. און נימעס איז די וואָקזאלדינער נישט געווענ צו ציִענ זיכ מיט זײער גאנצער הײכ, נימעס איז דעמ טרעגער, וואָס איז באמ גלאָק

געשטאַנענ, נישט געוואָרנ אַרויסצושטעלנ זײַנ שטאָלצע ברוסט פאָרויס, נעמענ איז אויכ קיינמאָל נישט געוואָרנ די יונגע קאָמיסיאָנערנ צו שטיינ מיט ערנסטע פּענעמער אָנ א זײַט און כאַפּנ אַלעמאָל א קוק אַפּ א שיינער דורכפאַרנדיקער נעקייווע. ערגעצ-ווו אַפּנ וואָקזאַל-פּלאַצ זײַנענ פאַרקלערטע סאָכרימ געשטאַנענ. זיי האָבנ געקוקט אַפּנ צוג, געביטנ די בערד און געטראַכט וועגנ זייערע מיסכאָרימ; ערגעצ-ווו איז א שוואַר-צער, נידעריקער און איבערגעשראָקענער מעקלער געשטאַנענ. ער האָט אויכ געשוויגנ, אויכ געקוקט אַפּ דעמ צוג און פאַרטיפט געווענ אינ אי-בערגעשראָקענע, נישט קיינ זיכערע געדאַנקענ פונ א יוירעד. וועגנ צוג האָט ער געקלערט, וועגנ ידי אומבאַקאַנטע און שוועבנדיקע רײַזנדער און וועגנ דעמ, וואָס ער האָט אויכ אַמאָל געלט געהאַט און געדענקט שוינ איצט נישט וויאַרומ ער האָט עס באַקומענ און וויאַרומ פאַרלוירנ.

נאָר איינ גרויער אויסגעדינטער מעשולעכ, א בלינדער אַפּ איינ אויג, איז אײַנער אַליינ געזעסנ אַפּ א באַנק, געקלאַפּט מיט זײַנ אַלטנ שטעקנ אינעמ האַרטנ שטיינערנעמ וואָקזאַל-פּלאַצ און געמורמלט. עפּ-שער איז ער דאָ דער איינציקער געווענ, וועמענ ס'האָט זיכ די אַרומיקע פּוסטקייט צוגעגעסנ און וועלכער האָט געוואָלט עמעצנ דערציילנ וועגנ זײַנ אָרעמקייט, וועגנ זײַנ טאָמיד אָפּנ און בלינד אויג, וועגנ זײַנע קינדער, וואָס זײַנענ אינ אַמעריקע, און וועגנ זײַנ ווײַב, וועלכע איז שוינ צענדליקער יאָרנ טויט, נאָר קיינער איז צו אימ נישט צוגעגאַנ-גענ און קיינער האָט אַפּ אימ נישט געקוקט. ער האָט דערפאַר קינ-דערשנ סייכל באַקומענ און זיכ געשפּילט מיט די טויטע קלעפּ פונ זײַנ שטעקנ. און אַז די שפּיל איז אימ נימעס געוואָרנ, האָט ער מיט זײַנ איינציק אָפּנ אויג געזענ און געקוקט, ווי פּיניע ליסאַק גייט צו א פרעמדנ סויכער צו, פאַרקרימט זיכ, ווי אַפּ א נעראַווע בעטנ, און איז אימ אַפּ שפּומלאָשנ מודיע:

„כ'בינ פּיניע ליסאַק, כ'האָב שוינ אַמאָל געלט געהאַט און איצט א מעקלער געוואָרנ... עפּשער וועט איר עפּעס קויפנ?“

נאָר דער פרעמדער סויכער קוקט אַפּ אימ נישט, און פּיניע גלייכט זײַנ פּאָנעמ נישט אויס. ווענ דער צוג גייט אָפּ, דערזעענ די סאָכרימ, אַז ליסאַקס פּאָנעמ איז נאָכ פאַרקרימט. זיי ווינקענ צו אימ פונוויטנ און שמייכלענ.

„ווי איר זעט מיכ א ייִדנ, שווערט זיכ לייזער פּוואָניאַק, א חויכער

אײַנגעהויקערטער מעקלער מיט גרויסע ארויסגעקראָכענע און ווערטלדיקע אויגנ, ער האָט שוינ א פּאָנעם פונ א קאַפּצנ".

ארום אים שטייענ קאָמיסיאָנערנ, סאָכרים און מעקלערס און באַווײַזנדיק געלע, פאַרייבערטע ציינער לאַכנ זיי אָפּ א קאָל. דאָס געלעבטער קלינגט שטיל אָפּ אויפ דעם ליידיקנ וואָקזאַל־פּלאַץ און וועקט אינ יעדערנ פונ זיי א פרייד פאַר זײַנ אייגענער צוקונפט. ס'לאַכט נישט נאָר איינ פּיוניאַק. אנ אײַנגעהויקערטער און ברייטביינערדיקער שטייט ער רויק אײַנמיטנ ביינטל, די הענט פאַרלייגט אינ די ארבל און דעם קאָפּ עטוואָס אָנ א זײַט.

פאַמעלעכ גייט צו צום ביינטל אבראַמטשיק קויפמאַנ, א דיקער סאָכרישער באָכער מיט ברייטע נעגידישע פּלייצעס. זײַנע הענט זײַנענ פאַרלייגט הינטער די פּאָלעס פונ זײַנ נײַעמ רעקל, דער קאָפּ ארויסגערוקט פאָרויס און אויפ זײַנ דיק פּאָנעם ליגט א שטענדיקער שמייכל. א רויקער איז דער שמייכל, א פוילער און א זיכערער, ער וואַרפט זיכ יעדערנ אינ די אויגנ און גיט צו וויסנ:

„כאַפּט זיכ נישט, און קלערט נישט, אז איר וועט מיכ אָפּנאַרנ.“

די וואָקזאַל־לײַט וויסנ, אז קויפמאַנס אָנצוג איז א טײַערער, אז זײַנ פאָטער איז א קאַמצנ און דער נאָגיד פונעמ גאַנצנ שטעטל, און ער אליינ איז א באָכער, א סויכער און פאַרמאָגט שוינ היפּש געלט. דערפאַר פילט זיכ לעבנ זיי אבראַמטשיק היימיש און פרײַ, און שמייכלט צו בעשאַס זיי קלאַפּנ אים פרײַנטלעכ אויפ זײַנע נעגידישע פּלייצעס. שמייכלענדיק באַטראַכט ער ליסאַקנ פונ דער זײַט, הערט אויס די ווערטלעכ און זאָגט פאַמעלעכ און רויִק:

„ער האָט נאָכ א טכויריענעמ טולופּ. ווענ ער וויל, וואָלט איכ אים פאַרנ טולופּ הונדערט קלינגעדיקע געסילעקט, וואָלט ער ווידער א נאָגיד געוואָרנ“. כעוורע לאַכנ און באַ פּיוניאַקנ טוענ א ציטער די ווערטלדיקע אויגנ און ווערנ מיטאמאָל ערנסט.

„וואָס, ווונדערט ער זיכ, ווילסט דעמ טולופּ? אָט מעקלער איכ אים אויס“.

ער לאָזט זיכ אָפּצוקלוימערשט לויפנ צו ליסאַקנ.

פאַראַנ נאָכ א צווייטע זײַט וואָקזאַל, וו קיינ סאָכרים דרייענ זיכ נישט ארום. זיצנדיק אויפ די אײַנגעשפּאַנטע ברישקעס, דרימלענ דאָרטנ

אונטערגעגאַרטלטע שמײַסערס און מיט אומענטשלעכער געדולד וואַרטן זיי אויף זייערע אָנקומענדיקע באַלעבאַטים. אַז א באַלעבאָס קומט אָן, קריכט ער באַלד אויף זײַן בריטשקע ארויף און טוט דעם שמײַסער א שלעפּ פאַרן אַרבל. דער שמײַסער כאַפּט זיך אויף און טוט א טרײַב די פערד. די בריטשקע הייבט זיך אָן צו וויגן, און דער באַלעבאָס ווערט גיך אײַנגעדרימלט. נאָר די פערד לויפן שוין צווישן גרינע פעלדער, אָנגעוואָרפענע בערג און קליינע פאַרוואַקסענע טאָלן. אויף די העלדזער פון די פערד קלינגען אײנטאָניק די גלעקלעך, און ווען דער באַלעבאָס כאַפּט זיך אויף, הערט ער א פאַרשלאָפענער אויס, ווי די גלעקער דערציילן דער פעלד־שטילקײַט אַלץ, וואָס ער האָט פאַר דער צײַט פון זײַן נעכיע געזען. ער פאַרגעסט, אַז ער פאָרט אהיים, און ווערט ווידער אײַנשלאָפן. ערגעץ ווײַט, אין א שטעטל, וואָס אין טאָל, קוקט אויף אים ארויס א שטוב מיט אירע פענצטער, כאַהאָרים און מענטשן. און א קליין קינד זײַנס לויפט דאָרטן באָרוועס ארום און באַרימט זיך, אַז עס וועט באַלד א מאַטאָנע באַקומען.

און ער וויגט זיך נאָך אַלץ אויף דער לויפנדיקער בריטשקע, וויגט זיך און דרימלט.

I

א וואַרעמער פרילינג האָט אײַנמאָל א שמייכל געטאָן ארום וואָקזאַל מיט זײַנע פאַרשלאָפענע סאָכרים און אויף זײַן פרילינג־לאַשן געפּרעגט:

„באַוויזן א קונץ?“

דער וואָקזאַל האָט זיך נישט הערנדיק געמאַכט און ווידער געדרימלט. און די סאָכרים האָבן אין דעם שמייכל געזען א סימן אויף א זאַט יאָר און מוירע געהאַט צו האַנדלען.

ארום זיי האָבן אונטער פאַרכאָלעמטע הימלען געדרימלט גרינע באַארבעטע פעלדער. אויף די פעלדער זײַנען נאָענטע און ווײַטע בערגלעך געלעגן און געהערט, ווי שטילע ווינטן סוידען זיך מיט זייער גראָז.

וועגן דעם, וואָס אַלץ וועט בעזויל זײַן, האָבן זיך די ווינטן מיטן גראָז געסוידעט.

ערגעץ אין א גרינעם טאָל, וואָס הינטער א שטילן דאָרף, האָבן

זיכ צוויי פאַרנדריקטע סאָכרימ באַגעגנט, זיכ אָפּגעשטעלט און זיכ פאַנאַנדערגעשמועסט אפנ קאָל:

„פונוואַנענ פאָרט מענ? פונ דער קאַצעפּקער פערמע?"

„און איר? פונ די שלאַכעטקעס, מינאַסטאַמ?"

„פונוואַנענ דענ? א טאַפּ געטאָנ דעמ וואָגנ".

„נו?"

„וואָס נו?.. דער גוי בעט זיכ".

„פיל וואַגאָנעס וועט ער האָבנ?"

„קיינ מײַסע נישט."

„דעהײַנע?"

„וואָס האָסטו וואָס צו קלערנ, קוק..."

און ביידע סאָכרימ האָבנ זיכ פאַרקוקט אפ די גרינע פעלדער, וואָס אינ די זײַטנ פונ דעמ שמאָלנ וועג. דאָס גראָז איז דאָרטנ געווענ שטאַרק באַשעפּטיקט מיטנ וואַקסנ, זיכ געבוקט מיט לאַנגזאַמע און פרומע שאָקלענ און איבערגעכאַזערט אַלצ איינ טיפע און קורצע קאַוואָנע:

„א גערעטעניש... א גערעטעניש!"

דאָכ האָט איינמיטנ פרילינג פּלוצעמ אופגעהערט צו רעגענענ און דאָס גראָז האָט אָנגעהויבנ פאַרהאַרטע ווערנ.

ווענ אפ דעמ וואָקזאַל האָבנ די סאָכרימ די „זאַסוכע" דערפילט, האָט שוינ דער שטויב געוואָקסנ אפ די ביימער און אפ די גרעזער, זיכ מיט די ברענענדיקע ווינטנ ארומגעטראָגנ אינ אוויר און טונקל געמאַכט די שײַנ פונ לאַנגע און הייסע זומער־טעג. די סאָכרימ זײַנענ שוינ געווענ פאַרשמירט, אָפּגעברענט און דערשראָקנ באַשעפּטיקט. דער שטויב איז שוינ געלעגנ באַ זיי אפ די פענעמער און די בערד, און אינ די רויטע נישט דערשלאָפענע אויגנ, נאָר זיי האָבנ נאָכ אַלצ ארומגעשנאָרעט אינ דער גרויסער וואָקזאַל־סוויווע און אויסגעכאַפּט איינער באַמ צווייטנ די קניעס, זיכ פונ צײַט צו צײַט באַוויזנ אפ דעמ וואָקזאַל, זיכ דאָרטנ געלאָכנ, געזידלט, פאַרקויפט און צוריקגעקויפט.

גרויסשטעטיקע סאָכרימ זײַנענ יעדנ טאָג מיט די צוגנ אָנגעקומענ און אינ אײַלעניש געהאַנדלט מיט פאַרשמירטע און אָפּגעברענטע וואָקזאַל־לײַט. שטייענדיק אפ די טרעפּלעכ פונעמ אָפּגייענדיקנ צוג האָט נאָכ איינער צו א וואָקזאַל־סויכער געשריגנ:

„איז געענדיקט? שיקט איר מאָרגנ ארויס"

דער וואָקזאַל־סויבער האָט געפּרוווט ענטפערן אפן קאָל, נאָר הינטער די לאַנגע אָפּגייענדיקע וואַגאָנעס האָבן שוין הויך געקלאַפּט די רעדער.

ער האָט זיין קאָל נישט דערקאָנט און נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„געענדיקט, געענדיקט".

זיין מויעך האָט נאָך ווען דער מעכירע געקלערט און די פאַרטראַכטע אויגן האָבן געקוקט אהין, ווו דער צוג ווערט פאַרשוווּנדן, אהין, וווּ ווילדע ווינטן און שטויב־שטראָמען יאָגן דעם צוג נאָך אין מאַכן דעם הימל מיט דעם אוויר טונקל. ער האָט שוין געפילט, אַז עמעץ האָט זיך אין דער מעכירע אָפּגענאַרט, נאָר ער האָט נישט געוווּסט ווער: ער, צי יענער גרויסשטעטיקער סויכער, וועלכן ס'האָט צוזאַמענגעמיטן צוג געראַווּס איבערגעשלונגען די וואָלקנדיקע ווייטקייט.

און א בינטל סאָכרים זיינען שוין אַרום אים געשטאַנען און אים באַשיט מיט שאַלעס:

„וואָס, פאַרקויפט?"

„טאַקע?"

„ווי טייער?"

דער סויכער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מע פרעגט אים און ווי פון שלאָף געפרעגט:

„א?"..

ווען די סאָכרים האָבן שוין אַלץ אין געגנט אויפגעראַמט אין דאָס איבערגעפּעקלט אין פאַרשיידענע ווייטע גובערניעס, איז אפן וואָקזאַל ווידער שטיל און רויִק געוואָרן. די מעקלערס זיינען ווידער אַרומגעגאַנגען פוסט און פּאַס און געשמועסט פון דער אומגעוויינלעכער מאַכאַפּייכע:

עלי דערבאַרעמדיקער, א הויכער און דאַרער יונגערמאַן, א מאַסקל, א גוטער און א באַלמידעס מיט צוויי קוילעס: איינס א גראָבס, א מאַנצבלש, דאָס צווייטע א דינס און ווייבעריש, האָט דעם זומער א קערבל צען טויזנט באַקומען. צום וואָקזאַל איז ער געפאָרן מיט זיינע אייגענע פערד און אייגענעם שמייסער און געטרונקען טיי אין „ערשטן קלאַס".

שלוימקע פערל, א יונגערמאַן א שווינדלער, נישט לאַנג געטראָגן געלאַטעטע הויזן און געבעטלט א ציגאַר טיטון, האָט געהאַנדלט אפן גווירישן אופן, געקויפט און פאַרקויפט וואַגאָנעסווייז.

כאַיִמ-מענדל מאַרגוליס, א ייִד א פּאָסעסער אונ א „גרויסער פּאַרלעבער“ מיט אַ ייִדל פּריציש פּאָנעמ אונ אויכ אַזעלכע ייִדעלע פּריצישע מאַנירנ, האָט פיל געלט אָנגעזעצט, אונ קיינער האָט נישט געוווּסט, צי אימ אַליינ איז פונ דעמ אָנזעצ געלט געבליבנ. צומ וואָקזאַל איז ער ווי פריער געקומענ מיטנ נײַעמ פאַעטאָנ אונ הייסע פּאָר פערד, ווי פריער זיכ געפירט ברייט אונ געהאַט איסאָקימ מיט די דורכפאָרנדיקע רײַכע פּריצימ. צוליב אימ איז אָפטמאָל אויפנ וואָקזאַל אַראָפּגעקומענ כאַניִנע שאַפּיראָ, א רײַכער ברייטביינערדיקער אונ הוסטנדיקער באַלהאַבוסטע. גלעטנדיק זײַנ געלע אונ פאַרפּלאָנטערטע באָרד, האָט זיכ כאַניִנע אײַנזאַמ אַרומגעדרייט אויפ דעמ וואָקזאַל-פּלאַצ; די וואָקזאַל-לײַט האָבנ אויפ אימ געקוקט פונדערווײַטנס אונ צוגעשמייכלט. ס'האָט זיכ געמאַכט, אַז די כעוורע איז אָפּגעלייגט געוואָרנ: מ'האָט דעמלט באַטראַכט אויפ פּיווניאַקנ דעמ נײַעמ שוואַרצנ פּאַלטאָ אונ אימ צו כאַניִנעס אונטערגעשיקט. האָט פּיווניאַק געפּאָלגט, אימ אָפּגעשטעלט אונ געפרעגט:

„עפּעס האָט איר מיר, רעב כאַניִנע, א פּאָנעמ, ווי איר לאָדט זיכ באַמ „מיראָווי“ אינ דער מישפּעט האַרפּ זײַנ דעמ זעכצנטנ. וואָס איז די מײַסע, א?“

דער אוילעמ האָט ווילד האָנאָע געהאַט אונ געלאַכט. אונ דער הויכער וואָקזאַל האָט דאָס געלעכטער גלײַכגילטיק אויסגעהערט אונ ווידער געדרימלט. כאַניִנע האָט געוואָלט עפּעס ענטפערנ, זיכ באַטראַכט, אַז ס'איז נישט קעדײַ, געטאָנ א הוסט אונ א סמאָרע מיטנ נאָז. פונ העסעכ-האַדאַעס וועגנ האָט ער פאַמעלעכ פונ דער פּאַלטאָ-קעשענע אַרויסגענומענ א פאַרשמאָלצעוועט אונ צונויפגעלייגט שטיקל פּאַפּיר, דאָס צוגעטראָגנ צו זײַנע גרויסע אונ קורצזיכטיקע אויגנ אונ דאָס באַשמעקט מיטנ נאָז, גלײַכ ווי אָט דאָס שטיקל פּאַפּיר האָט עמעצ גאָרוואָס אויפ א שפּיצל אַרײַנגעוואָרפנ צו אימ אינ קעשענע, אונ ער אַליינ וואָלט דערפאַר מוירע געהאַט, ווי פאַר א מעסוקנדיקער באָמבע.

אינמיטנ פּלאַצ, ווי א פאַרגעסענער אונ איבערגעלאָזטער, איז געשטאַנענ בייניש רובינשטיינ, א מיטלוווּקסיקער אונ שוואַרצער יונגערמאַנ מיט א קליינעמ פאַרוואָקסענעמ שטערנ, טיפע שוואַרצע אויגנ אונ א קליינע, שפּיציקע נאָז.

אַליינ איז ער א לאַמדנ, א יאַכסנ אונ א שטאַרק פרײַער. נישט לאַנג האָט ער כאַסענע געהאַט מיט דעמ צווייטנ ווײַב אונ גענומענ

דאָס צווייטע מאָל נאָכנ. זי, א קליינע, א גרינגע, אַנ אופגעקומענעמ גווירס א טאָכטער, אונ ער, א שטיק קאַמצנ מיט נידעריק־צוגעשוירענע באַקנ אונ פאַרבליבענע בעסמעדרעש־טיפקײַט. ס'טוט אימ באַנק, אַלעמענ סאָכרימ פאַרדינענ אונ ער עסט גרייט געלט, ער האָט דערפאַר די סאָכרימ פײַנט, טראַכט פיל אונ בײַסט די נעגל. צווישנווײַז גייט צו אימ צו אַבראַמטשיק קויפמאַנ, קלאַפּט אימ פרײַנטלעכ אינ די פלייצעס אונ קוקט אימ שמייכלענדיק אַרײַנ אינ זײַנ פאַרמויערט פּנים.

„ביינוש, שרײַבט ער צו אימ, אײַכ איז גוט".

באַ ביינישנ לײַכטנ זיכ אונ שמייכלענ עטוואָס די טיפע אונ שוואַרצע אויגנ. ער ווייסט נישט, צי ער זאָל זיכ באַלייִדיקנ, צי טוינ, נאָר אַבראַמטשיק האָט שוינ פאַמעלעכ אוועקגעשפּאַנט, די הענט אונטערנ פּידזשאַק אונ דעמ קאָפּ עטוואָס פאַרויס. ער האָט דעמ זומער גוט פאַרדינט, אוועקגעשלעפּט דערצו באַמ קאַרגנ פאָטער א היפּשע סומע אונ אָפּגעקויפט דעמ רעזערוואַר, וואָס באַמ וואָקזאַל. אַליינ איז ער געוואָרנ קרעפּטיקער, דאָס פּנים לויטערער אונ דער שמייכל פוילער. ער באַגעגנט איציק־באָרכנ, כאַפּט אימ פאַר די הענט, שאָקלט אימ אַהינ אונ צוריק אונ פרעגט קריצנדיק מיט די ציינער:

„נו, איציקל, באַדאַרפ מענ זיכ מוטשענ, אַ?"

אַמאָל האָבנ זיי געלערנט אינ איינ כיידער. איציק פלעגט אימ שטענדיק אָפּנאַרנ, אויסשמירנ זײַנ פּנים מיט סאַזשע אונ צוקלעפּנ צו די פלייצעס א ווײַס פּאַפּיר מיט גרויסע אונ שוואַרצע אויסיעס: דוראַק. נאָכדעמ איז איציק אוועקגעפאָרנ אונ געוואָרנ אַנ עקסטערנ. ער האָט זיכ לאַנג געוואַלגערט אינ די גרויסע שטעט אונ דאָרטנ לאַנג געלערנט. זײַנ קלענערער ברודער איז שוינ אַרײַנ אינ אוניווערסיטעט אונ ער האָט געלערנט. דער פאָטער, א ליטוואַק פונ די ערשטע קאָמיסיאָנערנ, איז אַלט געוואָרנ, אונ ער האָט נאָכ אַלצ געלערנט. דער פאָטער איז געשטאָרבנ, האָט ער זיכ צוליב דער מוטער געזעגנט מיט די גרויסע שטעט אונ אַראָפּגעקומענ אַפּ דעמ וואָקזאַל. די וואָקזאַל־לײַט האָבנ פאַר אימ דערכערעצ, דערפאַר וואָס ער איז א נײַ־אָנגעקומענער, א הויכער, א געזונטער אונ טראָגט לאַנגע האָר, אונ אויכ דערפאַר, וואָס ער איז אינ די ווײַטע שטעט א רעוואָליוציאָנער געווענ אונ האָט מיט זיי ווייניק שײַכעס. אַבראַמטשיקנ שטופּט ער פונ זיכ אָפּ מיט א שמייכל אונ רוימט אימ אײַנ אינ אויער:

„ס'אַרא ראַכמאָנעס אַפ דיר, אַבראַמטשיק. אַזאַ געזונטער ביסטו, אַזאַ קרעפטיקער — אונ אַזאַ שויטע".

אַבראַמטשיק הערט רויִק אויס, צעלאַכט זיכ אַפנ קאָל אונ באַלוינט אימ ווידער מיט א פרײַנטלעכנ קלאַפ אינ די פּלײצעס.

II

אינ דעמ זומער האָט אַבראַמטשיק א שטוב געבויט.

געבויט האָט ער פּאַמעלעכ אונ פויל, ווי פּאַמעלעכ אונ פויל ס'זײַגענ געווענ זײַנ פעטער מויטעס מיט די שמעלצעדיקע סאָכרישע געראַנקענ. דאָכ איז שוינ אינ אָנהייב עלעל לעבנ רעזערוואַר, א ביסל אָנ א זײַט פונעמ וואָקזאַל, געשטאַנענ, א היפשע הויכע אונ אײַנגאַרטנדיקע שטוב, געטראָגנ אַפ זיכ מיט א מאַכטייסע=מינע דעמ ווײַסנ אונ פלאַטשיקנ דאַכ אונ ערנסט באַטראַכט די דורכפאָרנדיקע פורנ, גלײַכ ווי אינ איר פאָדערשטער וואַנט וואָלט נישט געווענ קיינ פיר לאַנגע אונ גלעזערנע פענצטער, נאָר גאָר פיר גרויסע אונ שטאַרק אָפענע אויגנ. באָרוועסע פויערשע קינדער האָבנ דאָ נישט ווײַט ווײַסע גענדז אַפ דעמ גראָז געפּאַשעט, זיי פלעגנ אָפטמאָל צו די אָפענע פענצטער צוגיינ, באַטראַכטנ די פינפ געפאַרבטע, געשפּאַלירטע אונ ליידיקע כאַדאָרימ אונ זיכ צוהערנ, ווי ס'הילכנ האַרטנ די שטיינדלעכ, וועלכע זיי וואַרפנ בײַנייווע אַרײַנ. אַפ דעמ געשניצטנ אונ נישט דערענדיקטנ באַלקאָנ איז צײַטנווײַז געשטאַנענ אַבראַמטשיק אַליינ, די הענט פאַרלייגט אונטערנ פּידזשאַק, דעמ קאָפּ עטוואָס אָנגעבויגנ אונ שמייכלענדיק געווונקענ צו די דורכפאָרנדיקע קאָמיסיאָנערנ אונ סאָכרימ. די סאָכרימ האָבנ נישט פאַרגונענ, דער באַלקאָנ האָט זיכ אָבער ביסלעכווײַז געענדיקט. דערמיט האָט אַבראַמטשיק געמאַכט א באָכערשנ כאַנוקאַס=האַבאַיִס, אונ פונעמ נאָענטנ שטעטל זײַנענ אַראָפּגעקומענ געבעטענע אונ אומגעבעטענע געסט.

עס איז געזעצטע אינ צוויי גרויסע באַלעגאָלישע פאַעטאָנעס, ס'ראָזו מיידלעכ מיט אָפּגעטראָגענע היטלעכ, זײַנענ די געסט מיט א ליאַרעמ אונ געפילדער צוגעפאָרנ צו דער נײַער אונ ליידיקער שטוב אונ געבליבנ זיצנ אינ די פאַעטאָנעס.

זיי האָבנ זיכ געשעמט אַראָפּקריכנ, דערפאַר וואָס דער באַלעבאָס איז געווענ א באָכער אונ א ווילד־פרעמדער. זיי האָבנ דערפאַר געלאַכט,

געווענ שטארק רויט אונ זיכ הינטנ־ארומ געקניפּט. דערנאָכ האָבנ זיי זיכ אויסגעלאָזנ אפנ וואָקזאל־פּלאצ אונ ארומשפּאַנענדיק, האלב שע־מעוודיק, געגריזשעט וואָלוועלע, צוגעשימלטע קאָנפעטנ.

צווישנ זיי איז א הויבע אונ געזונטע געגאנגענ אבראמטשיקס שוועס־טער, א מיידל פונ א יאָר זיבעצנ, אונ שטארק געמאכט מיט אירע לאַנ־גע אונ אומגעוויינלעכ גרויסע הענט. איר פּאָנעמ איז געווענ א מאנצ־בליש, דער גאנג א מאנצבלישער אונ די מאנערנ מאנצבלישע. קוקנדיק אפ איר, האָט זיכ געדאכט, אז ווענ זי איז נאָכ א קינד געווענ, האָט זיכ עמעצ טויע געווענ אונ פארביטנ אירע מאנצבלישע קליידער אפ ווייבערשע, נאָר סאָפּקאָלסאָפ וועט מענ זיכ ארומזענ אונ זי וועט מוזנ אָפּשערנ איר לאנגנ צאָפּ אונ צוריק אָנטאָנ א פּידזשאק מיט לאנגע הויזנ.

די קאָמיסיאָנערנ האָבנ געקוקט אפ די אומגעוויינלעכע געסט, זיכ געווערטלט אונ געררעדט געוואָלט־פּע, אונ בייניש רובינשטיינ איז א צעטראָ־גענער געשטאנענ אָנ א זייט אונ פארטראכטערהייט געביסנ די נעגל. ס'האָט אימ פארדראָסנ דאָס, וואָס אבראמטשיק האָט אפ דעמ וואָקזאל אראָפּגעבראכט אזויפיל מיידלעכ מיט געזונטע רויטע פענעמער. ער האָט עפּעס איציק־באָרעכנ, צו אימ שמייכלענדיק א ווונק געטאָנ אונ גע־פרעגט:

„ווי איז אייער מיינונג, איציק?“

ער האָט טאָמיד ליב געהאט צו רייונ מיט האלבע ווערטער אונ אָנהייבנ פונ ז'ער מיט.

„אָט־אָ דאָס מיידעלע, האָט איציק אָנגעהויבנ, האָט א שיינ פּאָנעמ, א געזונטס אונ א רויטס“.

ער האָט זיכ פארטראכט אונ פאמעלעכ געענדיקט:

„א שיינס, נאָר א נארישס“.

א יונגער קאָמיסיאָנער מיט א שטארק רויט פּאָנעמ, ווי בא א קא־צאָוו, האָט די מיידלעכ אָפּגעשטעלט אונ מיט זיי א שמועס פארפירט. די מיידלעכ האָבנ זיכ פאנאנדערגעלאכט, זיכ פארשעמט אונ פאנאנדער־געלאָפנ איבער פארשיידענע זייטנ פונעמ גרויסנ וואָקזאל־פּלאצ.

„נו, איציק?“ האָט רובינשטיינ ווידער געפרעגט.

נאָר איציק האָט נאָכ אלצ געשוויגנ. ער האָט פונ אימ קיינ אויג נישט אראָפּגענומענ אונ אימ באטראכט מיט דערעכערעצ: א הויכער אונ

א קרעפּטיקער, אָנגעקומענער פונ א פרעמדער אונ ווײַטער וועלט. אונ קײנ זאכ באַרירט אים נישט...

„פאראַנ בא אײַכ גוטע מידעס", האָט ער אים געלויבט. אונ נאָכ א ווײַלע טראַכטנ צוגעגעבנ:

„איר האָט דאָכ קײנעמ נישט פײַנט, איציק?"

איציק האָט זיכ אומגעקוקט אונ געענטפערט:

„כ'האָב פײַנט תּויערנ, באָרשטש, גאַזלאָנימ אונ מענטשנ, וועלכע וויסנ נישט, וואָס זײ ווילנ".

רובינשטײנס אָנגעבלאָזענע אונ נידעריקע צעשויבערטע באַקנ זײַנענ מיטאַמאָל רויט געוואָרנ. ער האָט זיכ מאָדנע פאַרקרימט אונ א שמײכל געטאָנ.

„עט, איציק".

נאָר איציק איז שוינ לעבנ אים נישט געוועג, אונ רובינשטײנ האָט פּלוצעמ דערפילט, אַז ער איז א קלײנ אײנזאַמ באַשעפעניש, וואָס טריגקט זיכ אינ א יאַמ פונ גיפטיקער סינע, וואָס בעשאַס ער טרינקט זיכ, וואַרפט אים עמעצ היגטנ אַרומ פאַרנ האַלדז, וואַרפט אים פאַמעלעכ אָנ מיטלײד אונ אַלע טאָג שטאַרקער. אונ ער אלײנ ווײסט נישט ווער ס'וואַרפט אים אונ קײנמאָל וועט ער דאָס נישט וויסנ, אונ נישט וויסנ־דיק וועט ער אמאָל ברוינ אונ בלוי ווערנ, אַרויסשטעקנ אויכ אַזא מינ ברוינע אונ בלויע צונג אונ אַרויסלאָזנ פונ זיכ די נעשאָמע, אַזוי מיעס אונ נאַריש, ווי מיעס אונ נאַריש ער האָט זי צו זיכ אַרײַנגענומענ, ווי מיעס אונ נאַריש ער האָט מיט איר די גאַנצע צײַט געלעבט.

ער האָט אָנגעהויבנ מיט מער אימפּעט בײַסנ די נעגל, געקוקט מיט שטאַרק פאַרקלערטע אויגנ אונ געוואָלט אפּנ קאָפּ צעגויפּרעכענענ וויפל געלט ער פאַרמאָגט. ס'האָט זיכ אים נישט ווילנדיק געקלערט וועגנ די סאָכרימ, וועלכע זײַנענ אינ דעמ זומער רײַכ געוואָרנ, וועגנ כאַיממענדל מאַרגוליס, פונ וועלכנ ס'קומט אימ היפּש געלט אונ וועגנ וואָס ער אלײנ טוט גאָרנישט, הרייט זיכ אַרומ אפּ דעמ וואָקזאַל אונ עסט גרייט געלט.

„א קאַפּצנ, האָט ער צו זיכ אלײנ א שמײכל געטאָנ, א מעלאָכע צו ווערנ א קאַפּצנ?"

אײנזאַמ האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט אפּ דעמ וואָקזאַל־פּלאַצ אונ פאַמעלעכ צוגעשפּאַנט ביז דער צווײטער זײַט וואָקזאַל, וו די קאָמ־

סיאָנערנ אונ סאָכרימ האָבנ זיכ שוינ ארופגעזעצט אפ די גרויסע באַלע-גאָלישע ברויקעס אונ אָפּגעפאָרנ אינ נאָענטנ שטעטל אפ נאַכטלעגער.

פונ איינ גרויסער ענג אָנגעזעצטער ברימשקע האָט פיוניאק ארויס-געשטעקט צו אימ זײַנ גרויסנ קאָפּ אונ א געשריי געטאָנ:

„נו, ביניש, ארופ, אהיימ, צומ ווײַב".

נאָר ער האָט זיכ נישט גערירט אונ געטראַכט, אז זײַנ ווײַב איז א קליינע, א גרינגע מיט א טראָבלעכער עטוואָס פאַריסענער נאָז; אז יע-דעס מאָל, ווענ זי דאַרפ צו דער שפּײַז-שאַפע האָבנ, דראַפּעט זי זיכ אפ א בענקל, פאַלט אראָפּ אונ צעברעכט עפּעס; אז זי איז עפּעס א מעשונעדיקע אונ א קראַנקע, וואָס וועט קיינמאָל מיט אימ קיינ קינדער נישט האָבנ, אונ ער וועט דאַרפנ תּמיד קוקנ אפ איר גרינ פּאָנעמ, אונ פאַריסענער נאָז; זענ, ווי זי ברעכט טעלער אונ גלעזער.

ס'איז פאַרגאַנגענ די זונ. א גרויסע אונ שטאַרק רויטע האָט זי זיכ נאָכ איינ מאָל באַוויזנ אפ דעמ עק פונעמ וואָלקנדיקנ מיזרעוו, אָנ-געצונדנ די געלע בלעטלעכ, וואָס אפ די שפּיצנ פונ איינציקע אקאַציענ-ביימער, אונ זיכ באַהאַלטנ הינטער א ווײַטנ אונ נאַקעטנ באַרג.

„פאַני רובינשטיינ, האָט זיכ נאָכ עמעצ צו אימ געווענדט, איר בלײַבט אפ נאַכט דאָ?"

נאָר ער האָט נישט אָפּגעענטפערט אונ געקוקט אהינ, ווו צווישנ דרײַ באַלעגאָלישע פורנ האָט זיכ נאָכ איינזאַמ ארומגעדרייט דער קליי-נינקער פיניע ליסאַק, אנ אָנגעטאָנענער אינ זײַנ לאַנגנ אונ שוואַרצנ ראָק. ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָלנ פאַר דער פור, האָבנ דערפאַר די באַלעגאָלעס אפ אימ נישט געקוקט אונ אימ נישט געוואָלט נעמענ. עלי הערבאַריעמדיקער האָט אימ ארופגענומענ אפ זײַנ פור אונ אימ געזעצט לעבנ מיט דעמ אָנטרײַבער. דער אָנטרײַבער, א היפּשער פויער-שער באָכער מיט שוואַרצע הענט, ווי בײַ א שוסטער, איז דערפאַר באַ-רויִקט געוואָרנ. ער האָט ליסאַקנ הינטנ-ארומ געשטאָרצעט מיט אנ עלנבויגנ, געקוקט אפ אימ מיט בייזע אויגנ אונ געקריצט מיט די צייִ-נער. אונ ליסאַק איז געזעסנ אנ אײַנגעהויקערטער, א שווײַגעדיקער מיט א שוואַרצ איבערגעשראָקנ אונ שטאַרק דאַנקבאַר פּאָנעמ.

ס'איז אוועקגעפאָרנ די לעצטע פול אָנגעזעצטע פור. ער האָט געקוקט אפ די פריילעכע פּנימער פונ די, וואָס פאָרנ צולעצט אהיימ; געזענ,

ווי דער באַלעגאָלע וויל די אָפּגעפּאָרענע פֿורן דעריאָגן און שמײַסט דערפֿאַר זײַנע מאָגערע פֿערד; ווי דאָס קילע פֿאַרנאַכט־ווינטל יאָגט זיך נאָך דער פֿור און פֿאַרטרײַבט דעם שטויב צום שטעטל צו.

פֿונעם וואָקזאַל איז אַרויסגעגאַנגען דער הויכער און גלײַכער זשאַנדאַרם. נאָך אים האָט אַ שטאַרקער קלאַפּ געטאָן די טיר, גלײַך ווי דער וואָקזאַל וואָלט נישט באַשטאַנען פֿון כאַראָרים און קאָרידאָרן, נאָר פֿון איין גרויס און פּוסט פֿאַס. דערזעענדיק רוביטשטייגען אין איינזאַמען און פֿאַרמויעבטן, האָט ער אים אַרומגעקוקט און געוואָלט עפּעס זאָגן. נאָר ער האָט זיך באַלד באַטראַכט, אַז ס'פּאַסט נישט פֿאַר אים, און זיך מיטאַמאָל געלאָזט גיין אַהיים שטאָלץ און גרייט אַפּ אַלץ, גלײַך ווי פֿון דעם גאַנצן ליידיקן פּלאַץ און הויכע שאָקלענדיקע ביימער וואָלטן אַפּ אים אַרויסגעקוקט טויזנטער אָפּענע אויגן פֿון זײַן נאַטשאַלסטווע.

קוקנדיק אַהין, וווּ די פֿורן דראַפּען זיך איינע נאָך דער צווייטער אַפּ דעם באַרג און ווערן אײַנגעזונקען אינעם וואָלקנדיקן האָריזאָנט, האָט זיך בייניש דערפֿילט מאָדנע איבערגעבליבן און פֿאַרגעסן. ער האָט געזען פֿאַר זיך דאָס אינעם האָריזאָנט באַהאַלטענע שטעטל, גלײַך ווי ער וואָלט איצט דאָרטן געשטאַנען, געזען ווי מע טרײַבט די טשערעדע איבער דער לאַנגער און שמאָלער גאַס, ווי ווײַבער זיצן אין די אָפּענע טירן, וואַרטן אַפּ די פֿאָרנדיקע מאַנען און קלאָגן אַפּ דער פֿריִער עלעלקעלט.

דאָרטן אין עק גאַס שטייט די שטוב זײַנע. זי איז אַרומגעצוימט מיט אַ נידעריקן פּאַרקן, און אַפּ דער טיר הענגט אַ שלעסל. ווען ער קומט איצט אָן, וואָלט ער דאָס שלעסל אַ טאַפּ געטאָן, אַרײַנגעקוקט דורך דעם פֿאַרמאַכטן פֿענצטער אין דער פּוסטער שטוב און זיך געלאָזט דאָס ווײַב זוכן. ער וואָלט זי געפֿונען בײַ איר פֿאָטער. זי וואָלט זיך נישט דערפֿרייט און וואָלט נישט טרויעריקער געוואָרן און דאָס פּאָנעם אירס וואָלט, ווי טאָמיד, מאָרעשכוירעדיק גרין געווען, נאָר די שוויגער וואָלט זיך אופּגעהויבן און געזאָגט:

„זע נאָר, בייניש איז געקומען! גיי, טאָכטער, גיב אים טיי“.

און זיי וואָלטן געגאַנגען.

און ווײַט, ווײַט, פֿון יענער זײַט האָריזאָנט ליגט נאָך אַ שטעטל. ס'שלינגט דאָס איין די נאַכט. אין יענעם שטעטל איז אויך אַ לאַנגע גאַס פֿאַראַן, נאָר אַ ברייטע איז זי און אַ קרומע.

דאָרטנ אינמיטנ גאַס שטייט זײַנ פֿאָטערס שטוב, אַנ אַלטע אונ אַנ אויסגעקרימטע מיט שטאַרק אויסגעקרימטע פֿענצטער. אינ יענער שטוב איז ער געבוירנ געוואָרנ אונ אינ דעם גאָענטנ אַלטנ בעסמעדרעש זײַנע יונגע יאָרנ פֿאַרבראַכט. זײַנ פֿאָטער זיצט איצט געווים אינ בעסמעדרעש אונ ייִדנ האָבנ פֿאַר אים דערעכערעצ, אַ יאַכסנ, קלערנ זיי, אינ אַ סאַכ געלט האָט אַמאָל זײַנ שווער געהאַט.

אונ ער שטייט דאָ, באַם פּוסטנ וואָקזאַל. ער האָט נישט קיינ היימ, אונ אינ יענער שטוב, אַפּ וועלכער ס'הענגט דאָס שלעסל, איז שטיל אונ פּוסט, פּוסט.

*

פֿונ דעמלט אָנ איז בײַניש רובינשטיינ שוינ מער צו זיכ אינ שטעטל נישט געפֿאָרנ. נישט ווײַט פֿונעמ וואָקזאַל האָט ער זיכ באַ אַ פּויער אַ כיידער אָפּגעדונגענ אונ דעמ אַ נאָמענ געגעבנ „די היימ“.

אַפּצולאַכנ דעמ גריגעמ אונ מעשוגעדיק-קראַנק ווײַב האָט ער דאָס געמאָג אונ אַפּצולאַכנ נאָכ עמעצנ, אַ שטאַרק שלעכטנ אונ פֿאַרמעסטנ, וועגנ וועלכנ ער האָט טראַכטנ נישט געוואָלט. עפּישער איז דער עמעצ זײַנ אָנגעבלאָזענע שוויגער געווענ, וועלכע האָט געמוזט זײַנ ווײַב אַפּ צו לעבנ געבנ. אָבער נישט דאָס ווײַב, נישט די אָנגע-בלאָזענע אונ קאַרגע שוויגער האָבנ באַ אים געפֿרעגט, פֿאַרוואָס ער וויל אַהיימ נישט קומענ; אַזוי קליינ איז ער שוינ באַ זיי אינ די אויגנ געווענ אונ באַמערקט האָבנ זיי אַפֿילע נישט, צי ער קומט אַהיימ, צי נײַנ. ער האָט זיכ דערפֿאַר נאָכ מער פֿאַראַקשנט אונ נישט געשריבנ קיינ בריוו.

אַפּ דעמ וואָקזאַל איז דאָס לעבנ געקראָכנ פּאַמעלעכ אונ נודנע. אַלע גאַנצפֿרי זײַנענ זיכ די סאָכרימ צונויפֿגעפֿאָרנ. נאָכ דעמ הונגער האָבנ זיי אַפּ דעמ וואָקזאַל קיינ אַרבעט נישט געהאַט, זיכ אַ גאַנצנ טאָג געוואָרטלט מיט די מעקלערס אונ באַגלייט מיט די אויגנ די לאַנגע, באַרויִקנדיקע פּאַסאַזשיר-צוגנ. ער האָט מיט די סאָכרימ ווינציק שײַכעס געהאַט, דערפֿאַר וואָס זיי אַלע זײַנענ צופֿרידנ געווענ פֿונ דעמ, וואָס ער דערלייגט געלט אונ האָט אַ מיִעס ווײַב. אַזעלכע שלעכטע אונ פֿאַרביסענע זײַנענ זיי געווענ, אונ פֿאַרדינט האָבנ זיי אַלע כוצ אים... ער האָט זיי טאָקע דערפֿאַר שטאַרק פֿײַנט געהאַט אונ זיכ געהאַלטנ מיט זיי פֿונדערווײַטנס. דאָכ איז יעדנ פֿאַרנאַכט, ווענ די סאָכרימ

זײנענ זיכ פאנאנדערגעפאָרנ, אפ דעמ וואָקזאַל גאָר פּוסטער אונ אומעטיקער געוואָרנ. ער האָט דעמלט אײנזאַמ ארומגעבלאָנדזשעט אפ דעמ לײדיקנ פלאַצ אונ זיכ געפילט, ווי א באַלײדיקטער אונ פאַרגעסענער, געטראַכט האָט זיכ אימ דעמלט טרויעריק אונ נישט גוט: וועגנ זײנ פוסטער שטוב, וואָס שטײט דאָרט אײנזאַמ צווישנ די פרײלעכע שטיבער פונעמ לעבעדיקנ שטעטל, וועגנ דעמ שלעסל, וואָס הענגט דאָרטנ אפ דער טיר, אונ וועגנ דעמ, וואָס ער וועט זיכ דאָ אײביק ארומבלאָנקענ אײנזאַמער, א טרויעריקער אונ א שווײַגנדיקער. די וואָקזאַל-דינער האָט ער זיכ, ווי ס'האָט אויסגעוויזנ, גיכ צוגעגעסנ. זײ האָבנ אימ אפילע גאָרנישט געזאָגט, נאָר דורכגײענדיק פאַרבײ דאָס בענקל, אפ וועלכנ ער איז געזעסנ, האָבנ זײ אפ אימ קורצע אונ בײזע בליקנ געוואָרפנ אונ ווי געפרעגט: וואָס וואַלגערט זיכ נאָכ אָט דער דאָ?

אפילע דעמ טרעגער, וועלכער האָט יעדער פאַרנאַכט דעמ לײדיקנ פלאַצ אָפּגעקערט, האָט ער זיכ שוינ אויכ אײנגעגעסנ. דאַכט זיכ, וואָס האָט ער געהאַט צו פאַרקערנ דעמ שטויב גלײַכ צו אימ אינ פּנימ אונ צו קוקנ אפ אימ מיט בײזע אויגנ? נאָר ס'האָט אימ פאַרדראָסנ: בלאָנקעט זיכ א מענטש גלאַט אַזוי ארומ, סאָמרום פאָרנ אהײמ אַוועק, צו ווײַב אונ קינדער פאָרנ זײ, אונ דער וואַלגערט זיכ ווי א הונט, צוליב וואָס? צוליב וועמענ? פאַרנאַכטנ זײנענ ווי אַפּצולאָכעס געגאַנגענ קילע, וואָלקנדיקע, עלעלדיקע. שטילע ווינטנ האָבנ מאָרעשבוירעדיק ארומגעבלאָנדזשעט אינעמ טונקעלנ אוויר אונ די הויכע גלײַכע טאָפּאָליעס, וועלכע זײנענ אַנטקעגנ אינ סעדל אינ צוויי שורעס, ווי די סאָלדאַטנ, געשטאַנענ, האָבנ זיכ נישט געשאָקלט, נאָר די בלעטלעכ זײערע האָבנ זיכ אפ זײערע לינקע זײַטלעכ איבערגעקערט, זיכ געטרײסלט אונ שטיל געראַוונט.

אמאָל פלעגט צומ וואָקזאַל צולויפנ אבראַמטשיק קויפמאַנ, כאַפּנ א קוק, צי מיט דעמ מאַסע-צוג איז אימ ברעטער מיט קעראָסינ אָנגעקומענ אונ באַלד לויפנ צוריק צומ רעזערוואַר. ווענ ס'איז אינדרויסנ פינצטער געוואָרנ, האָט זיכ געזענ, ווי דאָרטנ ווײט לײַכט זיכ אינ זײַנ שטיבל; אונ געהערט האָט זיכ אינ דער שטילקײט אונ פוסטקײט, ווי ס'היט אימ דאָרטנ אָפּ זײַנ אַלטער סטרוזש אונ קלאַפּט דאָרטנ פאַמעלעכ אינעמ דרימלדיקנ הילצערנעמ פאַרקנ.

אפ דעמ עק פונ דעמ וואָקזאַל-פלאַצ פלעגט זיכ אמאָל באַווײַזנ

איציק־באָרעכ און עמעצנ שלעפנ, ער זאָל זיכ מיט אימ צו דעמ פלומפ־באַרג גיינ; אַזאַ קרעפטיקער און אומפאַרשטענדיקער איז דער קאַלט־בלוטיקער באַכער געווענ, און געבאָדנ האָט ער זיכ נאָכ אַקוראַט צוויי מאָל אינ טאָג, כאָטש אינ טײַכ איז שוינ דאָס וואַסער שטאַרק קאַלט געווענ און געשניטנ דאָס לײַב ווי מיט מעסערס. זײַנע פאַרדינסטנ האָט ער אַלעמאָל זײַנ מוטער מיט די שטאָט־באַלעגאָלעס אָפּגעשיקט, אַליינ געזעסנ באַמ וואָקזאַל, זיכ מיט קיינעמ ניט אָנגערעדט און געהאַט אַלצ איינ פּנימ אי שאַבעס אי וואָכ. איינמאָל באַנאַכט איז ביינִיש צו אימ אַרײַנגעטאַנצט און אימ געטראָפנ ליגנדיק אָפ דער נידעריקער קאַנאַפּע מיטנ פּנימ צו דער סטעליע.

„איז אײַכ אומעטיק?“ האָט ער אימ געפרעגט.

נאָר איציק האָט געענטפערט: „ניינ“ און ווײַטער געקוקט אָפ דער סטעליע. ער איז בײַ אימ דעמלט אָפּגעזעסנ א פּאָר שאָ און נאָכדעמ אָנגעהויבנ אַרײַנקומענ צו אימ אַלע אָוונט. איציק האָט ס׳ראָוו געשוויגנ און געקוקט אָפ דער סטעליע מיט גרויס אינטערעס, גלײַכ ווי ער וואָלט אינ אירע טונקעלע ווינקלענ געזענ יענע גרויסע און ווײַטע שטעט, אינ וועלכע ער האָט זײַנ יוגנט איבערגעלאָזט; ס׳האָט אימ ניט באַרירט, וואָס די וואָקזאַל־סאָכרימ פאַרדינענ, און צופרידנ איז ער ניט געווענ דערפונ, וואָס ער דערלייגט. טאַקע דערפאַר האָט ער זיכ לעבנ איציקנ געפילט גרינג און פרײַ און איז גיכ געווינט געוואָרנ דערצו, וואָס ער האָט גערעדט און איציק האָט געשוויגנ.

איינמאָל איז ער זיכ בײַ איציקנ שפּעט פאַרזעסנ און געבליבנ נעכטיקנ. ער האָט זיכ טאַקע דאָס מאָל אויסדערציילט פאַר איציקנ. נאָר איציק האָט, ווי געוויינלעכ, געשוויגנ און א פּנימ געהאַט, ווי מע רעדט ניט צו אימ; דער לאָמפּ איז געווענ אַרומגענומענ מיט א רויט פּאַפּיר, דערפאַר זײַנענ אינ כיידער רויט געווענ דער אַוויר, די ווענט, דער טיש מיטנ זידיקנ סאַמאָוואַר און אָנגעגאָסענע גלעזער טיי, און איציק אַליינ, וועלכער איז, ווי טאָמיד, געלעגנ אָפ דער נידעריקער קאַנאַפּע, די הענט אונטערנ קאָפּ און די אויגנ צו דער סטעליע. אַזוי שטיל איז אינ כיידער געווענ, אַזוי אָנגענעמ, וואָס אינ נאָענטנ קאָרידאָר קוויטשעט אינ דער פינצטער א קליינער כאַזער און וואָס אינ דער צווייטער העלפט פונ דער שטוב שרײַט דער גויִשער באַלעבאָס און קריגט זיכ דאָרטנ מיט זײַנ יונג און שיינ ווײַב. דאָכ האָט צווישנ

דער שטילקייט און רויִקייט שטאַרק גענאָגט דאָס האַרצ, זיכ געפּרעסט אונ ווי געטאָנ. ביניש רובינשטיינ האָט שוינ גערעדט שטיל אונ אינ זײַנ אַראָפּגעלאָזט קאָל האָט זיכ געהערט אַנ אײַנגעהאַלטענע קלאָג:

„איר פֿאַרשטייט, איציק! מע שטעלט אײַכ אַנידער אונ מע זאָגט אײַכ: גאַ קוק אונ ווער צעזעצט. די זאַכ איז פּאָשעט".

אַפ זײַנ פּנים איז פֿאַרקילט געווענ אַ פֿאַרדראָס, אַ פֿאַרדראָס אַפ זײַנ ווײַב, אַ פֿאַרדראָס אַפ די סאָכרים, וועלכע פֿאַרדינענ, אַ פֿאַרדראָס אַפ דעמ גאַנצנ לעבנ, וועלכעס פֿירט זיכ גיכ אַזוי ווי ס'דאַרפ צו זײַנ אונ טוט אַלצ אַפּצולאַכעס. די טיפֿע אונ קליינע אויגנ האָבנ געלויכטנ אונ אויסגעזענ באַליידיקט אונ הילפֿלאָז.

„אומעטומ זעסטו אַזעלכע דוואָרים־אַכיירים ווי אַבראַמטשיק קויפֿמאַנ, אונ ס'איז זיי גוט אונ זיי שמייכלענ".

נאָר איציק האָט זיכ פּלוצעמ אויסגעצויגנ מיט זײַנ גאַנצער קרעפּטיקער לענג, געטאָנ אַ גענעצ אַפנ קאָל אונ אויסגעצויגנ צו אימ אַ פּאָר פֿאַרמאַכטע אונ קרעפּטיקע הענט.

„מ'זאָגט, רובינשטיינ, אַז דאָס ערשטע ווײַב אײַערס איז געווענ אַ שיינע אונ אַ קלוגע".

בײַ רובינשטיינענ האָבנ די קליינע אויגנ שטאַרקער צו לײַכטנ אָנגעהויבנ. ער האָט געוואָלט זאָגנ: אונ הײַנט לעב איכ מיט אַזאַ מיעסער אונ נאַרישער; ער האָט זיכ אָבער אײַנגעהאַלטנ אונ געשוויגנ.

ס'איז אַרײַנגעקומענ דעמ באַלעבאָס שיינ אונ יונג ווײַב. זי האָט צוגעשטעלט בענקלעכ צו דער קאַנאַפּע אונ מיט אירע פֿולע, האַלב־נאַקעטע הענט געמאַכט אַ געלעגער. ער האָט זיכ האַלב אויסגעטאָנ אונ זיכ געלייגט בײַ דער וואַנט. נאָכדעמ האָט איציק פֿאַרלאָשנ דעמ לאָמפּ, זיכ אויכגעצויגנ לעבנ אימ אונ באַלד אײַנגעשלאָפֿנ געוואָרנ. דער קליינער כאַזער האָט זיכ פֿאַרשטופּט אינ טיפֿנ ווינקל פֿונ דעמ פֿינצטערנ קאָרידאָר, זיכ האָרטנ צונויפֿגעקוויטשט אונ אויפֿגעהערט צו קוויטשענ. מיטאַמאָל איז געוואָרנ שטיל אונ פּוסט, אונ דורכ די נידעריקע, האַלב־פֿאַרהאַנגענע פֿענצטער האָט אַרײַנגעקוקט די שוואַרצע, וואָלקנדיקע אונ קילע עלעל־נאַכט, זיכ געצויגנ ווײַט־ווײַט אונ געדרימלט. פֿונ יענער זײַט איז דורכגעגאַנגענ דער אָנגעפֿעלצטער באַלעבאָס מיטנ לאַמטערנ אונטער אָרעמ אונ פּאַמעלעכ אויפֿגעשפּאַנט ערגעצ אַפ דעמ דריטנ ווערכעט, ווו ער האָט איינער אַליינ באַאַרבעט אָפּשטייג די גאַנצע

נאכט. מ'האָט נאָך לאנג געזענ ווי באמ אוועקגייענדיקנ ציטערט דער לאמטערנ אונטערנ אָרעמ, בייגט זיך אונ פינקלט ווי א גרויס רויט אונ פייַערדיק אויג, וואָס קאָנ ערגעצ אוועקגיינ, זיך ערגעצ באהאלטנ, אָבער קיינמאָל ניט אויסגעלאָשנ ווערנ. ס'האָט ווידער גענאָגט דאָס הארצ אונ דער מויעכ האָט געטראכט וועגנ דעמ ערשטנ געשטאָרבענעמ ווייַב. אזא שיינע איז זי געווענ, א שטילע אונ א ווייכע מיט אויך אזעלכע שטילע אונ ווייכע געפילנ, אונ ליב געהאט האָט זי אימ, דעמ שווארצנ אונ ניט שיינעמ מיט די נידעריק-צוגעשווירענע באקנ אונ אָפּגעביסענע ליפּנ. ער האָט זי, ווי ס'האָט אויסגעזענ, שטארק ליב געהאָט. ווארעמ ווענ ער זאָל זי ניט געווענ ליב האָבנ, וואָלט ער זיך, בעשאס זי איז געשטאָרבנ, ניט געווענ אזוי שטארק איבערגעשראָקנ, וואָלט ניט געווענ ארויסגעלאָפנ אפ דער גאס, ווי א כאָסער-דייע אונ וואָלט דאָרטנ ניט געווענ אָפּגעשריגנ גאנצע צוויי שאָ „גוואלד“, אזוי אז אלע ווייַבער זאָלנ זיך צונויפלויפנ. א מענטש שרייַט ניט אומזיסט אונ איבערהויפּט ער, בייניש רובינשטיינ. דאָך איז ער באלד נאָך אינ טויט צו זייַנ פאָטער געקומענ, צעריסנ איר שיינ בילד, וואָס זי האָט אימ נאָך קאלעוויַז געשענקט, אונ די שטיקלעך פארשטופּט ערגעצ הינטער א בלאט פונ א טיש, אונ אינ פיר כאדאָשימ ארומ האָט ער מיט דעמ צווייטנ ווייַב כאסענע געהאט אונ גענומענ דאָס צווייטע מאָל נאדנ. ווענ ער איז מיט איר אינ א פאָר כאדאָשימ ארומ צומ פאָטער צוגאסט געקומענ, האָט די מוטער, א קלוגע אונ לייַטישע ייִדענע, איר קאָוועד אָפּגעגעבנ, ווי אנ אָנגעלייגטער שנור, נאָר זייַנ קלענערע שוועסטער, א געזונט קליינשטעטלדיק מיידל מיט א בראָדעווקע אונטערנ נאָז, האָט זיך איינמאָל צעווייַנט אפנ קאָל אונ געקלאָגט ווי אפ א מעס:

„אוי, אויסגעבייַטנ האָסטו!“

אונ זי, די נייַ-אויסגעביטענע איז דעמאָלט געווענ אינ צווייטנ בייַדער, אלצ אויסגעהערט אונ אפילע בארויִגט ניט געוואָרנ. אזא הילצערנע אונ לעבעדיק-טויטע איז זי געווענ. איינמאָל, ווענ מע האָט דעמ טיש איבערגעטראָגנ, זייַנענ די שטיקלעך פונ דעמ צעריסענעמ בילד ארויסגעפאלנ. דאָס ווייַב האָט זיי אופגעהויבנ אונ זיי באטראכט, אפ איינ שטיקל איז געווענ נאָר איינ אויג, וואָס האָט געקוקט רויִק אונ אָנ שומ פאָרוואורפ.

„פונ וועמעס בילד איז דאָס?“ האָט זי אים געפרעגט.

ער איז דעמאָלט שטאַרק רויט געוואָרנ און אינ האַלדז האָט אים עפּעס מאָדנע געוואָרגנ, נאָר ענטפערנ האָט ער געמוזט, אָבער אַפ זײַנ ווײַב האָט זײַנ ענטפער קיינ שום אײַנדרוק ניט געמאַכט, און אים האָט דערפאַר אויכ שטאַרק פאַרדראָסנ אַפ איר; ער האָט געוואָלט, אַז די שוועסטער זאָל זיכ פאַר איר אינ די אויגנ נאָכאַמאָל צעכליפּענ: „אויסנעביטנ, אויסגעביטנ האָסטו“.

ווענ ער האָט שוינ אָנגעהויבנ דרימלענ, האָט פּלוצעמ עמעצ אָנגעהויבנ קלאַפּנ אינ א פענצטער פונ דער צווייטער האַלבער שטוב. ער האָט א ציטער געטאָנ און אופגעעפנט די פאַרשלאָפענע אויגנ. שטילע קלעפּ האָבנ זיכ דאָרטנ פּאַמעלעכ געשאָטנ אַפ א דינער, גלעזערנער שויב. די שויב האָט געציטערט מיט א שלעפערדיק קאָל און עפּעס קאַלטבלוטיק אויסדערציילט דער נאַכט, און די נאַכט האָט געשוויגנ און געהערט. נאָכ דעמ האָט זיכ געהערט, ווי מע עפנט פּאַמעלעכ די טיר פונעמ פינצטערנ פאַרהויז און מע סוידעט זיכ דאָרטנ שטיל דורכ, ווי עמעצ גייט פונעמ קאָרידאָר אַרויס און גייט באַלד צוריק אַרײַנ.

„אַט א שער!“ האָט א מורמל געטאָנ פונעמ שלאָפ איציק, זיכ דורכגעוואָרפנ און אימ שטוּאָס צוגעקוועטשט צו דער וואַנט.

„ווער?“ האָט ער בא איציקנ געפרעגט.

„אַבראַמטשיק, האָט ווי פונעמ שלאָפ איציק געענטפערט, אַלע נאַכט...“ און באַלד איז ער שוינ געשלאָפנ, און אינ ביידער האָט זיכ שוינ געהערט, ווי ער עטעמט גלײַכ און פעסט.

„אַבראַמטשיק?“ ביידיש רובינשטיינ האָט זיכ גיט געגלייבט, און זײַנע טיפע און קליינע אויגנ האָבנ אינ דער פינצטער געלויכטנ מיט א שמייכל פונ דערשטוינונג. שפּעטער, ווענ ס'איז פאַר אים קלאָר געוואָרנ, אַז אינ דער צווייטער פינצטערער האַלבער זײַט שטוב איז איצט פאַראַנ אַבראַמטשיק מיט יונגער און שיינער פּויערטע, וועלכע האָט זיכ דאָ ניט לאַנג אַרומגעדרייט און צוגעשטעלט בענקלעכ מיט פולע האַלב־נאַקעטע הענט, האָט ער שוינ געמאַכט, אַז דער זעלביקער פּעטער און טאַמיד שמייכלענדיקער אַבראַמטשיק האָט געלט, א רעזערוואַר, א נײַע שטוב מיט נײַ מעבל.

„א כאַזער האָט האָס א ביסל פונ אוילעמהאַזע האַנאָע, גיט אומזיסט שמייכלט ער“,

ער האָט אים ניט מעקאַנע געווען, נאָר ס'האָט אים גלאַט אַזוי פאַרדראָסן און ער האָט ליגנדיק אין בעט געביסן די נעגל.

„פאַרוואָס קומט דאָס אים?“

און גאַנצפרי, ווען ער האָט איציקן באַם וואָקזאַל באַגעגנט, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

„אָט וועט איר זען: אַבראַממשיק וועט נאָך האָבן אַ שיין ווײַב אויך“. איציק האָט צום אָנהייב ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס ס'גייט. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט און גלאַט אַזוי אויסגעשפּיגן.

III

פּיניע ליסאַק האָט זיך אײַנגעהויקערט, אַרומגעקוקט, צי ס'קוקט אים קיין מענטש ניט נאָך, און שטילערהייט זײַנע בייגער פון וואָקזאַל אָפּגעטראָגן. אויף דעם וואָקזאַל איז ער שוין סײַ-ווי-סײַ איבעריק געווען און געערדט האָט ער שוין ניט מיט קיינעם און מורא געהאַט האָט ער שוין פאַר יעדערן. אַ שטיק צײַט האָבן די סאָכרים טאַקע זײַנע פלײמע ניט באַמערקט; מע האָט זיך אָבער צום סאָף אומגעקוקט און זיך געוווּנדערט:

„הערט אַ מײַסע?!..“

„איך זע אים שוין אָבער טאַקע אַ שטיק צײַט ניט“, האָט זיך דאָס מאָל צום אוילעם צוגעשאַרט ליזווי פּיווניאַק און גענעבן צו וויסן:

„וואָס, פּיניע ליסאַק? ער גייט אַרום אין די הײַזער“.

אַ מאַזיק, אָט דער אײַנגעהויקערטער פּיווניאַק; קיין זאַך איז פון זײַנע אויגן ניט צוגעדעקט. און אַ מינע אַ פאַרוווּנדערטע באַווײַזט ער נאָך דערצו, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן זאָגן:

„אַ בושע, כ'לעבן, אַזאַ נאַרישקײַט ניט צו וויסן“.

און אַז דער טאַזווער אוילעם האָט זיך נאָך אַלץ ניט געגלייבט, האָט ער קאַלטבלוטיק די הענט אין די אַרבל אַרײַנגעשטעקט, דעם קאָפּ פאַמעלעך אויף דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט און, ניט קוקנדיק אויף קיינעם, אויפן קאָל אויסגעשריגן:

„נאָכעם פּיאַטקע! ווו ביסטו ערגעץ!“

האָט זיך צוגערוקט אַ רויטער יונגערמאַן מיט אַ רויט קלײַנע-

דיק פּאָנעם, מיט א פאַרבונדענער באַק און שטאַרק בלאַסע ליפּנ און אייִדעס געזאָגט:

„מײַנ שוויגער אַלײנ האָט איט אינ אָדעס געזענ; ער גייט אַרומ אָפּ דעמ לימאַנ און זאָגט, אַז ער איז פונ די קאַליבעלאָדער ניסראָפּימ".

דערמאָנט, האָט פּיוניאַק גלאַט אַזוי א הוסט געטאָנ און ניט אופ־הייבנדיק דעמ קאָפּ פאַמעלעכ אַוועקגעשפּאַנט.

און די סאָכרימ זײַנענ נאָכ פאַרוווּנדערטע געווענ און מיט עט־וואָס שמייכלענדיקע פּענעמער זיכ געקוקט אינ די אויגנ.

זיי האָבנ שוינ געגלייבט, געשוויגנ און געקלערט וועגנ ליסאַקס שוואַרצ און איבערגעשראָקנ פּאָנעם, וואָס בלאָנקעט ערגעצ אַרומ, ווײַט, ווײַט הינטער די פּלייצעס, און פאַרקרימט זיכ פאַר אָפּגעברענטע ווײַ־בער, וואָס שמירנ זיכ אַלע טאָג דאָס לײַב מיט בלאָטע:

„פונ די קאַליבעלאָדער ניסראָפּימ".

און לעבנ זיי איז נאָכ געשטאַנענ דער רויטער יונגערמאַנ מיטנ קלײַנעדיקנ פּאָנעם און שטאַרק בלאַסע ליפּנ און זיכ ערנסט געשוואָרנ:

„זאָל איכ אַזוי א גוט יאָר האָבנ".

ס'איז געווענ מאָדנע אפּ דער נעשאָמע.

אינ א פּאָר וואָכנ אַרומ, ווענ די צוגנ זײַנענ אײנמאָל אָפּגעגאַנגענ און אפּנ וואָקזאַל האָט שוינ דער אוילעמ אָנגעהויבנ קלענער ווערנ, האָבנ די סאָכרימ באַמערקט ליסאַקס ווײַב. א שוואַנגערע און א גראָבע מיט גלאַטע געלע האָר און אויכ אַזאַ גלאַט און געלבלעכ פּאָנעם איז זי געשטאַנענ מיטנ פּאָנעמ צו דער וואַנט און שטיל, אָנ א קאָל און אָנ לאָשנ געוויינט. די סאָכרימ האָבנ זיכ אַרומגעדרייט פונ ווײַטנס, געכאַפּט א קוק אפּ אירע פּלייצעס, וואָס האָבנ געציטערט, און זיכ דערמאָנט, אַז ניט לאַנג האָבנ אירע האָר מיט פּאַרפומ געשמעקט און אַלײנ איז זי געזעסנ מיט ליסאַקנ אינ קלײנעמ קאַבינעט און זיכ אינ מיסכער געמישט. זיי זײַנענ טאַקע געדירט געוואָרנ און איר געמאַכט א נעדאָווע. צונויפגענומענ די נעדאָווע האָט עלי דערבאַרעמדיקער אַליינ; ער האָט צו יעדנ געשמייכלט מיט זײַנע גוטע אויגנ און צוגע־גאַנגענ מיט זײַנ דינ ווײַבערש קאָל:

„אפּ אַזאַ זאַכ דאַרפ מענ צומאַכנ די אויגנ און געבנ". און סאָכ־רימ האָבנ ראַכמימ באַקומענ און געגעבנ.

ווענ מע איז נאָכדעמ אויכ צו בייניש רובינשטיינ צוגעגאנגענ, האָט פיוניאק ארײַנגערוקט די נאָז אונ צוגעמורמלט:

„גיט, גיט, אימירצאשעמ בא אײַכ, וועלנ מיר אויכ געבנ".

דער אוילעמ האָט האנאָע געהאט אונ געלאכט, אונ בא ביינישנ האָבנ די טיפע אויגנ א ציטער געטאָנ אונ מיטאמאָל צו לײַכטנ אָנגעהויבנ.

דאכט זיכ, וואָס האָט צו אימ אָט די ברייטביינערדיקע אונ אײַנגעהויקערטע בריִע, ער האָט אימ קיינמאָל קיינ שלעכטס ניט געטאָנ! ער איז דערפאר אפ אלע סאָבריומ אינ קאס געווענ, אנגעוויזנ אפ ליסאקס ווײַב אונ אימ מוידיִע געווענ:

„אָט דעמ ווײַבלס מאנ האָבנ זיי פאר א קאפצנ געמאכט. אימ האָבנ זיי קיינ אָרעמ נעדאָוועס בעטנ מעשאלייעכ געווענ אונ איר מאכנ זיי דאָ א נעדאָווע". ער האָט זיכ מיט באליידיקטע אויגנ אפ די סאָבריומ אומגעקוקט אונ אפ שטומלאָשנ געפרעגט בא העכטנ:

„גוט אזוי, א?"

העכט האָט געקוקט אפ דעמ כליפעדיק ווײַבל מיט זײַנ אונטערגעהויבנ פּאָנעמ, היפשע נאָז אונ צענומענע נאָזלעכער, וואָס זײַנענ בא אימ טאָמיד צענומענע געווענ אונ דאָס פּאָנעמ טאָמיד אונטערגעהויבנ, גלײַכ ווי עמעצ וואָלט אימ מיט גרויס ליבע האלטנ פאר זײַנ שווארצ אונ נאָרוואָס שפּראָצנד בערדל אונ וואָלט בא אימ מיט ליבע פרעגנ:

„זאָג־זשע נאָר, מײַנ קינד: וואָס האָסטו הײַנט אינ כיידער געלערנט?" ניט לאנג איז ער פונ טשערניגאָווער גובערניע א פּארטיע קלײַנע קויפנ אראָפגעקומענ. ער האָט מיט סאָבריומ קיינ גרויסע אינטערעסנ ניט געהאט, האָבנ זיי אימ א נאָמענ געגעבנ „דער יאָנטעוודיקער."

עפשער האָבנ זיי אימ דעמ נאָמענ געגעבנ דערפאר, וואָס ער האָט טאָמיד א שווארצנ אונ נײַעמ סורדוט געטראָגנ אונ גערעדט מיט גרויסע האפסאָקעס אונ מיט א ניגנ פונ פּירעק, ווי א ערלעכער ייִד אומ שאבעס, אונ עפשער נאָר דערפאר, וואָס זײַנ טונקל פּאָנעמ איז זעלבסט יאָנטעוודיק געווענ אונ מיט עפעס וואָס, ווי זײַדנס, גלאַטעס געווענ באצויגנ.

א מאָדנער נעפעש איז דער העכט געווענ. ער האָט פײַנט געהאט

האנדל אונ סאָכרים מיט אלע אײדעלע געפילנ פונ זײנ הארצנ, אונ אלײנ א סויכער געװענ.

געהאט ערגעצ א װײבעלע אינ טשערניגאָװער גובערניע, א קלײנינקע אונ א שײנינקע.

זי האָט אים געשריבנ, אז זי האָט אים ליב, אונ ער האָט איר געענטפערט, אז קלײנע „האלט א מעקעכ".

3

פונ די בײמער זײנענ געפאלנ האלב-געלע, האלב-פארטריקנטע בלעטלעכ. פאלנדיק האָבנ זײ זיכ נאָכ עטלעכע מאָל אינ אױװיר איבער-געקערט, פאמעלעכ ארומגעשװעבט אינ אלע זײטנ פונ דער נאָענטער לופט אונ סאָפקאָלסאָפ ליגנ געבליבנ אפ דעם װאָקזאל-פלאצ, געפאלענע אונ דערשלאָגנדיק-פרעגנדיקע:

„איז אָט דאָס, הייסט עס, דער סאָפ?"

ס'האָט זײ געענטפערט א קער פונ א בעזעמ מיט א בלאָז פונ דעם קילנ, כוישעבדיקנ בײנאשמאָשעס-װינט. זײ האָבנ זיכ אװעקגעקײקלט ערגעצ װײט איבער די רעלסנ, געפלױגנ פונ אײנ אָרט אפ דעם צװײטנ, אונ פונ די האלב-נאקעטע בײמער זײנענ אפ דעם װאָקזאל-פלאצ געפאלנ נײע בלעטער, אונ אױכ אזעלכע האלב-געלע אונ האלב-פארטריקנטע, טרױעריקע פארנאכטנ האָבנ זיכ באם װאָקזאל אָנגעהױבנ. די ברוגז האָבנ זיכ קלוימערשט געשעמט אויסזאָגנ, אז זײ האָבנ פאר די פארנאכטנ מוירע, אונ דאָכ זײנענ זײ זיכ אלע פאר פאבער פונעמ װאָקזאל פאנאנדערגעלאָפנ, זיכ ארײנגעכאפט אינ באלויכטענע, װארעמע שטיבעלעכ אונ איבערגעלאָזט בײניש רובינשטײנ אײנעמ אלײנ.

זײ האָבנ זיכ דאָרטנ רויִק געטרונקענ טײ, פאמעלעכ געשמײכלט צו די שטוב-מענטשנ, געהאלטנ א קינד אפ די הענט, דערצו געטשמאָקעט, גערעדט, קעדײ דעם טרויער פונ יענער זײט באלויכטענעמ פענצטער צו פארטרײבנ, האָט זיכ דער טרויער פונ דאָרטנ צום װאָקזאל פארקליבנ אונ דאָ פארשפרײט זײנ מאָרעשכוירעדיקע שליטע. צוזאמענ מיט דער גלײכער רעלסנ-שנור אונ הויכע סלופעס פונ טעלעגראפ האָט ער זיכ אלצ העכער אונ העכער אפ דער ערד געדראפעט אונ צוזאמענ מיט זײ שטעקנ געבליבנ אינעמ װײטנ עק הימל, װאָס אינ האָריזאָנט. די רעלסנ מיט די סלופעס האָט לאנגזאמ אײנ-

געשלונגענ די אָנקומענדיקע נאכט. אונ דער טרויער האָט פונ זיכ די לעבעדיקע נאָכ א זייכער געלאָזט, א לאנגע שורע פונ רויטע לאמטערנס, וואָס האָבנ געציטערט אונ זיכ געבויקט אהינ, פונוואנענ ס'איז געקראָכנ די נאכט. לאנגע מאסע־צוגנ זיינענ באמ וואָקזאל געשטאנענ, שווערע זיינענ זיי געווענ אונ אפ עמעצנ בארויגעזע. זיי האָבנ זיכ פאמעלעכ אונ שווער צוריקגערוקט, דערהערט א פייפ פונ אנ אָנגעפעלצטנ אונ שלאָפנדיקנ קאָנדוקטער, אונ ווידער שטיינ געבליבנ בארויגעזטע אונ שווייגנדיקע. האָט ביניש רובינשטיינ אפ די מאסע־צוגנ געקוקט אונ געקלערט:

„אָנגעפאקטע וואגאָנעס, פונ וועלכע סאָלדאטנ האָבנ האנגאָע געהאט, וואגאָנעס מיט ברעטער אונ האָלצווארג פונ אבראמטשיקס וועגנ אונ פונ וועגנ פיל אנדערע זאטע אבראמטשיקעס, וואָס געפינענ זיכ אפ ווײַטע, אומעטיקע אונ האלב־שלאָפנדיקע וואָקזאלנ. מענטשנ האָבנ פונעמ לעבנ האנאָע."

אונ לעבנ אימ, אפנ לידיקנ וואָקזאל־פלאצ האָבנ נאָכ ארומגעשפאנט ייִסראָעל זאזאָלי, א רויט אָנגעשטאָפט־רײַכ דאָרפ־ייִדל, אונ ניט ווײַט פונ אימ דער אייִנציקער פארשפעטיקטער וואָקזאל־גימנאזיסט. זאזאָלי האָט פארטראכטערהייט גערעדט מיט זיכ, ווי מיט א זײַטיקנ, אונ זיכ אליינ אָפט מעכאבעד געווענ מיט א ווארעמענ „רועכ אינ טאטנ". אונ דער גימנאזיסט האָט נאָכ אלצ הארציק געטײַנעט מיט דעמ שיינעמ מיידל, וואָס האָט אפ דעמ וואָקזאל ביכער אונ בלעטער פארקויפט. עפשער האָט ער איר דאָס דערציילט, פארוואָס ער איז בא אזא שפעטער צײַט אפ דעמ וואָקזאל געבליבנ אונ איר געוואָלט אײַנריידנ, אז זי מעג אימ ליב האָבנ, ניט קוקנדיק אפ זײַנ פאריסענער נאָז, אומגעלומפערטער הייכ אונ גרויסע גלעזערנע אויגנ.

ס'איז געווענ אומעטיק צו הערנ.

האָט ביניש געפרווט איינ א ביכל ארײַנקוקנ, איז נאָכ אומעטיקער געוואָרנ. אמאָל האָט ער געקאָנט גאנצע טעג ארײַנקוקנ אונ לערנענ, אונ הײַנט...

עפנט ער נאָר א ביכל אופ, אזוי דערמאָנט ער זיכ אָנ די ייִנגלשע יאָרנ, אָנ דעמ, וואָס זײַנ ערשטע ווײַב האָט ליב געהאט אָנצושפארנ איר קאָפ אפ זײַנ אקסל, פארמאכנ די אויגנ אונ שווײַגנ, שווײַגנ... אונ אלצ קריכט, קריכט צו, ביז דער נײַער מעשונעדיק־קראנקער ווײַב

מיט דער גראָבער שווינער. ס'דוכט זיכ, אַז זי רעדט דאָ גאָר נאָענט מיט איר פאַלש קאָל:

„זע נאָר: ביניש איז געקומענ? גיי, טאָכטער, גיב אימ טיי".

ווייל ער אָפּצולאַכעס ווענגנ זיי ניט טראַכטנ און שפּאַנט פּאַמעלעכ אַוועק צו מייער העכט.

מייער העכט האָט אויכ אַמאָל פיל געלערנט און געלייענט און היינט רייכערט ער פּאַפּיראָסנ און טראַכט.

„דאָס לעבנ, זאָגט ער, איז מער אינטערעסאַנט פאַר יעדנ בוכ".

און דאָס פּאָנעמ זיינס, דאָס טונקל-זיידנס און אונטערגעהויבנס, איז דעמלט אַזוי ערנסט און שטאָלצ און די אויגנ זיינע זיינענ דעמלט גרויס, שטאַרק גרויס.

און אַ וווּנדערלעכע און אַלטע מייסע דערציילט ער העמלט, אַ מייסע מיט אַ פּויפּכט, וועלכער האָט אָפּ דער נאַטור אָנגעוויזנ און געזאָגט:

„אָט דאָס זיינענ מיינע ביכער".

האָט זיכ ביניש איינמאָל דערמאָנט אַנ זיינ אייגנ לעבנ: אַנ אָרעמ, אַ שוואַרצ לעבנ. און פאַר אַ האַלבנ קאָפּצנ האָט דאָס אימ שוינ געמאַכט, און מענטשנ וועלנ שוינ באַלד בויזעק מאַכנ פונ אימ. ער האָט אַ ביטערנ שמייכל געטאָנ:

„נו, און מיינ לעבנ, אַ?"

זיינענ בא מייער העכט די אויגנ נאָכ גרעסער געוואָרנ און נאָכ מער גלאַנצנ אָנגעהויבנ.

„און אייער לעבנ, האָט ער, רייכערנדיק דעמ פּאַפּיראָס, צו אימ מיטנ קאָפּ געשאָקלט, און יערנ מענטשנס לעבנ, האַ-האַ..." גוט איז געווענ אַזוי צו קלערנ אימ, העכטנ. געלט האָט ער נישקאָשעדיק פאַרדינט און אַ ווייבעלע האָט ער געהאַט אַ לעבעדיקס, אַ קליינינקס און אַ שיינינקס. ווענ זי איז צו אימ איינמאָל אָפּ עטלעכע טעג אַראָפּגעקומענ, האָט זי צו אימ די גאַנצע צייט געשמייכלט מיט אירע בלויע און פריילעכע אייגעלעכ און געשפּילט מיט אימ אינ „פּאַטשערלעכ". ער האָט יעדעס מאָל אירע קלייגע אויפגעבלאָזענע הענטעלעכ אָנגעפּאַטשט אַזוי שטאַרק, אַז זיי זיינענ העליש-רויט געוואָרנ און זי האָט, אַוועקלויפנדיק פונ אימ, געשריענ:

„גיי, כ'האָב דיכ שוינ פיינט!"

זי האָט מיט אימ אויכ אַלע אָוונט באַמ וואָקזאַל אַרומגעשפּאַצירט,

אַרײַנגעקוקט מיט קוועלנדיקע אויגנ אינ זײַנ טונקל־זײַדנ פּאָנעמ אונ אימ אַלצ דערציילט וועגנ דער לעכע אונ מאָדנע פריילעכע מײַסעלעכ, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעטאָנ אַלצ דאָרטנ, אינ טשערני־אָווער גובערניע.

כעוורע האָבנ פונ איר קיינ אויג ניט אַראָפּגענומענ אונ זיכ פאַר קינע געוווּנדערטלט:

„אַ קליינס אונ אַ שיינס"..

„אַ?!"..

אונ אַבראַמטשיק איז דעמלט אַלע טאָג אינ זײַנ נײַעמ קאָסטיומ צומ וואָקזאַל געקומענ.

פּיוניאַק האָט אימ אַפילע איינמאָל אָפּגעשטעלט אונ אויסגעשריענ אינ דער חייכ:

„גוט יאָנטעוו אײַכ, רעב אַבראַמטשיק!"

האָט ער צו פּיוניאַקנ מיט זײַנ זאַטנ אונ פוילנ שמייכל געקוקט אונ אָנגעוויזנ אַפ העכטס ווײַבל.

„ווילסט אויכ אַזעלכע?" האָבנ צו אימ פּיוניאַקס ווערטלדיקע אויגנ געוווּנקענ.

אונ אימ, בײַנישנ, האָט זיכ שטאַרק געוואָלט צוגיינ צו אַבראַמ־טשיקנ אונ זאָגנ:

„העכטנ קומט אַזאַ ווײַבל, פּאַרשטייסטו? ער איז אַ יונגערמאַנ מיט מײַלעס, אָבער דו, גראָבער כאַזער..."

עס האָט זיכ אָבער באַלד דערמאָנט אָנ אַבראַמטשיקס טרייפע־נער האַצלאָכע אונ אָנגעהויבנ צו בײַסנ די נעגל.

ס'איז שוינ פאַר אימ אַלצ קלאָר געווענ.

אַלע וועלנ לעבנ גליקלעכ אונ שיינ, אונ נאָר ער... ער האָט אינ נאָענטנ שטעטל אַ שטוב, אַפ דער טיר פונ וועלכער ס'הענגט אַ שלעסל. ער האָט דאָרטנ אויכ אַ מעשוגעדיק קראַנק ווײַב, וואָס שרײַבט, אַז זי איז אַי געזונט אַי ניט געזונט, אַז ניט לאַנג איז זי פונ עפּעס אַראָפּגעפאַלנ, זיכ געטאָנ אַ שטאַרקנ קלאַפּ אונ צעבראָכנ די גרויסע פאָרצעלײַענע וואַזע. אונ די געשעפטנ זײַנע... די געשעפטנ?!

ס'האָט זיכ געצויגנ דער לאַנגזאַמער האַרבסט. קורצע אונ טונ־קעלע טעג אָנ זונענ אונ אָנ הימלענ, לאַנגע מעסלעסדיקע רעגנס מיט פרישע אונ שוואַרצע שאַבעס־בערייִשעסדיקע בלאָטעס. די וואָקזאַל־באַ־

לעגאָלעס האָבנ דאָ א ביסל טירכע געהאט, געהאלטנ אינ איינ בינדנ די האַרטע פּעחדישע ווײדלענ, זיכ געהילט אינ גראָבע אונ נאסע רעדנעס אונ מוירע געהאט פאר די פינצטערע נעכט, ווי פארנ מאלכאמאָוועס.

„אומעגלעכ צו פאָרנ, האָבנ זיי, שטײנדיק די פערד, געזיפּצט, כאָטש נעמ ארויס די אויגנ. וויאָ!“..

דאָרטנ אינ יענע שטעטלעכ, וווהינ זיי האָבנ די פארשווינע געפירט, זײנענ שוינ יינגלעכ געגאנגענ באנאכט אינ כיידער, באלויכטנ מיט זייערע לאמטערנדלעכ די אויסגעקנעטענע בלאָטע אונ זיכ פאר פרייילעכקײט צוגעזונגענ:

„הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל...“

אונ דאָ האָט דער נעפּל דעמ טונקל=באלויכטענעמ אונ שטארק אָפּגעוואשענעמ וואָקזאל געשלונגענ אונ אימ אָפּגעזונדערט פונ דער גאנצער געגנט.

די דורכפאָרנדיקע זײנענ אויכ ווייניקער געוואָרנ אונ ביינישנ איז געווענ ישרעקלעכ אומעטיק.

מייער העכט איז אפּ א פּאָר וואָכנ פונעמ וואָקזאל אָפּגעפאָרנ; אבראמטשיק האָט שוינ ערגעצ א שיינע קאלע געהאט אונ זיכ בארימט, אז שאבעס=כאנעקע וועט בא אימ די כאסענע זײנ. אונ איציק? א מאָדנע לעבנ האָט ער דאָ געפירט. אנ איינזאמס אונ אומבאוווסטזיניקס, ווי אומבאוווסטזיניק ס'איז געווענ זײנ לעבנ אינ יענע גרויסע אונ ווײטע שטעט, פונ וועלכע ער איז צומ וואָקזאל ארויפגעקומענ. דעמ גאנצנ טאָג איז ער באמ וואָקזאל פארנומענ געווענ, אונ פארנאכט האָט ער א גראָבנ שטעקנ אינ האנט גענומענ, אונ ניט אויסרײדנדיק צו קיינעמ א וואָרט, פּאמעלעכ אוועקגעשפּאנט אינ יענעמ צעשפּרייטנ דאָרפ, וואָס האָט זיכ געדראפּעט אפּ זײנע צוויי שכיינישע בערג. צו וועמענ איז ער דאָרטנ געגאנגענ? קיינ ייִדנ האָבנ דאָכ דאָרטנ ניט געוווינט, כוצ כאיִמ=מענדל מארגוליס, דער פּאָסעסער, וואָס האָט געהאט א פּריציש פּאָנעמ מיט פּריצישע מאנערנ אונ באווווינט דעמ גרויסנ אונ שיינעמ פּריצישנ הויפ.

IV

אינ איינ פּראָסטיקנ אונ וואָלקנדיקנ ביינאשמאָשעס האָבנ די וואָקזאלנײט באמערקט אבראמטשיקנ בעשאס ער איז אָנגעקומענ מיט א

לאנגן פאכאוושיר-צוג. זיי האבנ מיטאמאל באקומענ שטארק נײַגעריקע פענעמער, זיכ ארומגעשטעלט ארומ אימ און געשלעפט: דער פאר די פלייצעס און דער פאר די הענט:

„נו, אבראמטשיק, ווו איז זי?"

מע האט אימ געשטופט און געשלײַדערט פונ איינעמ צומ צווייטנ. ער האט געהאלטנ א פעקל אינ האנט, געשמייכלט און געשריִענ:

„זעט נאר, ווי ס'כאפט זיי דער רועכ אוועק! ווארט, האט צײַט..."
באלד אבער האבנ זיכ די סאכרימ ארומגעקוקט און מיטאמאל שטיל געבליבנ.

א מיטלוווקסיק און גלײַכ מיידל איז געשטאנענ לעבנ אבראמטשיקנ און אנ ווערטער בא זיי געפרעגט:

„איז דאס, הייסט עס, זײַט איר וואקזאל-סאכרימ?"

זי האט געהאט אנ איידל שווארצ-כיינעוודיק פאנעמ און אויגנ שווארצע און קלוגע, וואס האבנ געלויכטנ און געטוויזולט זיכ אינ באלוימעס.

דאס איז געווענ „זי", אבראמטשיקס ווײַבל.

יונגווארג איז טאקע דערפאר רויט געווארנ און עלטערע האבנ זיכ הינטנ ארומ געקניפט. ס'האט זיכ געמאכט, א קניפ איז פארבלאנדזשעט געווארנ צו אבראמטשיקנ, האט ער שיר-שיר ניט א געשריי געטאנ, זיכ ארומגעקוקט און ניט געוווסט וועמענ כאפנ ער פאר דעמ קניפ אפהאנקענ: בא אלע סאכרימ זײַנענ די פענעמער געווענ ערנסטע און לײַטישע, און די אויגנ זייערע האבנ עפעס מאדנע געפינקלט. זיי האבנ זיכ, אפאנעמ, ניט אינגאנצנ גוט געפילט.

האט זיי אבראמטשיק דערפאר געוואלט ווײַזנ, אז ער איז מיט איר גאר היימיש, זי גענומענ אונטערנ האנט און מיט איר אוועקגעשפאנט אהיימ צומ רעזערוואר.

די סאכרימ זײַנענ ווי פונ עפעס וואס ניצל געווארנ און נאכגע-קוקט די אפגייענדיקע מיט פריילעכע און ווערטלדיקע פענעמער.

דער ערשטער איז פונ זײַנ ערנסטקײַט און ארטיקײַט באפרײַט גע-ווארנ לייווי פיווניאק; ער האט פארלייגט די הענט אינ די ארבל און געזאגט זײַנ מיינונג:

„ניט שטארק שיינ, אבער קלאל ניט מיעס, און א פאר אייגלעכ..."
האט זיכ באלד נאכ עמעצ ארויסגעכאפט:

„און א פאר..."

857—3

האָבן איבער דעם לעצטן וואָרט א ציטער געטאָן די סאָכרישע מויכעס און מיטאמאָל פארטומלט געוואָרן:

„דאפקע אַן איידעלע, נאָר...“

„א?“

„וואָס זאָגסטו?“

מע האָט שוין גערעדט מיט האלבע ווערטער, מיט ווינקען און מנועס פון פינגער, און הונגעריקע מויכעס זיינען שוין שוואַכער געוואָרן און שוין געוועבט אין דער פינצטער דאָס, וואָס די ווינקען מיט די מנועס האָבן געמאָלט.

„וואָרט צו“.

ס'האָט גערעדט א הויכער און געזונטער קאָמיסיאָנער מיט א פעט־רויט נאַריש פּנים און גרויסע פאַרדרייטע וואָנצעס. נאַריש איז זיין פּנים געווען דאַפקע אָפּ דעם אָרט, ווו ס'האָבן דאָס באַדעקט די שוואַרצע און פאַרדרייטע וואָנצעס, דערפאַר האָבן דאָס פרעמדע מענטשן ניט באַלד באַמערקט און געפילט א טעמפּן פּאַכעד פאַר זיין הויכקייט און געזונטקייט. אין דעם מעשה'ל פון זיין פוסט לעבן האָט ער פיל אינטריגעס געהאט מיט אַזעלכע געזונטע און נאַרישע ווײַבער, איז ער דערפאַר שטענדיק געווען שטאָלץ און זיכער.

ס'איז אים געפעלן אבראמטשיקס שיין ווײַבל, האָט ער זיך באַרימט, אַז ער וועט געשווינד מיט איר אַן אינטריגע פאַרפירן. און די סאָכרים האָבן אים געגלייבט און מקנא געווען.

אין א פּאָר שעה אַרום איז אבראמטשיק שוין ווידער בײַם וואָקזאַל געווען. די וואָקזאַל־לײַט האָבן אים שוין ווידער איינער צום צווייטן געשילדערט, און ער האָט געשמייכלט און שוין געענטפערט אָפּ יעדער קניפּ און שטורך.

אין דער פינצטער האָט איינער, נאָך גאָר א יונגער מיט ווייכן מאָך אָפּ דעם אָרט פון וואָנצעס, געטאָן א הוסט, און אַן אַנדערער, אַן עלטערער און א גרויסער „באָקי“, האָט אויסגעשריגן אפן קאָל:

„כ'האָב פיינט אַן איידעלע נעקייווע, פאַרשטייסטו?“

דער אוילעם האָט זיך מיטאמאָל צעלאַכט, און צוזאַמען מיט אים האָט שוין געלאַכט אבראמטשיק אַליין, גלייך ווי די איידעלע און ביינעוודיקע נעקייווע, וועגן וועלכער מע האָט זיך דאָ געוועדלט, וואָלט מיט אים ניט מער שייכעס געהאַט ווי מיט די איבעריקע און אָפּ דעם

וואָקזאַל וואָלט זי אַראָפּגעבראַכט ניט ער, נאָר גאָר אַ צווייטער, זײַטיקער און פֿרעמדער, וועלכער איז שוין דאָ איצט ניט געווען. עמעץ האָט אים דערפֿאַר פֿרײַנטלעך אַ קלאַפּ געטאָן אין די פּלייצעס; צווישן קלאַפּערײַ און האַוש פֿון נעם אָפּגייענדיקן מאַסע-צוג האָט זיך געהערט אַ צוגעוואָרגענער „מאָלאָדיעץ" און זיך איבערגעכאַזערט ערגעץ הויך און ווײַט:

„מאָלאָדיעץ! מאָלאָדיעץ!"

דעמלט האָט זיך ביינעש רובינשטיין דערמאָנט אָן יענער שיינער פֿייערונג, צו וועלכער אַבראַמטשיק האָט איינמאָל באַנאַכט אין פֿענצטער געקלאַפּט. זײַנע אויגן האָבן שוין געלויכטן און מיט קאָס געפֿרעגט:

„האָב איך דען פֿריער ניט געוווּסט?"

און לעבן אים איז נאָך עמעץ געשטאַנען, געשאָקלט צו אים מיטן קאָפּ און זיך געוווּנדערט:

„אַזאַ שיינע, אַ?"

און אַ צווייטער האָט זײַן שטערן שטאַרק פֿאַרקנייטשט און צו פֿאַרשטיין געגעבן:

„שויטע, טאָ וואָס-זשע איז דאָ דער כידעש?"

די אויפֿגעוועקטע וואָקזאַל-לײַט האָבן געפּילדערט.

זיי האָבן זיך געשטופּט, געשליידערט און געשלעפּט אַבראַמטשיקן צו דעם באַלויכטענעם צווייטן קלאַס, אַהין, וווּ באַם טיש, אָן אָנגעשפּאַרט מיט פֿלעשלעך, איז נאָך געשטאַנען דער אָנגעבאַרויגעזמער טאָטער און נאָך געהאַלטן זײַן האַנט בײַ איין גרין פֿלעשל.

קליינע און מיאוסע זײַנען זיי געווען און ער איז, ווי איינער פֿון זיי, קליין און מיאוס געווען. ס'איז ניט געווען וווּהין פֿון נעם וואָקזאַל אַוועקצוגיין, איז ער דאָ געשטאַנען, געהערט פּיווניאַקס ווערטלדיק קאָל מיט יענעם צווייטן קאָל, וואָס שאַצט אָפּ אין געלט די לאַנגע פֿאַרשיקערטע נאַכט, וואָס שטייט פֿאַרן זאַטן אַבראַמטשיקן, און שרײַט צו אים:

„ס'קומט, ס'קומט פֿון דיר, אַבראַמטשיק!"

ס'איז שוין אויף דעם וואָקזאַל-פּלאַץ געווען קאַלט און פֿײַכט. נאָר אין אויבן פֿון זײַנע שטאַרק פֿינצטערע עקן זײַנען נאָך עטלעכע אויס-

געטרונקענע סאָכרימ געשטאַנענ און צווישנ זיי צווײ, וועלכע האָבנ זיכ געקריגט פאַר אַ מעכירע באַ אַ פאָרעצ.

פונ דאָרטנ האָט דער קאַלטער ווינט אַלעמאָל געבראַכט אָפּגעריסענע סאָכרישע קוילעס און זיי צעשפּרייט אינ פאַרשיידענע עקנ פונעמ פינצטערנ און קאַלטנ אַוויר:

„האַלעווײַ זאָלסטו כאָטש האַלב פאַרקרענקענ, וויפל דו האָסט מיר קאַליע געמאַכט".

אַ לאַנגע שורע פונ אָנגעצונדענע לאַמטערנס זײַנענ געווענ שווינדיקע אײַרעס פונ דער קלאָלע. און יעדערנ פונ זיי האָט פאַמעלעכ געציטערט דער קלײנער פלאַמ, זיכ גענייגט און געשאָקלט, ווי קלײנע מעגמשלעכע קעפּ, גלײַכ ווי יענער אומבאַוווּסטער, וואָס אינ דער פינצטער, וואָלט באַ זיי געווע אײדעס זײַנ אינ זיי וואָלטנ אימ ענטפערנ:

„געהערט, געהערט".

עמעצ איז פונ יענעמ שטאַרק פינצטערנ עק אַרויסגעקראָכנ, זיכ אינ דער פינצטער אײַנגעהויקערט און פאַרקרימט און גאָר פונוויטנס אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכ אַ נעדאָווע. נאָר בייניש האָט אימ קיינ נעדאָווע ניט געגעבנ און זיכ אָוועקגעדרייט און אַ זײַט אינ שוינ בעשאַס-מײַסע געפילט, ווי ס'דרייט זיכ מיט אימ עמעצ אַ שטאַרק שלעכטער און פאַראַקשנטער:

„גיב יאָ, גיב ניט, סײַווײַסײַ וועסטו, בייניש, זײַנ אַ קאַפּצנ".

ער האָט געביסנ די נעגל און פאַמעלעכ אַוועקגעשפּאַנט פונעמ וואָקזאַל. מוירעדיקע געדאַנקענ האָבנ אימ געפרעסט דעמ מויעכ:

ער וועט זײַנ אַ קאַפּצנ, אַזאַ מאָרעשכוירעדיקער און איבערגעשראָקענער קאַפּצנ, ווי פיניע ליכאַק. די וואָקזאַל-לײַט וועלנ לאַכנ פונ אימ אַזוי, ווי זיי לאַכנ פונ ליסאַקנ. ער וועט שוינ דאָ ניט זײַנ. ער וועט זיכ וואַלגערנ ערגעצ אינ אָפּגעריסענער מאָרעשכוירעדיקער און פאַרקאַמ מעשוגענער, און דער אַלטער און ראיטער וואָקזאַל וועט גאָר שטיינ אַפ דעמ זעלביקנ אָרט, קוקנ מיט זײַנע פאַרגליווערטע און האַלב-אָפּענע אויגנ אַפ די אָנקומענדיקע און אָפּגייענדיקע צוגנ, אַפ די באַשעפטיקטע און פרייִלעכע סאָכרימ.

אַרומ איז געוואַקסנ דאָס פינצטערניש. אַ שוואַרצע און אַ טיפע האָט זי אָנגעפילט דעמ קאַלטנ אַוויר, צוגעדעקט די פאַרוואָלקנטע הימלענ און אײַנגעשלונגענ די הײַזער, די ביימער און רעלסנ. פונ יענע-

זינט פֿינצטערניש האָט ערגעץ געפּרוּווט א פּנים טאָג איינער פֿון די רעזערוו-לאָקאָמאָטיוון, זיך אין דער מיט איבערגעריסן און באַלד אָנ-שוויגן געוואָרן מיט א שווערן און הייזעריקן זיפץ. דעם זיפץ האָט באַלד אונטערגעכאַפּט דער קאַלטער ווינט, אים פֿאַרטראָגן אין קליי-נעם וועלדל, וואָס אין האָרעם-זײַט וואָקזאַל, און דאָרט אויסגעדודערט די נאַכט-שטילקייט, וואָס צווישן די דרימלדיקע און אָפּגעפֿאַלענע ביימער.

אויף א רגע האָט זיך ניט ווילנדיק אויפֿגעכאַפּט דאָס וועלדל, אַרײַנ-געוואָרפֿן א גוט-ווילנדיקן בליק אין דער טיפֿקייט פֿון דער שוואַרצער נאַכט און באַלד ווידער אײַנגעשלאָפֿן מיט א שטאַרקן און טיפֿן שלאָף, אַזוי אַז ער האָט שוין ניט געפֿילט, ווי איבער דעם קאַלטן ווינט שאָקלט ער זיך אינגאַנצן, נייגט זיך אין קניט מיט אַלע זײַנע געדיכטע און נאַקעטע ביימער.

רובינשטיין האָט נאָך אַלץ געשפּאַנט פּאַמעלעך און פֿאַרטראַכט און דאָך האָט ער אין יעדער רגע געדענקט, אַז דאָס שפּאַנט ער, בייניש רובינשטיין, וועלכער טרינקט זיך און גייט צום גרונט מיט זײַן גאַנצן פֿאַרמעגן — און לעבן; וועלכער איז שוין דרײַ מאָנאַטן ניט געווען אין דער היים, ניט געזען דאָס ווײַב און ניט גערעדט מיט איר.

אין דער פֿינצטערניש, וואָס הינטער די פּלייצעס, האָט געהערט דער גרויסער וואָקזאַל-גלאָק. ער האָט דאָרטן מילכאָמע געהאַלטן מיטן ווינט און דערציילט פּאַמעלעך און קאַלטבלוטיק וועגן א לאַנגן צוג, וואָס רוקט זיך שוין ערגעץ שנעל און שנײַדט דורך די פֿינצטערע נאַכט. ווי אַן ענטפֿער אויף דער דערציילונג זײַנע פֿון דער פֿינצטערניש באַלד אַרויסגעקראָכן צוויי וואָקסיקע, אָנגעפּעלצטע און ניט קיין אויס-געשלאָפֿענע קאָנדוקטאָרן. בײַ ביידע האָבן הינטער די אָרעמס געצי-טערט די רויט-גרינע לאַמטערנס און ביידע האָבן געשוויגן און גע-פֿילט, ווי ס'פּאַטשט זיי אין פּנים דער ווינט. די פֿינצטערניש, וואָס אַנטקעגן, האָט אויסגעזען צופֿרידן צו זײַן דערהמיט, וואָס די צוויי אומרויקע און וואָקסיקע ברוים זײַנען שוין ענדלעך פֿון איר אַרויסגע-קראָכן; זי איז דערפֿאַר שטאַרקער און טיפֿער געוואָרן. אויסגעלאָשע-נע וואָקזאַל-שטיבלעך, אָפּגעבליאַקעוועטע און ווי קוואַרים טרויעריק, זײַנען דאָרטן אין א לאַנגער שורע געשטאַנען. דרימלענדיק האָבן די שטיב-לעך געוואָלט, דרימלען גרינג און רויק, ווי גרינג און רויק ס'האָבן

און זיי געדרימלט די אָנגעהאָרעװעטע ברוים, האָט זיי אָבער דער קאַלטער װינט געװעקט.

ס׳איז איצט איינעם אַליין אומעטיק געװען. נאָר דאָרטן אין דער ליכטיקער זײַט פון דער פינצטערניש, װוּ קיין געבײַדע כוץ דעם רעזערװואַר איז שוין ניט געװען, איז אָפּגעזונדערט און פאַרטראַכט געשטאַנען אַבראַמטשיקס שיינע און באַלויכטענע שטוב, און װי געפילט, אַז װײַטהוינט הינטער איר שטיינערנער און בלינדער װאַנט ליגט די שװאַרצע און קאַלטע נאַכט, ציט זיך איבערן גרויסן שעטעך פון פאַרבראָרענע פעלדער, פאַרטריקנטע טאָלן און נאַקעטע בערג. רובינשטיין האָט זיך אַרומגעדרייט בײַ יענער שטוב און זי באַטראַכט:

„אַ שיינע שטוב. אַ שיינע און אַ קליינע“.

אַ שמאָלע שײַן האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך די אויסגעװייניקסטע לאָדנס פון די ערשטע דרײַ פענצטער. די לאָדנס פון די איבעריקע צװיי פענצטער זײַנען געװען אָפן. ס׳איז דאָרטן געװען פינצטער. נאָר פלוציעם האָט די פינצטערע נאַכט אַ ציטער געטאָן און די פענצטער זײַנען מיטאַמאָל באַלויכטן געװאָרן. ער האָט דאָרטן דערזען אַבראַמטשיקס װײַבל. און אָנגעצונדן ליכט האָט זי אין האַנט געהאַלטן. שװײַגנדיק און באַרויִקנדיק האָבן אויף איר געקוקט צװיי בעטן, צװיי שאַפעס און טישלעך. זי האָט עטװאָס פאַרויס אויסגעצויגן איר גלײַכן קערפּער און דאָס מעבל באַטראַכט, נאָכדעם האָט זי זיך פאַר עפּעס װאָס דערשראָקן און זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן צוריק. דאָס ליכט איז פון איר האַנט אַרויסגעפאַלן און פאַרלאָשן געװאָרן. ס׳איז אין ביידע װידער פינצטער געװאָרן. ביינעש האָט געפילט, װי ס׳קלאַפּט בײַ אים דאָס האַרץ:

„אַרײַנגיין?” האָט ער געקלערט.

און באַלד האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר דער מאַכשאָװע און זיך פאַרענטפערט:

„זי האָט זיך דאָך איבערגעשראָקן“.

עפּשער האָט זיך איר אויסגעװיזן, אַז דאָרטן צװישן די בעטן שטייט עמעץ, שטייט עמעץ אַ מעשונעדיקער און שרעקלעכער. און עפּשער האָט זי זיך דערשראָקן פאַר די בעטן אַליין...

נאָר אין ביידע איז שוין װידער ליכטיק געװאָרן. זי איז דאָרטן

ווידער געשטאַנען בײַ דער טיר מיט אַ ליכט אין האַנט און מיט טיפֿע און דערשראָקענע אויגן אַרײַנגעקוקט אין דער טיפֿעניש פֿונעם כּיידער.

ער האָט געטראַכט:

„אַבראַמטשיק וועט באַלד קומען. ער וועט צו איר שמייכלען מיט זײַנע פֿולע און זאַטע שמייכל, ווי ער האָט געשמייכלט צו יענער שײַנער פֿויערטע, וואָס האָט פֿולע האַלב־נאַקעטע הענט".

ער האָט זיך דאָ דערמאָנט די אַלע אָפּדערטראַכט.

פֿינצטערע און קאַלטע זײַנען די נעכט געווען און מיט איינזאַמקייט האָבן זיי געשמעקט, און דער ווינט האָט אין זיי די אויסגעלאַשענע וואָקזאַל־לאַמטערן פֿונעם שלאָף געוועקט. דאַכט זיך, וואָס האָט ער אין אַזעלכע אָפּגעטראַכטע געהאַפֿט אין דער פֿינצטערניש, וואָס לעבן אַבראַמטשיקס שטיבל?

ער האָט ניט געהאַט וואוהין צו גיין, איז ער אַרומגעגאַנגען דאָ און געטראַכט:

„אַבראַמטשיק איז אַ גראָבער כאַזער. ער ווייסט דען ווי גוט איך בין?"

ס'האָט זיך געמאַכט, אַז אַבראַמטשיק איז זיך שפּעט אויף דעם וואָקזאַל פֿאַרזעסן, און די פֿענצטער־לאָדנס זײַנען ניט צוגעמאַכט געווען, האָט ער דערזען דורך די באַלויכטענע פֿענצטער געזען: אַ מיטל־וווּקסיקער גלײַכער און שיינער פֿרויען־קערפּער מיט שוואַרצע און טיפֿע אויגן, וואָס האָבן צווישנווײַז געשמייכלט צום פֿויערשן דינסטמיידל. און דאָרטן אויף דעם וואָקזאַל איז געזעסן אַבראַמטשיק און געשפּילט מיט די סאָכרים אין קאָרטן און געגומען אַ ביסל מאַשקע בײַם אָנגעבאַרויגעזעטן טאָטער.

ווען ער האָט אים דאָרטן באַגעגנט, האָט ער אים געשלעפּט פֿאַר האַנט.

„קום, בייניש, וואָס מאַכט דאָס אויס?"

אַבראַמטשיק האָט אים געקיצלט און צו אים געשמייכלט, און ער האָט געטראַכט:

„פֿאַרוואָס קומט דאָס אַלץ אַבראַמטשיקן?"

ער איז דעמאָלט צום וואָקזאַל צוגעגאַנגען און דאָרטן אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזער ביר. ער האָט ניט געקענט טרינקען, האָט

זיכ בא אים אפילע פונ ביר געדרייט דער קאפ, דער מויעכ האט געשווינדער געארבעט אונ די אויגנ האבנ מיט מער סינע צו די סאכרים אונ צו אבראמטשיקנ געלויכטנ. ער האט געקוקט אפ דעם טאטער, וואס האט אים דאס ביר אינ גלאז אנגעגאסנ, אונ געפרעגט בא אים:

„די סאכרים שפילנ אינ קארטנ, א?“

דער טאטער האט זיכ צו אים עטוואס צוגעבויגנ אונ אים ווי אפגעגעבנ א ראפארט פונ אנ ערנסטער שליכעס:

„יא, זיי שפילנ אינ מאנצבלשנ כיידער“.

ער האט אפאנעם געקלערט, אז ער, בייניש רובינשטיינ, וויל אויכ אינ קארטנ שפילנ אונ זוכט זיי, די סאכרים, וואס שפילנ אינ מאנצבלשנ כיידער. א גראבנ קאפ האט דער טאטער געהאט. בייניש האט מיטאמאל א גאנצ גלאז ביר אויסגעטרונקענ אונ אים צו פארשטיינ געגעבנ:

„זיי קאנענ איצטער איינער באם צווייטנ אינ מיסכער קיינ געלט ניט אויסנארנ. די געשעפטנ, פארשטייסטו, זיינענ איצט געשלאגנ, נארנ זיי דאס אוים אינ קארטנ־שפיל“.

ס'איז אים אליינ געפעלנ געווארנ דער גניער געדאנק, האט ער צום טאטער א שמייכל געטאנ:

„א סויכער, אז ער קענ קיינ געלט ניט אויסנארנ, קאנ ער ניט לעבנ. פארשטייסט?.. אט איז, לעמאשל, איכ...“

נאר דער טאטער האט נאכ אלצ גארניט פארשטאנענ אונ זייער שלעכט האט ער זיכ איבער זיינע לעצטע ווערטער געפילט. בייניש האט גלייכ אינ זיינ שווארצנ פאנעם געקוקט אונ געזענ: זיינע אויגנ האבנ מאדנע געפינקלט, אונ די אונטערשטע פולע ליפ האט זיכ אלעמאל אראפגעלאזט אונ צוגעמאכט.

„עט!“

ער האט אפ אים מיטנ האנט אוועקגעמאכט אונ איז ארויסגעגאנגענ פונעם וואקזאל. א קאלטע כוואליע האט אים מיטאמאל ארומגענומענ.

וועגנ קראפט אונ מאכט האט זיכ דער פראסטיקער ווינט מיט דער נאכט געסוידעט, אונ די טיפע פינצטערניש האט דעם סאד אינ זיכ געשלונגענ אונ געשוויגנ. ער איז געגאנגענ אונ געטראכט:

„אט, לעמאשל, איכ...“

פונעמ אויסגעטרונקענעמ ביר האָט זיכ אימ געדרייט דער קאָפּ, אומעטיקע אונ פריילעכע געדאנקענ האָבנ זיכ אינ אימ געפּלאָנטערט, אונ דאָס הארצ האָט די געדאנקענ געפילט אונ איז אויכ געווענ א פריילעכ אי טרויעריק:

„ער, בייניש רובינשטיינ, ס'איז אימ שלעכט, געוויס שלעכט... נאָר אז מע וויל צוריק... סאָבריס... שלוימקע פערל, עלי דערבארעמ-דיקער, אבראמטשיק קויפמאנ אונ זיי אלע, וואָס זיצנ אינ מאנצבלשנ ביידער. בי-בי... זיי נארנ טאָמיד איינער דעמ צווייטנ... אונ ער, בייניש רובינשטיינ?.. ער קאָנ ניט אָפּנארנ, וועט ער עפּעס אנ אנדער זאכ טאָנ... עס'נ מוז מענ דאָכ, לעבנ, לעבנ. וועט ער א מעלאמעד ווערנ... א מעלאמעד אינ א דאָרפ... בי-בי..."

ער האָט שוינ האלב געלאכט, האלב געוויינט:

„אונ דאָכ פירט זיכ אלצ צומ בעסטנ... אונ פיוניאק האָט נאכעס אינ די שוויגער... אונ דאָס ווייב, פרומקע... א, פרומקע?.."

ער איז שוינ ווידער ארומגעוואנגענ לעבנ אבראמטשיקס שטוב, ארומגעשפּאנט הינ אונ צוריק, זיכ צייטנווייז אָפּגעשטעלט אונ ארייג-געקוקט אינ פענצטער. וואָס האָט דאָרטנ באטראכט ער, בייניש רו-בינשטיינ, דער מעלאמעד, וואָס אינ דאָרפ? „זי" איז דאָרטנ געווענ. ווי רופט מענ זי באמ וואָקזאל? „קלארע", „קלארע". זי איז געזעסנ באמ טיש מיטנ פּאָנעמ צומ פענצטער אונ אינ עפּעס וואָס ארייננגע-קוקט. ווארעמ איז דאָרטנ, אינ שטוב, געווענ, שטיל. אונ ארומ אימ האָט געפּייפט דער פראָסטיקער ווינט, געבלאָזנ מיט קעלט אינ די פּליי-צעס אונ אינ נאקנ.

ס'זיינענ אינ זיינע אויגנ טרערנ געשטאנענ. עפּשער דערפאר, וואָס ער האָט פונ דער גרויסער פינצטערניש לאנג ארייננגעקוקט אינ איר רויק באלויכטנ פּאָנעמ. ער האָט געזענ: זי האָט זיכ אופגעשטעלט אונ עפּעס ארויסגעדרייט דעמ לאָמפּ. איר טונקל אונ ערנסט פּאָנעמ איז געווענ אזוי באלויכט אונ נאָענט, נאָענט. ער האָט געטראכט:

אָט דאָס טונקעלע פּאָנעמ קאָנ ער שוינ פונ לאנג, פונ לאנג; אונ די שווארצע אויגנ, וואָס קוקנ ערנסט אונ קלוג, אונ איר גאנצנ קער-פּערגעבוי, דעמ דינעמ אונ גרינגנ; ער האָט זיי דאָכ טאָמיד געזענ אונ קאָנ זיי נאָכ פונ קינדווייז אָנ. בררר...

ס'איז אימ געווענ קאלט, אימ דעמ מעלאמעד, וואָס אינ דאָרפ, מיט

די נידעריק־צוגעשווירענע באקנ אונ קליינע איינגעגראָבענע אויגנ. א קאַלטער שוידער האָט זיכ הינטער די וואַרעמע קליידער אַרונטערגעכאַפּט אונ דאָרטנ איבער די הייס־פײַערדיקע פּלייצעס אַרומגעיאָגט; אונ דאָרטנ, ווו זי זיצט, איז דאָכ אַזוי וואַרעם, שטיל אונ ציכטיק ריינ, איר אַליינ איז דאָרטנ אַזוי אומעטיק, אומעטיק. פאַרוואָס־זשע זאָל ער מאַכנ ניט אַרײַנגיינ? א טערעצ קאָנ ער דאָכ אויסטראַכטנ. א טערעצ, א טערעצ...

ער איז שוינ געשטאַנענ אפ די גלייכע שטיינערנע טרעפּלעכ, געהאַלטנ די האַנט באַם גלעקל אונ געטראַכט:

„אבראַמטשיק, אבראַמטשיק איז אינדערהיימ ניטאָ?”

ער האָט אָנגעקלונגענ אונ זיכ דערשראָקנ:

„א נאַרישקייט, א? געוויס א נאַרישקייט“.

ס'איז שוינ קעגנ אים געשטאַנענ דאָס קליינע פּויערישע דינסטמיידל. ער האָט געזענ: אירע האָר זײַנענ צעוואָרפנ געווענ אונ די פיס באָרוועסע. ער איז שוינ צוריק האַלב־ניכטער געווענ אינ געקלערט:

מ'דאַרפ פרעגנ, צי אבראַמטשיק איז ניטאָ אונ באַלד גיינ צוריק.

איז שוינ אָבער אפ דער שוועל פונעם באַלויכטענעם כיידער געשטאַנענ זי, מיטנ טונקעלנ אונ כיינעוודיקנ פּאָנעם אונ געקוקט אפ אים מיט קלוגע אונ שוואַרצע אויגנ. ער האָט געפילט, אז ער ווערט רויט אונ קאָנ ניט רירנ. אינ קאָפּ האָבנ זיכ איילנדיק געדאַנקענ געפּלאָנטערט אונ די אויגנ האָבנ געלויכטנ אונ געציטערט יעדעס מאָל, ווענ ער האָט אַרײַנגעקוקט אינ איר טונקל אונ ערנסט פּאָנעם.

„קומט אַרײַנ, זיצט!” האָט זי געבעטנ.

ער האָט זיכ געזעצט קעגנ איר באַם טיש אונ געטראַכט, אז דער שמייכל, וואָס אפ זײַנ פּאָנעם, איז אַנ איבעריקער, אונ אז ער האָט שוינ פאַרגעסנ, צוליב וואָס ער איז אינ דער שטוב אַרײַנגעקומענ.

אונ בעשאַס זי האָט געפרעגט, צי ער דאַרפ אבראַמטשיקנ האָבנ, האָט זיכ שוינ דער שמייכל איבער זײַנ גאַנצנ פּאָנעם פאַנאַנדערגעגאָסנ. ער האָט, דאַכט זיכ, שטאַרק ניט געוואָלט אונ שטאַרק אינ זינענ געהאַט די הענט אפ דעם טיש ניט פאַנאַנדערצולייגנ אונ דאָכ זײַנענ זײַנע הענט פּאָרט אפ דעם טיש אויסגעוואַקסנ. ער איז געוואָרנ שטאַרק רויט אונ געענטפערט:

„אבראַמטשיקנ? ניינ, האפקע ניינ.”

און באַלד האָט ער דערפילט, אַז דער „ראַפּקע“ איז אַן איבעריקע און נאַרישער געווען, געוואָלט פאַרבעסערן און געזאָגט:

„איך בין גלאַט אַזוי אַריינגעגאַנגען... איך בין פאַרביי דורכגעגאַנגען... איך בין אַ סוחר“...

ריידנדיק האָט ער געפילט, אַז ער פאַרפּלאָנטערט זיך וואָס אַמאָל מער, אַז ער איז שטאַרק רויט, אַז ס'וואַרגט אים ביי'ן האַלדז. און זי איז געזעסן קעגן אים. זי האָט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט אָנגעשפּאַרט און געקוקט אויף אים ווי אַ קליין קינד, וואָס האָט זיך אָנגעהאָרעוועט. זי האָט אים געפרעגט:

„אויף דעם וואָקזאַל זיינען פיל סאָחרים פאַראַן?“

איר קול האָט שטיל און פאַמעלעך געקלונגען; ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ וויכטיקער זאַך און זיך ווי פון עפּעס אויפגעכאַפּט:

„בין איך, הייסט דאָס, איינער פון די סאָחרים“...

ער האָט אַ ציטער געטאָן און זיך דערשראָקן:

מאָרגן וועט לאַכן דער גאַנצער וואָקזאַל, ס'וועלן לאַכן אַלע סאָחרים, קאָמיסיאָנערן און מעקלערס דערפאַר, וואָס צווישן זיי וועט שטיין אַ קוועלנדיקער פאַרשוין און וועט דערציילן, וויאַזוי ער, בייניש חובינשטיין, איז געקראָכן צו אַבראַמטשיקס ווייבל.

ער האָט פאַרטראַכטערהייט אַ זיפץ געטאָן:

„ניט אַלעמען לעבט זיך גוט“.

ער האָט געזען: איר קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבן, אירע אויגן האָבן זיך אויפגעהויבן און ווי מיט שרעק אַריינגעקוקט אין זיין פּנים:

„דערציילט! דערציילט! ווי לעבט זיך דאָ באַם וואָקזאַל?“

ס'האָבן אים געבענטן איר טונקל פּנים מיט די קלוגע און טיפע אויגן; האָט ער דערפאַר שוין ווידער פאַרגעסן, אַז ער זעט זי דאָס ערשטע מאָל, און דערציילט, ווי אַ באַליידיקטער און הילפלאָזער:

„ניט אַלעמען... הם... ניט אַלעמען לעבט זיך גלייך, און דער אַ קער: ניט אַלע פאַרשטייען גלייך, וויאַזוי זיי לעבן“.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַבראַמטשיקן, אָן פּיוניאַקן, אָן יענעם קאָמיסיאָנער מיט די גרויסע וואָנצעס, אָן יענעם גאַנצן אוילעם, וואָס זיצט איצט אין מאַנצבלשן ביידער.

„עט, וויאַזוי לעבט מען דאָ? ווי די כאַזיירים לעבט מען דאָ, ווי די הינט...“

פֿאַרוואָס האָט ער פֿלוצעם אַ שמייכל געטאָן? פֿאַר פֿאַרדראָס? צי גאָר הערפֿאַר, וואָס עמעץ האָט שוין אין טיר געקלונגען?

און אין דעם צווייטן אָוונט איז ער שוין ווידער געזעסן קעגן איר אין דעם באַלויכטענעם בײַדער און זיך שוין געפֿילט היימיש און גרינג.

ער האָט זיך געקלאָגט אויף דעם וואָקזאַל, אויף די סאָבוריס און אויף דעם מיסכער:

„סאָבורים, איר פֿאַרשטייט? דאָס איז שוין אַזאַ מין אומע, אַ מין עסע אומע... זיי דערוואַרגן פֿריִער אַ מענטשן און נאָכדעם האָבן זיי אויף אים ראַכמאָנעס, זיי דערוואַרגן... אָט, לעמאָשל, מיך...“

„ער איז שוין אויך האַלב דערוואָרגן; ער, אַז ער וויל ניט זידלען יענעם, זידלט מען אים... און אַז ער וויל ניט וואַרגן יענעם, טאָ וואַרגט מען אים“.

מיט אַזאַ אינטערעס האָט זי אין זײַן פּאָנעם אַרײַנגעקוקט. ער האָט דערפֿון אַ מעשונע פֿאַרגעניגן געהאַט און געזעסן קעגן איר ביז שפּעט אַפּדערנאַכט.

„אַ לעבן, ווען אַ לעבן פֿרעגט זי? וואָס פֿאַר אַ לעבן קאָן דאָ זײַן? אַ מיִעס לעבן, אַ נאַריש לעבן. ער אַליין לעבט אויך, ווי אַלע. אָט וועט ער איר דערציילן, וויאַזוי מע פֿליעסקעט זיך דאָ אין בלאָטע און מ'ווייסט ניט צוליב וואָס. לאָז זי פּרוּוון אָפּשטעלן אַ סויכער, לאָז זי עמעצן פֿאַרהאַלטן, וועט ער זיך אַרויסרײַסן און ווידער מיטכערן.

געפֿעלט איר אַזאַ לעבן?

און זי... ער קאָן זיך ניט, ער זעט זי ערשט דאָס דריטע מאָל... נאָר אַז מע וויל צוריק, קען ער זי יאָ, ער זעט, ער פֿאַרשטייט: זי האָט צום וואָקזאַל ניט באַדאַרפֿט קומען. זי האָט זיך ניט באַדאַרפֿט דערנעענטערן צו מענטשן, וואָס טראַכטן ניט פֿון זיך, נאָר פֿון זייער געלט... מינאָסטאָמ פֿאַרשטייט זי אַליין...“

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'פּאַסט ניט, ווען אַבראַמטשיק זאָל אים הײַנט ווידער דאָ געפֿינען, און זיך אופֿגעשטעלט.

אָט גייט ער איצט צו זיך „אַהיים“, דאָ ניט ווײַט איז זי, די היים, אין אַ קליין בײַדערל, וואָס אין אַ קליין פֿויערש שטיבל...

אמאָל שלאָפט ער ניט גאַנצע נעכט; ליגט דאָרטנ אונ טראַכט, ווי מיעס די סאָכרים זײַנענ... ער טראַכט, וויאַזוי פונ די סאָכרים צו אנט־לויפנ, וויאַזוי צו אנטלויפנ פונ זיכ אַליינ...

„אונ א ווײַב האָט ער ערגעץ דאָ אינ א נאָענט שטעטל; א קליינע איז זי, א גרינגע אונ א מעשוגעדיק שלאַפֿע... ער האָט זי שוינ דרײַ באַדאָשים ניט געזעננ, איר אפילע קיינ בריוו ניט געשריבנ, אונ זי באַרירט דאָס ניט. זי פאַרשטייט? דאָס ווײַב באַרירט עס ניט...“

ס'האָבנ אימ שוינ ניט אינטערעסירט דער וואָקזאַל מיט די סאָכרים. ס'האָט אימ שוינ ניט אינטערעסירט ניט דאָס, וואָס אבראַמטשיק קאָנ באַלד אָנקומענ, ניט דאָס, וואָס זי, די פאַרקלערטע אונ שײנע, טראַכט וועגנ אימ. ער האָט פאַמעלעכ געשפאַנט צו זיכ אַהיימ, זיכ צוזאַמענ־געגאַסנ מיט דער שטאַרקער נאַכט־פינצטערניש אונ געטראַכט:

„דרײַ מאָנאַטנ זי ניט געזענ, איר אפילע קיינ בריוו ניט געשריבנ, אונ זי באַרירט דאָס ניט...“

V

עלי דערבאַרעמדיקער האָט ביינישנ אַפ זײַנ דינ ווײַבערש קאַ־דערצײלט:

„אײַער שוויגער האָט מיכ אינ גאַס אָפגעשטעלט אונ געפרעגט, וואָס מאַכנ סאָכרים, ווי זײַנענ די פאַרדינסטנ אונ צי איר פאַרדינט עפּעס. איכ, זאָגט זי, דאַרפ דאָס געוויס וויסנ“.

וועגנ אַלץ, הייסט דאָס, האָט זי בא אימ געפרעגט מיט סייכל אונ מיט כעזשבנ אונ אינ יעדעס וואָרט איז אירס איז פאַרבאַהאַלטנ געווענ די געוויסע קאַוואָנע:

„זײַ־זשע מויכל אונ זאָג אימ טאַקע, אז ער מעג זיצנ דאָרטנ“.

אונ דאָכ האָט ער, ביינִיש, געמוזט צושמייכלענ אונ שמייכלענ־דיק אָפּדאַנקענ פאַרנ גרוס. מײלע, איז די שוויגער א נידעריק באַשע־פעניש, ווייסט קלוימערשט ניט, אז ער האָט שוינ באַלד זײַנ פאַרמעגנ אופגעגעסנ אונ ניט אימ איבער:

„פאַרדינט ער דאָרטנ עפּעס מײַנ אײדעמ?“

סאַכאַקל האָט ער טיפ אינ דער ערד די שוויגער, די סאָכרים מיט

די פֿאַרדינסטן. ווײַל ער, טאָ טוט ער גאָר אַף אַלץ אַ שפּײַ און ווערט אַ מעלאַמעד אין אַ דאָרף.

דאָך האָט ער פֿון העסעכ-ראָעס וועגן עטלעכע שאָ קעסיידער די נעגל געביסן; זיך אָן אַ ציל באַם וואָקזאַל אַרומגעדרייט און צום סאָף פֿאַרקראָכן צו איציק-באָרעב אַף דער קוואַרטיר. ער האָט לאַנג געקוקט, ווי איציק האַקט אים פֿון האָלץ אַ שליטל און געטראַכט וועגן זײַן לאַנגע און וועגן דעם, וואָס איציק האַקט דאָס שליטל בידכילע-אורכימע, ווישט אַלעמאָל דעם שווייס פֿונעם שטערן און האַקט ווידער. נאָכדעם האָט ער זיך מיטאַמאָל אויפֿגעשטעלט, אַ ריר געטאָן איציקן פֿאַר די פּלייצעס און געפֿרעגט:

„ווי קלערט איר, איציק, צוואַנציק רובל אַ מאָנאַט וועט מען מיר אין אַ דאָרף געבן?"

און איציק האָט דענסטמאָל די האַק אין האָלץ אַרײַנגעשטעקט און אַף אים אַ מאָדנע וואַרעמען בליק געוואָרפֿן, אַזוי וואַרעם האָט איציק אַף אים נאָך קיינמאָל ניט געקוקט, טרערן האָבן זיך אים אין די אויגן אַזש געשטעלט, און דאָס האַרץ האָט אַ ציִ געטאָן צו אים, צו דעם קאַלטן און קרעפּטיקן באָכער, וואָס האָט שוין דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און שוין ווידער דאָס שליטל געהאַקט.

צו וואָס האָט אים אָט דאָס קינדערשע שליטל גענוצט?

ס'איז ניט געווען קעדײַ צו פֿרעגן.

נאָר איינמאָל איז אַ טונקעלער און פּראָסטיקער שאַבעס-באַטאָג געווען. ער איז באַם פֿאַרפֿראָרענעם טײַכל, וואָס באַ דעם פּלומפּ, דורכגעגאַנגען און געזען, ווי איציק איז אינעם שליטל אײַנגעשפּאַנט און שלעפּט אַרום איבערן טײַכל כאַים-מענדל מאַרגוליסעס נײַנצניאָריק מיידל.

ס'איז געווען מאָדנע צו קוקן.

באַם וואָקזאַל האָט מען שוין אַפֿילע געשמועסט, אַז מאַרגוליסעס מיידל האָט איציקן ליב, און דערפֿאַר שפּאַנט ער אַלע פֿאַרנאַכט אינעם נאָענטן דאָרף, וואָס דראַפּעט זיך אַף די בערג. דאָך איז די זאַך אייגנאַרטיק און אומפֿאַרשטענדלעך געווען; סאָכרים האָבן זיך מאַקע אונטערן אויער געקראַצט און ניט פֿאַרשטאַנען:

„זאָל די זאַך אַזוי פּאַשעט זײַן?"

ער, כאַים-מענדל מאַרגוליס אַליין, מיט זײַן פּריציש פּאָנעם און

איידעלע מאנערנ, איז דאָך טאָמיד אינ זיינע פריצישע געדאנקענ פארטיפט געווענ, געשמועסט באם וואָקזאל מיט אלע דורכפאָרנדיקע מאנאטנ אונ איציקנ אפילע ניט באמערקט.

ער האָט פונ דעמלט אָנ זיך אָנגעהויבנ שטארק צוקוקנ צו איציקנ אונ עטלעכע טעג קעסיידער געהאלטנ אינ איינ קלערנ:

„אָט איז איציק, לעמאָשל, א געזונטער אונ שיינער באָכער, אונ פונ קיינ יעסורים ווייסט ער קיינמאָל ניט, אונ פארטיפט איז ער ערגעצ אינ א מערקווירדיקער וועלט, וווּ קיינ סאָכרים זיינענ ניטאָ, אונ דאָס לעבנ האָט ער מיט אנ אייגנארטיקער ליבע האָלט, אונ קיינ געלט דארפ ער ניט האָבנ. נו, האָבנ טאקע סאָכרים פאר אים דערעבערעצ, אונ ליב האָט אים מארגוליסעס ניינצניאָריק מיידל, וואָס האָט געקרייזלטע בלאָנדע האָר אונ הימל-בלויע אויגנ, וואָס שמייכלענ עטוואָס צו אונ קוקנ אָפ אים מיט אזא ווילדער פרייד, ליידנשאפט אונ פארגעניגנ. אונ ער, בייניש?”

ער האָט א פּאָנעם א קליינס אונ באקנ שווארצע, נידעריק צוגעשוירענע האָר אונ א נאָז א שפּיציקע אונ אויגנ קליינע אונ שווארצע, וואָס לויכטנ טאָמיד פונוויטנ. מעגנ די אויגנ ווי שטארק וועלנ וויינענ, מוזנ זיי אָנהייבנ צו שמייכלענ, ווענ עמעצער שמייכלט צו זיי.

„וואָרעמ ער אליינ איז א קליינ מענטשעלע, וואָס טוט גארישקייטנ, פארבינדט זיך מיט א מיעס אונ שלאָפ ווייב, קעדיי מענטשנ זאָלנ לאכנ, קעדיי ער זאָל זיך וואלגערנ אנ איבעריקער אונ אנ איינזאמער באם וואָקזאל; וואָרעמ ער פארדינט קיינ געלט ניט אונ נעמט אָפ א גרוס פונ דער שוויגער: פארדינט ער דאָרטנ עפּעס, מיינ אייהעמ? אונ וואָס וועט זיינ דער סאָפ?”

ער האָט געהיט דעמ מאָמענט, ווענ אבראמטשיק האָט מיט די סאָכרים אָפ דעמ וואָקזאל אינ קאָרטנ געשפּילט, אונ זיך דעמלט לעבנ רעזערוואר ארומגעדרייט. וואָס האָט ער דאָרטנ באדארפט? מיט איר, מיט קלארענ, האָט ער זיך זענ געוואָלט? צוליב וואָס? געלט וועט אים דערפונ ארויסקומענ?

ס'איז אָבער מוירעדיק אומעטיק געווענ אונ ריידנ מיט א מענטשנ האָט זיך געוואָלט אונ קיינ מענטש איז אָפ דעמ וואָקזאל ניט געווענ, כוצ איציקנ, וואָס האָט באם פּלומפּ ערגעצ אָפ דעמ קינדערשנ שליטל מארגוליסעס ניינצניאָריק מיידל ארומגעשלעפּט, אונ כוצ יענע סאָכ-

רים, וואָס האָבן מיט אבראמטשיקן אין קאָרטן געשפּילט און געלאַכט פון אים, ביינישן, וואָס האָט פיינט זיין מיִעס, מעשונעדיק שלאָפּ ווייב, וואלגערט זיך באַם וואָקזאַל און עסט גרייט געלט. אמאָל איז זי פאַרביי אים דורכגעגאַנגען, אים אָפּגעשטעלט און געבעטן:

„קומט אריין צו אונדז".

זי האָט, ווייזט אויס, פאַר עמעצן מוירע געהאַט. דערפאַר האָט זי שטענדיק מויסעף געווען:

„ס'איז דאָך אַזוי אומעטיק"...

און ער איז אריינגעקומען, געזעסן קעגן איר באַם טיש, לאַנגזאַם געטרונקען טיי און די גאַנצע צייט גערעדט מיט א שוואַך שטיל קאָל פון א הילפלאָזן און א זינדיקן:

„האָט ער עפּשער פאַר איר דאָס פריִערדיקע מאָל עפּעס וואָס איבעריקס גערעדט, זאָל זי אָפּ אים קיין פאריבל ניט האָבן... ס'איז שווער צו שווייגן... זי דאַרף אליין פאַרשטיין.. נו, כאַפּט מען זיך טאַקע אמאָל מיט און איבעריק וואָרט ארויס".

דערפאַר, וואָס זי האָט געקוקט אָפּ אים מיט א שטום־פריינטלעכן בליק און מיט דער אויפמערקזאַמקייט פון א שטאַרק נאָענטן זיך איינגעהערט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט ארויסגערעדט, האָט דאָס האַרץ זיינס שטיל גענודעט און שטיל מעקאַנע געווען דעם זאַטן און שמייכלענדיקן אבראַמטשיקן, וואָס נעמט פון לעבן אַלץ פאַמעלעך און גרינג און שמייכלט נאָך בעשאַס מיַיסע צו מיט אייג און דעם זעלביקן זאַטן און פוילן שמייכל. זאָל זי טאַקע וויסן!

ער וויל ניט, אַז זי זאָל אָפּ אים פאַריבל האָבן... ס'האָבן שוין אָפּ אים פאַריבל דאָס ווייב, די שוויגער; ס'האָבן אים שוין פיינט, שפּעטן, כויזעקן פון אים סאָטרים, קאָמיסיאָנערן, טאָ זאָל זי... טאָ לאָז כאָטש בלייבן איין מענטש, וואָס זאָל קלערן וועגן אים אָן סינע....

און דאָך, ער דערמאָנט זיך, ער טוט א טראַכט: מענטשן האָבן דאָך אים אמאָל ליב געהאַט, ס'איז שוין געוויס לאַנג געווען, זייער לאַנג, אָבער דאָך איז דאָס געווען... און ער געדענקט, ווי דעם רעבנס אויגן, וואָס האָבן צו יעדן קינד מיט סינע און צאָרן געקוקט, האָבן אין זיינע אויגן מיט א ווייכן שמייכל אריינגעקוקט, אים געגלעט מיט א פריינטלעכן ווונק און אים אָפּגעדאַנקט דערפאַר, וואָס ער האָט זיין טויַרע גוט און ריכטיק פאַרשטאַנען. און נאָך געדענקט ער... אַלטע ייִדן

מיט גרייזגראָע בערד אונ ליכטיקע פּענעמער האָבנ זיכ מיט אים, ווי
מיט א גרויסנ, מעסאַמייענ געוועזנ... אונ נאָכ געדענקט ער... אינ אַלטע־
ייִד, מוישע־אַרנ דאָס אייניקל, א בייזער אומרײַנער אונ הוסטנדיקער...
ער האָט פֿונ שלעכטסקײַט ווײַב אונ קינדער פֿונ זיכ פֿאַרטריבנ אונ
אינ קיינ זאַכ ניט געגלייבט... ער האָט מיט קיינ מענטש קיינ וואָרט
ניט אויסגערעדט אונ נאָר אים, דעם איינציקנ, דערציילט, ווי טיף אונ
שטאַרק ער האָט די מענטשנ פֿײַנט...

„אונ אַפֿילע שפּעטער, ווענ ער איז א גרויסער געוועזנ אונ צו דער
ערשטער קלאַסע צוגעסט געפֿאָרנ... עט, וואָס איז שײַנ... ס'איז איר
עפּשער ניט אינטערעסאַנט צו הערנ, וועט ער בעסער וועגנ דעם ניט
ריידנ"..

זי האָט זיכ עטוואָס פֿאַרשעמט אונ איז עטוואָס רויט געוואָרנ.

„נאָכ וואָס זאָל ער, בײַניש, נאָר קלערנ, אז ס'איז איר ניט אינטע־
רעסאַנט צו הערנ? ער דאַרפֿ וויסנ, אז זי פֿאַרשטייט אים... אזוי ליב־
טיק פֿאַרשטייט זי אים. זי פֿילט עפּשער צוזאַמענ מיט אים. אָט וועט
זי אים דערציילנ... ס'איז אַפֿילע ניט קעדײַ... זי האָט וועגנ אים גע־
טראַכט אינ יענעם אָוונט אונ אויכ אינ א פֿריִערדיקנ אָוונט. זי
איז געזעסנ איינע אַלייג אינ שטוב, געהערט ווי דער זייגער קלאַפּט
שטיל אונ פּאַמעלעכ, אונ ווי דער ווינט רײַסט די דרויסנ־לאָדנס...
ס'איז געוועזנ שטאַרק אומעטיק... נאָר ניט דאָס האָט זי געוואָלט זאָגנ.
ער, ער האָט דאָכ אזויפֿיל איבערגעלעבט"...

„וואָס, ער גייט שוינ אַוועק? וואָס האָט ער קיינ צײַט ניט? אזעלכע
לאַנגע אָוונטנ, קאַלטע כווישעכדיקע אונ מאָרעשכוירעדיק שטורעמדיקע...
אונ דער איקער: ער גייט דאָכ זייער זעלטנ ארײַנ. בעסער ווי בײַ אים,
אינ פֿויערשנ שטיבל, איז דאָכ געוויס... נאָר עפּשער איז אים ניט
אָנגענעם מיט איר צו זיצנ? ער מעג דאָס אויסזאָגנ... ס'מאַכט ניט
אויס".

„אונ צי ווייסט ער עפּשער, ווו אבראַמטשיק ווערט דאָס אַלע אָוונט
פֿאַרפֿאַלנ? ער איז געוויס באַם וואָקזאַל. מ'זאָגט, אז ער שפּילט דאָרטנ
גאַנצע נעכט אינ קאָרטנ. צי איז דאָס עמעס? ער דאַרפֿ דאָס געוויס
וויסנ."

„אונ נאָכ האָט זי וועגנ נאָר א וויכטיקע זאַכ געוואָלט מיט אים
שמועסנ, נאָר ער אײַלט זיכ איצט... געוויס וועט ערנ די טעג ארײַנ־

קומען, וועט זי נאָך מיט אים וועגן דעם שמועסן. א גוטע נאכט, א גוטע נאכט“.

ער איז געגאנגען פאמעלעך, מיט אן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און געטראכט: „האָט ער, הייסט דאָס, געדארפט נעמען פרומקען, די הילצערנע מעשוגעדיקע און טריגלעכע, וועלכער ס'גייט קיין זאך ניט אָן בוץ די טעלער און גלעזער, וואָס זי האלט אין איין ברעכן, און אבראמטשיק — קלאַרען, וועלכע האָט קלוגע אויגן און“....

„און באַם וואָקזאַל זאָגט מען, אז זי האָט אים א היפּשן נארן געגעבן.“

„און איך, זאָגט מען...“

„עט, וואָלט ער אזא ווײַב געהאַט, וואָלט ער מיט איר איצט געזעסן אין א קליינעם ווארעמען כיידער, זיך אײַנגעהערט ווי דער שטורעמווינט רײַסט מיט צאָרן די דרויסנלאָדנס און איר דערציילט, ווי ער איז אמאָל איינער אליין אין אזא שטורעמדיקן אָוונט פונעם כיידער געגאנגען, דורכגעגאנגען דורכן שמאָלן בעסמעדרעשגעסל און געהערט, ווי אין דער פינצטערער ווײַבערשער שול קלאַפּט עמעץ פאמעלעך אין א דרימלדיקער שויב. און נאָך וואָלט ער איר דערציילט, ווי פאר דרײַ קאָפּעקעס איז ער אמאָל איינער אליין באַנאַכט אף דעם בעסוילעם געווען... ער וואָלט איצט וועגן געלט ניט געטראכט“.

VI

האַרט אײַנגעטראָטענע, ערטערווײַז טונקעלע שנייען האָבן שוין די פארגליווערטע ערד אײַנגעדעקט און זי באַהאַלטן פון מענטשלעכע אויגן. אף די בערג, וואָס אַרום וואָקזאַל, זײַנען די שנייען געלעגן, אף די בערגיקע פעלדער אין איינזאַמע טאָלן, וואו ס'האָט זיך צײַטנווײַז אַן איינזאַמע באַלעגאָלישע פור אַראָפּגעלאָזט און דאָרטן פארלאָרן א ציטעריקן קלונג פון אן אלטן מעשענעם גלאָק. א נעפּל א גרײַזגרויער האָט זיך אין אוויר פארשפּרייט, און אָנגעפּראָרענע ביימער האָבן זיך אין אים ווי אלטיטשקע אײַנגעבויגן און מיט זייער גאנצער שווערקייט זיך געצויגן צו דער ערד.

ביניש איז געזעסן אן אָנגעפּעלצטער אינעם טיפן באלעגאָלישן שליטן און געזען, ווי דער באַלעגאָלע, וואָס האָט דעם קאָפּ צו אים

אויסגעדרייט, האַלט דאָס מויל אָפנ. אַ בלוי־קאָלירענע פארע האָט פונ דעם מויל געזעצט, ווערטער אָפגעריסענע האָבנ זיך אָפטמאָל פונ דאָרטנ ארויסגעכאַפּט אונ, צופליִענדיק צו אים, זיך צוגעפּראָנ א.נ. ניט געוואָרנ.

„אָט דער מאָגי דרעל... גאָר קיינ נאַר... ערשט צוריק מיט אַ יאָר אָנגעזעצט... אונ שוינ... זיך אָפּ די פיס ארופגעכאַפּט... אַ שטוב זיך אינ... סעטרעגיץ קענג דער פּאָסט אויסגעבויט... אַ הויפ.. אונ אינ צו קער־פאַבריק שוינ ווידער אַנ אַסקנ געוואָרנ... די מיל באַם גראַפ אָפּ־געדונגענ... גאָר קיינ נאַר, ווי איך בינ אַ ייִד... וויאָ!"

אָט צו דעם זעלביקנ מאָגי דרעל פאָרט ער האָב איצט. ערשט פאַראיאָרנ האָט ער אים זיינע וועקסלענ אָפּ אכט הונדערט רובל פאַר־צוואַנציק פּראָצענט אומגעקערט אונ איצט, ווענ אים גייט ניט אַמ־בעסטנ אונ מאָגיג גייט אזוי גוט, עפשער וועט ער אים עפעס געבנ. מאָגי איז אפילע ניט פונ די גוטהאַרציקע... אונ פאָרנ איצט צו אים מיט טייגעס איז אפילע אַ מיכיע־בזויע, נאָר עפשער... ווער ווייסט... דער באַלעגאָלע שלוימע ליפּ זאָל כאָטש באַם וואָקזאַל ניט דערציילנ...

ס'האָבנ מאָנאָטאָניש געקלונגענ די גלעקער אונ פאַמעלעכ דערציילט אַלע איינ טרויעריקע לאַנגע מייסע; אַ מייסע מיט אַ ווייט פאַרוואָרפנ וועלט־ווינקל, ווו ס'ציט זיך אַנ אייביקער ווינטער, אַ מייסע מיט הויכע שניי־בערג, וואָס דרימלענ דאָרטנ אונטער אייביקע נעפּלענ אונ באַפנ זיך קיינמאָל ניט אויפ.

דאָ אונ דאָרטנ האָבנ זיך אָנגעפּעלצטע אונ וואַרעם־איינגעהילטע ברויִמ באַגעגנט. זיי האָבנ ווי ניט געפילט, אַז דער ווייסער פראָסט ליגט שוינ אָפּ זייערע בערד אונ בּרעמענ, אונ נאָכ אַלץ געדרימלט גייענדיק. „היט זיך", האָט צו זיי פונ צייט צו צייט דער באַלעגאָלע געשריענ. האָט זיינ קאָל אָבער צו זייערע אויערנ ניט דערגרייכט, איז געשווינד פאַרגליווערט געוואָרנ אונ הענגענ געבליבנ באַם באַלעגאָלע אונטערנ נאָז.

אונ ווייט, ווייט, אָפּ דעם שיפּוע פונ יענעמ ברייטנ באַרג, וואָס באַם האָריזאָנט, האָבנ זיך שוינ סימאָנים פונ „גרויס סעטרעגיץ" צו באַווייזנ אָנגעהויבנ. פרִיער זייער אַ הויכער אונ גלייכער געמויער־טער קוימענ, וואָס שטעכט זיך איינ טיפ אינעמ נעפל. נאָכדעם אַ שאַרפער שפּיץ פונ אַנ אייַנזאַמער אונ פאַרקלערטער קירכ, סלופּעס

פונעם טעלעגראם מיט א גאנצ היפש פעלד פונ גידעריקע שניי-ווייסע דעכער.

מאני דרעלס א מיידל פונ א יאר אכצנ האט אים אינ האלב-פינצטערנ קארידאר באגעגנט אונ געזאגט:

„דער טאטע איז איצט אינ צוקער-פאבריק; פונ דארטנ וועט ער געווים אינ מיל צופארנ אונ אהיימ וועט ער ערשט באנאכט קומענ".

ער האט געקלערט ענטפערנ, אז ס'איז אים געווים שווער צו ווארטנ, נאר דאכ, אז ער איז שוינ דא אונ אזוי-ווי... האט זיכ אבער בא אים אומגעריכט ארויסגעכאפט א מאכטיי־סעדריקער „נו" מיט א שמייכל דורכנ נאז. אונ אליינ איז ער שוינ רויט געווענ אונ געפילט, ווי דאס הארצ באליידיקט זיכ:

„וואס פאר א „נו", אונ צו וואס האט דער שמייכל גענוצט?"

דאס מיידל איז נאכ אבער געשטאנענ קעגנ אים אונ איבערגעכאזערט:

„וועט ער, הייסט דאס, ערשט באנאכט אהיימ קומענ. איר קאנט ארײנגײנ אט אהער".

זי האט אימ די טיר פונ א זײט-כיידער געעפנט אונ אליינ עפעס געשווינד נעלעמ געווארנ.

ער האט געטראכט:

„ווענ איציק-בארעכ קומט איצט ארײנ אהער, וואלט אט דאס מיידל געווים פונ אים ניט אזוי געשווינד אוועקגעלאפנ, אונ געקוקט וואלט זי אפ אים ניט מיט אזעלכע אויגנ, וואס זאגנ: נו גיכער, מאכ קיינ טײנעס ניט אונ זאג וואס ווילסטו — אוועקגיינ צי אויסווארטנ?"

ער האט זיכ צוגעזעצט אונ זיכ ארומגעקוקט:

א שיינ אויסגעמעבלטער קאבינעט, א מארמארנער שרײב-געצײג מיט א „מאפסיק", וואס האלט דאס ווײדעלע אינ דער הייכ, גרייט אפ א כניפע צו מאכנ, אפ די ווענט בילדער מיט ברייטע אפגעגילטע ראמענ. דאס אינגאנצנ איז עפשער פאר זײנ געלט געקויפט געווארנ...

ווער ווייסט? אונ דאכ זיצט ער לעבנ דעם, ווי לעבנ פרעמדס, אונ האט מוירע זיכ צורירנ צו דעם.

„אונ די שטוב זעלבסט מיט די געמאלטע סטעלעס איז עפשער אויכ פאר זײנ געלט געבויט געווארנ, א היפשנ ביילעכ האט ער דאכ לעפאכעס אינ איר".

„און לאָז ער נאָר א פּרווו טאָן זיך צושפּאַרן אפן טיש, לאָז ער זיך, לעמאָשל, א וואַלגער טאָן אפ דער קאַנאַפּע און ארופּשלעפּן אפ איר זײַנע פיס...“

פונעם צווייטן ביידער האָבן זיך געהערט פאַרשיידענע קוילעס, וואָס האָבן זיך צײַטנווײַז צונויפגעגאָסן און א מילכאָמע געפירט.

עטלעכע מיידלעך האָבן זיך דאָרטן פאַר עפּעס־וואָס געקריגט. א סייבלדיקע קריג איז דאָס מיסטאָמע געווען. א גראָב מאַנצבליש קאָל האָט דאָרטן אײַנגעשטילט א מיידל, וואָס האָט געהאַט זייער אן איידל און הויך קעלכל, און צו פאַרשטיין געגעבן:

„אָט, לעמאָשל, איר טאַטע האָט א געוועלב, ער פאַרדינט, לעמאָשל, בא יעדער אַרשין סכוירע צען קאָפּעקעס, און אַזוי ווי ער האָט די סכוירע אליין ניט אויסגעאַרבעט, קומט אויס, אז די צען קאָפּעקעס זײַנען דעם אַרבעטערס, דאָס הייסט, אז ער לעבט אפ א פרעמדן כעזשבן“.

האָט זיך באַלד ארויסגעכאַפּט דרעלס אַכצניאָריק מיידל און אים אונטערגעהאַלטן:

„געוויס, ריכטיק“.

ער איז אפ די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו דער פאַרמאַכטער טיר, וואָס האָט אין יענעם ביידער געפירט, און צוגעבויגן דעם אויער.

דאָס מאַנצבלשע קאָל האָט זיך ווידער געהערט, איז זיך צעגאָסן פאַמעלעך און באַרויִקט די אופגערודערטע מיידלשע הערצער:

„אָט וועל איך אײַך א מאָשל געבן...“

עפּשער איז דאָס געווען אן אַלטער באָכער, א לערער, וואָס האָט א גרויסן שטערן מיט צוויי טיף־אויסגעקראָכענע ווינקלען געהאַט, א באָכער א יאָרן, וואָס האָט די מיידלעך אין די אויגן ניט געקוקט און נאָר אַלעמאָל די ברילן צום נאָז שטײַפער צוגעדריקט. עפּשער האָט דרעלס מיידל פון דעם באָכער געהאַלטן, און געפעלן איז ער איר געווען מיט ביידע אויסגעקראָכענע שטערן־ווינקלען און מיט די צוויי רויטע פּאַסקעלעך, וואָס די ברילן האָבן מיט דער צײַט אפ זײַן געלערנטער נאָז אויסגעקוועטשט. און דערפאַר האָט זי יעדעס מאָל, ווען ער האָט געענדיקט ריידן, געשריִען:

„עמעס, ריכטיק“.

האָט אים אָבער אפ דעמ מײדל פארדראָסנ און א שמײכל האָט זיכ אינ זײנע אויגנ באוויזנ:

„נו, און איר טאטע... נו, און זי אלײנ...“

ער האָט שוינ די נעגל געביסנ:

„א רועכ אינ זײער... אלײנ רויבט מענ זיכ אָנ, מ'גאזלט, מ'האר־געט, קלײדער פאר פרעמדע געלט קויפט מענ זיכ, נאָכדעמ זיצט מענ אינ א וואַרעמענ געמאָלטנ כײדער, מ'קוקט דאָרטנ אפ א ליבנ באָכער און מע זאָגט:

„דו ארבעטסט ניט און לעבסט... א סימענ, אז דו לעבסט אפ א פרעמדנ כעזשבנ...“

און יענער באָכער האָט נאָכ האָרטנ גערעדט פאמעלעכ:

„דער קאפיטאליסט, איר פארשטײט?..“

ער האָט זיכ דערמאָנט: א באָכער א קאָמיסיאָנער האָט ערגעץ װערטער געכאפט, געקומענ אפ דעמ וואָקזאל און געפרעגט בא אבראָמ־טשיקנ פונ וואָס נעמט זיכ קאפיטאל, האָט אבראָמטשיק אימ ווי א כאָסעדרייע אָנגעקוקט און נאָר פיוניאק האָט די אקסלענ עפּוואָס אונ־טערגעהויבנ און אָפּגעענטפערט:

„שויטע אײנער, וואָס פאר א שײלע פרעגסטו, מ'נעמט נארנ, ווערט קאפיטאל“ און פונ וואָס נעמט זיכ טאקע דער קאפיטאל?.. ער, בײ־גיש, איז דאָכ גיט קראנק צו ווײסנ בעסער פאר יענעמ באָכער, וואָס זיצט פונ דער זײט מיר; א בעסערנ קאָפ פאר אימ האָט ער דאָכ גע־ווים און כוץ דעמ האָט ער דאָכ שוינ עפּעס א שטיקל קאפיטאל געהאט און האָט אימ שוינ גיט.

פארנאכט איז מאָני דרעל אהײמ אָנגעקומענ. עטלעכע קינדער זײ־נענ אימ אנטקעגנ ארויסגעלאָפנ, אימ ארומגעכאפט און דערצײלט:

„טאטע, דאָרטנ אינ קאבינעט וואַרט עמעצ אפ דיר“.

נאָכדעמ האָט מענ א לאָמפּ ארײנגעטראָגנ, אימ אפנ טיש גע־שטעלט און צוריק צוגעמאכט די טיר.

און דאָרטנ ערגעץ אינ עסצימער האָט מענ טײ געטרונקענ און געקלונגענ מיט לעפעלעכ. האכט זיכ, וואָס האָט מאָני אימ באדארפט אזוי לאנג האלטנ... קומ ארײנ און זאָג א וואָרט... איז דאָכ דאָס מאָני דרעל געוועזנ... פיל איבעריקס האָט ער אפ זײנ לעבנ געטאָנ, און דאָכ

איז אינ יענער איבעריקער מינוט געלעגנ א קאוואַנע... אָט אזוי האָט ער, הערנדיק גוט אפּ ביידע אויערנ, גערעדט שטארק שטיל, זיכ אפּ איינ אויער טויבלעכ געמאכט, אימ צוגעבויגנ צו יענעמ מענטש, וואָס האָט זיכ צו אימ מיט א וואָרט געווענדט, אונ איבערגעפרעגט:

„א?“

ער איז צומ סאָפּ ארויפגעקומענ אונ אימ געפרעגט:

„וואָס האָט איר עפּעס געוואָלט זאָגנ?“

זײַנ גלײַכ אונ הארט בערדל האָט ווי גאָרוואָס ארומגעצויגנ אויסגעזענ, אונ ער אליינ האָט א מינע געמאכט, גלײַכ ווי אימ, בייגישנ, זעט ער איצט דאָס ערשטע מאָל אינ לעבנ.

בייגיש איז רויט געוואָרנ אונ א הוסט געטאָנ:

„איר פארשטייט, האָט ער אָנגעהויבנ, פאראיאָרנ... פאראיאָרנ...“

ס'האָט זיכ געפילט, וואָס פאר א מיכיע בזויע עס איז צו זיצנ דאָ קעגנ אָט דעמ בלוט-צאפּער. אונ צו ריידנ איז אזוי שווער געווענ... אונ דרעל האָט אפּ אימ רויִק געקוקט אונ דערצו נאָכ אלעמאָל צוגעבויגנ צו אימ זײַנ קלוימערשט טויבלעכנ אויער אונ איבערגעפרעגט:

„א?“

ער האָט אימ דערציילט, אז ס'איז אימ שלעכט, זייער שלעכט, אז ער גייט צומ גרונט, אז ער טרינקט זיכ אונ אזויווי סאָפּקאָלסאָפּ קומט דאָכ אימ בא זיבנ הונדערט רובל, טאָ בעט ער אימ... מיט גוואלט קאָנ ער בא אימ ניט נעמענ, נאָר בעטנ בעט ער אימ...

דרעל האָט אימ אויסגעהערט מיט א גאנצ ערנסט פּאָנעמ, אזוי אז עס איז שוינ עפּשער געווענ צו גלייבנ, אז געלט קומט בייגישנ ניט בא אימ, מאָני דרעלנ, נאָר גאָר בא א צווייטנ. דאָכ הערט ער אימ אויס מיט געפיל אונ זוכט א פּלאנ, וויִאזוי ער, בייגיש, זאָל זײַנ געלט קאָנענ אָפּנעמענ.

„פאני רובינשטיינ, האָט אימ דרעל פאמעלעכ אונ שטיל צו פארשטיינ געגעבנ, איר זײַט דאָכ א יונגערמאנ א באלסייכל. איר פארשטייט געוויס אליינ, אז לעבנ מוז איכ שטענדיק, ווי א מענטש. איכ בינ שוינ אזוי געוווינט געוואָרנ: מײַנ ווײַב מוז פאָרנ אלע יאָר קיינ אויסלאנד. זי איז, ניט פאר אײַכ געדאכט, ניט געזונט, זי האָט א לעבער-קרענק. מײַנע צוויי יִנגלעכ מוז איכ איג א גרויסער שטאָט האלטנ... זיי קאָסטנ מיכ געוויס הונדערט פופציק רובל א מאָנאט. די איבעריקע

קינדער מוז מען דאָ א לערער האלטנ. אָט גיב איכ, לעמאָשל, אָט דעמ לערער אכציק רובל א מאָנאט כוצ עסנ אונ כוצ דער וווינונג, דאָס גלײבנ קלײדנ מוז מען זיכ אונ די קינדער, מע קאָנ פאר דער וועלט קײנ פּאָנעמ פונ בויזעק ניט באווײזנ. צי נעמט, לעמאָשל, אָט מיכ אלײנ, איכ באגײ זיכ מיט מענטשנ, כ'לעב עפּשער אײנגאנצנ פונ מענטשנ, טאָ מוז איכ ארויסגײנ ווי א מענטש אונ ארויספאָרנ ווי א מענטש".

„הערט אויס, פאני רובינשטײנ: אויב ס'וועט מיר נאָכ אלצ קאַפּיטאל בלײבנ, וועל איכ אײַכ דעמ ערשטנ מיט א גרויסנ דאנק אָפּגעבנ. איר פארשטייט? ווענדנ איכ וועל ניט אָפּגעבנ, נאָר אײַכ, אײַכ..."

אונ אינ פינצטערנ קאָרידאָר איז שוינ דער באלעגאָלע שלוימע ליפ געשטאנענ אונ דאָרטנ געשריענ אפ דעמ קאָל:

„אָט דער באטלעניק! וואָס האָט ער זיכ דאָרטנ אנידערגעזעצט, דעמ גאנצנ טאָג מיכ דאָ פאר א קארבאטש אָפּגעהאלטנ!.."

בײניש האָט געטראכט:

„אכ, אָט דער שלוימע ליפ, ער זאָל כאָטש באמ וואָקזאל ניט דערצײלנ".

VII

ס'איז געווענ א מעסע.

צוזאמענ מיט שלוימקע פערל האָט ער אפ א פארטיע צוגעבריענטע קאָרנ האנטגעלט געגעבנ. דער קאָרנ האָט היפּשנ רעווער געבראכט, האָט אבער שלוימקע געטײנעט, אז בײניש האָט דאָס געלט ניט אינ הער צײט צוגעטראָגנ אונ אימ קײנ כײלעק ניט געוואָלט געבנ. ער האָט זיכ מיט שלוימקענ אכט טאָג קעסיידער אינ אײנעמ פונ די גאָענטע שטעטלעכ געלאָדנ אונ אויסגעשפּילט אינ ערעכ פונ פיר הונדערט רובל. זײַנ ערשטער רעווער איז דאָס פאר דעמ גאנצנ ווינטער געווענ.

אומקערנדיק זיכ צומ וואָקזאל, האָט ער דעמ גאנצנ וועג צו זיכ אלײנ געשמײכלט, די פינגער=נעגל פארגעסנ צו בײַסנ אונ געקלערט:

„אז מע וויל צוריק... זײַנענ דאָכ מענטשנ, אדעראבע, גאָר ניט אזוי שלעכט".

ווענ ער האָט זיכ בא זיכ שלאָפנ געלייגט, האָט ער שוינ געקלערט, אז מע קאָנ געלט פארדינענ אונ אויסבויענ באמ וואָקזאל פונקט אזא שטיבל ווי אבראמטשיקס. נאָכדעמ האָט זיכ אומ די גאנצע נאכט א מאָרגנ ווארעמער כאָלעמ געפלאָנטערט: קלוימערשט ער מיט אבראמטשיקס ווײַבל פאָרנ צו זײַנ פאָטער אפ פייסעכ... ער גייט מיט איר דאָרטנ איבער דעמ שטעטל אונ ווײַזט איר:

„אָט אינ דעמ בעסמעדרעש האָב איכ געלערנט... אָט אינ יענעמ הייפעלע איז א רײַכער בעזדעטניק געזעסנ, דער בעזדעטניק האָט א ביבליאָטעק געהאט, פלעגט ער בא אימ ביכער אפ לייענענ נעמענ... אונ דאָרטנ אינ טאָל איז ער יאָנטעוויומ=צײַט אפ דעמ גראָז, וואָס בא דער פוסטער מיל, געלעגנ, געקוקט אפ די ברייטע הימלענ...“

אונ גאנצפרי, ווענ ער האָט זיכ אופגעכאפט, האָט שוינ די באלעבאָסטע בא אימ אינ כיידער געהייצט אונ דערציילט:

„געווענ דאָ זונטיק אבראמטשיקס ווײַבל... דעמ גאָרטנ, האָט זי געזאָגט, וויל זי אפ דעמ זומער אָפדינגענ. אונ אינ שטוב איז זי אויכ געווענ... ווער ווױנט אָט דעמ כיידער? האָט זי געפרעגט“.

ער האָט זיכ דעמ גאנצנ טאָג ארומגעדרייט באמ וואָקזאל. אונ אינאָוונט ווידער פארקראָכנ צו אבראמטשיקס רעזערוואר. ווענ ס'איז גוט פינצטער געוואָרנ, איז ער צומ באלויכטענעמ שטיבל צוגעגאנגענ אונ זיכ אָפגעשטעלט פאר די פענצטער פונ עסצימער.

ער האָט געזענ:

סאָכרימ אונ קאָמיסיאָנערנ זײַנענ דאָרטנ ארומ טיש געזעסנ אונ אינ קאָרטנ געשפילט. אונ בא איינ עק פונ טיש איז אבראמטשיקס ווײַבל געזעסנ אונ געשמייכלט צומ קאָמיסיאָנער, וואָס האָט געהאט א געזונט פאָנעמ מיט גרויסע פארדרייטע וואָנצעס.

ער האָט זיכ געפילט ניט אמבעסטנ אונ געקלערט:

„עפשער איז איר מער אָנגענעמ צו קוקנ אפ דעמ געזונטנ אונ שיינעמ קאָמיסיאָנער, ווי צו קוקנ אפ אימ, דעמ דארנ סויכערל?”

אונ אינ א האלבע שאָ ארומ, ווענ ער איז שוינ אינ זײַנ פינצטערנ אונ קליינעמ כיידערל ארײַנגעגאנגענ, האָט ער זיכ בא זײַנ שפיציקער נאָז מיט די נידעריק צוגעשווירענע באקנ א טאפ געטאָנ אונ אינ דער פינצטער באשלאָסנ:

„געווים“.

ער איז צו איר מער ניט געגאנגענ, האָט ארומגעשפאנט אפ דעמ וואָקזאל=פלאצ אונ געקלערט:

„אינעמעסנ, איז דאָג ניט נאריש געווענ דאָס, וואָס ער האָט זיכ ארומגעדרייט באמ רעזערוואר אלע אָוונט? אונ דער איקער... אָט האָט ער, לעמאָשל, פיר הונדערט רובל פארדינט...“

דאָכ איז ער אינ איינעמ אנ אָוונט ווידער צומ רעזערוואר פאר־קראָכנ אונ שטילערהייט זיכ ארײַנגעגאנוועט אינעמ האלב=פינצטערנ קאָרידאָר פונ אבראמטשיקס שטוב. ס׳האָט אימ האָרטנ קיינער ניט באַ־מערקט, איז ער דאָרטנ עטלעכע מינוטנ געשטאנענ, דערזענ דורכ דער האלב=אָפענער טיר דעמ געזונטנ אונ שיינעמ קאָמיסיאָנערס פארדרייט וואנצ, אונ אומבאמערקטערהייט זיכ פונעמ פינצטערנ קאָרידאָר צו־ריק אינ דרויסנ ארויסגעגאנוועט.

נאָכדעמ איז א קאלטער, נאסער אונ טונקעלער טאָג געווענ. ער האָט זי באמ וואָקזאל דערזענ אונ פונוויטנ געכאפט א קוק אפ איר שיינ אונ שווארצלעכ פאָנעמ. זי האָט א קורצ ווינטערדיק קאָפטל גע־טראָגנ, האָט דאָס איר געקליידט. אונ ביידע טעלעגראפיסטנ האָבנ אפ איר דורכנ פענצטער נאָכגעקוקט. ער האָט זיכ באלד אוועקגעדרייט אונ א שמועס מיט עלי דערבארעמדיקנ פארפירט. עמעצנ אפצולאָכעס האָט ער דאָס געטאָנ, עפשער אפצולאָכעס טאקע איר, דער שיינער אונ טונקעלער, וועלכע איז ערגעצ אונטער זײַנע פלייצעס געשטאנענ.

ס׳האָט געבלאָזנ א קאלטער אונ נאסער דאָרעמ=ווינט. בלאָזנדיק האָט ער פארבלאָטיקט דעמ ריינעמ שניי אונ אימ צעגאָסנ אפ די ביי־מער, פעלדער אונ ארומיקע בערג, וו שווארצע ערד=פלעקנ האָבנ שוינ ערטערווײַז צו די פארוואָלקנטע הימלענ געקוקט אונ שטומערהייט בא זיי געפרעגט:

„וועט איר אונדז נאָכאמאָל באשיטנ מיט ווײַסנ, ווײַסנ שניי?“

די הימלענ זײַנענ אָבער זעלבסט שטומ געווענ, אונ נאָר דער פרײַער ווינט האָט ערגעצ א גרילצ פונ ארומבלאָנדזשענדיקע ראָבנ בא־קומענ אונ אימ צו די פלעקנ פאר אנ ענטפער געטראָגנ. פונעמ צע־גאנגענעמ שניי איז דער וואָקזאל=פלאצ נאס אונ קויטיק געווענ. דער ווינט האָט איבער אימ א מאָדנע פוסטקײַט ארומגעטראָגנ אונ געק־לאפט מיט די שויבנ פונ ניט קיינ אָנגעצונדענע לאמטערנעס. פוסט

און אומעטיק איז דאָ געווען, צײַטנווײַז האָט זיך דאָ אַ מענטש באַוויזן: ער האָט גייענדיק זײַן קאָפּ אײַנגעבויגן, און דער ווינט האָט זיך נאַריש געמאַכט און אים פֿאַר די פּאָלעס געריסן.

און פֿון עלי דערבאַרעמדיקנס קליינע מויל האָבן זיך נאָך אַלץ שטילע ווערטער געשאָטן. עפּעס האָט ער ביינישן מיט אַ שמייכלדיקן פּנים דערציילט וועגן אַ פּאַריעץ, וואָס האָט זייער וואָלוול האָבער פֿאַרקויפֿט, וועגן דעם, וואָס מ׳האָט דעם האָבער נאָך וואָלוועלער געקאָנט אָפּקויפֿן. און אַ האַמצאָעלע אַ מאָדניטשקע האָט עלי דערציילנדיק אופגעקמאָן, אַ האַמצאָע אין איידעלע און גוטהאַרציקע, ווי איידל און גוטהאַרציק ער אַליין איז געווען.

האָט זיך ביינִיש אָבער צו דער האַמצאָע גוט צוגעהערט און אַלץ געקלערט וועגן דעם, וואָס „זי" שטייט ערגעץ אונטער זײַנע פּלייצעס, וועגן דעם, וואָס ס׳קוקן אויף איר דורכן פֿענצטער צוויי שמייכלדיקע טעלעגראַפֿיסטן.

ס׳איז צוגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט אויף פֿינף מינוט אַ נאַסער, פֿאַרוויכערטער און קויטיקער פּאַסאַזשיר-צוג. דער ווינט האָט אין די נאַסע פֿענצטער פֿונעם צוג געבלאָזן און זיך מיט די וואַגאָנעס געוואָלט שפּילן. נאָר די וואַגאָנעס האָבן זיך ניט גערירט און אַפֿילו אויף אַ רגע פֿון זיך דעם טרויעריקן באַרויגעז ניט אַראָפּגעוואָרפֿן. קיינער איז פֿון די וואַגאָנעס צום וואָקזאַל ניט אַרויסגעגאַנגען, קיינער איז אין זיי ניט אַרײַנגעגאַנגען; און צו גלייבן איז שוין געווען, אַז אין יעדערן פֿון זיי ליגט אַ מעס, און אַרום אים זײַנע דערשלאָגענע קרויווים, וואָס פֿירן אים פֿון גאַנץ ווײַט צו קווורע...

נאָר דאָרטן אין עק פֿונעם צוג, ווו זי, די טונקעלע און שיינע, האָט זיך אַרומגעדרייט, האָט זיך אַ יונגערמאַן אַ סטודענט אויף די טרעפּלעך פֿון אַ וואַגאָן אַוועקגעשטעלט און צוגעקלעפּט צו איר טונקל פּנים דעם בליק פֿון זײַנע מאָרעשכוירעדיקע אויגן. זי האָט אויך אָפּטמאָל אויפֿן סטודענט געכאַפּט אַ קוק. ביינִיש האָט שוין אויף איר געקוקט און געטראַכט:

„צוגיין צו איר?"

דער צוג האָט שוין ווידער געקלאַפּט, זיך געשווינד געשלענגלט און אײַנגעזונקען אין בלײַענע נידעריקע ווינטער-וואָלקנס.

אין דעם פּוסטן און נאַסן וואָקזאַל זײַנען זיי שוין ווידער נאָר אײנציווײַזע געשטאַנען. ער, אַ באַליידיקטער און אַ לעהאַכעסניק, אין איין זײַט, און זי, אַ יונגע, שיינע און אַן איבערגעלאָזענע, אין דער אַנדערער זײַט.

ס'האָט זיך אים שוין ווידער שטאַרק געוואָלט צוגיין צו איר, גאָ־ פון נאָענט אַרײַנקוקן אין איר טונקל פּנים און שטיל און פּאַמעלעך דערציילן וועגן דעם, וואָס זי האָט אין דעם וואָקזאַל ניט געדאַרפט אַראָפּקומען. נאָר זי איז לעבן אים דורכגעגאַנגען און אַפילו אים ניט באַמערקט. ער האָט דערפאַר די פינגער־נעגל צו בײַסן אָנגעהויבן און מיט פאַריבל געטראַכט:

„גייט ער דאָס אַרום פּוסט־און־פּאַס און האָט פּוסטע מײַסעס אין זינען... און אײנעמעסן: וואָס איז אים טאַקע דער בילעט וועגן וועמען זי טראַכט איצט, וועגן אַבראַמטשיקן, וועגן דעם געזונטן קאָמיסיאָנער, צי גאָר וועגן דעם סטודענט? ס'הייבט אים דאָך ניט אָן צו באַרירן"...

ערשט ווען זי איז צוריק דורכגעגאַנגען, האָט זי זיך לעבן אים אָפּגעשטעלט, געמאַכט אַ פאַרזאָרגט פּנים און זיך געקלאָגט:

„ס'אַרא פּוסטקײַט ס'איז דאָ, אַ?"

איר פּנים איז עטוואָס פאַרקרימט געווען. ער האָט ניט געוווסט, צי איז איר פּנים פאַרקרימט איבערן ווינט, צי גאָר דערפאַר, וואָס דאָ אין וואָקזאַל איז אַזוי פּוסט.

„אַ פּוסטקע? האָט ער איר נאָכגעשאָקלט, געוויס אַ פּוסטקע".

און אַליין האָט ער שוין געפילט, אַז ער ווערט רויט, וויל ניט שמייכלען און שמייכלט פאָרט.

פאַרוואָס האָט אים פּלוצעם אין איר פאַרדראָסן?

עפּעס מיט ניט קיין פּאַרזיכטיק וואָרט האָט ער זי שטאַרק באַליידיקט. ער האָט געזען: ס'האָבן זיך אין אים אָפּגעשטעלט אירע אויגן, שמאָלצע און פולע מיט גײַווע. נאָר באַלד האָט זי זיך אויסגעדרייט פּונקט אין דער זײַט, פון וועלכער ס'האָט געבלאָזן דער קאַלטער און נאַסער ווינט. עפּעס האָט יי געקלערט, זיך צום סאָף באַשלאָסן אים אָפּצאָלן פאַרן וואָרט:

„....טאַקע דערפאַר וויל זי אים בעטן, אַז ער זאָל וועגן איר מער אַזאַ מיינונג ניט האָבן... און נאָך וויל זי אים זאָגן: אין איינעם אַ

אָוונט איז ער בא איר אינ קאָרידאָר געשטאַנענ... א נארישקייט איז דאָס פונ זײַנ זײַט געווענ... ער האָט דאָך געמעגט אינ שטוב ארײַנגייִנ. ער ווייסט דאָך: ס׳איז איר שטענדיק אָנגענעם, ווענ ער קומט ארײַנ...“

אונ איר מיינונג וועגנ די וואָקזאַל־לײַט ווייסט ער דאָך אויך... זי האָט זיי עפּשער ניט ווייניקער פאַר אים פײַנט...

ער האָט זי באגלייט מיט די אויגנ אונ געטראַכט:

„זי האָט זיי פײַנט, די סאָכרימ, אונ דאָך איז זי צו זיי געקומענ אונ לעבט צווישנ זיי. אונ ער, בייניש, האָט זיי נאָך מער פאַר איר פײַנט, אונ דאָך אנטלויפט ער ניט פונ זיי“.

„אונ פאַרוואָס אנטלויפט ער טאַקע ניט פונ זיי? וואָס ציט אים, בייִנישנ, צו זיי? די פיר הונדערט רובל, וואָס ער האָט פאַר דעמ גאנצנ יאָר פאַרדינט?“

VIII

סאַמע אינ סאָפ ווינטער, ווענ פּרעסט זײַנענ שוינ קליינע געשטאַנענ, נאָר געדיכטע שנייענ האָבנ זיך נאָך טאָג אונ נאַכט אָנ אַנ אופהער אינעמ טונקעלנ וואָקזאַל־געגנט געשאָטנ, איז מייער העכט ווידער צומ וואָקזאַל קלײַענ פאַרקויפנ אראָפּגעקומענ אונ זיך באזעצט אינ א היפּשנ ביידער פונ א גאָענט פויערש שטיבל. ווי דאָס פריערדיקע מאָל האָט ער איצט געלט פאַרדינט, פאַפיראָסנ אָנ א שיר געריכערט אונ מיט די וואָקזאַל־סאָכרימ קיינ איבעריק וואָרט געוואָלט אויסריידנ. אינ זײַנ טונקל־זײַדנ, עטוואָס אונטערגעהויבנ פאָנעמ האָט זיך קיינ שומ פאַרענדערונג ניט געזעג, אונ נאָר דענסטמאָל, ווענ זײַנע צופיל אָפענע אויגנ האָבנ זיך אפ די סאָכרימ אָפּגעשטעלט, האָט זיך געדאכט, אז די סינע צו זיי אונ צו זייער איסאָקימ איז פאַר דער צײַט פונ זײַנ אָפּשטײַנג שטארקער אונ טיפער געוואָרג. בייִניש האָט אפ אימ דענסטמאָל ווי אפ א רעטעניש געקוקט אונ געטראַכט וועגנ דער ווײַטלעכער אומבאקאנטער משערניגאָווער גובערניע, ווו העכט האָט זיך מיט דער סינע אָנגעזויגנ.

„מאָדנע ברויִמ דאַרפנ דאָרטנ זײַנ“.

איינער פונ די מאָדנע ברויִמ איז דאָך העכט אלייִנ געווענ: פײַנט

געהאט דעמ מיסכער מיט אלע איידעלע געפילנ אונ אליינ א סויבער געווענ; גאנצע טעג געזעסנ בא זיכ מיט צענומענע נאָזלעכער אונ מיט זייער ערנסטע, גרויסע אויגנ געקוקט אפ דעמ רויכ, וואָס האָט זיכ פונ זיינ אונטערגעהויבנ מויל געצויגנ. וועגנ וועמענ האָט ער דאָס געקלערט? וועגנ זיכ? וועגנ זיינע פארדינסטנ? צי גאָר וועגנ זיינ קליי-נינק שיינינק ווייבעלע, וואָס ער האָט אינ טשערניגאָווער גובערניע איבערגעלאָזט?

ס'איז געווענ אוממעגלעכ צו טרעפנ.

אונטערנ טיש אונ בעט האָבנ זיכ בא אימ פיל ביכער געוואַל-גערט. צעטרעטנ זיינענ די ביכער געווענ, פארשמירט אונ פארגאָסנ. ער האָט זיי קיינמאָל אינ האַנט ניט גענומענ אונ קיינמאָל וועגנ זיי ניט גערעדט. נאָר אמאָל האָבנ זיכ אפ זיי זיינע צופיל אָפענע אויגנ אָפּגעשטעלט אונ געדאַכט האָט זיכ, אז זיי זאָגנ:

„אז וויבאלד ער אליינ, מייער העכט, הייסט דאָס, וואָס האָט סאָכ-רימ אזוי פיינט, קאָנ זיכ אליינ פונ סאָכרעריי ניט באפרייענ, טאָ צו וואָס זשע נוצנ אָט די טיפ-קלוגע ביכער אונ וואָס פאר א הילפ קאָ-נענ זיי די מענטשנ ברענגענ.“

„אונ טאַקע, וויבאלד ער אליינ קאָנ זיכ פונ סאָכרעריי ניט באפריי-ענ, טאָ קאָנענ צו גאָרניט ברענגענ די איבעריקע פילפולימ, אונ דאָס גלייכסטע איז דערפאר צו זיצנ שטיל, אָט ווי ער, מייער העכט, זיצט, שווייגנ אונ קוקנ, ווי ס'ציט זיכ דער רויכ פונעמ האלב-אָפענעמ אונ אונטערגעהויבענעמ מויל“.

בייניש האָט זיכ טאַקע ניט געקאָנט איינהאלטנ אונ אימ געפרעגט:

„ס'איז אפילע גוט מיינ אייסעק, חאָכ וויל ער אימ פרעגנ: אָט איז, לעמאָשל, ער, בייניש, ער האָט עפשער ניט ווייניקער פאר אימ דעמ מיסכער פיינט, דאָכ קלערט ער אפילע א מעלאמעד אינ א דאָרפ צו ווערנ. אונ ער, העכט, ווער פאָדערט דאָס פונ אימ א סויבער צו זיינ? ווער דארפ אימ, לעמאָשל, אָט דאָ באמ וואָקזאל האָבנ?“

אונ העכט האָט פלוצעמ מאָדנע גרויסע אויגנ באקומענ אונ ניט פארשטאנענ:

„וואָס הייסט, ווער ס'דארפ אימ דאָ? ער דארפ זיכ אליינ.“

גלאט א מאָדנער איינפאל פונ א לימוואק! בייניש איז מיט אימ ניט איינשטימיק געווענ אונ געטראכט:

„אַט דאַרף אים, לעמאַשל, זײַנ הילצערנ װײַב ניט האָבנ, נו, אנטלױפט ער ניט פונ איר?“

בא איציק־באָרעכנ האָט בײניש אײנמאָל געטראָפֿנ א דארינק מײדל, װאָס האָט געהאַט א קלײנ קינדערש פּענעמל מיט הארטע אָפּגעשױרע־נע האָר. זי האָט נאָך אינ אײנע פונ די גרױסע שטעט איציקנ ליב געקריגנ אונ צוליב אים אראָפּגעקומענ פאַר א לערערנ אינ אײנע פונ די נאָענטע שטעטלעך. איציק איז דענסטמאָל אפּ אינפלוענציע שלאַפ געװענ, געלעגנ מיט א פֿארבונדענעם האלדז אונ שטארק רױט פּאָנעם אפּ דער נידעריקער קאנאַפּע אונ געשװיגנ.

עפּשער האָט ער געטראַכט, אז דאָס דארינקע מײדל גײט אומזיסט צו אים אונ עפּשער האָט ער אָנ איר גאָר אינגאנצנ פֿארגעסנ, גאָר גע־בענקט נאָך יענע נעפּלדיקע אונ פראָסטיקע טעג, אינ װעלכע ער האָט מארגוליסעם גענצניאַריק שײנ מײדל אפּ זײַנ קינדערשנ שליטל ארומ־געשלעפּט.

ער האָט שױנ, הײסט דאָס, די דארינקע אונ קלײנינקע אױך ניט באדארפֿט. האָט זי זיך ניט װיסנדיק געמאַכט, געקומענ צו אים אלע אָװנט אונ געשמועסט מיט זײַנ ברודער װאָלאָדיענ, דעם קלײנדיקנ אונ פּריציפּשעװאַטנ סטודענט, װאָס איז ניט לאנג אהײמ צוגאַסט גע־קומענ. דאָס מײדל האָט גערעדט מיט הארצ אונ די דארע באקנ האָבנ בא איר מאָדנע געפֿלאַמט אונ װאָלאָדיע האָט געשמײכלט מיט געלע װאַסערדיקע אױגנ אונ געװענ צופֿרידנ פונ דעם, װאָס ער איז איצט צוגאַסט אהײמ געקומענ.

אינעמעסנ איז דאָך בײנישנ געװענ אלצײנס, װענ װאָס זײ רײדנ אונ װעגנ װאָס זײ קריגנ זיך. ער האָט טאַקע אינ זײערע שמועסנ קײנ אָנטײל ניט געװאָלט נעמענ אונ געקלערט, אז צומ „סאָלנעטש־ניק“, װאָס ער האָט ניט לאנג געקױפֿט, װעט ער געװױס הונדערט פֿופֿציק רובל דערלײגנ אונ, װער װײסט, עפּשער טאַקע גאנצע צװײ הונדערט.

אונ באַמ װאָקזאַל זײַנענ שױנ בינטלעך סאָסרימ געשטאַנענ אונ געשמועסט:

„בײניש מאַכט דאָס געשעפֿטנ“.

„א?“

„ער וועט זיך שוין מיטנ „סאָלנעטשניק“ אבי יאָרנ האלטנ“.

„גיין, כ׳מיינ די האלוואָע, וואָס ער האָט דעמ בעצענעצער אָדנ געמאכט“.

„ווייס איך וואָס?! ווער רעדט פונ א כאָסערדייע?“

אונ אינ שטאָט האָט זיינ שוויגער פיוניאקנ דערטאפּט אונ זי-פאר איר קאָפּ געריסנ:

„גוואלד! גוואלד! ווער האָט ניט געוווּסט, אז דער בעצעבעצער וועט הײנט-מאָרגנ אָנ?“

פיוניאק איז באלד צומ וואָקזאל געקומענ אונ דאָס אפּ טעלער צעשמירט:

„כ׳זאָג אײך, ייִדנ: א כאָסערדייע, מיט אלע פּישטשעווקעס א כאָ-סערדייע“.

מיילע, האָט ביניש זיי אלע אינ דער ערד געהאט אונ אפילע ניט געוואָלט וויסנ, וואָס זיי פּלאפּלענ דאָרטנ. דער איקער איז געווענ דאָס, וואָס ער איז צומ בעצענעצער מיט גאנצע פינפ הונדערט רובל ארײנ.

ער איז מאקע צעפּראָנג געווענ אונ די פינגער-נעגל מיט גרויס אײ-לעניש געביסנ, דענסטמאָל ווענ אינ מויעך האָט זיך דעמ גאנצנ טאָג א אײנציקע מאכשאָווע געדרייט:

„א שפּילכל פינפ הונדערט קארבנ?!“

נאָכדעמ האָט ער אבראמטשיקנ אפּ דעמ וואָקזאל דערטאפּט אונ זיך דאָס ערשטע מאָל מיט אימ דערפרייט: ווי קלערט ער טאקע, אבראמטשיק? ער איז דאָך ניט לאנג פונ דעמ זעלביקנ בעצענעצער מיט טויזנט רובל גאנצ ארוים. ווי דענקט ער: ס׳איז מעגלעך די פינפ הונדערט רובל ארויסצוכאפּנ?

אבראמטשיק האָט זיינ פּאָנעמ מאָרנע צונויפ-געקוועטשט אונ אונ-טערנ אויער געגומענ קראצנ מיט קויעך אונ אײלעניש, אזוי, אז ס׳איז שוינ צו גלייבנ געווענ, אז אונטערנ אויער איז בא אימ א מעסוקענע צאָראס פאראנ, וואָס בייסט אימ מעשוגענערהייט אונ לאָזט אימ ניט אָטעמענ.

„ביינישל, אײ... אײ... אײ... ביינישל, האָט ער, קראצנדיק זיך, אפּ

א מאָדנע דינ קעלבל געשריִענ, ווי טוט מענ מיכ פריִער ניט א פרעג?
א, ביינישל...“

בייניש האָט געשווינד די פינגער־נעגל געביסנ אונ מיט פארקערטע אויגנ געקוקט אַראָפ אַפ אבראַמטשיקס פים.

„איז דאָס געלט, הייסט דאָס, יאָוועש?... נו, מיילע, ס'גייט ניט אינ דעמ... האָט ער ווייניקער מיט פינפ הונדערט רובל... דער איקער איז... צי ווייסט אבראַמטשיק ניט: עפשער קענ מענ פאַרט דאָס געלט ארויסכאַפנ?.. א?.. ניינ? נו, האָט ער דאָס אינ דער ערד אונ וויל אפילע וועגנ דעמ ניט טראַכטנ...“

„נאָר וואָס אנטלויפט איר, אבראַמטשיק? וואָס האָט איר קיינ צייט ניט... וואַרט צו... ס'ווילט זיכ גלאַט אזוי א ביסל ריידנ... המ, שוינ עפשער טאָקע לאַנג ניט גערעדט... נו, אונ ווי קלערט איר, לעמאָשל, — וועגנ אזא מינ פלאַנ: נעמענ דעמ „סודעבנעמ“ אונ אימ די „קלו־ניע“ פארכאַסמענענ? א?.. ס'איז ניט קיינ פלאַנ? נו, אונ א פאָר טאָג, לעמאָשל, צומ קילקיווער גראַפ, צומ שוואָגער זיינעמ, אונ אימ צוקלאָגנ?.. מ'וועט אויכ ניט פועלנ? נו, איז דאָכ בעמיילע ניטאָ וואָס צו ריידנ... כ'וויל אפילע דעמ קאָפ ניט ברעכנ.“

האָט אָבער דער קאָפ ניט געפאָלגט אונ זיכ זעלבסט געבראָכנ.

דער „סאָלנעטשניק“, אפ וועלכנ ס'איז קיינ קוינע ניט געווענ אונ וועלכנ ס'האָבנ ערגעצ אינ א פינצטער אונ שטויביק ווינקל די מייז געמריי געגעסנ, מיט דעמ בעצענעצערס נארישנ באַנקראָט, וואָס האָט אָנ סייכל בא אימ געלט געליִענ אונ אָנ סייכל אָנגעוועצט, האָבנ זיכ צו אימ אינ קאָפ פארקליבנ אונ דאָרטנ דעמ איינגעמידטנ מויעכ גע־פרעכט. ס'איז געווענ שווער צו געדענקענ זיי, שווער צו פילנ זיי אינ יעדנ קנייטש פונעמ הארצ אונ נאָכ שווערער איז געווענ זיי צו פאַר־געסנ אונ צו טראַכטנ, אז ס'איז קיינ „סאָלנעטשניק“ אפ דער וועלט נישט געווענ אונ אז דעמ בעצענעצער האָט ער קיינ פינפ הונדערט רובל נישט געגעבנ.

דאָכ זיינענ געווענ מינוטנ, ווענ ער האָט זיכ פארגעסנ, ארומגעגאַנ־גענ באַמ וואָקזאַל אונ געטראַכט וועגנ דעמ, וואָס אבראַמטשיקנ איז גוט, הערפאַר וואָס קיינער האָט בא אימ קיינ געלט נישט צוגענומענ, דערפאַר, וואָס ער האָט א רעזערוואַר, א שיינע שטוב, געלט אונ דע־

ריקער א שיינ אונ קלוג ווײַב, וועלכע ער איז נישט ווערט. אונ געוואָלט האָט זיכ דערנסטמאָל, אז ס'זאָל א שטורעמווינטיקער אָוונט זײַנ אונ שנייענ בייזע זאָלנ אינ די אויגנ פאטשנ אונ א ווינט א בייזער זאָל די דרויסנ־לאָדנס אָנ וואנט קלאפנ אונ קיינער זאָל בא אבראמטשיקנ אינ באלויכטנ שטיבל נישט זײַנ, כוץ אים מיט יענער טונקעלער אונ שיינער, וועלכע זאָל קוקנ אפ אים מיט קלוגע אויגנ, אויסהערנ מיט גרויס אופמערקזאמקײַט זײַנע טיפע יעסורים אונ זאָגנ:

„איר דארפט וויסנ, בייניש, איכ פארשטיי אײַכ... כ'פיל עפעשער צוזאמענ מיט אײַכ...“

נאָר וואָס האָבנ זיי, די וואָקזאל־לײַט, פונ אים געוואָלט? פארוואָס האָבנ זיי געשמועסט וועגנ אים אינ יעדער ווינקעלע? פארוואָס האָבנ זיי פונ יעדנ לאָב ארויסגעקוקט אפ אים מיט שמייכלדיקע אונ נײַגעריקע אויגנ אונ אָנגעוויזנ:

„אָט גייט ער, בייניש, אָט איז ער... ווי איכ בינ א ייִד.“

אָט איז א לעצטער ווינטערדיקער פארנאכט. פײַכט איז דער וואַרעמער אוויר, פײַכט איז דער וואָקזאל מיט די אָפּגעשאָקלטע אונ נאקעטע ביימער, וואָס רינגלענ אים ארום, פײַכט זײַנענ די מענטשנס פנעמער.

ערגעץ העכער פונ אײלעמ־האטוויע קריגנ זיכ איבער די חימלענ דער ווינטער מיטנ פרילינג. שמייכלט דאָרטנ דער פרילינג אונ בעט:

„הימלענ, זײַט ריינ אונ לויטער, ס'וועט דאָכ אײַכ נאָכדעם געווינ האנאָע טאָנ“.

בייזערט זיכ דער ווינטער אונ ווינקט מיט זײַנע בארויגעזדיקע ברעמענ:

„הימלענ, טוט אײַערס“.

קווענקלענ זיכ דאָס די הימלענ אונ ווייסנ נישט וועמענ צו פאָלגנ. זיי זײַנענ טאקע אָט לויטער, אָט וואָלקנדיק.

אונ אומבאשעפטיקטע מענטשנ פארײַסנ צו די הימלענ זייערע קעפ אונ קלערנ:

„ווו וועט זיכ די זונ זעצנ: אינעמ וואָלקנ צי אינעמ ריינעמ הימל?“

אפ דעם וואָקזאל־פלאץ שטייענ בינטלעכווײַז די סאָטרימ אונ שמועסנ נאָכ אלץ פונ בייגישנ:

„סטײַטש, ער איז דאָכ שוינ באַלד א קאַפּצנ, בא אימ בלײַבט דאָס?!“

קומט אָנ א פּאַסאַזשיר־צוג, פאַרגעסנ זײַ בײַנישנ א ווײַלע אונ נעמענ זיכ צומ יונגנ אוילעמ, וואָס לױפט ערגעץ אינ פאַרשײדענע גרױסע שטעט אונ פאָרט איצט אהײמ אפ יאַגאָטינ. מע װינקט אָפּ אָנ אויסגעדאַרטנ באָכער, אינ עקסטערנ, א באַלמאָרעשכױרע אונ מע באַקלאָגט אימ:

„אוי.... אָרעמ, נעבעכ, אָרעמ, ווײ איז דער מאַמענ“.

אונ װענ ס׳גײט נאָר אָפּ דער צוג, דערמאָנט מענ זיכ ווידער אָנ בײַנישנ:

„שא, וווּהינ פאָרט בײַניש אפ פײסעכ? די שוויגער זײַנע וועט דאָכ אימ געוויס מיט א שטעקנ דורכטרײַבנ.“

ער גײט ארומ אײנער אלײנ, בײַסט די נעגל אונ טראַכט:

„וואָס האָבנ זײ צו מיר?“

עלי דערבאַרעמדיקער גײט פאַרבײַ אימ מיט א פרעמדנ סויכער אונ קלאָגט זיכ צומ סויכער מיטנ דינעמ ווײַבערישנ קאָל:

„שײנע געשעפטנ מאַכט מענ הײַנטיקע צײַטנ. אָט איז באַמ װאָקזאַל אײנער בײַניש רובינשטײנ פאַראַנ... איר האָט שוינ געהערט?.. נו זעט איר שוינ... כ׳זאָג אײַכ, מ׳טאָר מאַקע הײַנט נישט ארויסלאָזנ א קאָפּעקע פונ האַנט“.

ער איז אָנ א זײַט געשטאַנענ אונ געטראַכט:

„אונ ווער האָט דענ, כוץ פיוניאַקנ, אפ דעמ וואָקזאַל צעפּויקט?“

נאָר פיוניאַק האָט זיכ נישט וויסנדיק געמאַכט אונ זיכ, נישט ווײַט פונ אימ, מיט די וואָקזאַל־לײַט געווערטלט:

„הערט איר, פאַניע דערבאַרעמדיקער, כ׳האָב שוינ דאָ ווענ אײַכ א סאַכ געטראַכט, אָט לאָזנ ייִדנ זאָגנ... ס׳פאַרדריסט מיכ אפ אײַכ ביז דער לעבער... איז אָבער צו אײַכ נאָר אײנ אײצע פאַראַנ: אָפּשטעלנ אײַכ אָט דאָ אונ אָפּצײלנ די עמעסע עמלעכע פעטש. איר פאַרשטײט?“

דער אוילעמ לאַכט געשמאַק אונ נאָר באַמ גוטנ מאַסקל אונ באַלמידעמ שמײכלענ עטוואָס פאַרוווּנדערט די אויגנ.

„פעטש? פרעגט ער, פאַרוואָס, רעב לײוויִ?“

אונ פיוניאַק קווענקלט זיכ אונ ענטפערט אפנ קאָל:

„גאָר פּעטש. דענ געלט, זאָג איכ, האָט איר; א שיינעמ טאטנ האָט איר געהאט, אינ געלט אָדער אינ קאָוועד דירט איר קיינעמ נישט אָנ, אונ א נעדאָוועו א שיינע גיט איר אויכ, איז צו אזא כאָצעפּ אונ אזעספּאָנעמ קיינ אנדערע אייצע, זאָג איכ, נישטאָ: מע גיט אימ די עמעסע עטלעכע פּעטש אפּ שטומלאָשנ אונ לאָז ער גיינ לאָדנ צומ מיראָווויי".

דער פרײלעכער אוילעמ האָט געלאכט אונ פרײַנטלעכ געקלאפּט אינ פּיוניאקס פּלייצעס. נאָכדעמ האָט זיכ דאָס געלעכטער פּלוצעמ איבערגעהאקט אונ געהערט האָט זיכ ווי עמעצער פרעגט:

„נו, אונ ביינישנ, רעב לייווי?"

א מ אפּ צעזעצענ ש האָט דאָס עמעצער געפרעגט, אונ פּיוניאק האָט זיכ מיט דער שײַלע דערפרייט אונ באלד אָפּגעענטפערט:

„ע־ע, שויטע איינער, ביינישנ האָט זיכ שוינ אלײנ אויסגעפּאטשט".

„ש־ש־שא!"

ביניש האָט געהערט, עמעצ האָט שטיל פּיוניאקנ געזאָגט, אז ער, ביניש, שטייט דאָ נישט ווײַט. ער האָט געפילט, ווי מע קוקט אפּ אימ אונ מע האָט מוירע זיכ באגעגנענ מיט זײַנע טארומעסדיקע אונ באלײדיקטע אויגנ. דאָס הארצ האָט זיכ שוינ געשווינד אונ מיט א ווייטעק געקלאפּט אונ אלעמאָל זיכ אונטערגעטונקט אינ עפּעס א מאָרנע הייסער אונ זודיקער זאכ. אזוי מעשונע אונ נישט פארשטענד־לעכ איז געווענ דאָס, וואָס ס'קלינגט נאָכ פּאמעלעכ אונ רויִק פּיוני־אקס ווערטלדיק קאָל:

„ער מעג שוינ הערנ, נישקאָשע, שלוימע ליפּ איז שוינ רײַכער פאר אימ".

ס'האָט געקלונגענ אינ די אויערנ אנ אומגעוויינלעכ גרויסער גלאָק. דאָס הארצ האָט שוינ שנעלער אונ שטארקער געקלאפּט אונ די זאכ, אינ וועלכער דאָס הארצ האָט זיכ געבאָדנ, איז שוינ הייסער געווענ. די אויגנ האָבנ געקוקט מיט א מעלאנכאָלישער פלײַסיקײַט אונ דאָכ האָבנ זיי פאר זיכ קיינעמ נישט געזענ, כוצ יענעמ אײַנגעהויקערטנ, הויכנ אונ ווערטלדיקנ, צו וועלכנ ס'האָבנ זיכ אומגעוויינלעכ שטארק געצויגנ די אויגנ, די הענט, דאָס אופגערודערטע אָפּגעבריטע הארצ אונ צו וועלכנ ער איז געגאנגענ פעסט אונ שטאָלצ, טראָגנדיק מיט זיכ אויכ אזא פעסטנ אונ שטאָלצנ פּסאָק:

„נא זשע דיר!..“

ער האָט געפילט, ווי זײַנ האַנט האָט זיכ מיט קאם אונ קויעכ אראָפּגעלאָזט אפּ פּיוניאַקס באַק אונ געשעפּט העמ שיקעדיג טאם פונ נעקאָמע:

„איכ איצט גיי לאָז מיכ דו צום מיראָווי!“

עפּעס האָט ער א מאָרנעמ ענטפּער דערהערט: אנ אומפּאַרשטענדלעכנ אויסגעשריי פונ א ווילדער אונ צערייצטער שטימע:

„אַראַ־אַ!“

ער האָט אָבער נישט געוווּסט, ווער ס'האָט דאָס געשריי געטאָנ; ער, ביניש, צי גאָר יענער אײַנגעהויקערטער אונ הויכער, וואָס האָט זיכ מיט ביידע הענט באַמ אויסגעפּאַטשטנ פּאָנעמ געהאַלטנ? ס'האָט אימ עמעצער פונ הינטנ ארומגעכאַפּט אונ אימ פאַר די הענט גע־האַלטנ. ער האָט זיכ נאָכ אַלצ צומ אויסגעפּאַטשטנ פּיוניאַקנ געריסנ אונ געטראַכט אַלצ איינ קורצנ אונ פּראַקטישנ געדאַנק:

„אונ היינט לאָד מיכ דו צום מיראָווי...“

גוטע פרײַנט זײַנענ צו אימ אינ א פּאָר טעג ארומ געקומענ אונ געזאָגט:

„ביניש! פאָרט אָפּ פונעמ וואָקזאַל“.

ער האָט אינ זייערע פּנימער געקוקט אונ געטראַכט וועגנ פּיוני־אַקס פינפ־אונ־צוואַנציקיאָריקנ באָכער, וואָס איז נישט לאַנג פונ זעל־נער־דינסט געקומענ. א געזונטער, א הויכער, אנ אָנגעטאָנענער אינ א קורצ לײַבל מיט לאַנגע שטיוול, דרייט ער זיכ איצט באַמ וואָקזאַל ארומ אונ קוקט ארויס אפּ אימ, ביינישנ. דער באָכער האָט א רויט פּויערש פּאָנעמ, שטאַרקע פּלייצעס מיט קרעפּטיקע הענט. דער מויעכ זײַנער איז קליינ, צונויפּגעוואָקסנ אונ פאַרגרעבט. אז מע זאָגט אימ:

„שלאָג!“ קאָנ ער א מענטשנ דערהארגענענ.

„ס'איז א טערעצ? מ'מוז פאָרנ“.

„ס'טוט אימ איצט אפילע א ביסל ווי דער קאָפּ, אונ די הענט מיט די פיס ברעכנ, נאָר ס'איז א טערעצ?“

אָט לייגט ער זיכ איצט פרי שלאָפנ אונ מאָרגנ גאַנצ פרי מיטנ זעקס־אזייגערדיקנ...

האָט ער אָבער באנאכט, נאָכ א לאנגנ פארוואָגלטנ דרימל פלוצעם דערפילט א מעשונעדיקע קעלט אינ אלע אייוורים, אראָפּגעשטעלט א ציטערדיקנ אונ באָרוועסנ פוס אפ דער קאלטער פאָדלאָגע אונ ארופ-געוואָרפנ אפ דער קאָלדרע זײַנ שווערנ אונ ווארעמענ ראָק. אָבער דער ראָק האָט נישט געווארעמט אונ ער האָט זיכ אונטערנ שווערנ צודעק מיט אלע זײַנע גלידער געוואָרפנ אונ געקלאפּט מיט די ציינער.

פארמאכנדיק די אויגנ האָט ער שוואכ אײַנגעדרימלט אונ אינ זינענ געהאט, אז מ'דארפ שוינ אָט באלד פאָרנ מיטנ זעקס-דאזייגערדיקנ...

אונ וויאזוי איז ער דאָס פלוצעם שוינ אינ צוג ארויסגעוואקסנ! אינ שלאָפ-וואגאָנ האָבנ נאָכ ליכט אינ די לאמטערנעס געברענט. באָר-וועסע פיס האָבנ דאָרטנ פונ די פּאָליצעס ארויסגעשטעקט. ער האָט זיכ אינ האלב פינצטערנ ווינקל פארשטופט, האָבנ זיכ אָבער דאָרטנ באקאנטע געפונענ, געשמייכלט צו אים אונ געפרעגט:

„וואוהינ, וואוהינ פאָרט מענ דאָס, רעב ביינעש, א?"

ס'איז געווענ אומעגלעכ שווער צו הערנ די שאלע אונ דאָכ האָט ער געמוזט צושמייכלענ אונ ענטפערנ:

„מע פאָרט.. מע פאָרט... צום טאטנ אפ פייסעכ פאָרט מענ".

„גאָר אזוי?"

די באקאנטע האָבנ נישט פארשטאנענ אונ ער האָט נאָכ אלצ צוגעשמייכלט. א מאטאנע פירט ער דאָס דעמ טאטנ, א ביסל נאכיים פונ אנ ארויסגעגעבענעם זונ... אונ דער טאטע אליינ... דער דרימלדי-קער, הויכער אונ ארויסגעדארטער ייִדעד אונ זאבסנ, וואָס האָט נאָכ אינ דעמ פארוואָרפענעמ שטעטל אנ אויסגעקרימטע האלב-אײַנגעפאלע-נע שטוב אונ א שטאָט אינ מיזרעכ. ער נעמט דאָרטנ מינאסטאט קיצווע אונ מאטנ-בעסייסער פונ רײַכע באלעבאטימ, וואָס געדענקענ נאָכ זײַנ שווערס אשירעס... אונ די מאמע זײַנע, די אײַנגעהויקערטע אונ קלוגע ייִדענע, וואָס קאָנ נאָכ אלצ אָנ די גוטע, יונגע יאָרנ נישט פארגעסנ, וועט זיכ די ווארעמע טרערנ מיטנ פארטעכ ווישנ, ארויס-גלאָצנ צו אים פונ צײַט צו צײַט א רויט טרערנדיק ראכמאנעס-אויג אונ וועט די גאנצע צײַט אינ זינענ האָבנ די איינציקע ווייענדע מאכ-שאָווע:

„דערלעבט... ריבוינעשעלוילעם"...

אונ איידעלע יונגעלײַט מיט געוועזענע כאווירים, פאר וועלכע ער

האָט זיכ יונגלווייז באַרימט, אַז ער וועט אַמאָל אַ גרויסער גוויר זײַנ...
און די שווינדלדיק-טרויעריקע קרויווימ פונ דעמ ערשטנ ווײַב...

אַלצ, אַלצ איז פאַראַנ דאָרט, אינ יענעמ טײַערנ שטעטעלע, וווּהינ ער פאָרט איצט אָפּ פּייסעכ. טאָ לאָזנ זשע לעפּאָכעס אָט די באַקאַנטע צו אימ נישט שמייכלענ און לאָזנ זיי נישט פרעגנ:

„וווּהינ? וווּהינ פאָרט מענ דאָס, רעב בייניש?“

נאָר אינ זײַנ קלײנעמ כײדערל, וואָס אינ אײַנגעהויקערטנ, פויערשנ שטיבל, איז שוינ זייער הייס געווענ. אַ בלאַסע שײַנ פונ אַ טונקעלנ, קאַלטנ און זייער וואָלקנדיקנ פרימאָרגנ האָט דאָ שטיל גערוט. ער האָט געעפנט די אויגנ און נישט פאַרשטאַנענ:

„איז ער, הייסט דאָס, נאָכ נישט געפאָרנ?“

ערגעצ אינ אַ לאָכ, וואָס אָפּ דער אויסגעקרימטער און גוט אויסגעהייצטער הרובע, האָט געגרילצט אַנ אומרויִקע גריל און ווילד האַנאָע געהאַט פונ דער וואַרעמקייט. זייער טונקל איז אינעמ קלײנעמ כײדערל געווענ, און אויכ אַזוי טונקל איז געווענ דאָרטנ פונ יענערזײַט קלײנעמ און פירעקיקנ פענצטערל, ווו דער אַלטער עפּלבוימ האָט זיכ אײַנגאַנצנ געשאָקלט און עמעצנ מיט זײַנע נאַקעטע און טרויעריקע צווײַגנ געסטראַשעט.

ער האָט זיכ דערמאָנט אָנ פּיוניאַקס קרעפּטיקנ באָכער, וואָס דרייט זיכ אַרומ באַמ וואָקזאַל, אַ קלער געטאָנ, אַז ער ווערט שלאָפּ און צוריק פאַרמאַכט די אויגנ. די הענט מיט די פיס האָבנ ווי געטאָנ, דער קאָפּ איז געווענ שווער און הייס, און דרימלענ האָט זיכ שטאַרק געוואָלט.

האָט אָבער דער רועכ נעסט פונעמ וואָקזאַל אָנגעטראָגנ, גוטהאַרציקע סאָכרימ, הייסט דאָס, האָבנ זיכ פאָרט דערבאַרעמט און געקומענ אימ טרייסטנ:

„ווייס איכ וואָס? ס'איז אַ קלײנער אומגליק“.

דער איקער, הייסט דאָס, איז נישט דער פּאַטש, וואָס ער האָט פּיוניאַקנ געגעבנ, נאָר דאָס, וואָס אַבראַמטשיק שמעלצט זיכ, וואָס סאָכרימ מיט קאָמיסיאָנערנ קוועלנ און מאַכנ לייצאָנעס. דאָרטנ, באַ אַבראַמטשיקנ, זיצנ זיי און פרעגנ:

„ער האָט דאָכ שוינ באַלד קײנ פרוטע ניִשט?“
וואָס איז דאָ שײַעכ? ווער ווײסט ניִשט, אז א צווײטער אָפּ זײַנ אָרט וואָלט באַמ וואָקזאַל צופרידנ געלעבט אונ זײַנ געלט וואָלט ער ניִשט אָנגעוואָרנ אונ פּיוניאַק וואָלט קײנ האָזנ ניִשט געהאַט?..
ער האָט א ציטער געטאָנ מיט אַלע הײסע גלידער אונ זיכ אופּ-געכאַפּט.

אינ זײַנ קלײנעמ טונקעלנ כײדער איז געווענ שטיל אונ פּוסט, אונ נאָר באַמ בעט איז געשטאַנענ א געזונטער אונ קרעפּטיקער יונגערמאַנ אונ געהאַלטנ זײער א קאַלטנ האַנט אָפּ זײַנ ברענענדיקנ שטערנ. מיט שווערע אונ שלאָפנדיקע אויגנ האָט ער צומ יונגנמאַנ אַרופגעקוקט אונ געזענ: זײער א באַקאַנט, פריש אונ פאַרביק פּנעמ מיט אויכ אזא באַקאַנטנ, פרישנ אונ רויִקנ שמײכל.

„אזוי, גאָר אזוי?“ האָט דעמ יונגנמאַנס פרישער שמײכל גע-פרעגט אונ ער האָט זיכ שוינ דערמאָנט, אַז אזוי שמײכלט נאָר אי-ציק-באָרעכ אונ געענטפערט אינ געדאַנק:
„אזוי, געווים אזוי...“
לעבנ איציקנ איז געשטאַנענ דאָס חאַרינקע אָפּגעשוירענע מײדל אונ געקוקט אָפּ אימ מיט דערשראָקענע אויגנ.

„עפּשער זײַנ ווײַב אַרויסרופנ?“ האָט זי איציקנ שטיל געפרעגט.
אונ איציק האָט גאָרנישט געענטפערט אונ נאָכ אַלץ געשמײכלט.
בײניש האָט פאַמעלעכ פאַרמאַכט די אויגנ אונ ווידער אײַנגעדרימלט.

ער האָט זיכ אופגעכאַפּט, ווענ אינ כײדער האָט שוינ א לאָמפּ געברענט. דער וואָקזאַל-דאָקטער האָט מיט קעלט געטעמט אָפּ זײַנ הײס פּנעמ אונ אימ אײַלנדיק אַרומגעטאַפּט מיט שטעכנדיק קאַלטע פינגער.

„א לונג-אָנצינדונג אָדער א טיפוס, ווער ווײסט אימ?“ האָט דער דאָקטער אָפּגעזיפצט.

אונ פאַר די לעצטע ווערטער האָבנ זיכ ניִשט דערשראָקנ ניִשט ער, ניִשט איציק אונ ניִשט דאָס דאַרינקע אָפּגעשאָרענע מײדל. נאָר באַ וואָלאָדיענ האָבנ זיכ אָפּ א רעגע צעשפּרײט די געל-וואַסערדיקע אויגנ אונ באַלד ווידער אָנגעפאַנגענ צו שמײכלענ.

IX

אינדרויסנ איז שוינ ווידער ווארעמ געווענ.

ארומטאנצנדיק אפ די קרומע צווייגנ פונעמ מיט זונענ־שטראלנ באגאָסענעמ עפלבוימ, האָבנ זיכ די פייגעלעכ מעסאמייעכ געווענ מיט דעמ נייעמ פרילינג. פאר גרויס נאכעס האָבנ זיי געפישטשעט, געשפרונגענ אונ זיכ געהוידעט אפ יעדנ דינעמ אונ פייכטנ צווייגעלע.

דורכנ אָפענעמ פענצטער האָט זיכ געזענ ווי דער באלעבאָס, דער פויער, שפאנט דאָרטנ ארומ אינ סעדל אָנ א היטל, באטראכט יעדעס יונג ביימעלע, טוט דאָס א שאָקל אונ פרוווט, צי ס'האָבנ דעמ ניט געשאט די ווינטערדיקע פרעסט. זיינע גרויסע צוויי הינט, האָריקע, איינגעפאשעטע אונ זאטע, זיינענ אימ באמעלעכ נאָכגעגאנגענ טריט בא טריט. געכאפט דערעכאגעוו א הינטישע שפיל, זיכ געיאָגט, געראנגלט, געביסנ אלצ אפצוקלוימערשט. אפנ עק גאָרטנ האָבנ זיי א פרעמדנ כאזער באמערקט אונ זיכ געלאָזט צו אימביידע מיטאמאָל, לויפנדיק געשווינד איבער די שווארצע שטיקער פונ דער פייכטער גאָרטנ־ערד. דערזעענדיק די הינט נאָכ פונווייטנ, האָט דער כאזער פונ שרעק פארגעסנ דאָס אָרט, וו דער הילצערנער פלויט איז בידעריק, אונ זיכ געלאָזט לויפנ אינ אנ אנדער זייט. באלד אָבער האָט ער דערפילט, אז די הינט האָבנ אימ געפאקט פאר זיינע לאנגע אויערנ, אונ אופגעהויבנ אנ אומגעלומפערט כאזערש געפילדער.

אונ דאָ האָט דער פויער געוועהט צו זיכ אליינ, דערזענ, אז ביניש שטייט באמ אָפענעמ פענצטערל, אונ זיכ פאר אימ פארשעמט.

ביניש האָט זיכ פאמעלעכ אָנגעטאָנ אונ דאָס ערשטע מאָל נאָכ דער שלאפקייט ארויסגעגאנגענ אינדרויסנ.

אזוי ווארעמ אונ שיינ איז שוינ געווענ. אונ די הימלענ זיינענ שוינ געווענ פארכאָלעמט אונ בלוי, אונ א זונ א פארכאָלעמטע האָט זיכ שוינ אינ זיי געלויכטנ אונ געמאכט קינדערשע ביינדלעכ, גלייכ ווי עמעצ וואָלט צו איר שמייכלענ אונ טשמאָקענ מיט די ליפנ.

ער איז געשטאנענ די הענט אינ די קעשענעס אונ געקוקט.

א שמאָל אונ אויסגעטראָטנ סטעזשקעלע האָט זיכ געדרייט צווישנ צוויי זייטנ האלב פארטריקנטע שטיקער בלאָטע אונ פארפאלנ געוואָרנ ערגעצ אינ גראָבנ, וואָס באמ וואָקזאל.

„צומ וואָקזאל גיינ?“ האָט ער געקלערט.

ער האָט זיכ געגעבנ א טאפ פאר זײַנע מאָגערע באקנ אונ באַטראכט זײַנע אָפגעשוואכטע דארע הענט; ארויסגענומענ פאמעלעכ דעמ טאש אונ אימ מיט צונויפגעדריקטע ציטעריקע פינגער נאָכאמאָל איבערגעלייגט.

„א טאכלעס, האָט ער אָפגעזיפצט, א שיינער טאכלעס“.

ער איז געגאנגענ פאמעלעכ, ווי א קליינ קינד, וואָס האָט זיכ נישט לאנג גיינ אויסגעלערנט, אונ געקוקט אראָפ, ווו זײַנע טריט האָבנ געמאכט סימאָנימ אפ דער ווייכער ערד. ארומ איז געווענ רויִק אונ שטיל. מיט א רויִקער שטילקייט האָט זיכ צעגאָסנ די שײַנ פונ דער זונ אונ ליבלעכ געוואַרעמט די קליינע צעוואָרפענע שטיבלעכ.

אונטער די ווייכע זונענ־שטראלנ האָבנ די שטיבלעכ געכאפט א באטאָגיקנ דרימל אונ הדימלענדיק זיכ צוגעהערט צו יענע קלעפ פונעמ שמיד, וועלכע האָבנ ערגעצ ווײַט דערציילט דער שטילקייט אלצ איינ לאנגזאמע אונ טרויעריקע מײַסע:

„א מײַסע מיט א דערשלאָגענעמ“.

„א מײַסע מיט אנ אומגליקלעכנ“.

„א מײַסע מיט א טרויעריקנ, וועלכער האָט דורכ שוויימ אונ שווערקייט זײַנ פארנאָסע באקומענ“.

לעבנ וואָקזאל האָט אימ אָנגעיאָגט אבראמטשיק קויפמאנ, אימ א קניפ געטאָנ הינטנ ארומ אונ מיט גרויס אײַלעניש ארײַנגעשריענ אינ זײַנ אויער:

„ביניש, עפשער א גמילעס־כעסעדל, א?“

אונ בעשאס ביינישס דארע באקנ האָבנ זיכ פאמעלעכ פארקנייטשט מיט א שלאָפנ שמייכל, איז שוינ אבראמטשיק געשווינד געלאָפנ מיט אנ איבערגעשראָקענעמ קאָמיסיאָנער אונ האלב ערנסט, האלב מיט לײַצאָנעס צו אימ געטײַנעט:

„נו, בעהיימע, האָסטו אָנ מיר נישט געקאָנט מוידיע זײַנ דעמ נאַטשאלניק?“

אונ ביניש האָט נאָכ אלצ געשמייכלט אונ געהאלטנ צו אימ אויסגעשטרעקט זײַנ שוואכע אונ דארע האנט.

באלד זײַנענ קעגנ אימ פונעמ וואָקזאל אָנגעקומענ צוויי באקאנטע קאָמיסיאָנערנ.

זיי האָבנ זיכ לעבנ אימ נישט אָפּגעשטעלט, אפילע נישט באַגריסט, נאָר געוואָרפנ א שווײַגעדיקנ בליק אפ זײַנ בלאס אונ אויסגעדאַרט פּאָנעמ אונ אונטער זײַנע פּלייצעס שוינ געשמועסט וועגנ אימ אפנ סאָכרישנ לאָשנ:

„נו, וואָס זאָגסטו?“
„וואָס זאָל איכ זאָגנ?“
„דורכ טיר אונ דורכ טויערנ, א?“
„וואָס פרעגסטו?“

אונ ער איז געגאַנגענ ווײַטער מיט קליינע אונ שוואַכע טריט. דער שלאָפער שמייכל האָט זיכ פונ זײַנ דאַר פּאָנעמ פּאַמעלעכ אַראָפּגערוקט אונ זיכ פאַרביטנ אפ א ביטערער מינע פונ קליינקײַט אונ געפאַלנקײַט. עפּעס האָט ער נישט פאַרשטאַנענ אונ אַליינ נישט געוווּסט, וואָס ער פאַרשטייט נישט. אַלצ איז אַרום געווענ פּאָשעט אונ געוויינלעכ, אַלצ האָט ווי געוויינלעכ גערוט מיט א שטיל עטוואָס פאַרכאָלעמט געזיכט אונ זיכ שטיל געהילט אינ דער ליכטיקײַט פונ דער גרויסער מײַרעוו-זונ.

ס'איז שוינ געווענ נאָכ דעמ אָפּגיינ פונ די באַטאָגעדיקע צוגנ.

אפנ ליידיקנ וואָקזאַל-פּלאַצ האָבנ דאָ אונ דאָרטנ ארומגעטאַנצט פייגעלעכ. זיי זײַנענ געשפּרונגענ פונ איינ אָרט אפנ צווייטנ אונ צײַטנווײַז געפּיקט בא זיכ אונטער די פליגעלעכ.

פיר יונגע סאָכרימ זײַנענ דאָ געזעסנ אפ א באַנק, זיכ געוואַרעמט קעגנ דער אָפּגייענדיקער הויטלעכער מײַרעוו-זונ אונ האָבנ געשמועסט פונ מיסכער, פונ סאָכרימ אונ פונ שיינע יונגע ווײַבלעכ.

אָט האָט איינער פונ זיי אימ באַמערקט, א שמייכל געטאָנ צו די איבעריקע אונ באַלד אַראָפּגעלאָזט די אויגנ. אונ אַלע האָבנ שוינ געקוקט אפ אימ אונ אימ באַטראַכט מיט א שטומ-סאָכרישנ שמייכל.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ, געמאַכט עטלעכע טריט אונ שטיינ געבליבנ פאַר דעמ מיטלסטנ גרויסנ אונ פינעקיקנ פענצטער פונ דער צווייטער קלאַס. מיט קאָרטנ אינ די הענט זײַנענ דאָרטנ ארומ א טיש געזעסנ עטלעכע פרעמדע סאָכרימ, פּיוניאַק, שלוימקע פּערל אונ דער קאָמיסיאָנער מיטנ געזונטנ פּאָנעמ אונ גרויסע פאַרדרייטע וואָנצעס. א רויקײַט איז געלעגנ אפ זייערע פּענעמער, - א רויקײַט פונ

מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט לאַנג אויסגעשלאָפן, געטאָן אַ געש־מאַקן גענעץ, טראַכטנדיק: עט, וועלן מיר עפּשער כאַפּן אַ קערטל.

נאָר אָט האָט פּיווניאַק אַ ווונק געטאָן צום פענצטער. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און אים באַטראַכט מיט אַ שמייכל. ער האָט זיך אוועקגעדרייט פונעם פענצטער און איז געגאַנגען צוריק אַהיים, גע־שפּאַנט צוריק מיט די זעלבע פּאַמעלעכע און שוואַכע טריט, מיט וועלכע ער איז נישט לאַנג צום וואָקזאַל געקומען.

ער איז געלעגן אין בעט און געטראַכט, אַז ער האָט איצט פאַר־קרענקט דאָס לעצטע געלט, אַז בא אַבראַמטשיקן איז שוין אָפּן דער באַלקאָן, אַף וועלכן מע טרינקט איצט לאַנגזאַם טיי און מע וואַרעמט זיך קעגן דער הויטער, פאַרגייענדיקער זון.

ס'איז אַרײַנגעקומען וואָלאָדיע מיט זײַנע גאָלדענע קנעפּ און וואַ־כעדיקע אויגן. ער איז לאַנג געזעסן לעבן אים, לאַנג געשמייכלט מיט זײַנע וואַסערדיקע אויגן און לאַנג דערציילט, אַז איציק לערנט שוין ווידער ערגעץ אין די גרויסע שטעט, אַז דאָס קליינע אָפּגעשאָרענע מיידל וויל שוין אויך אין יענע שטעט פאָרן, אַז אַבראַמטשיקס ווײַבל איז אַ שיינע און אַ בייזעוודיקע, און דערפאַר האָט בײַשעס צו אַ ר ער, דער קלייענדיקער מיט די געל־וואַסערדיקע און טאָמיד־שמייכלענ־דיקע אויגן.

אָן עפּעס־וואָס האָט זיך וואָלאָדיע פּלוצעם דערמאָנט, אויפגעשפּרונגען מיט אַ פאַרביק קוועלנדיק פּאָנעם און אָנגעהויבן געשווינד און פיל מאָל דערמאָנען דעם נאָמען פון אַבראַמטשיקס שיין ווײַבל און אויך דעם נאָמען פון יענעם הויבן און געזונטן קאָמיסיאָנער, וועלכער האָט געהאַט פאַרדרייטע וואָנצעס מיט אַ נאַריש און שיין פּאָנעם.

„אָט אַ מאַזיק! האָט זיך וואָלאָדיע אַפן קאָמיסיאָנער געוווּנדערט, ער האָט געלייגט דעם קאָפּ, איר פאַרשטייט?“

„אַזוי?“ האָט ביינעש געפרעגט.

און דערנאָכדעמאָל, ווען ער האָט געלערנט, אַז יענער, וועלכער האָט זײַן קאָפּ געלייגט און זײַן ציל דערגרייכט, דרייט זיך איצט רויק אַרום אַפן וואָקזאַל־פּלאַץ און געגעצט פון צײַט צו צײַט מיט אַ שטאָלצער און זיכערער מיינונג וועגן זיך, האָט אים שוין וואָלאָדיע געקיצלט און־

טערן אָרעם, געוונקען צו אים מיט א צוגעמאַכט אויג און גע־פרעגט:

„נו, און איר, ביינישל, א? טצצצ!.. טצצצ!..“

ער האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט, אַז איר, דער זעלבער, האָט ער פיל מאָל דערציילט וועגן זיך, וועגן זײַן מיעס און שלאָפּ ווײַב, און געפילט א טעמפּן ווייטעק פון כאַראַטע און בושע.

ס'איז שוין אין ביידע געווען האַלב טונקל, שטיל און רויק. דורך דעם אָפענעם פענצטער האָט פון דער הימל־בלויער הויכקייט אַרײַנגע־קוקט א ריינע, ווי נאָרוואָס אויסגעבאָדענע, לעוואָנע און אויסגעזען, ווי זי האַלט אינמיטן א כאַראַקטעריש־טרויעריקן געדאַנק. מיט דערע־כערעץ און קאָוועד האָבן צו איר אַרויפגעקוקט די פאַרשטיינערטע שפּיצן פון די אָפּגעגילטע נאָענטע און ווײַטע ביימער און אַלץ גע־וואַרט אַף דעם מאָמענט, ווען די לעוואָנע וועט זיי דעם סאָד פון טרויער און אייביקער מאָרעשכוירע מעגאַלע זײַן. נאָר די לעוואָנע איז אַלץ געווען פאַרטיפט אין הימל־זאַכן. געשטאַנען אַף איין אָרט און געקלערט.

ערגעץ נישט ווײַט זײַנען א גאַנצע מאַכנע הינט מיטאַמאָל אָנגע־פאַלן אַף א דורכגייער. די הינט האָבן זיך אַרום אים געטראָגן מיט רעציכע, מיט קאַס און מיט ווילדע גוואַלדן, גלײַך ווי ער וואָלט געווען דער אייניקער גאַזלען, אַף וועלכן זיי וואַרטן שוין דאָ פון יאָרן, פון יאָרן.

ס'האָט זיך געהערט, ווי דער דורכגייענדיקער שרײַט און טרײַבט זיי פון זיך אַוועק, ווי איינער א הונט האָט פון אים געכאַפּט א גע־שמאַקן קלאַפּ און איז מיט א טרויער־קלאָג אַוועקגעלאָפן אין א זײַט.

ס'איז ווידער געוואָרן שטיל און רויק.

אין דער טיפעניש פון א פינצטערן ווינקל האָט זיך נאָך אַלץ גע־וועבט וואַלאָדיעס פּאָנעם; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווינקט דאָרט מיט א צוגעמאַכט אויג, לאַכט פון צווישן צונויפגעדריקטע ציינער און פרעגט:

„נו, און איר, ביינישל, א? טצצצ!.. טצצצ!..“

אינדרויסן האָט עמעץ ווי א קרעל געטאָן די וואַנט, געמאַכט עט־לעכע שטילע טריט צום פענצטער און באַלד אַרײַנגערוקט אינווייניק אַנ

איבערגעדעקטנ מיט א שווארצנ שאל קאפ. ער האט זיכ מיטאמאל אויפגעהויבנ אונ דערזענ אבראמטשיקס ווײַבל. אינ איינע רגע האבנ זיכ אינ זײַנ קאפ צוזאמענגעקליבנ פיל אפגעריסענע געדאנקענ וועגנ איר מיטנ קאמיסיאנער אונ מיטאמאל פארטומלט דעם מויעכ. עפעס האט זי געפרעגט, מיט איר געוויינלעכ דינ אונ אנגענעם קאל, נאר ער איז געווענ צעטומלט אונ נישט געהערט.

„ווארט, האט ער זוכנדיק עפעס געשווינד מיט די הענט אפנ טיש געמורמלט, אט וועל איכ דעם לאמפ אנצינדנ".

אבער ער האט אפנ טיש גארנישט געפונענ אונ דעם לאמפ נישט אנגעצונדנ. אינ דער טונקלקײַט, וואס אינ כיידער, האט ווידער גערוט א שטילקײַט, זיכ געטוליעט צו די ווענט אונ זיכ אלעמאל דורכגעשניטנ מיט איר טרויעריק עטוואס אראפגעלאזט קאל:

„אזוי שיינ איז שוינ די נאכט, אזוי ווארעם אונ שטיל..."

וועגנ עפעס־וואס האט זי דערציילט לאנגזאם אונ שטיל; וועגנ א מענטשנס אנטלאפנ לעבנ, וועגנ איר אינ אייגענעם האלב־טונקעלנ באלעמ, וועלכער האט זי לאנג געגארט אונ איז צום סאפ נישט מעקויעם געווארנ.

ארום האט אלץ געשוויגנ אונ זיכ אײַנגעהערט מיט בענקשאפט אונ געפיל. די פארכאלעמטע לעוואנע האט זיכ אינדרויסנ נעענטער צוגערוקט, ארײַנגעווארפנ איבער איר אראפגעלאזטנ קאפ א געלע אונ בלאסע שײַנ אונ האלב פארקלערט געהערט וואס דאס ווײַבל אינעם שאל דערציילט:

„ווײַט־ווײַט ליגט דאס אונדזער שטעטל. אפנ שיפוע פונ א בארג ליגט דאס... א גרויסע לעוואנע שײַנט שוינ דארטנ איצטער געווים, אונ די זשאבעס קוואקנ שוינ דארטנ די קנעפלעכ פונעם טײַכ־בלאט ארום אונ קוואקענ אפ דער לעוואנע קוקנדיק... אונ דאס וואסער קלאפט שוינ דארטנ מיט געוויש אונ דרייט די מיל־ראד וואס אינ טאל... אונ יונגעלעכ שפילנ זיכ שוינ דארטנ מיטנ פרישנ שטויב... ווארפנ דעם שטויב אינ דער הייכ אונ שרײַענ, ווארפנ אונ שרײַענ..."

זי האט זיכ פלוצעם פאנאנדערגעלאכט אפנ קאל אונ שטיל געבליבנ. מיטאמאל איז ארום געווארנ שטארק רויק אונ נודנע. פונ א ווינקל האט זיכ אנגעהויבנ ארויסרוקנ עמעצנס א לאנגער שאטנ אונ באלד נעלעמ געווארנ. נאכ דעם האט זיכ געהערט ווי ניט ווײַט אינ

סערל יאָגט זיך א הונט נאָך א צעריייצטער קאַץ, ווי די קאַץ אַנט־לויפט און דראַפּעט זיך געשווינד אַרויף אַף איינעם א נאָענטן בוים.

„עכככ!" האָט עמעצ נאָענט א טיפן זיפץ געטאָן.

ביִיִיש האָט זיך ווי פון שלאָף אופגעכאַפּט, עפּעס־וואָס מאָפּקער געוועז און אַף דעם אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

„עט!.."

נאָר זי האָט שוין דערציילט פון זייִנעם א קראַנקן אינטערעס. וועגן זייִן שלאַפקייט האָט זי דערציילט, וועגן דעם ווייב, וועלכע איז צו אים דעמסטמאָל פונעם שטעטל געקומען:

„אָפּגעוועזן צוויי טאָג און אַליין קראַנק געוואָרן... געגאַנגען ערגעץ, נעפאַלן און אין כאָלאָשעס געבליבן."

זיי זייִנען שוין ביידע געגאַנגען אַף דער שמאָלער און מיט לעוואַנע־שייִן באַגאָסענער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צום וואָקזאַל, געגאַנגען פּאַמעלעך טריט בא טריט און ביידע געקוקט אַראָפּ.

ס׳האָבן געגלאַנצט פייַכטע גרינגע דעכער. ס׳האָט ערגעץ מאָדנע געגרילצט א פאַרבלאָנדזשעטער נאַכט־פויגל, און רויט־גרינע לאַמ־טערנס, וואָס אַף דער דריטער ווערסט, האָבן פון ווייַטן אָפּגעגעבן א גרוס פון מענטשן, וועלכע שלאָפן נישט באַנאַכט.

„איר פאַרשטייט? האָט זי זיך מיט א זיפץ געקלאָגט, אַלץ האָט מיר ליגן געזאָגט, און איך בין א נאַר געוועזן און געגלייבט; האָב איך נאָכדעם אַליין ליגן געזאָגט, האָט מען מיר אויך געגלייבט... דאַרפט איר דאָך וויסן: אַליין בין איך אויך מיעס אַרייַנגעפאַלן: ליב געהאַט איינעם און כאַסענע געהאַט פאַר א צווייטן. נאָר וואָס איז דאָ שני־עך?.. אַפן וואָקזאַל שמועסן האָך שוין פון מיר ווייבער..."

אַנטקעגן איז פּלוצעם אָנגעקומען א גרויסשטעטיקער סויכער, וואָס איז נישט לאַנג צום וואָקזאַל אַראָפּגעקומען. זיי האָבן זיך אָפּגעגעש־טעלט. דער סויכער האָט פּאַמעלעך די ברילן פונעם נאָז אַראָפּגענומען, זיי אויסגעווישט לאַנגווייַליק, געלאַכט און דערציילט, אַז ער גייט, „סאָבסטווענאַ גאָוואָריא" צו זיי — צו איר און צו אַבראַמטשיקן: הייכט דאָס, אַז ס׳איצט באַם וואָקזאַל אומעטיק און ס׳ווילט זיך אין קאָרטן שפּילן. נאָכדעם האָט ער די ברילן צוריק אָנגעטאָן, אַרומגע־

קוקט ביינישנ פונ קאפ ביז די פיס, זיכ ווי איבערצייגט, אז ער איז קיינ מענטש נישט, אונ געזאגט צו איר:

„קומט“.

אונ זי האט זיכ שוינ מער אפ אימ נישט ארומגעקוקט אונ ערגעץ אוועקגעגאנגענ מיטנ גרויסשטעטיקנ סויכער.

ווענ זיי זיינענ פונ די אויגנ נעלעמ געווארנ, האט ער גלאט אזוי א זיפצ געטאנ אונ פאמעלעכ אוועקגעשפאנט צו זיכ אהיים. וואלאדיע איז אימ פלוצעמ אנטקעגנ געקומענ, שווער געעטעמט אונ אינ איילעניש געפרעגט:

„ז'איז געווענ דא, לעבנ אײער פענצטער?“

אונ אז ער האט געענטפערט יא, האט וואלאדיע שוינ ווידער צו אימ מיט א צוגעמאכט אויג געווונקענ, געקיצלט אונ געפרעגט:

„נו, אונ איר, ביינישל, א? טצצצ!.. טצצצ!..“

X

גאנצע טעג האט ער אינ זײנ קלײנעמ כײדערל ארומגעשפאנט אונ געשוויגנ. אלצ, אלצ איז שוינ אונטער די פלייצעס געבליבנ; ס'איז שוינ אפילע איבעריק געווענ וועגנ דעמ צו קלערנ. האט ער נאר געקלערט וועגנ דעמ, וואס מענטשנ איז גוט אונ אימ איז שלעכט. צומ וואקזאל איז ער נישט געגאנגענ, נית דערפאר וואס ער האט זיכ פאר עמעצנ געשעמט, נאר דערפאר וואס ער האט די סאכרימ נישט פארגונענ:

„זיי, וואס מאכנ געשעפטנ, קויפנ אונ פארקויפנ, קוקנ דאכ אב זײנ אויסגעדארט פאנעמ אונ האבנ הנאה פונ דעמ, וואס אפ אימ איז א ראכמאנעס“.

אינ איינ אווענט, ווענ ער איז אנ אומבאקאנטער באמ וואקזאל געשטאנענ, האט ער געהערט ווי סאכרימ ריידנ וועגנ דעמ:

„ווער, ביינישְ? ער רעדט שוינ צו זיכ אלײנ“.

עמעצ א סויכער האט געוואלט זיכ פאנאנדערלאכנ, נאר א צווייטער האט אימ געשטערט אונ זיכ געשווארנ:

„מענטש אײנער, אנ אויסגעטראכטע מעסע דערצייל איכ דאכ דיר?“

מע האט דארטנ גערדונגענ, אז ער איז שוינ עפשער נישט באמ

גאַנצן סייכל. און פּיוניאַק האָט נאָך דערציילט וועגן דעם מישפּעט מיטן פּאַטש, וואָס וועט איינגיכן זײַן, און זיך באַרימט:

„אָט וועט איר זען... נײַן אײלן אין דר׳ערד וועל איך אים באַגראָבן".

ער האָט זיך אַוועקגעדרייט און נישט געוואָלט וועגן פּיוניאַקן טראַכטן.

און דער מישפּעט איז געווען.

פּונקט אום ערעוו שוועס איז ער אויסגעפאַלן און מיטגעבראַכט די סאָכרים א פריילעכן גערודער.

דאָרטן, אין עק „קאַזאַניע"-דאָרף, ווו דעם „מיראָווי סודיאַס" ווײַס און נאָרוואָס אָפּגעקאַלכט שטיבל האָט זיך אײַנגעאַנצן אינעם געדיכט פאַרוואַקסענעם גאָרטן באַהאַלטן, האָט שוין שטאַרק מיט גרינס און מיט ערעוו-שוועס געשמעקט. די בלײַענדיקע ביימער האָבן, ווי פרישע קאַלעס, אַף דער גרינער ערד געקוקט און זי פאַרדעקט פון דער שפּאָגל-נײַער זון, וואָס האָט אונטער זיי ליכטיקע פאַרמלאָזע פלעקן געוואָרפן. ס׳איז געווען עלף דער זייגער פרי. בייגיש איז אַן א זײַט א פאַרבאַהאַלטענער געשטאַנען און געזען, ווי אַלעמאָל טאָג צו א נײַע פור מיט נײַע סאָכרים—אײדעס. ער האָט אַף זיי גישט געוואָלט קוקן און זיך פאַרטראַכט.

אַבראַמטשיק האָט אים דאָ געפונען, אַרײַנגעוואָרפן אין אײַלעניש א פּאָר ווערטער, וועלכע ער האָט נישט פאַרשטאַנען, און באַלד נעלעם געוואָרן. און דאָרטן נישט ווײַט האָבן זיך די סאָכרים, ווי אַף אַן ערעוו-יאָנטעוודיקן בריס, מעזאַרעז געווען און געפרעגט אײנער באַם צווייטן:

„נו, וועט מען דאָס א ביסל גיכער מאַכן?.. ס׳איז דאָך עפּעס ערעוו יאָנטעוו."

דאָרטן, באַ זיי אין דער הוים, זײַנען שוין די טירן אָפן געווען און די פיש האָט מען שוין אָפּן פישברעטל געהאַקט און קינדערלעך האָבן שוין גרינע מאַנטראָווידס אין די אופגערוימטע כאַדאָרים צעהאַנגען.

אָבער דער „מיראָווי סודיאַ", א בייזער אָפּגעדינטער גענעראַל, האָט זיך נישט געאײַלט, זיך לאַנג דערפרעגט באַ יעדן אײדעס און יעדן אײדעם מוסער געזאָגט. דער מישפּעט האָט זיך ביז פאַרנאַכט פאַרצויגן.

די איידעס האָבן ווי מוירע געהאַט, אַז דער בייזער אָפּגעדינטער גענעראַל וועט זיי אַלע פּונעם וואָקזאַל פאַרטרייבן. זיי האָבן דערפאַר פאַרפלאָנטערטע דיבורים געשאָטן, געענטפערט נישט אויף דעם, וואָס מע האָט זיי געפרעגט, און דערנאָך זיך אָפּגעזאָגט פון איידעס זאָגן.

„מיר ווייסן נישט... מיר האָבן אַליין נישט געזען... מיר האָבן נישט געהערט"

דער „מיראָוווי" האָט זיך געבייזערט אויף זיי און אויף פּיוואָקן, געשריען, אַז ער וועט זיי אַלעמען אין טפיסע אַריינזעצן, און דערנאָך האָט ער צום סאַמע צוויי וואָכן טפיסע צוגעפּאַסקעט ביידישן, דעם אויסגעדאַרטן מאָרעשכוירעניק, וואָס האָט געהאַט אַ שמאַרק בלויז פּאָנעם מיט פאַרטריקנטע ליפּן.

די סאָכרים און מעקלערס זיינען שוין צופרידן געווען פון דעם, וואָס דער מישפּעט האָט זיך שוין סאַפקאָלסאָפ געענדיקט, זיך אין איינעניש אויפגעזעצט אויף די באַלעגאָלישע ברישקעס און מיט פאַרשפּעטיקטע פּענעמער צוגעברומט:

„נו, נו"...

און די באַלעגאָלעס האָבן די פערד צופיל געשמיסן און זיך געשאָלטן:

„פאַרשפּעטיקט די באַן, ווי איך בין אַ ייִד, וויאָ-אָ-אָ!"

ס'האָט זיך געזעצט די זון.

ביידיש איז שוין לעבן דעם מיראָוויס שטיבל אייגער אַליין געשטאַנען און די נעגל געביסן. נישט אין שטעטל, נישט צום וואָקזאַל האָט זיך געגלוסט פאָרן. אָט דאָ, באַם אָפּגעקאַלכטן שטיבל, וואָלט ער עפּשער געשטאַנען לאַנג-לאַנג, געטראַכט און געביסן די נעגל.

„עט, וועט ער בעסער שוין פונדאַנען גיין די צוויי וואָכן אָפּזיצן".

און שפּעטער מיט אַ האַלבער שאָ איז ער שוין מיט צוויי צוגעשטעלטע פּויערים אויף דעם וועג, וואָס צום שטעטל, געגאַנגען. אַ ריינער בלויער הימל האָט זיך פון אויבן געצויגן, טרינע פעלדער זיינען פון ביידע זייטן וועג, ווי אומגעוויינלעך גרויסע פליגל, געלעגן און אינעם ביישמאָשעסדיקן אוויר האָט געשמעקט מיט אָפּגעשניטן גראָז. איינער פון די צוויי פּויערים האָט זיך די נאָז נישט שיין אויסגעשנייצט און אַ זאָג געטאָן:

„נו, גיכער דאָרטן, מאַכ פּיס... ס'איז שוין נאַכט".

און ער האָט נישט געהערט און פאַרטראַכטערהייט געקוקט אַהין, ווי א פאַרשפּעטיקטער פויער איז נאָך מיט פערד און וואָגן אָפ זיין פעלד געשטאַנען, זיינע ליפּן האָבן זיך געשאָקלט און שפּיל געשעפּ-טשעט:

„פינפ הונדערט"...

ער איז געזעסן אין א פאַרשלאָסן פּירעקיק שטיבל, וואָס לעבן פּריסטאַוס הויז, געזעסן אן אָפּגעשוואַכטער און מאָרעשכווערעדיקער, ווי אַן אָויל, און געטראַכט וועגן יוזעפ יאַבעשפּאָלסקין: „געווען א יונגערמאַן צו לייטן, א שטיק אינטעליגענט, געהאַט היפּשע עטלעכע טויזנטער, א שיין ווייב מיט אויך אַזעלכע שייניקע צוויי מיידעלעך און געלעבט ווי א גראַף. האָבן זיך אָבער די געשעפטן פאַרדרייט בא אים... און מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו שמייכלען אים אין פּאָנעם. און צוליב וואָס זאָלן זיי טאַקע צו אים שמייכלען? זיי האָבן קיין קאָפּ קיינמאָל נישט געזען?"

„פּאָרט יוזעפ איינמאָל אָפּ אין א גרויסער שטאָט, פאַרפאָרט אין דער שענסטער אַכסאַניע, לייגט זיך שלאָפן... און גאַנצפרי עפנט מען די טיר פון זיין ביידער אופ און מע זעט: יוזעפ הענגט אָפּ א שטריקל. האָט דאָך יוזעפ א שיין ווייב מיט שיינע צוויי קינדער געהאַט. זיי האָבן נאָך אים געקלאָגט. אָבער ער, ביינ-יש, ווער ווייס נאָך אים קלאָגן?.. סוי-ווי-סוי וואָלט מען שוין דאָך, אז ער איז א ביסל צע-מישט".

„אָבער דער איקער איז נישט דאָס, דער איקער איז, צי יוזעפס דייע איז די ריכטיקע געווען, ער קאָן דאָך נישט ארומקלערן, דען דער קאָפּ... דער קאָפּ איז בא אים צעשלאָגן און דער מויעך צוזאַמפּרעסט און דאָס הארץ, דאָס הארץ איז טרויעריק און פּילט, אז אבראַמטשיקן איז דאָרטן גוט און פרייליך".

דאָרט פון יענער זייט פּירעקיקן פענצטערל זיינען יאָגמעוודיקע שטאָט-מיידלעך אַלע פאַרנאַכט פּאָרויס דער שטאָט געגאַנגען. זיי האָבן געהאַט פרישע פּנעמער, וואָס האָבן געשמייכלט, און בא אים זיינען די אויגן רויט און הייס געווען, און די ליפּן פאַרטריקנט אין בלאַס.

ער האָט געדאַרט פֿון טאָג צו טאָג, ציטנדיק געפֿרווּוט א חוטם מאָל און זיך געטאַפּט פֿאַר דער אויסגעדאַרטער ברוסט. ער איז דאָך אַלעמאָל אַזוי טײַער געווען, און איצט... וואָלט ער, לעמאַשל, פּלוצעם קראַנק געוואָרן, וואָלט ער, לעמאַשל, אויסצערונג באַקומען...

אין איינעם א פֿאַרנאַכט, ווען מ'האָט אים פֿון דעם קוטיקן, פֿירעקיקן קעמערל אַרויסגעלאָזט און אים געזאָגט, אַז ער מעג שוין גיין וווּהין ער וויל, איז שוין בא אים א פּאַרטיקער פּלאַן אין קאָפּ געווען. ער האָט צוגעוואַרט ביז אינדרויסן איז שוין אינגאַנצן טונקל געוואָרן און געדונגען א פֿור צום וואָקזאַל.

אָבער דער מויעך זײַנער איז שוין מיד פֿון טראַכטן געווען און זיך אָפּגעזאָגט פֿון צו דינען. בעשאַס דער וואָגן איז וועלכן ער איז אײַנגעהויקערט און שטיל געזעסן, האָט זיך אינעם ערשטן מאָל, וואָס אַרום דער שטאָט, אַראָפּגעלאָזט, האָט ער שוין דעם פּלאַן געהאַט האַלב פֿאַרגעסן, זיך געוואָלט אָן אים דערמאָנען און נישט געקאָנט. עפּעס האָט זיך אים אין קאָפּ געבאָמבלט:

„ער דאַרף צום וואָקזאַל קומען... ער האָט זײַנע כפֿיצים, וואָס זײַנען אין פֿויערשן שטיבל געבליבן, צונויפֿנעמען... ער דאַרף ערגעץ אוועקפֿאָרן“... נאָר וווּהין, צוליב וואָס פֿאָרן, דאָס האָט ער נישט געוווּסט און געקוקט, ווי די לעוואָנע באַווײַזט זיך אויפֿן גרינעם באַרג, וואָס אַנטקעגן.

דאָ, אויף דעם באַרג, איז שוין דער שמאָלער און ליידיקער וועג מיט א געל קישעף-ליכט באַלויכטן געווען, זיך געשלענגלט אין ביידע זײַטן, זיך אַראָפּגעלאָזט, אויפֿגעהויבן און פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אינעם ווײַטן עק פֿונעם האָריזאָנט, ווו איבער דעם טונקעלן באַרג מיטן וואָקזאַל איז געהאַנגען א גאַנצע געל-זילבערנע לעוואָנע. דער פֿויער האָט די פֿערדלעך צופֿיל געשמיסן, האָבן זיי מיט די ווײַדלעך די סימאָנים פֿון דער בײַטש אָפּגעווישט און געשלעפּט געשווינד דעם וואָגן מיט זײַן שאָטן, וואָס אויף דער ערד, און מיט דעם קליינעם וואָלקן פֿון פֿאַרגילדעטן, עטוואָס פֿײַכטן שטויב. ס'האָט געדרימלט די טונקעלע געל-טונקעלע וועלט. דער קאָפּ האָט זיך פּאַמעלעך אויף דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט און פֿאַרגעסן אינעם פֿײַנעם פֿונעם לעבן.

האָט ער אָבער שוין נישט ווײַט פֿונעם וואָקזאַל דאָס קלאַפּן פֿון

א פויק מיטנ ברומענ פונ א טרובע דערהערט, זיכ ווי פונ א כאַלעמ אופגעכאפט אונ זיכ דערשראָקנ. דאָס פויקנ מיטנ שפּילנ האָבנ זיכ געטראָגנ ערגעצ פונ יענער זײַט, וו ס'איז געווענ דער רעזערוואר. זיכ צעגאָסנ אינ אַלע זײַטנ אונ אָפּגעשטאָרבנ אינ דער טיפ פונ דער נאַכט. ער האָט זיכ אײַנגעקוקט אינ אבראַמטשיקס שטיבל, וואָס איז צופיל באַלויכטנ געווענ, אונ זיכ דערמאָנט: א כאַסענע האָט דאָכ בא אבראַמטשיקס שוועסטער באַדאַרפט זײַנ...

אונ פּלוצעמ האָט ער דערפילט, אז ער ווערט בלאס. דאָס הארצ האָט מאָדנע שנעל געקלאפט אונ אינ צוגעפרעסטנ מויעכ האָט זיכ ארומגעדרייט א שרעקלעכע סוואָרע:

„ער מוז דאָכ בא אבראַמטשיקס שטיבל דורכפאָרנ. ס'איז מעג-לעכ, אז ס'זײַנענ איצט דאָרטנ אויכ זײַנ שווינער מיטנ ווײַב פאראנ... פיוניאַק מיט זײַנ כעווריע וועלנ אימ דאָרטנ דערזענ, דעמ וואָגנ מ'ט אימ ארומרינגלענ אונ שרײַענ: אורא! אורא!"

קעדיי מע זאָל אימ דאָרטנ נישט באַמערקנ, האָט ער דעמ פויער מיט דער פור אָפּגעלאָזט, זיכ גענומענ ליניקס אונ, איבערשנײַדנדיק די רעלסנ, פאמעלעכ אוועקגעשפּאנט צומ קליינעמ גאָרטנ, וואָס באמ וואָקזאַל. דאָרטנ האָט ער זיכ אפ א באנק, וואָס אינ שאָטנ, צוגעזעצט אונ דעמ קאָפּ ווידער ווי א דרימלדיקער אפ דער ברוסט אראָפּגעלאָזט.

ס'איז געווענ שטיל, אונ די געל-באַלויכטענע שפּיצנ פונ די גלײַ-כע טאָפּאָליעס האָבנ זיכ נישט געשאָקלט, אונ קיינ ריר האָט זיכ אפ קיינ בלעטל געטאָנ. נאָר דאָרטנ אינ א ווינקל, וואָס פונ יענער זײַט לאַנגע ביימער-שאָטנס, האָט דאָס מיידל, וואָס האָט אפנ וואָקזאַל בי-כער פארקויפט, געלאַכט מיט איר מעפּורסעמדיקנ געלעכטער אונ הא-נאָע געהאט פונ דער מײַסע, וואָס דער הויכער וואָקזאַל-גימנאזיסט האָט איר דערציילט.

ס'האָט געקלונגענ דער וואָקזאַל-גלאָק.

ווענ צומ האַלב-עלפ-אזייגערדיקנ איז סאַכאַקל צענ מינוט גע-בליבנ, האָבנ זיכ אינ גאָרטנ פאַרלעכווײַז די מעכוטאָנימ באַוויזנ. זיי האָבנ פאמעלעכ ארומגעשפּאנט אפ דער לאַנגער, מיט זאמד באַשי-טער סטעזשקע אונ געשעמערירט מיט שניי-ווײַסע זײַדענע קליידער. גאָר נאָענט לעבנ אימ איז דורכגעגאַנגענ אבראַמטשיקס ווײַבל אונ זיכ געקלאָגט פאר א הויכער באַיאָרטער ייִדענע:

„א מאנ איז ער, חייסט דאָס, נישט קיינ שלעכטער... ער טוט, וואָס איכ הייס. קומט אָבער די נאכט, כראָפּעט ער פונעם שלאָפ, כראָפּעט אונ סליונעט...“

אונ בייניש האָט זיכ פּלוצעמ אָנ שלוימקע פּערל דערמאָנט:
„סטייטש, ער האָט דאָכ שוינ א פּרוטע נישט פאַרמאָגט?!..“
ער איז פּאמעלעכ צוגעגאנגענ צומ באלויכטענעמ וואָקזאל־פּלאצ אונ זיכ אָנ א זייט אָפּגעשטעלט.

אינ אָנגעטאָגענער אינ א שווארצנ סורדעט, שווארצע הויזנ אונ וויסנ האלדז־טוכ איז אבראממשיק מיט איינעמ פונ די מעכוטאָנים געשטאנענ אונ אימ עפּעס דערציילט.
ער איז פּאמעלעכ צוגעגאנגענ, אימ אינ א זייט אָפּגערופנ אונ שטיל געזאָגט:

„באמ לאָזאָווקער איז נישט קיינ שלעכט ביסל באָביק פּאראנ. עפּשער וועלנ מיר מאַרגנ צו אימ א פּאָר טאָנ?“

אונ דערפאר, וואָס אבראממשיק האָט אפ אימ אָנ א שומ וווּנדער געקוקט אונ רויק געשמועסט וועגנ דעמ לאָזאָווקער באָביק, האָט ער, בייניש, שוינ מוט געפילט אינ אבראממשיקנ. ביישעק אונטערגעגעבנ:
„אבראממשיק דארפ דאָכ וויסנ, באמ לאָזאָווקער איז ער, בייניש, א שטיקל באָשעוו“.
אבראממשיק האָט זיכ אונטערנ אויער א קראצ געטאָנ אונ א סאָכרישנ סייכל אופגעטאָנ:
„ער, בייניש, פאַרשטייט דאָכ, מ'מוז פּיוניאקנ פאר א מעקלער נעמענ, דענ אז נישט וועט ער דאָכ געוויס קאליע מאכנ“.

אונ אפ דעמ צווייטנ טאָג זיינענ בייניש, אבראממשיק אונ פּיוו ניאק אפ איינ באלעגאָלישער ברימשקע קיינ לאָזאָווקע געפאָרנ.
צומ אָנהייב האָבנ זיי אלע געשוויגנ. געהערט ווי די ברימשקע וויגט זיכ, א בארג ארופקריכנדיק, אונ ווי שלוימע ליפּ טשמאָקעט צו די פערד. נאָכדעמ האָט זיכ פּיוניאק פּלוצעמ ווי פונ א דרימל אופגעכאפּט אונ גלאט אזוי א זאָג געטאָנ:
„אוי, האָסטו א ווייבל, אבראממשיק!“
דענסטמאָל האָט זיכ אפ אבראממשיקס דיק אונ לויטער פּאָנעמ

א נאַכעסדיקער שמייכל באַוויזן. ער האָט זיך טיפֿער אין בריטשקע אַרײַנגעזעצט און אויף ביינישן אָנגעוויזן:

„אָט לאָז שוין ער זאָגן, אַ, ביינישל?“

„אַ ווײַב, האָט פּיוניאַק געזאָגט, קען מען נישט ביזוואַנען...״

דאָ האָט זיך בײַ אים שוין גאָר אַ מיִעס וואָרט אַרויסגעכאַפּט. ביניש האָט דעם ווײַטערדיקן שמועס נישט געוואָלט הערן און זיך פֿאַרטראַכט וועגן אָנשרײַבן אַ בריוו צום ווײַב:

„לעזוגאָסי האיקאָראָ מאָראַס פּרומקע שעטיכיע. אזויווי איך קלער קומען אויף שאַבעס אַהיים, בעט איך דיך...״

און אויף יענעם ווײַטן באַרג, וואָס איז אונטער די פּלייצעס געבליבן, האָט געדרימלט דער רויטער וואָקזאַל און מיט פֿאַרגליווערטע, טאָמיד האַלב אָפֿענע אויגן אַרײַנגעקוקט אין דער טיפֿער אומבאַקאַנטער ווײַטקייט.

דער טויבער

I

אינ אָנהייב הארבסט איז עפּעס ווידער פאָרגעקומענ צווישנ מענדלענ, וואָווע ביקס ווּקסיקנ אונ שיינעמ באָכער, אונ צווישנ עסטערנ, דעמ מויבנס צוויי-אונ-צוואַנציקיאָריק מיידל, וואָס איז א קעכנ באַמ ביק געווענ. מע האָט וועגנ דעמ גערעדט אינ שטאָט בא די מארק-קלייטנ אונ בא וואָווע ביק אינ דער גרויסער בייטל-מיל, ווו דער טויבער האָט אומעטום געשטופּט זיינע אָנגעשטרענגטע פארשטאָפּטע אויערנ אונ געקוקט מיט כעשק אפּ יעדנ מענטשנ, וואָס האָט נישט וויט פונ אימ א שמייכל געטאָנ, אונ דאָכ איז אימ א שטיק צייט נישט געראָטנ א וואָרט כאַפּנ.

מענדל האָט זיכ נאָכ אלץ פריילעכ געווערטלט מיט יונגעלייטלעכ מויכער-טוועניקעס, וואָס האָבנ אינ מיל ווייץ געבראכט, אונ זיי מיט אנ עלנבויגנ אינ דער זייט געקיצלט:

„הער נאָר, די, ווייסט, וואָס מאקס נאָרדוי זאָגט?“

אונ געמיינט האָט ער דערמיט, ווי אלעמאָל:

„דו ווייסט, וויפל איז אינ א רובל פאראנ קאָפּעקעס?“

ס'איז אפּ אימ גאָרנישט קענטיק געווענ.

אליינ איז ער נישט לאַנג מיט זיינע גלאנצעדיקע שטיוול פונ דער קרייז-שטאָט געקומענ אונ, ארומדרייענדיק זיכ אינ מיל-הויפ, זיכ אינ זיי געשפּיגלט. אלעמאָל האָט ער דאָרטנ אָפּגעשטעלט דעמ יונגנ מילנער, שולצנ, אונ צו אימ געוווּנקענ:

„ווי געפעלנ זיי דיר, מיינע שטיוול, א?“

אונ שולצנ, דעמ ערנסטנ דייטש, איז נישט נימעס געוואָרנ אלע מאָל קוירימ פאלנ אונ די נייע שטיוול אפּ מענדלס פיס גלעטנ.

אַזאַ גרויס געפיל האָט שוינ שולצ אָט אינ די גלאַנצעדיקע שטיל געהאַט, אונ אַזאַ אַנזעערענטער יעיצערהאָרע איז שוינ אינ אימ פונ טאָג צו טאָג צו זיי געוואַקסנ.

ער האָט זיכ אַפילע נישט געפוילט אָט. דאָ אַפנ אָרט באַ מענדלענ א שטיוול אַראָפּשלעפנ אונ אימ אַפ זיינעמ א פוס אָנמעסטנ.

דאָס אַלצ האָט דער טויבער גזזע דורכנ פענצטער פונעמ העכסטנ מיל-שטאָק, ווו ער האָט דעמלט באַ דער הייב-מאַשינ געאַרבעט, געזענ ביגנייווע אונ זיכ אַלעמאָל אַרומגעקוקט, צי עמעצער אַנ אַרבעטער קוקט אימ נישט נאָכ.

עסטער האָט אַלע טאָג מענדלענ עסנ פונ שטאָט געבראַכט. נאָכ דעמ האָבנ זי שולצ מיט מענדלענ מיט די אויגנ פונ מיל-הויפ אַרויסבאַגלייט, מענדל האָט געשוויגנ אונ פאַרקלעמטערהייט צוגעשמייכלט, אונ שולצ, דער מילנער, האָט אַפ עסטערס פלייצעס געווונקענ אונ מענדלענ דאַבקע אַפ א מיעסנ מאָקעמ געקיצלט. אונ האָבנ דאָס טרגעצוו אַרבעטער פונ מיל דערזענ, אַזוי האָבנ זיי באַלד שוינ אַלע די מיל-פענצטער באַקלעפּט:

„אַנו לאָז, לאָז נאָר".

אימ, דעמ ברייט-ביינקנ טויבנ מיטנ איבערגעשראָקענעמ, אָנגעשטרענגטנ פּאָנעמ, האָט דאָס אַזוי געשטאָכנ אונ אַזוי שטאַרק האָט זיכ אימ געוואָלט וויסנ, וועגנ וואָס די אַרבעטער לאַכנ. איז ער אָבער מוירעדיק טויב געווענ אונ געשעמט האָט ער זיכ שוינ פאַר יעדנ מענטשנ אונ פאַר זיכ אַליינ, קיינעמ אינ די אויגנ נישט געקאָנט קוקנ אונ אַלצ געטראַכט וועגנ מענדלס אונ שולצעס בעשויטפעסדיקער אַווירע, וואָס זיי האָבנ אַמאָל געהאַט מיט א טראָגעדיק פּויערש מיידל פונעמ נאָענטנ דאָרפ ריבניצע.

זיי האָבנ דאָכ טאַקע דעמלט דאָס פּויערשע מיידל ערגעצ אַפ א צייט מעשאַלייעכ געווענ.

נאָכדעמ האָט אימ איינמאָל אינ א ווינקל געטראָפנ יאָסעלע באָבציעס, דער אויבנדערמאַנטער קאָפּלשמוינעדיקער מילנאָמענ, אונ צו אימ עפּעס לאַנג אינ א טויב אויער אַרײַנגעשריענ. ער האָט געהערט א וואָרט איבער צענ אונ דאָכ האָט ער צו יאָסעלענ אַלעמאָל מיטנ קאָפּ געשאָקלט.

„יאָ, יאָ, ער הערט".

אזא שעמעוודיקע טעווע האָט ער, דער טויבער, שוין געהאַט, גע־שאָקלט צו מענטשן מיטן קאָפּ און זיי פאַרזיכערט:

„יאָ, וואָס זשע דען, ער הערט נישט?“

צוויי וואָכן קעסיידער האָט ער יאָסעלעס אָפּגעריסענע ווערטער באַ זיך אין טויבן קאָפּ געהאַלטן און ערשט נאָכדעם די מייסע אָקאָרשט אָנגעהויבן פאַרשטיין:

א מייסע מיט צוויי אָפּגעזאָגטע מיל־אַרבעטער, וואָס האָבן מענדלען געוואָלט אויספּאַטשן און אין די פינצטערע אָוונטן אַרומגעשנאָרעט דאָרטן, לעבן ביקס שטוב. האָבן, הייסט דאָס, אַט די צוויי אַרבעטער עפּעס באַמערקט... ער האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, וואָס די אַרבעטער האָבן באַמערקט, אָפּגעשטעלט יאָסעלען לעבן מיל און צו אים מיט דער האַנט א מאַך געטאָן:

„וואָס זאָל דאָס טאַקע באַטייטן, אַט די מייסע מיט מענדלען און מיט עסטערן?“

דאָס האַרץ האָט דעמלט אונטער זיין ברייט־ביינערדיקער ברוסט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, און געטעמט האָט ער מיט לאַנגע, שווערע אָטעמס. ס׳איז אים געווען א ביזויען פאַר יאָסעלען.

„זי האָט אים ליב, האָט צו אים יאָסעלע אָפן טויבן אויער גע־שריגן, זי, עסטער, האָט אים, דעם ביקס באָכער, ליב“.

„זי האָט אים ליב?“ האָט ער באַ יאָסעלען שטיל איבערגעפרעגט.

ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער אויסגעראַרטער קאָפּלשמוינעדי־קער יאָסעלע שטיפט, האָט ער דאָס מויל געעפנט און געלאַכט:

„הע, הע, הע...“

קיין קאָל האָט מען פון אים נישט געהערט, נאָר א מאָדנע ווילדן ברום, וואָס האָט זיך געריסן פון זיין פאַנאַנדער־געצויגענעם מויל. זיי־נע בלייַ־קאָלירענע אויגן האָבן געקוקט אַזוי שפּאָטיש און מעשונע, ערשט נאָך דעם, ווען ער האָט באַמערקט, אַז יאָסעלע רעדט ערנסט, האָט ער געגנוכענע ריידן אָפּ זיין טויבן אָפּגעריסענעם שטייגער, מאַכנ־דיק נישט קיין אויסגעאַרבעטע האַוויעס מיט איינער א קיילעכדיק אייַנגעבויגענער האַנט און ריַיסנדיק מיט געוואַלט אייַנציקע ווערטער פון זיין ברייט־ביינערדיקער און קרעפּטיקער ברוסט:

„אַט זאָל זי באַ אים, דעם טויבן, א פרעג טאָן... ער קאָן זיי

דאָכ אויסגעבונדנ. דעם ביק מיט זײַנ בענ... א שפּילכל? צוואַנציק יאָר אַרבעט ער שוינ בא זיי אינ מיל."

„איכ זאָל שוינ יאָסל זאָגנ, ער ווייסט דאָכ, א?"

יאָסעלע האָט מיט זײַנ באַזאַפּטיקנ קעפּל געשאָקלט:

„ער ווייסט, פאַרוואָס דענ זאָל ער נישט וויסנ?"

אונ אים, דעם טויבנ, האָט זיכ אַזוי שטאַרק געוואָלט געוואָרע ווערנ, וואָס זאָגנ דערום מענטשנ, געזונטע, נישט קיינ טויבע מענטשנ. ער איז געגאַנגענ אפנ וועג פונ מיל אונ צו זיכ אַליינ מיט די הענט געמאַכט.

„אָט, ווענ אינ ביידע זײַטנ פונ זײַנ גרויסנ קאָפּ הענגענ נישט, ווי צוויי שמאַטעס, קיינ צוויי גרויסע אונ טויבע אויערנ, וואָלט ער כאַפּנ דאָ א וואָרט אונ דאָרטנ א וואָרט."

אינזינענ האָט ער געהאַט אַרײַנגיינ אַמאָל צו איר אַהינ, צום ביק אינ קיכ, אונ איר דאַרפנ א נייטיק וואָרט זאָגנ, נאָר פּונקט אינ יענער צײַט האָט זיכ מיט אים אַליינ דער וויסטער אומגליק געטראָפנ, ס'איז אים שוינ, אַפּאָנעם, אַזוי געווענ באַשערט.

II

געשטאַנענ זײַנענ דעמלט קורצע אונ וויינענדיקע כעשווענ=טעג.

נאַריש פאַרמאָרעשכוירעטע הימלענ האָבנ געמאַכט פּיסקעס אונ געוויינט, אפ דער נאַסער אונ שוואַרצער ערד קוקנדיק, קאַוועיאָכל א גויסעס באַקלאָגט:

„ווי איז אונדז... וואָס איז פונ דיר געוואָרנ..."

אונ דאָרטנ, אינ איינזאַמענ טאָל, וואָס אַרום דער שטאָט, האָבנ שוינ באַם ביק אינ מיל א קיילעכדיקע מעסלעס די עלעקטרישע לאָמ־טערנעס געברענט, זיכ טאָג אונ נאַכט געלויכטנ אינ טיפעניש פונעם גרויענ נעפּל אונ ווי אויסגעמאַטערטע געלע אויגנ געווונקענ צו דער נאָענטער כעשווענדיק=געפּאַלענער שטאָט:

„מיר מאָלנ מעל... מיר מאָלנ מעל..."

אינ פּײַכטנ נעפּל איז די פיר־שטאָקיקע מיל אײַנגעהילט געווענ. רויק, ווי פאַרקלערט, האָט זי געברומט איר אוראַלטנ מאָנאָטאָנישנ ברומ אונ זיכ געטרייסלט צוזאַמענ מיט אירע פערציק מענטשנ אַרבע־

טער. צווישנ גערויש אונ טומל האָבנ מענטשנ געאַרבעט מעכאַניש אונ ערנסט־שטומ, ווי די מאַשינעס אונ רעדער, וואָס האָבנ זיכ אַרומ זיי געדרייט, נישט געהערט אונ נישט געקלערט, גלייכ ווי בא זיי איז מויעכ וואָלט געלעגנ די גרויסע געפּאַקטע מיט ווייס מיל־שאָפּנ אונ בא זיי דעמ סייכל אָפּגענומענ:

„די שאָפּנ זיינענ אַזוי ענג מיט ווייס געפּאַקט... א ברייערע האָבנ זיי? מע מוז מאָלנ!"

נאָר זעלטנ ווענ האָט דער מיל־גערויש א פּלוצלינגנ ציטער געטאָנ אונ זיכ מיט א טרויעריק באַס־קאָל דורכגעשניטנ:

„סטאָפּ!.. סטאָפּ!.."

נאָר קיינער האָט זיכ אַפּ דעמ נישט אָפּגערופנ, אונ געדאַכט האָט זיכ שוינ, אַז דאָס באַס־קאָל איז א ווייטס אונ פאַרלוירנס, פאַרבלאָנ־דזשעט געוואָרנ אַהער, אינ א פרעמדער אומבאַקאַנטער וועלט, זוכט עמעצנ אונ קענ נישט געפינענ.

א באָרוועסער מיט א גלייכגילטיק שטויביק פּנעמ איז דער טוי־בער געזעסנ אינ דער אָנגעלאָדענער הייב־מאַשינ אונ זיכ אַראָפּגעלאָזנ פונעמ פערטנ שטאָק. עמעצער האָט פאַרביילויפנדיק עפּעס אַפּ דער הייב־מאַשינ באַמערקט אונ גענומענ שרייענ מיט שרעקלעכע אונ ווילדע קולעס:

„שטעלט אָפּ! שטעלט אָפּ!"

באַמ טויבנ אינ האַרצנ האָט זיכ עפּעס אָפּגעריסנ, געשווינד אַריינ־געגאָסנ זיכ אינ מויעכ אונ דאָרטנ א בליצ געטאָנ מיט אַנ איבער־געשראָקענעמ געדאַנק:

„דער שטריק... דער שטריק האָט געפּלאַצט."

מיט א נער־וועזער שנעלקייט האָט ער זיכ אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר דעמ איבערגעבליבענעמ גאַנצנ שטריק. ער האָט זיכ אַזש אָנגעהויבנ וואונדערנ:

„צי דענ וועט ער אינ עמעצנ פונ אַזאַ הויכקייט אַראָפּפאַלנ?!"

נאָר אינ דער זעלבער צייט האָט אימ שוינ מיט קויעכ א שליידער געטאָנ אינ א זייט. ער האָט געפילט, אַז ער פאַלט, אונ דאַכ האָט זיכ אימ געדאַכט, דאָס עמעצער באַדויערט אימ אונ שעפּטשעט אינ איינעמ פונ זיינע טויבע אויערנ:

„צו שפּעט... צו שפּעט..."

קיינמאָל האָט ער, דער טויבער, אזא שטיל קאָל נישט געהערט, זיך איבערגעשראָקן און צוגעשלאָסן די גרויסע בלוי־קאָלירענע אויגן.

שפּעטער, ווען ער האָט די אויגן צוריקגעעפנט, זיינען שוין ארום אים געשטאַנען פיל שטויביקע ארבעטער, זיך אָנגעבויגן צו אים און געשריִען אין זיינע טויבע אויערן:

„וואָ, ווו טוט וויי?"

מיט א בלאַס, קימאַט מויט פּאָנעם איז ער אַף דער פּאָדלאָגע געלעגן און אפילע קיין קויעך נישט געהאַט אָנצווייזן אַף דער פּאַרוווּנדעטער לאָפּעטקע און העכער, אַף דער זייט.

נאָכדעם האָט מען אים אָפּגעטראָגן אין זיין קליינעם שטיבל, וואָס אין שמאָלן קלויז־געסל. דער טאַנדעטניק מיט דער טאַנדעטניטשקע, וואָס האָבן בא אים אין די צוויי כאַדאָשים געוווינט, האָבן נישט געלאָזט, מע זאָל אים בא זיי ליגן, האָט מען אים געלייגט אויף אַלטע הילצערנעם בעט, וואָס אין קיך.

דער צווייפּענעמדיקער יאָסעלע באַבצעס האָט בא זיך אין באַזאַפּטיקן קעפּל נאָך אַלץ כניפּעדיקע האָמצאָעלעך געהאַט:

זיך פּאַר מענדלען אין די אויגן א מעוואַטלדיקן קראַץ געטאָן אַלץ די מייסע מיטן טויבן צונישט געמאַכט:

„אַן אומגליק א גרויסער... דער רועך וועט אים נישט נעמען, דעם טויבן."

און נאָכדעם געקומען צום טויבן אין קיך און אין זיינע אויערן געשריִען:

„וואָס זשע? געזונטערהייט האָט ער געקלערט פון ביקס יאָדאָים ארויס?"

און צוליב וואָס האָט אים אָט דער צווייענדיקער כניפּע־גאַנג גענוצט?

אים אַליין האָט דאָך שוין אַמאָל דער ביק כווישעד געווען אין א מיעסער גנייווע. איינמאָל אום ווינטער האָט ער אים אפילע אַראָפּגעשליידערט מיט אַלע קויכעס פון די שטיינערנע מיל־טרעפּ, אַזוי אז ער, דער אויסגעדאַרטער יאָסעלע, האָט זיך אַף טויט איבערגעשראָקן, זיך אָנגעכאַפּט פּאַרן שפּיציקן בלוט־פליסנדיקן נעזל און געכליפּעט ווי א יידענע:

„אוי!.. מיין קאָפּ!.. ער האָט מיך דערהאַרגעט, מיין קאָפּ..."

עפּשער האָט זיכ אים אַלײנ שױנ אױכ אײַנגעגעסנ דאָס כניפּעדיקע לעבנ, אונ געװאָלט האָט ער שױנ זײַנ לײַטישער אונ עמעסער, נאָר נישט געקאָנט אונ כאָטש געפּרוּװנ פאַר גײַטיק דעמ טױבנ א גוט װאָרט זאָגנ:

„ס'װעט אים גאָרנישט זײַנ, לאַכלוטנ גאָרנישט. ער דאַרפ זיכ נאָר איבערליגנ, די לאָפּעטקע מיט דער ריפּ אױסװאַרעמענ.“

האָט אָבער דער טױבער קײנ כאָכמעס נישט פאַרשטאַנענ אונ מאָרעשכױרעדיק נאָכגעשאָקלט:

„גוט, גוט. ער װעט זיכ איבערליגנ.“

אַלײנ האָט ער שױנ, דוכט זיכ, נישט געקלערט, נישט װעגנ לעבנ אונ נישט װעגנ טױט, געלעגנ אינ בעט מיט א גלײַכגילטיק אונ בלאָס פּאָנעם אונ זיכ אַלצ נישט געקאָנט מאָסערכראָעס זײַנ פונעם אומעטיקנ געדאַנק:

„אַראָפּגעפאַלנ... פונעם פערטנ שטאָק אַראָפּגעפאַלנ.“

ס'איז אים שױנ, דוכט זיכ, אַלצײַנס געװענ, צי ער װעט אַמאָל פונעם בעט אױפשטײנ, צי נײנ.

נאָכדעם איז אײנמאָל צו אים געקומענ עסטער, געקומענ א שלאַנקע אונ פרישע מיט א נײַ אינ שװאַרצ האַרבסט־רעקל אונ נאָכ מיט נײַערע אונ שװאַרצערע ערנסטע אױגנ. א װײַלע איז זי לעבנ זײַנ בעט דערשטױנט אונ פאַרכאַלעמט געשטאַנענ, זיכ אפילע געהאַלטנ מיט א פינגער פאַר דער געמבע אונ אים פאַרקלערטערהײט באַדױערט:

„א טאַכלעס, א שײנער טאַכלעס איז פונ דיר געװאָרנ“.

זי האָט זיכ אײַנגעבױגנ צו אים, אַפּאָנעם געװאָלט עפּעס אַרײַנשרײַענ אינ זײַנ טױבנ אױער, נאָר זיכ נישט אײַנגעהאַלטנ אונ זיכ פאַנאַנדערגעװײנט אפנ קאָל. דעם קאָפּ האָט זי אַלצ טיפער אונ טיפער אײַנגעגראָבנ אינ די שמאַטעס, װאָס לעבנ זײַנ ברוסט, געכליפּעט אונ געװײנט. אומעגלעכ איז געװענ צו װיסנ װעמעס אומגליק זי באַװײנט: זײַנעם, דעמ צו בעט געפאַלענעם טױבנס, אָדער נאָר איר אײגענעם, דעמ געהײמענ אונ אומבאַקאַנטנ, װי יענע פינצטערע האַרבסט־נאַכט, װאָס אינ איר האָבנ די צװײ אָפּגעזאָגטע אַרבעטער לעבנ ביקס שטוב אַרומגעשנאָרעט אונ עפּעס באַמערקט.

דער טױבער האָט געקוקט אױפ איר מיט זײַנע גרױסע בלײַ־קאָלירענע אױגנ אונ געװאָלט זאָגנ עפּעס א גײַטיק, זײער א גײַטיק װאָרט.

8:7 — 7

א מעטושטעשדיקס אונ פאַרמלאָזעס האָט דאָס וואָרט לאַנג ארומגעשוועבט אינ זײַנ קאָפּ:

„יאָ, דעריקער: זאָל איר דער קאָפּ אינ דער לופט נישט פליִענ, אָ!“

ער האָט שוינ אפילע געהאַט דאָס מויל געעפנט אונ א האַנט אויסגעבויגנ, נאָר עסטער איז שוינ פונעם בעט אופגעשטאַנענ אונ גענומענ דאָס האַרבסט־רעקל פאַרקנעפלענ. זי האָט פאַמעלעכ אונ טרויעריק מיטנ קאָפּ געשאָקלט, מאַרעשבוידעריק אָפּגעזיפצט אונ אפילע א יִעשדיקנ טשמאָקע געטאָנ מיטנ מויל, גלײַכ ווי זי וואָלט מיטנ טשמאָקע וועלנ זאָגנ:

„אויכ א טאַטע... מישטיינסגעזאָגט... וועמענס אייצעס זי וועט דאָ אויסהערנ...“

טאָג אונ נאַכט האָט שוינ נאָכדעמ געגאָסנ דער רעגנ, געגאָסנ א רעגלמעסיקער אונ סטאַמ פאַראַקשנטער, גלײַכ ווי עמעצער וואָלט איִמ בעטנ, ער זאָל אופהערנ, אונ ער וואָלט נישט פאָלגנ אונ אפצולאָכעס זיכ באַזערנ:

„וויל איכ אזוי... וויל איכ אזוי... וויל איכ אזוי...“

ברודיקע האַרבסט־טרערנ זײַנענ גערונענ איבער די נאַסע פאַרבלאָזע שויבנ, זיכ געשלענגלט פאַמעלעכ אונ פויל אונ ענדלעכ אײַנגעזונקענ אינ די אײַנגעהויקערטע אונ נאַסע קיכ־ווענט.

ווער האָט די טרערנ באַדאַרפט?

אלצ איז ארומ געווענ אזוי באַדויגעז אונ בייז, אפילע דער אײַנגעהויקערטער אונ אָפּגעקראָכענער באַק־אויווונ, וואָס האָט דעמ טויבנ טאָג אונ נאַכט גלײַכ אינ פּאָנעמ געקוקט.

אזוי שטומ איז ארומ געווענ. דעמ טויבנ איז אזש א כידעש געווענ: „פליעגט ער דאָכ אמאָל דערהערנ, ווי באַמ טאַנדעטניק קלאַפּט די ניי־מאַשינ.“

גאַנצע שאָענ איז ער געזעסנ אפנ בעט מיט אראָפּגעהאַנגענע פיס, א מאַרעשבוידעריקער אונ שווײַגנדיקער אונ געוואָרפנ באַקאָשע־אויגנ אפ דער טאַנדעטניטשקע, וואָס איז אלעמאָל אינ קיכ ארײַנגעקומענ אונ זיכ אינ באַק־אויווונ מיטנ נאַסנ האָלצ געפּאָרעט.

אזא קלייניקייט האָט ער זי געהאַט צו בעטן, און דאָך האָט זיך זײַן בלאַס אויסגעמאַטערט פּאָנעם ווי באַ אַ בעטלער פֿאַרקרימט:

„אָט ווען זי' וויל נאָר אַ פּאָר ווערטער צו אים איינ' טויבן אויער אַרײַנשרײַען, וואָלט ער הערן אָפּ וויפֿל ער איז טויבער געוואָרן.“

איז אָבער די טאַנדעטניטשקע אַזאַ פֿאַרשאָלטענע שלאַנג געווען. אַלעמאָל איז זי לעבן זײַן בעט דורכגעגאַנגען, זיך אפֿילו אָנגערירט אָן זײַנע אַראָפּגעהאָנגענע פֿיס און אפֿילו איין מאָל אים גישט מער זאָקע געווען מיט קיין בליק. אַזאַ שלעכטע איז זי שוין געווען, אָט די אײַנגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע, און איר אויפֿמערקזאַמקייט האָט ער שוין גישט געקענט צו זיך צוציִען אפֿילו מיט זײַן בעטלערישן פֿאַרקרימטן פּאָנעם.

אָט, ווען ער שטעלט איר אַ פּיסל אונטער און פֿאַרהאַלט זי לעבן זיך, וואָלט זי אַזש אַ ציטער געטאָן פֿאַר שרעק און וואָלט זיך געכּידעשט:

„זע נאָר, ער לעבט נאָך, דער טויבער?“

ס'האָט אים פֿאַרדראָסן אָפּ דער טאַנדעטניטשקע, האָט ער שוין אָפּ איר מיט בייזע אויגן געקוקט און פּאָר קאָם עפּעס אונטערגעברומט. אַזוי פֿלעגט ער אַמאָל בייז קוקן און אונטערברומען אָפּ זײַן ווײַב לייע. זי פֿלעגט זיך דערמאָלט אָפּצולאָכעס אין די קליידער שלאָפֿן לייגן, און ער פֿלעגט דערפֿאַר די שיסל געקעכץ פֿונעם טיש אַ כאַפּ טאָן און זי מיטאַמאָל אָפּ דער ערד אַ שלײַדער טאָן.

עסטער איז אייגמאָל אַרײַנגעקומען און זיך לאַנג געקריגט פֿאַר אים מיט דער טאַנדעטניטשקע, און ער איז געלעגן אין בעט, אָרנישט געהערט און שוין ווידער געטראַכט וועגן יענעם ערנסטן און וויכטיקן וואָרט, וואָס ער האָט זײַן עסטערן באַדאַרפֿט זאָגן. דאָס וואָרט האָט זיך לאַנג באַ אים אין טויבן קאָפּ געדרייט און ענדלעך אַרויס אַ ווייכס און נאַרישס, גישט דאָס, וואָס ער האָט געקלערט:

„אָ, זעסטו, ווען זי, דײַן מאַמע לעשאָלעם, לעבט...“

אַרויסגעזאָגט האָט ער דאָס אַזוי האַרט און שווער, און דאָך האָבן זיך שוין זײַנע אויגן באַלד אָנגעהויבן שעמען פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר איר, דער שלאַנקער און אויפֿגערעגטער, וואָס האָט שוין גישט געדענקט ס'אַרא פּאָנעם איר יאָרנלאַנג געשטאָרבענע מוטער האָט

געהאט. זי האָט אױפֿ אים מיט אזא װוּנדער געקוקט, גלײַכ װי זי װאָלט באַ אים װעלנ פֿרעגנ:

„צו װאָס נוצט זי איר איצט, אָט די געשטאָרבענע מאַמע, װאָס אפֿנ אלטנ בעסוילעמ?“

זי האָט ארויסגענומענ פֿונ טאַש א שטיקל פֿוטערגעבעקס אונ אים געגעבנ. האָט ער דאָס פֿארזוכט, דערפֿילט דעמ געשמאַקנ טאַמ אינ גענומענ דאָס ארומקוקנ:

„דער ביכ װײסט, װאָס גוט איז.“

אונ פּלוצעמ איז דער געדאַנק, מיט װעלכנ ער האָט זיכ לאַנג ארומגעטראָגנ, אויסגעפֿורעמט געװאָרנ אינ די נײַטיקע װערטער:

„ס'איז קרומ... אָט דאָס, װאָס די ארבעטער האָבנ דערמיט באַנאַכט געזענ...“

„אונ װאָס נאָכ? ער גלײבט זײ נישט, נישט דעמ ביכ אונ נישט דעמ בענ זײַנעמ. ער גלײבט זײ לאַבסאָלוט נישט.“

II

מיט די ערשטע פֿרעסט האָט אים דער װײטעק אינ דער זײַט אונ אינ דער לאָפּעטקע אָפּגעלאָזנ. די קיכ־פֿענצטער זײַנענ שוינ געװענ פֿארבלאָזנ מיט שנײ. אונ באַ דער טאַנדעטניטשקע אינ אויװנ איז דאָס האָלצ נאָכ נאַסער געװענ. ס'איז אים געװענ קאַלט, האָט ער ארופֿגעשלעפּט אױפֿ זיכ די שטוּל, אָנגעטאָנ דאָס װאַטענע לײַבל, זיכ הארט צוגעגאַרטלט מיטנ רויטנ גאַרטל אונ אפֿילו אָנגערוקט דאָס אויסגעפֿליקטע שמויסענע היטל איבער די טױבע אויערנ. דער טאַנ־דעטניטשקע איז אזש א כידעש געװענ:

„װוּהינ? װוּהינ גײט ער דאָס, דער טױבער?“

„אינ קלויז, האָט ער איר מאָרעשכוירעדיק אונ שטיל אָנגעװיזנ, ער גײט זיכ אָנװאַרעמענ... אינ קלויז.“

די טאַנדעטניטשקע האָט עפּעס אפּגיכ מיטנ מויל געמאַכט. עפּ־שער האָט זי אים געשאָלטנ. ער האָט נישט געװוּסט אונ זיכ נאָר געגאַנגענ זײַנ װעג.

אינ קלויז האָט אים אײנמאָל באַ דער הײסער הרובע געפֿונענ יאָסעלע דער נעמאָנ אונ גענומענ צו אים שרײַענ:

„דער ביק!.. ביק!“

עפּעס האָט ער צו אימ געשריגנ וועגנ דעמ, וואָס דער ביק האָט אימ, יאָסעלע דעמ נעמאָנ, אומזיסט אָפּגעזאָגט פונ מיל אונ נאָכדעמ אויסגעלאָזנ עפּעס וועגנ אימ, דעמ טויבנ.

„יאָ, יאָ. ער, דער טויבער, דאַרפ דעמ ביק לאָדנ...“

„לאָדנ?“ האָט דער טויבער זיכ געוווּנדערט.

ער האָט עס נישט פאַרשטאַנענ, אופגעהויבנ די האַנט גאַנצ הויכ אונ אַפּ דעמ ביק אָנגעוויזנ, אַראָפּגעלאָזנ די האַנט גאָר נאָענט צו דער קלויז־פאָרלאָגע אונ אַפּ זיכ, דעמ טויבנ, מעראַמעז געווענ:

„דער ביק, האָט עס געהייסנ, איז אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, אונ ער, דער טויבער, איז אַזוי קלײנ... גאָר קלײנ. געוויס וועט דער גרויסער דעמ קלײנעמ מענאַצייעכ זײנ.“

יאָסעלע האָט זײנ שטערנ פאַרקנייטשט, זיכ פאַרקלערט אונ אויש גענומענ דאָס בערדל אינ האַנט. אונ דעמ טויבנ האָט זיכ שוינ געהאַכט, אַז ער האָט אַ קלוג אונ אַ טיפ וואָרט געזאָגט. ער האָט זיכ דערפאַר אויכ פאַרקלערט אונ צוגעגעבנ:

„זאָל כאָטש דער ביק אימ, דעמ טויבנ, צורו לאָזנ...“

געמײנט האָט ער דערמיט נישט זיכ מיטנ ביק, נאָר עסטער מיטנ ביקס ברוינעמ אונ וואַקסיקנ באָכער, געקלערט עפּעס פרעגנ וועגנ דעמ בא אימ, יאָסעלע דעמ נעמאָנ, אונ נישט געוווּסט וויאַזוי.

נאָכדעמ איז אַ קאַלטער אינ שנייעדיקער אָוונט געווענ, אַ פאַרקלערטער איז ער צו עכפּערנ צוגעגאַנגענ אונ אינזינענ געהאַט פרעגנ בא איר אַ נייטיקע זאַכ, אינזינענ געהאַט דעמ גאַנצנ וועג אונ זיכ אפילע געכאַזערט וויאַזוי אָנהייבנ:

„אַ מענטש באַדאַרפ וויסנ... אַ מענטש באַדאַרפ פאַרשטיינ...“

אָבער, ווענ ער האָט די הרויסנ־טיר פונעמ ביקס טיר געעפנט, האָט ער דערזענ, ווי דער וואַקסיקער אונ דירעוודיקער מענדל האָט זיכ מיטאַמאָל פונ אײנעמ אַ קיכ־ווינקל אַ לאָז געטאָנ אונ געשווינד אַ פּראַל געטאָנ אינ דער צווייטער ווײסער טיר, וואָס האָט צומ ביק אינ די כאַדאָרימ געפירט. ער האָט זיכ דערשראָקנ, דערפילט אַ מעשונעדיק האַרצקלאַפּעניש אונ ווידער דאָס נייטיקע וואָרט פאַרלוירנ. אינ זײנ טויבנ קאָפּ האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ כשאַד:

„מענדל איז אַ מיִעסער באָכער... גאָר אַ מיִעסער באָכער“.

נאָר עסטער איז שוינ געזעסנ לעבנ אימ, געשטופּט אימ א גע־
באַקטע קאַרטאָפּל אינ האַנט אונ צו אימ געשריִענ:

„געווענ דאָ ער, נאָטע דער שאַדכנ.“

אונ דעמ טויבנס פּאָנעמ איז שוינ אויסגעבעסערט געווענ, אונ די
בלײַ־קאָלירענע אויגנ זײַנע האָבנ שוינ עטוואָס שמייכלענדיק געפֿרעגט:

„טאַקע בעמעס?.. דו נאַרסט מיכ נישט אָפּ?“

עפּעס האָט זי צו אימ געשריִענ:

„פֿיניע דעמ כאַרבערומ באָכער, יויעלקענ“.

דער טויבער האָט אָפּגעביסנ א שטיקל פֿונ דער הייסער קאַר־
טאָפּל אונ דאָס אינ מויל געהאַלטנ. דאָס ברייט־באַקעדיקע פּאָנעמ
זײַנס האָט זיכ ווי פֿאַרקרימט אונ בא עמעצנ געבעטנ ראַכמימ:

„ס'איז דאָכ אָבער זייער א מיעסער שידעכ...“

זי האָט צו אימ אינ טויבנ אויער געשריִענ:

„יויעליק איז א זשוליק... אונ אָדעסער זשוליק“.

האָט ער קייענדיק די קאַרטאָפּל איר נאָכגעשאָקלט:

„יאָ, יאָ, א זשוליק... געווים א זשוליק.“

IV

ס'איז דעמלט א' פּראָסטיקע נאַכט געווענ.

דעמ טויבנ האָט זיכ געכאָלעמט, אז ער קוקט אַרויס פֿונעמ
העכסטנ מיל־פֿענצטער אונ זעט ווי אינ מיל־הויפֿ יאָגט זיכ מענדל
נאָכ דער דינסט, וואָס ראַמט אינ קאָנטאָר. די דינסט אַנטלויפֿט מיט
שרעק, גליטשט זיכ אָפּ אויסגעגאָסענעמ אײַז אונ האָט מוירע: אָט,
אָט וועט זי מענדל כאַפּנ. אונ דאָרטנ בא א זײַט שטייט שולצ, דער מיל־
נער, האַלט זיכ פֿאַרנ בויכ אונ שרײַט לאַכנדיק: „כאַפּ זי!.. כאַפּ, כאַפּ!..“

אונ פּלוצעמ דערזעט ער, דער טויבער, אז מענדל יאָגט זיכ נישט
נאָכ דער דינסט, וואָס ראַמט אינ קאָנטאָר, נאָר נאָכ זײַנ עסטערנ.
ס'כאַפּט אימ אויש א שוידער. עסטער אַנטלויפֿט, שטרעקט אויס די
הענט אונ שרײַט פֿאַר פּאַכעד. ווענ ער איז נישט טויב, וואָלט ער הערנ
א האַרצרײַסנדיקנ קוויטש.

די אויסגעדאַרטע אונ שלעכטע טאַנדעטניטשקע האָט אימ שוינ
נאָכדעמ א גאַנצנ פֿרימאָרגנ געהאַלטנ אינ אײנ שעלטנ:

„א כאָליערע זאָל אפ אימ קומענ... ביסט א מיִוונ, ווי ער האָט זיכ דאָס א ביסל צערעוועט באנאכט?"

זי איז אפילע צו אימ צוגעגאנגענ אונ פאר זײַנ ארבל א שלעפ געטאָנ:

„וואָס, וואָס האָט ער אזוי גערעוועט באנאכט?"

ער האָט זיכ געכידעשט אונ מיט די אקסלענ געקנייטשט:

„ער האָט גערעוועט? ער האָט נישט גערעוועט."

אליינ האָט ער שוינ נישט געדענקט נישט דעמ כאָלעמ, נישט מעגדלענ אונ נישט די דינסט. ארופציענדיק אפ די פיס די אלטע שטיוול, האָט ער זיי פונ אלע זײַטנ באטראכט, א קלער געטאָנ, אז מע דארפ זיי מיט עפעס א פעטער זאכ אויסשמירנ, אונ איז אוועקגעגאנגענ אינ קלויז. דאָרטנ איז ער לאנג בא דער הייסער הרובע געזעסנ אונ געטראכט, אז ער, דער טויבער, האָט ליב ווארעמקײַט, אויכ האָט ער ליב א קאָפ פונ א פיש, הייסע אונ פרישע כאלע אונ א שטיקל פעט פלייש, דאָס זעלבע פעטע פלייש, וואָס דער ביק האָט אמאָל פאר אימ אינ די אויגנ געגעסנ.

„דער ביק ווייסט, וואָס גוט איז."

די קלויז האָט זיכ ביסלעכווײַז מיט מענטשנ אָנגעפילט. יידנ גייענ ארומ אונ שמועסנ. א וווּנדער וואָס מע דאווענט נישט. מיט יעדער מינוט קומענ אָנ נײַע מענטשנ; זיי לויפנ ארײַנ מאָדנע געשווינד אונ מישנ זיכ אויס מיטנ אוילעמ, אונ דער אוילעמ שלינגט זיי אײַנ אונ ווערט גרעסער, מערער. דער טויבער קוקט מיט זײַנע בלײַ-קאָלירענע אויגנ אונ באמערקט: בא די, וואָס לויפנ פונדאָסנײַ ארײַנ אינ קלויז, זײַנענ די פענעמער דערשראָקנ, די מײַלער אָפנ אונ די אויגנ מוירעדיק גרויס. זיי פרעגנ, דוכט זיכ, בא די, וואָס געפינענ זיכ אינ קלויז: טאקע? עמעס? יענע שאָקלענ צו זיי מיטנ קאָפ, בלײַבנ זיי שטיינ ווי פארגליווערטע אונ דערשלאָגענע אונ טשמאָקענ מיט די ליפנ.

„ס'ארא ראכמאָנעס..."

מען קוקט, דאכט זיכ, אפ אימ. מענטשנ סוירענ זיכ בינטלעכווײַז אונ ווארפנ אפ אימ מעשונעדיקע אויגנ, אונ ער דרייט זיכ לעבנ זיי אונ רוקט אומעטומ זײַנ טויבנ קאָפ. מע לאָזט זיכ נעענטער צו אימ. עמעצער ווײַזט אפ אימ מיט א פינגער, קוקט ער זיכ ארומ אונ באטראכט זײַנע בגאָדימ: א קאשע, עפשער האָט ער די הויזנ נישט ריכ-

טיק פארשפיליעט. מע גייט צו אימ צו און מע שרייט אימ אפנ אויער, ער זאָל גיינ אהינ, צו וואָווע ביקנ, קוקט ער מיט אזא ווונדער און פארשטייט נישט: וואָס וועט דעמ אוילעמ ארויסקומענ, אויב ער וועט גיינ צו וואָווע ביקנ? ס'גייט צו אימ צו א כאָשעווער ייִד און שרייט אימ אפנ אויער, ער זאָל גיינ צומ ביק. באווײַזט ער מיט א פינגער צו זיכ אפ דער ברוסט:

„איכ? איכ זאָל גיינ?"

ער פארשטייט נאָרנישט און גייט דאָכ אהינ, צומ ביק, קנייטשט מיט די אקסלענ און גייט.

נאָר דאָ, פארנ ביקס שטוב, שטייענ אויכ פיל מענטשנ. ס'דאכט זיכ אימ, אז דאָס זײַנענ די זעלבע, וואָס ער האָט אינ קלויז געלאָזנ. זיי שטופנ זיכ צומ ביק אינ די כאדאָרימ, פונ די כאדאָרימ אינ קיכ, און צוזאמענ מיט זיי שטופט זיכ ער, דער טויבער. ער וויל זיכ נישט שטופנ, ווייסט נישט צוליב וואָס ער שטופט זיכ, און שטופט זיכ פאָרט. די קיכ איז שוינ פול מיט מענטשנ, ס'איז אזש דאָרטנ פינצטער, ס'שווינדלט אימ אינ די אויגנ, אלצ ציטערט און שאָקלט זיכ געשווינד, ווי די זיפנ, וואָס באמ ביק אינ מיל. ס'ציטערנ און שאָקלענ זיכ די קיכ, די מענטשנ. און אפילע דער טאפטשאנ מיטנ אײַנגעצווייגנעמ, פארבלוטיקנ מעס, וואָס צו אימ שטופט ער זיכ ענדלעכ צו. אינ איינ רעגע דערקענט ער דעמ מעס:

„יאָ, ס'איז עסטער, געוויס עסטער".

ער הייבט זיכ אפילע נישט אָנ צו ווונדערנ. ארעראבע, ס'דוכט זיכ אימ: ער איז שוינ דאָ אמאָל בא אָט דעמ זעלבנ טאפטשאנ מיט דעמ זעלבנ טויטנ געשטאנענ. שוינ לאנג איז דאָס געווענ, זייער לאנג, נאָר ס'איז דאָכ געווענ. אפילע די זעלבע פיל מענטשנ זײַנענ דאָרטנ ארומ געשטאנענ אינ א מאָרעשכוירעדיקער ווינטערדיקער פרימאָרגנ איז דעמאלט, ווי איצט, אינ דרויסנ געווענ.

עמעצ טוט אימ פארנ ארבל א שלעפ און ווײַזט אימ אפ דער סטעליע. ער קוקט: א שטריק הענגט נאָכ דאָרטנ אראָפ פונעמ קרוק.

ער פארשטייט שוינ, אז זי האָט זיכ געהאנגענ, וויל פרעגנ „פארוואָס?", פרעגט נישט און כאפט א קוק אפ דער אלטיטשקער ייִדענע, וואָס שטייט צוקאָפנס פונעמ מעס, זי האָט זיכ פארקרימט, אָט די אלטיטשקע ייִדענע, זיכ אײַנגעהויקערט, געעפנט דאָס ציינלאָזע מויל, פאר-

וואַרפנ דעמ קאָפּ מיט די געשלאָסענע אויגנ אונ זיכ פאַרקרימט. זי וויינט, אָפּאָנעמ, מיט א הארצרײַסנדיק קאָל, נאָר ער איז טויב אונ הערט גישט. ער פאַרקרימט זיכ אויב, וויל אויב וויינענ אונ קאָנ נישט. ס'ווערט א געדודער, מע טרײַבט פאַנאַנדער דעמ אוילעמ, דער אלטער כעווירע-קאַדישע-שאַמעס שרײַט דאָרטנ בא דער טיר:

„כו גענוג, גענוג. גייט אײַכ געזונטערהייט".

די קיכ ווערט ליידיק. מע טרײַבט אימ אויכ, וויל ער נישט גייג. מע שלעפּט אימ פאַר די פּלייצעס, וואַרפט ער אַרומ זיכ אזעלכע שלעכטע אויגנ אונ כאַפּט זיכ מיט ביידע הענט פאַרנ טאַפּטשאַנ מיטנ טויטנ. מע רײַסט אימ מיט קויעכ, שלעפּט ער נאָכ זיכ דעמ טאַפּטשאַנ מיטנ טויטנ. מענטשנ ווערנ מיד אונ לאָזנ אימ צורו. נאָר ער דערזעט עמעצנ אפנ טיר פונ קיכ אונ דערמאָנט זיכ אָנ כאַלעמ, אָנ מילכהויפ, אָנ מעטרלענ, אָנ דער דינסט אונ אָנ עסטערנ, ער לאָזט אָפּ דעמ טאַפּטשאַנ אונ לאָזט זיכ ערגעצ לויפנ. נאָר באַלד פאַרגעסט ער ווהינ ער דענקט לויפנ, רײַסט זיכ דאָכ ארויס אפנ גאַס אונ לויפט גיכ, מיט אלע קויכעס. די שטייוול פאַרקריכנ טיפ, טיפ אינעמ אופגעבלאָזענעמ שניי אונ ער אָטעמט שווער, פּילט, ווי ס'לאָזט זיכ אויס דאָס כיעס, אונ לויפט.

V

דאָס איז געווענ אזוי מאָרגנ אונ ווילד.

באַמ ביק האָט מענ פאַרגעסנ אפ נאַכט די בעהיימע אינ שטאַל פאַרטרײַבנ, האָט מענ זי נאָכדעמ גאַנצפרי מיט אנ אָפּגעשניטענעמ עק אינ דרויסנ לעבנ הויפ-טיר געפונענ. פונ שטוב זײַנענ אלע מענטשנ מיטנ ביק בעראָש ארויס. מע האָט די בעהיימע אינ הויפ ארײַנגעלאָזנ, זיכ ארומגעשטעלט. זי באַטראַכט אונ זיכ מיט דערשטוינטע פּנעמער אינ די אויגנ געקוקט:

„וואָס זאָל דאָס באַטײַטנ?"

דער עק איז מיט א שאַרפער זאַכ געווענ אָפּגעהאַקט הויכ באַמ רוקנ. פונעמ פאַרוווּנדעטנ אָרט האָבנ נאָכ געטריפט טראָפּנס בלוט. א מאָרעשכוירעדיקע אונ אומגליקלעכע איז די בעהיימע געשטאַנענ צווישנ היימישנ אוילעמ, געשטאַנענ מיט אנ אַראָפּגעלאָזטנ קאָפּ,

טרויעריק מיט די גרויסע בעהיימישע אויגן געפינקלט און דאכט זיך געטראכט:

„אַט קוקט: אייביק, אייביק וועל איך שוין קיין עק נישט האָבן... אז אָך־און־וויי איז צו מיר...“

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מען זיך באַם ביק אין שטוב די קעפּ געבראָכן:

„וועמענס אַרבעט זאָל דאָס זיין?“

מע האָט פון א זייט בליקן אַף יאָסעלען, דעם אָפּגעזאָגטן נעמאָן, געוואָרפן, כוישעד געווען די צוויי אַרבעטער, וואָס האָבן מענדלען אויספּאַטשן געוואָלט, זיי אפילו צום אוּדיאַדניק גערופן און זיי דאָרטן אויסגעפּאָרשט. ערשט מיט א פּאָר וואָכן שפּעטער איז מען אָקאָרשט אַף א סוואָרע געפאַלן:

„כ׳בעט אייך, עפּשער איז דאָס גאָר דעם טויבנס אַרבעט?“

עמעצער האָט א זאָג געטאָן גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, און אַלע האָבן זיך שוין נאָכדעם אָן דעם אָנגעכאַפּט. ס׳איז געווען אַזוי מעשונע און נישט צו גלייבן אַף אים, דעם וועקסיקן אין ברייט־ביי־נערדיקן טויבנ׳ מיטן צוגעגאַרטלטן לייבל, אָנגערוקטן שמויסענעם היטל און מאָרעשכוירעדיק גלייבגילטיקן פּאָנעם, און דאָך האָט מען גע־גלייבט, זיך געוווּנדערט, נישט פּאַרשטאַנען און געגלייבט:

„א קאשע אַפן טויבן? ס׳איז דאָך מיט אים עפּעס נישט אינגאַנצן גלאַט.“

יאָט האָט אים אייגמאָל די אויסגעהאַרטע מאַנדעטנישקע דער־צאָרנט, האָט ער איר אָן אויסגעטאָנענעם שטיוול אין קאָפּ געוואָרפן, געכאַפּט אירע בעטן, טישן און בענקלעך און זיי מיט קאָך אין דרויסן אַרויסגעשלײַדערט.

מע איז דעמלט פונעם גאַנצן שטעטל זיך צוזאַמענגעלאָפן, געקוקט פּונוויטנס און מוירע געהאַט צוגיין. איינער האָט דעם צווייטן איבערגעגעבן:

„דעם טויבן זיינען די „געבלוטן“ אַריין אין קאָפּ!“

די אויסגעהאַרטע מאַנדעטנישקע האָט זיך דאַ אַרומגעדרייט, זיך געקלאַפּט מיט צוויי פויסטן אין קאָפּ און געריסן איר שמאָלן און הייזעריקן האַלדז:

„יידן, קוקט: א פּאָגראָם מאַכט ער מיר... א פּאָגראָם!“

און ייִדן זײַנען געשטאַנען און האָבן געקוקט. ס׳האָבן זיכ שוינ געפונענ גוטהאַרציקע קרעפּטיקע קינדער, וואָס זײַנען גרייט געווען אַפ דעמ טויבנ זיכ אַרופוואַרפנ, האָט אָבער די טאַנדעטניטשקע סאָנים געהאַט, זיי האָבן געבליצט אַפ איר מיט בייזע אויגנ און נעשעפּטשעט אונטער אירע פּלייצעס:

„נישקאָשע, נישקאָשע, זי איז זיכ אינעמ טויבנ געגוג נויקעמ.“

און דאָרטנ, בײַ דער שטוב, האָט נאָכ דער טויבער עפּעס אינ דרויסנ אַרויסגעשליידערט און געשאָקלט מיט אַ דערשטיקטנ קרעכצ:

„אַ ר־ר־רועכ!..“

מען האָט אימ טאַקע צומ „אורי־אַדניק“ גערופנ און זיכ בײַ אימ דערפרעגנ אָנגעהויבנ:

„דו קענסט זי, דעמ ביקס בעהיימע?“

האָט ער זיכ אָבער אָנגעכאַפּט אינעמ וואָרט „ביק“ און דאָס נישט געקאָנט פאַרגעסנ:

„יאָ, יאָ, וואָווע ביק“.

דעמ אוריאַדניק איז באַלד נימעס געוואָרנ און געוואָלט האָט ער שוינ וואָס גיכער פּאָטער ווערנ פונ אָט דער וווקסיקער ברייט־בייניקער בריע, וואָס קוקט אַפ אימ מיט גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגנ און „בעבעט“ מיט שווערקייט אַלצ איינ־און־איינציק וואָרט. האָט אָבער דער טויבער פונ אימ נישט געוואָלט אָפּטרעטנ, נעקראָכנ צו אימ אַלצ נעענטער און נעענטער און אַפילע געמאַכט צו אימ מיט דער האַנט:

„וואָווע ביק... אָ...“

עפּעס האָט ער אימ געוואָלט דערציילנ וועגנ אַ בײַטל־מיל, וואָס האַלט זיכ אינ איינ טרייסלענ, וועגנ אַ טאַפּטשאַנ מיט אַ מעס און וועגנ אַ קרוק מיט אַ שטריק; געוואָלט דערציילנ און נישט געקאָנט. ווי אינ אַ נעצ איז ער פאַרפּלאָנטערט געוואָרנ אינ דער ערשטער מאַכשאָווע וועגנ ביק און זיכ פונ איר אַרויסרײַסנ קיינ קויעכ נישט געהאַט.

דער אוריאַדניק האָט אימ ענדלעכ אַרויסגעשטופּט און פאַרשלאָסנ די טיר, און ער איז נאָכ דאָרטנ לאַנג געשטאַנען און געברומען, גאָט ווייסט נאָכ וואָס, די הויזנ איבערבינדנ. אַ ייִד פונ שטאָט איז פאַרבײַ דורכגעגאַנגען, האָט ער אינ די הויזנ פאַרגעסנ, זיכ געלאָזט גיינ צו אימ, שוינ אַפילע אויסגעשטרעקט אַ האַנט פאָרויס און אימ אָנגע-

הויבן דערציילן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט באַרוואָס געוואָלט דערציילן דעם אוריאדניק:

„אָ!.. דער ביק!..“

דער ייִד האָט זיך איבערגעשראָקן און מיט א מוירעדיק הארצ־קלאַפּעניש אנטלאָפן אָן א זייט, און ער איז געגאנגען ווייטער צו דער שטאָט צו און אויסגעשטרעקט די האנט צו יעדן מענטשן, וואָס ער האָט באגעגנט. ייִדן האָבן פאכער באקומען און אים דעם וועג אָפּגעטראָטן, און ער איז אלעמאָל שטיין געבליבן מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט און מיט נישט קיין געענדיקט וואָרט:

„אָ!.. דער ביק!..“

יערער מאכשאָווע האָט זיך, אפּאָגעם, מיט אָט דעם וואָרט אין זיין געפּרעסטן מויעך אָנגעהויבן, נאָר קיינער האָט נישט געוואָלט הערן אָט די מאכשאָווע, איז ער דערפאַר באַם ערשטן וואָרט געבליבן, גלייך ווי ער מיט אָט דער מאכשאָווע וואָלטן אפּ עמעצן געהאָפּט און געוואַרט, אָט וועט ער סאָפּקאָלסאָפּ קומען, יענער מענטש, וואָס וועט אים וועלן אויסהערן, וועט ער דאָס ערשטע וואָרט אָפּלאָזן און וועט אים אנטדעקן אלע מאכשאָוועס, וואָס אין זיין טויבן און געפּרעסטן קאָפּ.

פאמעלעך איז ער אזוי פארגאנגען אין קלויז, געעפנט די טיר און אריינגערוקט זיין טויבן קאָפּ. קיינער איז אין קלויז נישט געווען, האָט ער זיך באַ דער הייסער הרובע געזעצט. ארום אים איז אזוי שטיל און רויִק געווען. די קלויז־שויבן מאָט פארפרוירן, די שטענדערס פארלאָזן, ווי מאציייזעס פון קרויִשים, וואָס שטייען מיטן פּאָנעם צו מיזרעך־זייט אין כאפן א קוק אהין, צו גאָט־באָרוך־הו.

כראָפּעט זיך ערגעץ קעגנִיבער דער הייסער הרובע א ייִד אן אָרעמאן, וואָס איז פון די ווייטע מעקוימעס צופוס געקומען, כראָפּעט פון א נעשמאָק באטאָגיקן דרעמל און כאָלעמט וועגן א סאַך, א סאַך איינציקע קאָפּעקעס.

און דער טויבער זיצט דאָ מאָרעשכוירעדיק באַ דער הרובע און הערט נישט, ווייסט נישט אפילע, צי דאָרטן, קעגניבער דער הרובע, ליגט א מענטש. זיין מויעך איז איינגעפּרעסט, קאלט, און געדענקט שוואך און נעפלדיק א טרויעריקע געשעעניש מיט זיינער א פאָ־ווערטעטער לאָפּעטקע, מיט א טאפּטשאן, מיט א מעס, און מיט אן

אײזערנעם קרוק, װאָס צו אים איז א שטריק צוגעבונדן. און ארום אלעם דרײט זיך אן אָנגעהױבענע מאכשאָװע מיט נישט קײן געענדיקט װאָרט:

„דער ביק... אָ!..“

ס'קומט ארײַן יאָסעלע דער נעמאָן, טוט אױס דאָס שמױסענע פוטער און זעצט זיך לעבן אים בײַ דער הרובע. פאמעלעך און פארכאָלעמט גלעט ער זיך זײַן שפּיציקע בערדל. און דאכטן דאכט זיך שױן, אז ער קלערט זײַנע טאָמער בײזלעכע מאכשאָװעס, מאכשאָװעס פון א ייִדן א מעטופּל, װאָס זיצט אָן פּארנאָסע. האָט אָבער יאָסעלע א נעשאָמע, װאָס עס באריר זי צײַטנװײַז װילדפרעמדע איניאָנים. ער שרײַט עפּעס אינעם טױבנס פארשטאָפּטן אױער, און דער טױבער בײגט צו אים זײַן געפרעסטן קאָפּ און שאָקלט אים נאָך:

„געשטאָרבן?.. װאָס זשע דען? אװאדע געשטאָרבן.“

ער װיל עפּעס זאָגן, נאָר יאָסעלע לאכט. ס'פארקנײטשן זיך יאָמעלעס צוגעשװירענע װאָנצעס מיט דער אױבערשטער ליפּ און ס'באװײַזן זיך געלע, פארױכערטע צײנער. יאָסעלע שרײַט װידער, און ער קוקט אים אין די אױגן. זײַן פּאָנעם איז מאָרעשכױרעדיק, די בלײַע אױגן זײַנען פארגליװערט אין אױסגעגלאנצט, האָב כאָפּ זיי בײַ יאָסעלען איבערגעריסענע װערטער און גיבן איבער דעם געפרעסטן מױעך:

„דער ביק איז א כאזער... א רײַכער כאזער, נישקאָשע.“

ס'דוכט זיך אים, אז יאָסעלע רײצט זיך מיט אים, און ס'פארדריסט אים. נאָר באלד פארגעסט ער, אז ס'פארדריסט אים און װאָס ס'פארדריסט אים, און געדענקט נאָר דעם ביקס הױכע און װײַס אָפּגעקאָלכטע שטוב מיט אירע פאנאנדערגעװאקסענע אקאציע־בײמער, װאָס פאר די פענצטער, און מיט איר רײנע בלױען, װי נאָרװאָס אָפּגעװאשענעם פּארקאן.

עס װערט טונקל די געקװײטלטע פארפרױרענע שױבן. מענטשן קומען ארײַן אין קלױז, רוקט ער זיך פאמעלעך ארױס אין דרױסן, פארלײגט די הענט אין די ארבל און לאָזט זיך ערגעץ גײן. ער שפּאנט פאמעלעך מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נאָר באלד פארגעסט ער, װוהין ער גײט, פילט אפילו נישט צי ער גײט, װײסט נישט צי אין דרױסן איז זומער, צי װינטער. ייִנגלעך פארלאָזן אף א װײַלע די

גליטש און לויפן אים נאָך. עפּעס שרײַען זיי צו אים, נאָר ער הערט נישט, גייט צווישן צוויי שורעס הילצערנע קלייטן און קוקט זיך אַן זיי נישט אום, מעשטשאַנקעס קערן אים אָפּ דעם וועג, און ער באַמערקט זיי נישט. פון הינטן פאַרט אָן א שליטן. דעם פויער איז קאַלט, ער פּוילט זיך נעמען די לייצעס אין די הענט און אָפּקערן, שרײַט ער אים: „בערעגיס!"* און ער הערט נישט. דער דישל טוט אים א קלאַפּ אין די אײַנגעהויקערטע ברייטע פּלייצעס, כאַפּט ער זיך מיט דער האַנט פאַרן פאַרוואונדעטן אָרט, קוקט זיך נישט אום און גייט ווײַטער.

ער שטעלט זיך אָפּ באַם ביק אין פינצטערן קאָרידאָר און ווייסט נישט ווהין זאָל ער ווײַטער גיין. די רעכטע טיר, וואָס פירט אין עסצימער, איז צוגעמאַכט שטײַף און פעסט, גלײַך ווי זי איז געזע־לאָסן פון אינווייניק. די לינקע טיר, וואָס צו דער קיך, איז עטוואָס אָפן. א לאַנגע און שמאָלע שײַן ציט זיך דורך איר פון דער קיך, צעשפּרייט זיך אויף דער פאָדלאָגע פונעם פינצטערן קאָרידאָר און רירט זיך נישט. ער שטעלט זיך אין ווינקל, וואָס קעגנאיבער אָט דער טיר, און רירט זיך אויך נישט. מע גייט מיט א לאָמפּ גיך אדורך און מע באַמערקט מיט שרעק א פּאָר אָפּגעריבענע שטיוול־נעזער. ס'ווערט א גערודער און ס'שטייען שוין לעבן אים אַלע שטוב־מענטשן. דער ביק אַליין שרײַט עפּעס אין זײַן טויבן אויער, נאָר ער הערט נישט און טראַכט:

„דער ביק איז א כאַזער... א רײַכער כאַזער... נישקאָשע."

און בעשאַס ער קומט צורייק צו זיך אין שטיבל און שטעלט זיך לעבן טאַנדעטניק בא דער הרובע, טראַכט ער נאָך אַלץ וועגן דעם.

איצט געדענקט ער שוין, אַז ער איז געווען באַם ביק אין שטוב און האָט אים געזען גאָר נאָענט לעבן זיך.

און נאָך געדענקט ער: ער איז א טייבער, א ייִד א טרעגער, וואָס האָט אַמאָל געהאַט א ווײַב לייע מיט א מיידל — עסטער.

ער פאַרקרימט זיך אַפילע און באַווײַזט דעם טאַנדעטניק צו זיך אַף דער ברוסט:

„עסן... ס'קלעמט אים אָט דאָ, באַם האַרץ־לעפּעלע."

---

* היט זיך!

און דער טאנדרעטניק זיצט רויק לעבנ אימ, האלט א קליינ פאר־שמוצט קינד אינ שויס און גלעט מיט א האנט זיינ אומריינ קעפל, זיינ קאָל איז צעקראָכנ און מאָנאָטאָניש, ווי דאָס קאָל פונ א ייִדענע. ער האָט נישט קיינ באָרד. עטלעכע איינציקע האָר שטעקנ אינ זיינ געמבע און אינ דער אויבערשטער ליפ און שאָקלענ זיכ, בעשאס ער רעדט. ער גענעצט זיכ פאנאנדער, הייבט זיכ אופ און שרייט צומ טויבנ אינ אויער:

„ער איז נישט קראנק באצאָלנ, דער ביק...“

דאָס ברודיקע קינד פארקרימט זיכ, עפנט א קליינ מיילכל אָנ ציינער און פארגייט זיכ, און דער טאנדרעטניק הערט נישט און שרייט נאָכ אלץ צומ טויבנ:

„א דועכנ ביקס טאטנ!“

די טאַנדרעטניטשקע לויפט אָנ ערגעצ פונ גאס, כאפט דאָס וויי־נענדיקע קינד אפ אירע קאלטע אויסגעדארטע הענט און רייסט איר שמאָלנ האלדז:

„פאר אזא מיסע מעג ער גוט באצאָלנ, דער ביק... ער האָט אָבער געוווּסט אפ וועמענ אָנצוטרעפנ.“

זי שלעפט אימ פאר דער האנט און שרייט:

„טויבער גוילעמ!.. וואָס שווייגסטו?“

נאָר באמ טויבנ זיינענ שוינ די געדאנקענ ווידער פארפלאָנטערט. ער קוקט גלייכ אינ דער טאנדרעטניטשקעס פאָנעמ און רירט זיכ נישט.

א שאָכנ, א שניידער מיט א ווייכער און ליכטיקער באָרד, קומט צומ טאנדרעטניק אינ שטוב אריינ, באטראכט לאנג דעמ טויבנ און שלעפט פאר זיינעמ אנ ארבל:

„טויבער, ס'ארא טאָג איז היינט?“

ער איז אזא ווייכער און גוטיטשקער, אָט דער יונגער שניידער מיט דער לאנגער ווייכער באָרד. ער וויל אויספאָרשנ אפ וויפל דער טויבער איז צעמישט, און בא אימ אליינ קלאפט שוינ אזוי שנעל דאָס הארצ, און דאָס פאָנעמ זיינס, דאָס איידעלע, איז שוינ רויט, און די אויגנ זיינענ שעמענ זיכ שוינ, פינקלענ און שעמענ זיכ: ער ווייסט? עפשער האָט ער א נארישקייט געטאָנ...

נאָר דער טויבער ווייסט נישט, ווער ס'שלעפט אימ פאר זיינ ארבל, ווייסט נישט נאָכ וואָס מע שלעפט אימ, ווייסט נישט, צי בא

דעמ, וואָס שלעפּט אימ, איז הײַנט שאבעס, צי וואָס. אַנ אײַנגעהויקערטער מיט פארבאהאלטענע הענט פארלאָזט ער די שטוב, גייט ערנעצ אונ ווייסט נישט וואוהינ, דרייט זיכ לעבנ חער קלויז אונ אינ מארק בא די קלייטנ אונ דערזעט פלוצעמ, אז ער שטייט ווידער באמ ביק אינ שטוב. דער ביק שטייט אימ אנטקעגנ אונ שרײַט אינ זײַנעמ אַנ אויער, א שמאטע:

„וואָס ווילסטו, טויבער?“

מע עפנט די טיר אונ מע ווײַזט אימ, ער זאָל זיכ געמענ דעמ וועג. פארלייגט ער ווידער די הענט אינ די ארבל אונ פאָלגט שווײַגנדיק אונ שטיל.

VI

אונ ווינטעריש נעפלדיקע מעסלעסנ האָבנ געגענעצט אונ געבוירנ קורצע אונ פראָסטיקע טעג. דאָס זײַנענ נישט געווענ קיינ טעג, נאָר טונקעלע אונ מעסוקנדיק קאלטע ביינאשמאָשעסנ.

ס'האָט געשאָטנ שניי.

גאנצפרי האָט זיכ חער טאנדעטניק מיט דער ווײַבס שאל אפנ גרויסנ שמויסענעמ פּוטער אײַנגעהילט, זיכ אינ מארק ארויסגעכאפּט אונ באלד צוריק א פארשאָטענער מיט שניי אונ מיט א פארבלויטער נאָז צו לויפנ געקומענ. ער האָט געריבנ די פארפרוירענע איערנ מיט די פארשטיינערטע שפּיצ-פינגער אונ דערציילט דעמ ווײַב וועגנ דרײַ פארפרוירענע, וואָס מע האָט ערגעצ נאָענט אונטער א פארשאָטענעמ האָרפ געפונענ.

„יאָ, אונ וואָס נאָכ? יונג האָבנ זיכ אפ א יאריד געלאָזנ פאָרנ, אונ זיכ קוימ לעבעדיקע פונ אונטער דער שטאָט צוריק פארשלעפּט“.

אזוי צופרידנ איז ער שוינ געווענ דערמיט, וואָס ער האָט זיכ מיט א סאכ הייצונג פארגרייט, געהאלטנ א שטיקל ארבעט בא דער הייסער הרובע, געקוקט אפ די פארבלאָזענע שויבנ אונ זיכ פאר סימכע אזש מיטנ טויבנ געווערטלט:

„זיצ איכ שטוב, טויבער... דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר?“

האָט אָבער דער טויבער נישט געהערט אונ זיכ דאָס זײַניקע געטאָנ: דאָס קורצע אונ גראָבע לײַבל האָט ער אפ זיכ ארופגעוואָרפנ,

די לענדנ זיכ שטײפ אונטערגעגארטלט, דאָס היטל איבער די אויגנ אָנגערוקט און אפילע די טאנדעטניטשקע פונ אונטנ פאר איר קאָפּטל א שלעפּ געטאָנ:

„אָט זאָל זי זענ: ער גײט... אינ מיל גײט ער... צום ביק אינ מיל...“

די טאנדעטניטשקע האָט אָפּ אים אזא בײזנ בליק געטאָנ:

„גײ... אינ דער ערד גײ... דערלעב נישט קומענ...“

און ער האָט צו איר נאָכ אלצ מיטנ קאָפּ געשאָקלט:

„יאָ, יאָ, צום ביק אינ מיל“.

פּאמעלעכ איז ער די שטאָט דורכגעגאנגענ, זיכ גענומענ לינקס און ארויפגעשפּאנט אהינ, אינ אײנזאמענ טאָל, וווּ דער שנײענדיקער שטורעמ האָט זיכ מיט רויכ אויסגעמישט און ארומ מיל א קײלעכדיקס געכאפּט.

דער אָנגעפּעלצטער מיל־סטרוזש האָט אים דערזענ, זיכ אפּנ טויער געשטעלט און אים אינ מיל נישט געוואָלט ארײנלאָזנ, האָט ער זיכ גענומענ מיט אים ראנגלענ; ער האָט צעהארגעט דעמ סטרוזש, דער סטרוזש האָט אים צעהארגעט. מ'האָט ענדלעכ דעמ אוריאדניק געבראכט, וואָס האָט אים צו צוויי פּויערים אינ די הענט איבערגעגעבנ.

נאָכדעמ איז א פראָסטיק שטילע און אויסגעשטערנטע נאכט געווענ.

פאר טאָג פּאָרט זיכ אזוי שטיל אנ אָנגעפּאקטער שליטנ מיט דרעמלענדיקע ייִדנ, פאָרט ערגעצ אפּ א יאריד, וואָס אינ נאָענטנ שטעטל. ארומ איז אזוי שטיל. דרעמלט זיכ אינ דער רעכטער האנט דער פּויערשער בעסאלמענ; שלאָפט זיכ לינקס וואָלע ביקס ווײסע שטוב מיט איר לאנגנ סאָר, און איבער אלצ א פארטאָגיקער רײנער הימל מיט אויסגעלאָשענע שטערנדלעכ, וואָס ווינקענ זיכ נאָכ ערגעצ־ווּ דורכ ווײט: א געהײמ נאכט־מײסעלע.

ייִדנ פארלירנ אלעמאָל די פארשלאָפענע קעפּ און דרעמלענ אײנ מיט א פרומענ ביטאָכנ־געדאנק:

„אימירצאשעמ א גוטער יאריד...“

פּלוצעמ: א שנאָרכ פונ אנ איבערגעשראָקנ פערד, א טראָג העכ שליטנ אינ א זײט מיט אנ איבערגעשראָקנ געשריי פונעמ פּויער, דעמ אָנטרײבער:

„טפררו!!“

ייִדנ דערוואכנ פונעם דרעמל מיט אזא מוירעדיקער שרעק — בא יעדנ פונ זיי קלאַפּט שנעל דאָס האַרצ:

„וואָס איז געשענ?״

דער פויער שטייט שוינ פאַר די פערד אונ שעלט זיכ מיט ניוול־פּעדיקע קלאָלעס:

„א שטאָב טאָבי... טשוט, טשוט טשילאָוויקא ני פּערעיבאַלי!..״*

ייִדנ לויפנ געשווינד צומ פויער, בייגנ זיכ אָנ אונ דערקענענ דעמ טויבנ:

ער ליגט זיכ אזוי אנ אײַנגעהויקערטער אינעמ צוגעגאַרטלטנ וואַ־טעגעמ לײַבל מיטנ אײַנגערוקטנ שמייסעדיקנ היטל אונ האַלט א האַק אינ דער האַרט געשלאָסענער רעכטער האַנט.

ער איז נאָכ וואַרעמ, לייגט מענ אימ אַפנ שליטנ אונ מע פירט אימ אָפּ אהיימ. א ברייַרע האָט מענ?

ייִדנ יאַרידניקעס זײַנענ אזוי אומצופרידנ, קוקנ אַפנ בלאַסנ מיז־רעכ אונ קלאָגנ זיכ:

„פאַרשפּעטיקט דעמ יאַריד, ווי איכ בינ א ייִד.“

אונ אינ שטאָט האָט מענ שוינ באַלד פּשאַט לערנענ אָנגעהויבנ:

„וואָס זשע, ס'איז א נס? דער טויבער האָט פאַרטראַכט דעמ ביק האַרגענענ.“

ערגעצ האָט זיכ שוינ געפונענ אנ איידעס־זאָגער, וואָס האָט דעמ ביקס פאַכעד גרעסער געמאַכט.

אַט ווענ איז דאָס געווענ? שפּעט באַנאַכט איז ער אונטער ביקס שטוב דורכגעגאַנגענ אונ געזענ: איינער א מענטש דראַפּעט זיכ אַפנ הויכנ פּאַרקאַנ, קלעטערט אונ דראַפּעט זיכ; ס'איז אַפ אימ א פאַכעד אָנגעפאַלנ, איז ער אנטלאָפֿנ.

„אונ וואָס נאָכ: ווער ווייסט נישט, אז דער טאַנדעטניק געפינט אלע גאַנצפרי זײַנ טיר אָפּגעשלאָסנ?“

באַמ ביקנ האָט מענ מאַקע באַלד א געזונטנ פויער, א סטרוזש גע־דונגענ, וואָס האָט גאַנצע נעכט געקלאַפּט אינעמ הויכנ פּאַרקאַנ; אינ דער האַלב־דערפרוירענער טויבער איז צוויי וואָכנ נאָכאַנאַנד שלאָפּ געווענ, אונ ווי א גוילעמ, זיכ געוואַלגערט אינ בעט, וואָס אינ זײַנ נאַסער קיכ.

* אָ, זאָלסטו... שיר, שיר קײנ מענטשנ ניט איבערגעפאָרנ.

עמעצער האָט זיך אָפּ אים דערבאַרעמט און דעם דאָקטער אַרײַנגערופנ, אַ יונגנ אויסגערוטנ און גוטיטשקנ דאָקטער, וואָס האָט געהאַט קלײנע וואָנצעס מיט שוואַרצע קלוגע אויגנ. ער איז לאַנג געזעסנ לעבנ אים, אָט דער גוטיטשקער און אויסגערוטער דאָקטער, לאַנג אַרײַנגעקוקט אינ טויבנס גלײַכגילטיקנ פּאָנעם און לאַנג אויסגעהערט די מײַסע, וואָס די אויסגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע האָט אים, רײַסנדיק דעם שמאָלנ און הײזעריקנ האַלדז, דערצײלט. אַלצ, וואָס ער האָט געזענ און געהערט, האָט זיך אים, אַפּאָנעם, אויסגעוויזנ שרעקלעך וויכטיק און אינטערעסאַנט. דערפאַר איז ער געזעסנ שטיל, פאַרטראַכט און מיט גרויס דערעכערעצ.

און שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג איז ער ווידער געקומענ, אָט דער זעלבער יונגיטשקער און אויסגערוטער דאָקטער מיט די זעלבע קלײנע וואָנצעס און שוואַרצ קלוגע אויגנ, און ווידער לאַנג לעבנ טויבנס בעט געזעסנ.

ער האָט אינ טויבנס פּאָנעם געקוקט און געטראַכט.

דער טויבער האָט אינ זײַנ פּאָנעם געקוקט און אויך געטראַכט.

און דאָך האָט אײנער דעם צווײטנ ניט פאַרשטאַנענ. אַזוי ווײַט און פאַרשײדנ זײַנענ זײ שוינ געווענ, אָט די צווײ ברוים, וואָס האָבנ זיך גלײַך אינ די אויגנ געקוקט.

דער טויבער האָט זיך פּאַקע צום סאָף מעיאַשעוו געווענ און זעלבשטענדיק געזונט געוואָרנ, אָנ אַ שום הילף פונ אַ מענטשנ, ווײַל ווײַל ער האָט שוינ קלערנ נישט געקאָנט.

ס'איז אַזוי מערקווירדיק געווענ—

אַלײנ איז ער עפּשער נאָך קרעפּטיקער און פעזינטער ווי פאַר דער שלאַפקײט געוואָרנ און דאָך איז אים אַ מיעסער פעלער פאַרבליבנ:

ער האָט אופגעהערט שלאָפנ באַנאַכט.

אַ הויכער, ברײט־בײנעדיקער און גלײַכגילטיקער האָט ער אינ שטוב אַרומגעבלאָנדזשעט און געשוויגנ צוזאַמענ מיט די שטילע און פינצטערע נעכט.

אַזוי לאַנג און פינצטער זײַנענ די נעכט געווענ, און אײַנגעהילט האָבנ זײ אינ זײערע טונקעלע טיפקײטנ די גאַנצע פאַרכאַלעמטע וועלט, אינ פאַרשלעפּערט האָבנ זײ אַלצ, וואָס האָט געלעבט און געטראַכט, בוצ אים, דעם אײנציקנ וועלט־דויפעק, וואָס האָט נישט געטאָרט רוענ, נישט געטאָרט אפילע טראַכטנ וועגנ רו.

הינ און צוריק האָט ער איבערנ קליינעמ שטיבל אַרומגעשפּאַנט, געקלאַפּט ווי אַנ אומרו און געטראָגנ אַפּ זיכ די יעסורימ מיט דער מאָרעשכווירע פונ די שלאָפנדיקע. ער איז נישט געווענ מיד און האָט נישט געטראַכט וועגנ רו. אָט ווענ עמעצער זאָל אימ געווענ באַ דער האַנט אָנכאַפּנ און אימ אָפּשטעלנ, וואָלט ער זיכ, נישט אַרומקוקנדיק, אויסגעריסנ פונ אימ און וואָלט ווידער געשפּאַנט.

וואַרפט זיכ אַמאָל אינמיטנ דער נאַכט דער טאַנדעטניטשקעס קליינ קינד דורכ, לאָזט אַרויס פריִער עטלעכע קרעכצ: און נאָכדעמ א געוויינ.

די טאַנדעטניטשקע כאַפּט זיכ מיט א שטאַרק פאַרשלאָפנ פּנימ פונעמ בעט אויפ, הייבט עטוואָס אויפ דעמ שווערנ חלומדיקנ קאָפּ און שטילט דאָס קינד איינ:

„נו שלאָפ, נו שלאָפ.“

זי רעדט מיט אַזאַ פאַרלעגערט קאָל, דערהערט, ווי דער טויבער שפּאַנט דאָרטנ אינ צווייטנ כיידער, און שעלט אימ:

„א קרענק אימ... עס נעמט אימ קיינ קויל נישט.“

נאָר דער טויבער הערט נישט און שפּאַנט ווידער, אַזוי האַרט און פעסט זיינענ זיינע טריט, און די נאַכט איז אַזוי שטיל און שלינגט זיי איינ שטיל און פאַמעלעכ, אָט די האַרטע און פעסטע טריט, און וואַרט אויפ נייע. און באַלד קומענ זיי, אָט די נייע שווערע טריט, און קלאַפּנ, ווי מיט א האַמער, אינ פאַרשלאָפענעמ מויעכ. עפּשער דערפאַר, וואָס די נאַכט איז שטיל און קיינער אַכוצ דעמ טויבנ שפּאַנט נישט. ווייזט זיכ שוינ אויס, אַז דער טויבער וועט זיכ אייביק, אייביק אַרומדרייענ און אַז די נאַכט וועט זיכ אייביק, אייביק ציִענ. די טאַנדעטניטשקע דערשרעקט זיכ פאַר דער מאַכשאַווע, דעקט איבער דעמ קאָפּ און שלאָפט איינ מיט אַנ אַלט־באַקאַנטנ קינדערשנ פּאַכעד. אַלצ שלאָפט שוינ אינ איר, נאָר אינעמ דרעמלדיקנ מויעכ דרייט זיכ נאָכ אַרומ און אָפּגעריסענע פאַרלעגערטע קלאָלע:

„א קרענק!.. א כאָליערע!..“

דער טאַנדעטניק האָט זיכ איינמאָל אינ א בלאַסער נאַכט פונ שלאָפ דורכגעוואָרפנ, דעמ טויבנ שפּאַנענ נישט געהערט און גלאַט אַזוי א טראַכט געטאָנ:

„עפּעס האָט אים שוין דער רועכ גענומענ?“

און דער טויבער איז דערמלט בא זיכ אינ בעט געלעגנ און שטיל און אָנ אינ אויפהער געקלאַפּט מיט די פיס אינ דעמ ווענטל פונעמ בעט. ער איז נישט שלעפעריק געווענ, נישט געוווסט, צי פאַר דער נאַכט איז א טאָג געווענ און צי נאָכ דער נאַכט וועט נאָכ עפּעס זײַנ.

עפּעס האָט פונ דרויסנ דורכנ פענצטער אַרײַנגעקוקט, האָט זיכ דער טויבער אָפּ די קניִענ אוועקגעשטעלט און גענומענ קוקנ אינ פענ-צטער, א בעהיימע איז דאָרטנ געשטאַנענ א מאָרעשכוירעדיקע און אַנ אומגליקלעכע און אינווייניק אַרײַנגעקוקט. באַלד האָט ער די בעה-היימע דערקענט.

„וואָווע ביקס בעהיימע...“

געשווינד האָט ער די האַק געכאַפּט און איז אינ דרויסנ ארויס. א בעהיימע איז דאָרטנ געשטאַנענ, געשלעפּט נאָס שטרוי פונעמ ני-דעריקנ דאַכ און עס פאַמעלעכ געקײַט מיט גלײַכע, שטומפּיקע ציינער. זי האָט אים דערזענ, די בעהיימע, און פונ דער „סטריכע“ אוועקגעגאַנגענ, איז ער איר נאָכגעגאַנגענ פאַמעלעכ, נישט געײַלט. ארומ איז שטיל און פוסט געווענ, א נאַסער ווינט האָט זיכ אינ דער-בלאָסער נאַכט ארומגעטראָגנ און גלאַט אַזוי קונצנ געמאַכט; פונ א נאָ-ענט אײַנגעהויקערט שטיבל האָט ער איינציקע שטרוי פונ דאַכ ארויס-געריסנ און זיי איבערנ אָפּגעלאָזטנ ברודיקנ שניי פאַנאַנדערגעבלאָזנ; און אָפּ די ביימער, וואָס בא א רײַכנ באַלעבאָס א שטוב, האָט זיכ אָט דער נאַסער ווינט ארופגעכאַפּט און מיט זייערע שפּיצנ איבעמ אײַ-זערנעמ דאַכ געקלאַפּט. ערגעץ אינ צווייטנ געסל איז א ייִד א סוכע-שפּעט פונעמ ווענ אָנגעקומענ און געשמאַק געקלאַפּט אינ א פענצטער פונ זײַנ דרעמלענדיקער שטוב. אַ מאַכנע הינט האָבנ זיכ אונטער א נאָענטער שטוב פרײַנטלעכ אינ די פענעמער געקוקט און זיכ מיט די עקנ כניפעלעכ געמאַכט. איינער א הונט האָט זיכ פונ צווישנ זיי ארויס-געריסנ און זיכ אָפּ דער בעהיימע מיטנ טויבנ א לאָז געטאָנ, האָבנ זיי אַלע נאָכלויפנ גענומענ. די בעהיימע האָט לויפנ אָנגעהויבנ, האָט דער טויבער די האַק אָפּנ אַקסל פאַרוואָרפנ און זיכ געלאָזט נאָכ איר. דער ווינט האָט אָנ די שפּיצנ פונ די ביימער פאַרגעסנ און זיכ נאָכנ בינטל געלאָזט. באַלד האָט זיכ דאָס בינטל אינ בלאָסנ נאַכט-כאַש

כעם אויסגעמישט אונ זיכ שוינ געשווינד געטראָגנ איבער שטאָט-גריבער, קלײנע טאָלנ אונ מיסט-בערגלעכ.

אונ גאנצפרי האָבנ ייִדנ דעם טויבנ א טויטנ געפונענ אינ לעבנ אים — פעסיע דער מילכיקערס געהארגעטע בעהיימע.

זי האָט אזוי געוויינט, אָט די פעסיע:

„אדעראבע, זאָלנ ייִדנ זאָגנ, וואָס איז זי דאָ שולדיק?..“

זי האָט נישט געקאָנט ענדיקנ אונ זיכ פאר הארצווייטיק פאנאנ-דערגעכליפעט. אונ ייִדנ זײנענ דאָ פארקלערטע געשטאנענ אונ גע-שוויגנ.

דער לעצטער רז שעשאָנע

I

קיינ שמאָל גרינ באוואקסנ האָרפ פונ פאָרנט אונ קיינ סימענ נישט פונ א געוועזענעם „קאָלוואָראָט“ באַם אַרײַנפאָר. צווישנ אָנדערהאַלבנ צענדליק ייִדישע הײַזער, וואָס שטייענ אינ צוויי שורעס אונטער אָפּגעבליאַקעוועטע טשערעפּענע דעכער, טוט זיך דאָרטנ א נײַ געקומענע פור מיטאָמאָל א לאָז אַראָפּ פונעם פלאַכנ נאַקעטנ באַרג אונ שלעפּט זיך נאָכדעם פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אַפ דעם לאַנגנ גריבלדיקנ ברוק.

א לאַנגע שורע ווערבעס בייגט זיך אינ דער לינקער זײַט ברוק צום בלאָטיקנ טײַכל צו, אונ אינ דער רעכטער זײַט טרייסלענ זיך געדולדיק דעם אַלטנ גערציגשטיינס צוויי גרויסע מילנ. זיי זײַנענ טאָמער פאַרשטויבט אונ דערמאָנענ, אַז מיסטיפּקע איז קליינ, אונ אַז גלײַכווערטלעך גייענ אַרום אינ דער סוויווע:

— אָרעם, ווי א מיסטיפּקער גוויר...

— פריילעך, ווי א מיסטיפּקער קאַפּצנ...

— זיך א ביסל א לאָז געטאָנ, ווי מיסטיפּקער באַלעבאַטים קיינ אַמעריקע...

יונגע יאַרידניקעס אינ דער געגנט האָבנ די לעצטע צײַט געקריגנ א מיעסע טעווע זיך לוסטיק צו מאַכנ איבער אָט דעם קליינעם ייִשעוו.

אינמיטנ דער שטילער נאַכט, ווענ נאָך א יאַריד קומט זיי אויס דאָס דאָזיקע מאָקעם דורכצופאָרנ, הייסנ זיי צעשמײַסנ די פערד, שטעלנ זיך אויפ אַפנ וואָגנ אונ שרײַענ אַלע אײַנעם אונ מיט אַלע קויכעס:

— מיסטיפּקע!!!

— מיסטיפיקע!!!

— מיסטיפיקע!!

ס'האט זיכ געמאכט, אז איבער די האזיקע באנאכטיקע קוילעס איז א ייד א באלעבאס ארויסגעלאפנ אינ די טאכטויניומ אינ גאס, ער האט געמיינט, אז מיסטיפיקע ברענט.

ס'האט זיכ אויכ געטראפנ, אז א האלב־נאקעטע יידענע האט פונ פארדרוס נישט געקאנט איינשלאפנ אינ בעט; זי איז געשווינד ארויס־געשפרונגענ פונ שטוב אונ האט גענומענ נאכשרייענ די פרעמדע יונ־געלייט אפנ קול:

— מיסטיפיקע גיט אייכ א פייג!!!

שוינ לאנג איז דאס געווענ.

איצט איז מיסטיפיקע שוינ געווינט סיי צו דער אייגענער געפאלנ־קייט סיי צום ביזויענ, וואס הערט זיכ אינ די באנאכטיקע קוילעס. זי צאנקט פונ טאג צו טאג אינ ווארט געדולדיק אפ גראבע בריוו פונ אמעריקע. ס'איז מער נישט, מע האט נישט וואס צו טאנ, אונ קיינ פארנאסע פונ הימל שיט זיכ נישט, גייט מענ אמאל ארויס אינעמ גע־וועזענעמ מארק, ווו עס גודעט זיכ נאכ אינ איר פוסטנ קלייטל סאכאקל אינ קליינע קרעמערנ, אונ מע שמועסט: דער ראוו איז אנטלאפנ. דער שוי־כעט קנעלט שוינ דעמ צווייטנ זומער ערגעצ אינ א ווייטלעכנ דארפ.

II

אנהייבנ זומער האט אינ יענ שטעטל ביזנ גרונט אפגעברענט הינ־טער דער אלמאנעס שטוב. דאס איז געווענ א לאנגע שטוב, וואס איז נישט געשטאנענ, נאר געלעגנ אויסגעצויגנ אפנ ברייכ אונ האט גע־נארט צו זיכ די פויערים, וואס פירנ מעל אינ געריצענשטייגס מיל; די שטוב האט מאמעש געשלעפט צו זיכ פויערים פאר די פאלעס:

„עפשער א שנעפסל, א?.. עפשער פארבייסנ?..“

צום אלטנ געריצענשטייגנע איז דעמולט פונ טאמסק געקומענ צור־גאסט זיינ יינגסטע שמארק רייכע טאכטער, ראכל. בעשאס די שטוב האט געברענט, איז זי אליינ געשטאנענ נישט וויט פונעמ פייער; זי האט געזענ, ווי הינדע די אלמאנע לייגט אויב די וועלט אונ שלאגט זיכ מיט ביידע פויסטנ אינ קאפ; זי האט די אלמאנע געטרייסט אונ האט זיכ נאכדעמ איינגעשפארט שטאל אונ אייזנ:

„מע מוז דער אלמאָנע צוריק אופבויענ די שטוב“.

אנ אקשנ איז אָט די ראָכל פונ טאָמער אָנ געווענ נישט קיינ קליינער; אזוי, לעמאָשל, איז זי מאכמעס איר אקשאָנעס זיכ צעגאנגענ איבער א נארישקייט מיטנ באוווסטנ אדוואָקאט פונ דער סוויווע, וואָס פלעגט אָפט פאָרנ צו זיי אינ הויז, אונ האָט צולאָכעסדיק־גיכ כאסענע געהאט מיט א יונגנ טאָמסקער גוויר, א ווילד פרעמדנ סויכער.

זי אליינ האָט אפ דער סרייפע געגעבנ די ערשטע נעראָווע; אליינ איז זי מיטנ פאָטערס אלטיינקנ פאעטאָנ צוגעפאָרנ אכט וויאָרסט אינ גרויסנ וואלד, וואָס צוויי פרעמדע סאָכרימ האָבנ אימ געהאקט. זי האָט דאָרטנ אזוי לאנג געטייַנעט, ביז איינער פונ די סאָכרימ, א באָכער אונ א שעמעוודיקער דערצו, האָט אָנגעהויבנ נאריש שמייכלענ אונ האָט געזאָגט:

— נו, גוט, איכ שענק האָלצ אפנ גאנצנ ביניענ.

זי האָט אליינ געדונגענ באלמעלאָכעס אונ האָט אליינ אכטונג געגעבנ, מע זאָל וואָס גיכער פארגראָבנ אינ דער ערד די ערשטע עקיקע פיר סלופעס.

הינדע די אלמאָנע איז נאָכגעגאנגענ פוסטריט די געדונגענע באלמעלאָכעס, געוויינט פונ פרייד, קלייבנדיק די שפענדלעכ אינ פאָדעלעק אריינ, אונ דערביי געשאָטנ אלערליי בראָכעס אפנ אלטנ גערצענשטיינס „פארדיימשטער“ מישפאָכע.

אָבער סאכאקל, אינ א פאָר וואָכנ ארומ, גערצענשטיינס טאָכטער איז שוינ דעמאָלט געווענ אוועקגעפאָרנ צוריק קיינ טאָמסק, זיינענ הינדענ אָנגעקומענ פונ אמעריקע דריי שיפקארטעס מיט א גראָבנ ניו־יאָרקער בריוו; איר יינגערע שוועסטער האָט איר געשריבנ:

— מעגסט שוינ זיינ זיכער: בא אונדז אינ אמעריקע וועסטו אימירצעשעמ גאָר אינגיכנ אופגעריכט ווערנ...

דער אלמאָנע האָט פונ די ווערטער „אופגעריכט ווערנ“ מאָדנע שארפ פארשמעקט מיט כאסענע־האָבנ, אונ די נאָז האָט בא איר פונ זיכ אליינ אָנגעהויבנ פרומ אונטערצושמאָרנ. זי האָט גענומענ די בריוו מיט די שיפקארטעס אונ איז אוועקגעגאנגענ וויינענ צומ אלטנ גערצענשטיינענ אינ הויפ:

— וואָס זאָל איכ טאָנ, אז איכ בינ א געשטראָפטע אלמאָנע, אונ

דער קאָפּ איז קלייג?.. וואָס ווייס איכ? מע שרײַבט מיר: קומ צו פאָרנ, וועסטו אימיגראַציאָשעמ אינגיכנ אויפגעריכט ווערנ...

דער אַלטער גערשענשטיינ, אַנ אַמאָליקער אײַנגעהויקערטער „דײַטש“ מיט אַ גרוי זײַדיקיש אונטערגעשוירנ בערדל אונ מיט אַ ביזלעכ פאַר־קרימט געלכוואַקסנ פּאָנעמ, האָט איבער עפּעס מוירע געהאַט די שיפּ־קאַרטעס מיטנ בריוו אינ די הענט צו נעמענ. ער איז געשטאַנענ אַקעגנ דער ייִדענע אײַנגעהויקערט אונ פאַרקרימט, געצמאַקעט די אַרײַנגע־שטעלטע ציינ פונ נאָכנ עסנ אונ האָט האַרציק באַדויערט:

— אײַ, אײַ, אײַ, ווידער קיינ אַמעריקע... אײַ, אײַ, אײַ...

איטלעכע פרעמדע נסיעה קיינ אַמעריקע האָט אימ דאָ אינ שטעטל איבער עפּעס געשראָקנ אונ האָט בײַ אימ אַרויסגערופנ צי אַנ אומצו־פרידנקייט, צי אַ פאַרדראָס:

— וואָס פליִענ זיי אינ אַמעריקע, וואָס?

ווי גלײַכ ס'האָט ענרלעכ געקאָנט קומענ דערצו, אַז אויכ ער זאָל דאָ אפּ דער עלטער מוזנ פאַרלאָזנ זײַנע מילנ אונ אַליינ אויכ אַהינ אַוועקפאָרנ.

פונ אומעטנעפּיעש האָט ער זיכ נאָכ דער אַלמאָנעמ ווײַזיט געפּ־רוּווט צולייגנ, נאָר אַנשלאָפנ ווערנ ניט געקאָנט, זיכ סאַפּקאָלסאָפ אָנ־געטאָנ אינעמ מאַנטל מיטנ הענג־קאָלנער אונ איז אַוועקגעגאַנגענ צו זיכ אינ די מילנ. דאָרטנ איז ער לאַנג געזעסנ אינ קאַנטאָר אַקעגנ יחנג בוכהאַלטער, וואָס לאָזט לעבנ זיכ לאַנג קילנ דאָס גלאָז טיי, אונ שרײַבט איבער פונ איינ גראָבנ בוכ אינ אַנדערנ. פונ הענט־האַראָעם ווענג האָט דער אַלטער עטלעכע מאָל אַרויסגענומענ פונ מויל די אַרײַנ־געשטעלטע ציינ, זיי אויסגעווישט, צוריק צום גומענ צוגעקלעפּט; ער האָט אונטערגעהויבנ די אַקסלענ:

— אָט זאָל דער בוכהאַלטער אַזוי גוט זײַנ אונ אימ זאָגנ פּשאַט. מע פאָרט שוינ ווידער קיינ אַמעריקע... ער וואָלט נאָר אַ באַלנ גע־ווענ צו דערגיינ דעמ סייכל: וואָס שלעפּט עס זיי אַהינ אַזוי מעשו־גענערווײַז?

דער בוכהאַלטער, אַ יונגער באָכער מיט מיידלש פאַרבליקע בעק־לעכ, וואָס איז פאַר דער צײַט פונ זײַנ גרויסשטעטיק עקסטערנ־לעבנ געוואָרנ צי אַ ציִעניסט, צי אַ טעריטאָריאַליסט, רוקט פּאַמעלעכ צו

זײַנ אויסגעקוקט גלאַט פֿײַנ און רעדט שעמעוודיק, ווי ס׳פּאַסט אינ דער אָפּוועזנהייט פֿונעם באַלעבאָס, ער שמעלצט זיכ פֿונ גרויס נאַכעס.

— יעדער ייִד, — זאָגט ער שעמעוודיק און קוקט נישט צום אַל־טנ, — יעדער ייִד, וואָס פֿאָרט אַוועק קיינ אַמעריקע, איז ווי אַנ אַסיג־נאַציע, ווי געלט־פּאַפּירנ, וואָס מע באַהאַלט אינ אַ זיכערער באַנק. דאָ אינ רוסלאַנד איז מענ דאָכ נישט זיכער מיטנ לעבנ, סאָפּקאָלסאָפּ וועט מענ דאָ אויסקוילענ אַלע ייִדנ.

ער אַליינ האָט שוינ איבערגעשפּעקלט קיינ אַמעריקע זײַנ מוטער די אַלמאָנע, זײַנע עלטערע צוויי פּאַרזעסענע שוועסטער און זײַנע צוויי קלענערע ברידערלעכ; איצט האָט ער שוינ בא זיכ אַ סאַכ עמיג־ראַנטנ־קאַלענדאַרנ מיט אַלערליי אַמעריקאַנער יעדיִעס און איז מיט דעם באַוווסט אויף דער גאַנצער געגנט. ייִדנ פֿונ מיסטעטשקע און פֿונ די אַרומיקע שטעטלעכ קומענ צו אים אַהער אינ מיל נאָכ יעדיִעס. פֿאַרברענגט ער דאָ מיט זיי גאַנצע שאָענ און רעדט צו זיי:

— וואָס פֿרעגט איר? פֿאָרט, אַז וויל און גאָט וועט זײַנ צו אײַכ.

דער אַלטער גערצענשטיינ שרעקט זיכ פֿאַר זײַנע רייד. ער איז מיט אים נישט מסכים און קרימט אים נאָכ:

— אויסקוילענ... אויסקוילענ... מע מאַכט זיכ אַליינ אַנ פּאַכעד. ייִדנ, געפֿינט ער, דער אַלטער, וועט אינ ערגעץ נישט גיינ אַזוי גוט, ווי דאָ אינ רוסלאַנד.

אָבער די וויינענדיקע אַלמאָנע הינדע איז צו אים אינ הויפֿ אַזוי לאַנג געגאַנגענ און האָט אים האָרטנ אַזוי לאַנג דערעסנ מיט די ווער־טער „אָפּגעריכט ווערנ", ביז ער איז אינ קאַס געוואָרנ. ער האָט מיט זײַנע געל־וואַקסענע הענט די פֿײַערקאַסע אויפֿגעשלאָסנ און האָט איר מיט גרויס עקל אָפּגעגעבנ דעם קאָנווערט מיט די הונדערט פֿופֿציק רובל, וואָס זײַנ ייִנגסטע טאָכטער האָט דאָ און אינ טאָמסק פֿאַר איר צונויפֿגעזאַמלט. די ייִדענע איז טאַקע אינ גיכנ אײַנעם מיט אירע צוויי ייִנגלעכ קיינ אַמעריקע אַוועקגעפֿאָרנ, און דאָ אינ שטעטל האָט זי נישט מער ווי איינעם אַנ אָנדענק וועגנ זיכ געלאָזט: פֿיר גלײַכע אַרומגע־שטעלטע סלופּעס האָבנ געשטעקט אינ אַלע פֿיר ווינקלענ פֿונ איר ביז דער ערד אָפּגעבראָכענער שטוב, געשטעקט מאָדנע פּאַריאָסעמט און נאַריש און נישט געהאַט אַפֿ זיכ קיינ באַלעבאָס.

ערשט שאַבעס־ראָשכוידעש, ווענ מע האָט זיכ, ווי טאָמער, באַמ

אלטנ גערצענשטיינענ אינ קלייזל ראַשכווידעש בענטשנ צונויפגעקליבנ, האָט מענ זיכ ארומגעקוקט אונ באַמערקט:

— ס'איז פאַראַנ פונקט א געציילטער מיניענ, אונ ס'פעלנ פונקט הינדע דער אַלמאַנעס צוויי יינגלעכ.

III

אפ דער ריי — פאָרנ קיינ אמעריקע — איז שוינ דערווייל אינ מיס־טיפישע געשטאַנענ מיילעכ שטעלמאַכ, א יונגער, קרעפטיקער, געראָטע־נער אונ טאָמער שטרענגלעכער באַלמעלאָכע, וואָס האָט אָקאָרשט צו־ריק מיט א יאָר אָפּגעקויפט בא זיינ שווערס יאָרשימ די שטוב אונ איז געוואָרנ בא זיכ א מעווכעס. די ארומיקע פריציִמ האָבנ אימ נישט אנדעריש אוהער אהיימ זייער ארבעט געמוזט צושיקנ.

גישקאָשע, פאַרנאַסע האָט אָט דער מיילעכ שטעלמאַכ געהאַט, קיינ גרויסער באַלהויצאָע איז ער אויכ נישט געווענ, סייכל געהאַט דאָ אינ מיסטיפישע א רובל אָפּצולייגנ, אונ מיטנ ווייב האָט ער דאַפקע אפנ שטרענגנ אויפנ גוט געלעבט אונ האָט זי שטענדיק געדופנ צו־נעמענ בא די קוינימ דאָס פּאַרדינטע געלט; ער האָט צו איר בייזלעכ געשריענ אינ שטוב אריינ:

— יוכיעווחער! גיי, נעמ צו באמ דאָוועקאָכער די פיירעורס״.

ער האָט געגלייבט, אז אינעמ געלט, וואָס פאַלט אריינ גלייכ צו ווייבעוועהנ אינ די הענט, קומט אריינ די בראָכע.

פאַלט אָבער אָט דעמ יאָט פלוצעמ אריינ א מעשוגאַס אינ קאָפּ אריינ, אז ער איז דאָ עלנט, ווי א שטיינ; אז וויבאַלד זיינ פעטער איצע מיט די פיר באָניימ זיינענ שוינ אלע אינ אמעריקע אונ דעמ שווערס ביידע זינ זיינענ שוינ אויכ דאָרטנ, אינ ער האָט דאָ נישט שאַבעס אונ יאָנטעוו צו ווענמענ א וואָרט אויסצורעדנ, צוליב וואָס זשע טויג אימ דאָ זיינ שטוב מיטנ גאַנצנ פאַרמעגנ אינ מיטנ געלט, וואָס ער קלייבט אָנ?

אָנגעהויבנ האָט זיכ מיט אימ דאָס דאָזיקע מעשוגאַס נאָכ באַלד נאָכ פייסעכ, ווענ קיינ אמעריקע איז אוועקגעפאָרנ זיינ שאָכנ, פיניע דער מאַרווער. דאָס איז געווענ א הויכער, דאַרער אונ א ביסל איינגע־הויקערטער ווערטלזאָגער מיט א קלעזמעריש אונטערגעצופט בערדל אינ

מיט צוויי לאַנגע הענט, אַז וועלכע קיינ נאָגיד פונ סוויזווע האָט זיכ נישט אײַנגעשטעלט א כאַסענע פראווענ.

צוויי טעג פארנ אוועקפאָרנ האָט פיניע דער סאַרווער זיכ געקויפט א האלב טוץ שאַליאָוויקעס אונ האָט זיי צעשניטנ מיט מיילעכ שטעלמאַכס זעג אפ קליינע שטיקלעכ. ער האָט דערבײַ געשאָטנ אַלערליי קלאָלעס אפ סוינע־יִסראָעל אונ האָט פארשלאָגנ די פענצטער פונ זײַנ שטוב, וואָס אפ איר האָט זיכ דאָ אינ מיסטיפקע שוינ קיינ קוינע נישט געפונענ. א גוואלדיקער פאכדנ איז אָט דער פיניע סאַרווער געווענ. אומרויִק איז ער געוואָרנ, זינט אים האָט ערגעץ אינ א גרויסער שטאָט דער פאָגראָם פארכאַפּט.

מיילעכ שטעלמאַכ האָט זיכ שוינ דעמלט געפילט מאָדנע, געשטאַנענ בא דער ארבעט הינטער פיניעס פלייצעס אונ צוגעקוקט ווי פיניע מאָלט זיכ אויס, אז איטלעכס ברעטל איז א לעבעדיקער פאָנראָמשטשיק; ער האלט זיי אינ איינ שעלטנ, בײַם ער קלאַפּט זיי צומ פענצטער:

— נא דיר א טשוואָק אינ קאָפּ, וואנקע מאַמזער.

— האָב דיר א קרענק אינ די ביינער, כוליגאַנטשיק... אָט אזוי; ווער באַגראָבנ.

צוויי פענצטער האָט ער אזוי פארקלאַפּט פונ אויבנ ביז אראָפּ; נאָר בא די איבעריקע האָט ער פלוצעמ זיכ אָפּגעשטעלט, אדופגערוקט דאָס היטל אונ פארטראכטערהייט מעמאבער געווענ זיכ אליינ מיט די עמעסע עטלעכע קלאָלעס:

— פיניע סאַרווער, טיפּעש דו איינער, לאַנגער סטראָץ! צוליב וועמענ פארקלאַפּסטו די פענצטער? די כוליגאנטשיקעס ווילסטו דאָס א שיינע יערושע לאָזנ?

אונ נאָכדעמ האָט ער שוינ פונ אמעריקע אָנגעהויבנ שיקנ צו מיילעכ שטעלמאַכ אָפּטע ליבע־בריוולעכ. צו וואָס האָבנ אימ די בריוולעכ גענוצט? גלאט אזוי. ער האָט דאָרטנ אינ אמעריקע פריילעכע אונ רויִקע יאָנטויווימ געהאט, אונ גוט איז אימ דאָרטנ אויכ געווענ, האָט ער געוואָלט אויכ אהער, אינ דער אלטער היימ, טרעפנ מיט זײַנע גלײַכווערטלעכ:

— מיילעכ זשאַבע, באַקומ די כאַדאָבע. דײַנ מיסטיפקע שטייט האָב פּאָשעט אינגרויסנ.

און נאָכ:

— ס׳לאָזט דיכ פונדאנענ גריסנ דײַנ פעטער איצע און בעט דיכ, זאָלסט פאָר אים פארשלאָגנ אינ ראָד א שפּיצע.

קאָנ מײַלעכ שטעלמאכ אזוי אונמיטנ הײסנ זומער־טאָג שטײנ אינ דרויסנ בײַ דער ארבעט, דרעלעווענ א קלעצל אָדער ארופשלאָגנ אַנ אָבוד, אונ פּלוצעמ זאָל אים באפאלנ סטאַמ א בענקשאפט, אונ זײַנ גאַנצע מעלאכע זאָל אים מיעס ווערנ, אונ דעמ שטערנ זײַנעמ זאָל באשלאָגנ א שווייס. צומ אָנהייב מיינט ער, אז שולדיק איז אינ דעמ זײַנ עלפ־יאָריק מיידעלע, וואָס דרייט זיכ דאָ ארומ באָרוועס אונ זוכט עפּעס צווישנ די שפּענער. ער הייבט אָנ צו קוקנ אפנ קינד קרומ, שטעלט אָנ אפ דעמ מיט רעציכע זײַנע בייזע טונקל־ברוינע אויגנ אונ טוט אפ דעמ מיטאמאָל אזא געשריי מיט זײַנ קלינגענדיקער ברוסט־שטימע, אז דאָס קינד ווערט אזש פארציטערט:

— וואזוי קלײַבסטו די שפּענדלעכ, וויאזוי?

ס׳דוכט זיכ, אז קוקנדיק אפנ קינד מיט די רעציכעדיקע אויגנ, ווערט ער דעמ באלד ווארפנ אינ קאָפּ ארײַנ די האַק, צי דעמ עק־בויער. ער טוט אויס דאָס פארטעכ, ווארפט אוועק דאָס געצײַג פונ האנט אונ גייט ארײַנ אינ שטוב. דאָרטנ האָט ער זיכ נישט ווו אהינצוטאָנ. ער קוקט מיט שלעכטע אויגנ אפ די צוויי גרינע הילצערנע בעטנ אינ וויל זיכ עפּעס געפינענ מיטנ ווײַב, וואָס קלײַבט איבער פאסאָליעס אפ ווערטשערע:

— ווענ נישט זי, דאָס ווײַב זײַנס, וואָלט ער אָט די בעטנ נישט געווענ געקויפט.

נאָר דאָס ווײַבל איז פונ טאָמער אָנ א שווײַגנדיקס, א שטילס. זי קוקט זיכ אפילע צו אים נישט אומ. נעמט ער סאַפּקאָלסאָפּ ארויס פונ שופלאָד דעמ פעטער איטשעס צוגעשיקטע קארטע אונ באטראכט זי:

אַנ אלטער גרײַזגרויער אונ קלוגער ייִד, אונ אינ אמעריקאנישנ צילינדער־הוט טראָגט ער שוינ, שמייכלט גוטהארציק, ווייכ אונ וויל, דוכט זיכ, זאָגנ:

— טו איכ שוינ, הייסט עס, אלײנ גאָרנישט... אפ מיר ארבעטנ שוינ די קינדער...

מײַלעכ שטעלמאכ גייט ארויס צוריק אינדרויסנ אונ נעמט זיכ

ווידער צו זײַנ אַרבעט. באַפאַלט איִם אָבער באַלד נאָכאַמאָל די בעקשאַפט, גישטאָ וווּ זיך אַהינצוטאָנ. ער ווערט אַפּ זיך אַלײנ מאָדנע אינ כאַס, פאַרוואָס די הובלענ קלײַבנ זיך באַ איִם דאָ אינ מיסטיפקע אַזוי פאַמעלעך, פאַמעלעך אונ אינ קאָפּ הערט זיך איִם דערבײַ גישט אוֹפּ צו דרײענ:

— ס'לאָזט דיך גריסנ דײַנ פעטער איציע אונ בעט דיך, זאָלסט פאַר איִם פאַרשלאָגנ אינ ראָד אַ שפּיצע.

טוט ער סאָפּקאָלסאָפּ אָנ אַפּ זיך דאָס וואָכעדיקע ליוסטיקע כאַלאַט אונ גײט אַוועק אינ מאַרק אַרײַנ צו עסטער־כײַע דער קרעמערנ. ער מאַכט מיט איר אַ שמועס וועגנ איר איבערפאָרנ קײנ אַמעריקע:

— נו, וואָס הערט זיך? — פרעגט ער באַ איר, — איר קלערט טאַקע אַמאָל פאָרנ?

יענע ענטפערט איִם פאַמעלעך אונ קאַלט. זי איז אַ פאַרשוואַרצטע אונ גרוילעכע אונ פאַרשפּרײט אַרום זיך טאָמער אַזאַ רײעך, גלײַך זי האָט נאָרוואָס געסמאַלעט הינער.

— וואָס זשע דען — זאָגט זי, — איך וועל גישט פאָרנ?

אַלײנ קויפט זי שוינ גישט פונ נאָך פייסעך אָנ קײנ נײַע סכוירע. איר האַלבפּוסטער קלײטל ווערט פונ טאָג צו טאָג פוסטער, אונ דאָס יונגל איר, דער בעניאָכיד, וואָס האָט געוואָלט עקזאַמענ האַלטנ, האָט זיך שוינ צוליב אַמעריקע צום פּריזיוו גישט געשטעלט אונ קנעלט דערווײַל אינ אַ גאָענט האָרפ. נאָר אײַלנ אײַלט זי גישט, אונ קומט צו איר אַרײַנ אַ פויערטע, וואָס האָט הינער צו פאַרקויפנ, פאַרגעסט זי לאַכלענ אָנ איִם, מוילעך שטעלמאַך, אונ אָנ גאַנצנ שמועס וועגנ אַמעריקע. זי פאַרקרימט דאָס פּאָנעם פונ גרויס אינטערעס צו דער גײַער קונע, קראַצט זיך אונטערנ קאַפּטיכל אונ האַלט די פויערטע אינ אײנ גנודיענ:

— סקילקי זשע דאַטע, נו?.. וויסים הריוונ דאַטע?

מוילעך שטעלמאַך פאַרדריסט עס שטאַרק, ביז דער לעבער. ווענ אָט די ייִדענע זאָל זײַנ זײַנ ווײַב אָדער כאָטש אַ קרויווע, וואָלט ער זי מעכאַבעד געווענ מיט עמעס „מי שעבײרעך”. אומצופרידנ גײט ער פונ דאָרטנ אַוועק אינ מיל אַרײַנ אונ האָט מורע צו באַגעגענענ זיך דאָרטנ מיט אַלטנ גערצענשטײנענ. אַלע ווײסנ:

857—9

דער אלטער גערצענשטײנ האט נישט ליב, אז מע פארט קײנ אמעריקע.

אונ אינ א ווײַלע ארומ שטײט ער שוינ דארטנ פארנ יונגנ בוכ-האלטערס טיש, קוקט ווי יענער דרײט די טײ מיטנ לעפעלע אונ הערט, ווי ער זאגט:

— פארנ קאנ מענ דורכ ברעמענ אונ דורכ ליבױ, שיפנ גײענ אפ צוויי מאל א וואכ. אונ פאר אגענטנ דארפ מענ זיכ היטנ, ווי פארנ מאלכאמאװעס.

IV

אינ א פאר באדאשיס ארומ האט מײלעכ שטעלמאכ, פונקט ווי פיניע דער סארווער, פארשלאגנ די פענצטער פונ זײַנ שטוב אונ האט זיכ נאכאמאל גוט אויסגערעכנט, דה־כ וואסער א וועג צו פארנ.

דער בוכהאלטער אליינ האט פארנ אימ אונ דעמ ווײַב זײַ-נעמ אינ די אויגנ ארײַנגעקוקט אונ האט אימ מוט צוגעגעבנ:

— מאלאדצע, רײַנ ווי גאלד, גײ ארופ אפנ וואגנ אונ הײַדע, אוועק...

אליינ איז ער אײַנגענעמ מיט עטלעכע ווײַבער געשטאנענ בײַ דער פארלאזטער שטוב אונ האט באגלײט מיט די אויגנ די פור. דאס הארצ האט אפגענעמ, איז אימ געשפרונגענ פונ גליק, ער האט פרײלעכ א כאפ געטאנ פאר די אקסלענ אײנעמ א נאענט שטײ-ענדיקנ באכער אונ אימ טרײסלענ אנגעהויבנ:

„גו, אבע, ווענ פארסטו?"

דער אלטער גערצענשטײנ האט וועגנ דעמ א שטיק צײַט נישט געוווסט.

נאר אינגיכנ זײַנענ אינ אײנעמ א קילנ שאבעס-צונאכטס אויס-געפאלנ די ערשטע סליכעס. ארומ האלבע נאכט האט מענ זיכ צומ אלטנ גערצענשטײנענ צונויפגעקליבנ אינ קלײַזל אונ מ'האט זיכ ארומגעקוקט:

— ס'גײט אפ צו א מינײַנ טאקע אפ דער מײלעכ שטעלמאכ אונ נאכ אײנער אנ ארטיקער ייִד א כאזנ, וואס האט זיכ אלע יאר ערגעצ-וווהינ פארדונגענ אפ יאמימ-נוראימ.

יאָרנ זענענ געשטאַנענ מיט שעמעוודיק־שמייכלענדיקע פּענעמער אונ האָבנ זיכ צומ ערשטנ מאָל אינ לעבנ דערפילט, ווי יאָנטעוודי־קעס:

— וווּהינ קלערט מענ, אשטייגער, פאָרנ אפ יאָמים־נוראָים?

א פרעמדער סויכער, וועמענ ס'איז צופעליק אויסגעקומענ אפ מאָרגנ צו זײַנ דאָ אינ די מילנ, האָט עס נאָכדעמ אינעמ היפּשנ ווײַטלעכנ שטעטל צעפּויקט:

— גרייט צו אליעס, מיסטיפּקע פאָרט צו אײַכ אפ יאָנטעוו.

אונ דער אלטער גערצענשטיינ, דער אמאָליקער דרײַטש, האָט זיכ נאָכ אלצ עפּעס ווי נישט וויסנדיק געמאַכט אונ האָט קיינ האַכאָנעס נישט ארויסגעוויזנ.

צי האָט ער געקלערט, אז עמעצער אינ שטעטל וועט פאלנ אפנ סייכל אונ וועט פונ ערגעצ אראָפּבריינגענ אפ יאָמים־נוראָים א פּאָר געדונגענע ייִדנ?

צי, עפּשער, האָט ער זיכ גלאט אזוי נישט געגלייבט, אז זײַנ קליינ שולכל זאָל שטיינ אומ יאָמים־נוראָימ פּוסט, אונ האָט זיכ סוימעכ געווענ אפ א נעס?

אָקאָרשט ערעוו ראָשעשאָנע, ווענ צו זונ־זעצנ־זיכ איז שוינ געבליבנ נישט מער ווי א פּאָר שאָ, האָט ער געהייסנ דעמ פּאַסטאָג שפּאַנענ, זיכ אַרײַנגעזעצט אינ אימ א באַרויגעזער, אײַנגעהויקערטער אונ וואַרעמ אָנגעטאָנענער אונ איז ערגעצ־וווּהינ די מיסטיפּקער באַלעבאַטימ אפ יאָנטעוו נאָכגעפאָרנ.

אינ מיסטיפּקע זײַנענ געבליבנ נישט מער ווי עסטער־כײַע דער קרעמערנס יינגל אונ גערצענשטיינס בוכהאלטער. דער ערשטער דערפאר, וואָס צוליב אמעריקע האָט ער זיכ צומ פּריזיוו נישט געשטעלט, באַווײַזנ זיכ אינ נאָענטנ שטעטל איז פאר אימ געווענ א סאַקאָנע, אונ דער בוכהאלטער, גלאט אזוי. קיינ איבעריק פרומער איז ער פונ טאָמער אָנ נישט געווענ. כוץ דעמ האָט ער געהאַט נאַרישע געדאַנקענ אינ קאָפּ:

— קעדײַ, — האָט ער געזאָגט, — צו זענ, ס'אר אנ אויסזעונג האָט אימ ראָשעשאָנע א פאַרלאָזט שטעטל מיט צוויי פּוסטע געשלאָסענע באַטעמעדראָשימ.

ס'האָט זיך גענומען זעצן די ערעוואָשעשאָנעדיקע אײַליק פּרומע זון. דער בוכהאַלטער האָט אָפּגעגעבן א פּאָר באַפֿעלן אין די מילן, וואָס האָבן באַלד אָן זײַן האַזשגאָסע שוין אָפּ גאַנץ ראַשעשאָנע זיך גענומען טרייסלען, און אַלײן האָט ער פֿאַרשלאָסן די קאָנטאָר און איז אַוועקגעגאַנגען אײַנער אַלײן איבערן שטעטל. ס'איז דאָרטן דורכויס געווען שטיל און פּוסט. אַף טירן פֿון טעשלאָסענע הײַזער זײַנען געהאַנגען שלעסלעך. דאָ און דאָרטן האָבן הינער אַרומגעשפּאַנט, ווי אַף די שפּיץ פֿינגער, גישט געגלייבט דער שטילקייט, אויסגעצויגן ווי ווײַט מעגלעך די קעפּלעך און געוואָרפֿן איבערגעשראָקענע בליקן אַף רעכטס און אַף לינקס. אין אײנער א פֿאַרשלאָסענער שטוב האָט מען פֿאַרגעסן אַרײַנלאָזן די קאַץ. זי האָט זיך דאָרטן געהויקערט בא דער טיר אומעטיק געמיאַוקעט.

דער בוכהאַלטער איז צוגעגאַנגען צו דער קרעמערנס אויסגעלאָשענע שטוב און האָט אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער:

— באָרעך, קום אַרויס א ביסל.

און די באָכערים, וואָס האָבן זיך אַמאָל ביידע צו די עקזאַמענעס געגרייט, זײַנען געגאַנגען ביידע אַרום דעם באַרג, צווישן די פֿאַרלאָזטער מיסטיפּקע, געגאַנגען פּאַמעלעך און געשמועסט מיקוויעך זיך, מיקוויעך פֿאַרלאָזטע שטעט און מיקוויעך ייִדן.

און ביידע האָבן דאָך געפֿילט א נאָענטיקע כאַראַטע, א כאַראַטע פֿאַרן שטעטל, א כאַראַטע אַף זיך אַלײן, אַלעמען וואָס זײַנען דאָ געבליבן, און געשוויגן האָט זיך מאָדנע אומעטיק, בענקענדיק.

דאָרטן פֿון אויבן, אין עק באַרג, ליגן די פֿיר סלופּעס, וואָס האָבן געשטעקט אין העפּקער געלאָזטן פּלאַץ פֿון היגע דער אַלמאָנעס אָפּגעבראַנטער שטוב, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, און דער בוכהאַלטער האָט באַמערקט דאָס גראָז, וואָס הייבט אָן דעם פּלאַץ צו באַוואַקסן.

— זע נאָר, זע נאָר, — האָט ער געזאָגט, — גראָז, ווי אַף א בעסוילעם, אַף א קיווער.

ס'איז געווען שטאָק־נאַכט, און ס'האָט ערגעץ־ווײַט אַוועקגעבריגט א ווײַטער עק הימל. ווײַט, ווײַט, רעכטס פֿון פּוסט פֿאַרלאָזענער מיסטיפּקע האָבן זיך אַוועקגעצויגן די ברייטע גישט געאַקערטע שמיטעפֿעלדער און האָבן ערגעץ־ווו דערגרייכט א ווײַטלעך שטעטל מיט אַ

איבערפֿילט באַלויכטענעם בעסמעדרעש, ווו ס'האָבן פֿרום געדאַוונט און טשוווע געטאָן ראָשעשאָנעדיקע יחידים. ווײַט איז געווען אַהין, צו יענעם שטעטל, און פֿון אונטן, באַם בריק, זײַנען באַלויכטן געשטאַ־נען דעם אַלטן גערצענשטיינס ביידע מילן און האָבן וואָכעדיק זיך געטרייסלט, געטרייסלט.

.1910

שיוועט גערדאליע

אינמיטן גרויע ווײַטע סטעפּעס, אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם טאָל לעבן אַ ריטשקע (מיט טאָפּאָלעס, מיט ווערבעס) איז געלעגן געדאַליעס היים — אַ פֿאַרלוירענע נעסט מיט עטלעכע הונדערט ייִדן, אַ פֿאַרגעסן לעבן אין הוילן דרויסן.

ביימעלעך אין פֿעלד אַרום דער היים — פֿאַראַן, נאָר זייער זעלטן, צעוואָרפֿענע, איינציקע, קליינע.

אַף אַזאַ ביימעלע קוקן אַ מענטשנס אויגן זייער לאַנג און אַליין — אַגעם מענטשן; ווײַל אויגן האָבן ליב כאָטש אַף וואָס־ניט־איז צו קוקן.

געווען איז געדאַליע אַ באַלעגאָלעריונג, ווי זײַן טאַטע, ווי זײַן גאַנצע מישפּאָכע, און גערופֿן האָט מען אים „שייוועס געדאַליע“ איבער זײַן גוווּרע און איבער זײַן וווּקס — פּונקט דערפֿאַר האָט מען גערופֿן אַלע זײַנע ברידער „די שוואָטים“.

געדאַליעס סאַמע עלטסטער ברודער:

שייוועס שימשען —

אַ מענטש, וואָס זעט אויס געשוואָלן נישט בלויז אין דער ברייט, נאָר אויך אין דער לענג געשוואָלן, דאַכט זיך, זײַנען אויך די ווערטער, וואָס ער רעדט, די פּעטש, וואָס ער פּאַטשט מיט די הענט, דער שמייכל, וואָס אין זײַנע אויגן, און די טויוועס, וואָס ער טוט מיט זײַן קויעך דעם אָדער יענעם פֿון זײַנע שכיינים — גלאַט אַזוי, אומזיסטיקע, גוט־האַרציקע און געשוואָלענע טויוועס.

ווײַטער זײַנען געגאַנגען:

— שייוועס שמועל

— שייוועט קיווע
— שייוועט דאָוויד
— שייוועט נאָכעמ
— שייוועט ביִנעמ, אונ צולעצט דער סאמע יִינגסטער — שיי־וועט גערהאַליע.

אלע ריזיקע, געשוואָלענע סײַ אינ דער בריִיט, סײַ אינ דער לענג, אלע האָבנ זיכ געשלאָגנ: בלויז צווישנ זיכ (מיט א זײַטיקנ מענטשנ האָבנ זיי מוירע געהאט אָנצוהייבנ, ווײַל פונ איינ פאטש קאָנ יענעמ ארויס די נעשאָמע), אונ אלע, אז מע האָט זיי גענומענ פאר סאָל־דאטנ, האָט מענ זיי פארשיקט ערגעצ ווײַט, ווײַט אונ זיי געהאלטנ דאָרט לענגער ווי מע האלט געוויינלעכע סאָלדאטנ. אלע מענטשנ האָבנ געדינט קנאפע פיר יאָר, אונ זיי האָבנ איבער עפעס געדינט גישט ווייניקער פונ אכט אונ פונ זיבנ יאָר.

דער וונדער:

זייער פאָטער — דער אלטער אזוי איז ראפקע געווענ זייער א קלייניטשקער, א ביינעווריק-מאָגערער. אינ באָד פלעגט ער פרײַטיק זיצנ איינער אליינ אינ א ווינקל אונ ארומקוקנ מיט די אויגנ זײַנע אייגנ מאָגער לײַב; געטראכט האָט זיכ, אז ער הערט ניט אויפ צו באַ־וונדערנ:

— ווי־ארומ האָב איכ פונ זיכ ארויסגעגעבנ אזעלכע באָנימ? כאָטש געווענ איז ער אויכ א באַלעגאָלע.

דער בילעק צווישנ אימ אונ צווישנ שייוועט גערהאַליען:

דער אלטער האָט אלע זײַנע יאָרנ געלערנט איינעמ אונ דעמ זעלבנ פיירעק מישנאיעס — מער האָט ער נישט געקענט. פײַרנדיק זײַנע פארשויבנעג איבער די אומענדלעכע אוקראַינער סטעפעס, האָט ער ארײַנגעקוקט אינ א קליינ אָפגעפלעקט מישנאיעסל אונ האָט אונ־טערגעזונגענ:

— האָיאָ — אז איינער איז געווענ בעגאָליל — אינ גאָליל, ווע־העבעזיק — אונ האָט א כאזאָקע געטאָנ בעיעהודע — אינ יעהודע...

— אָדער בעיעהודע—אז איינער איז געווענ אינ יעהודע, ווע־העבעזיק — אונ האָט א כאזאָקע געטאָנ בעגאָליל — אינ גאָליל.

ווו געפינט זיכ ערגעצ דאָס לאנד, וואָס הייסט „גאָליל”, אונ וואָס הייסט יעס „טאָנ א כאזאָקע” האָט ער ניט געוווּסט.

דאָס האָט ער געטאָנ צוליב אוילעמהאבע, אזוי האָט מענ אימ געזאָגט: אויב ער וועט שטענדיק כאזערנ די-אָ ווערטער, וועט אימ נאָכנ טויט זײַנ גרינגער צו קאָלערנ זיכ אונטער דער ערד קײנ ערעצ-יִסראָעל. אונ געדאליע — א יונג פונ א יאָר צוויי-דרײַ אונ צוואנ-ציק — האָט שוינ קוימ געקענט „איווריע" אונ האָט געגלייבט, אז קאָלערנ זיכ קאָנ בלויז א לעבעדיק פערד אונ ניט קײנ טויטער מענטש. כוצ דעמ איז געדאליעס צײַט געווענ א גאנצ אנדערע — א צײַט א שטילע אונ א זויערע, ווי אנ אלטע מויד, וואָס האָט נישט כאסענע אונ איז פרומ אונ לעבט יאָרנ לאנג אָנ שומ אומגליקנ אונ אָנ שומ גליקנ.

פונ די פיל שטילע ווינטערס אונ שטילע זומערס האָט געדאליענ טאָמיד געגנודיעט אפ דער נעשאָמע אונ אימ ארופגעשלאָגנ, ווי אפ צו ברעכנ. וואָרעמ געזונט אונ וווקסיק איז ער געווענ, אז ער איז געשטאנענ צווישנ דערוואקסענע מענטשנ, האָט פונדערווײַטנס אויס-געזענ, ווי א דערוואקסענער שטייט צווישנ קליינע קינדער. זײַנע קויכעס האָט ער נישט געהאט אפ וואָס אויסצונוצנ.

די יאָרנ זײַנענ געווענ לאנגווײַליקע אונ נאקעטע, ווי די גרויע סטעפעס ארומ שטעטל, — סטעפעס, וואָס זיי מעסטנ דעמ הימל אונ דער הימל מעסט זיי.

אונ געדאליעס באלעגאָלישע גלעקער ציילנ אפ זיי אינ די לאנגע זומער-טעג די מינוטנ, ציילנ פינקטלעכ א שאָ-פערטהאלבנ צומ וואָקזאל, א שאָ-פערטהאלבנ פונ וואָקזאל, אונ נאָכדעמ, אז מע קומט פארנאכט אהײמ אונ מע שפאנט אויס, שמעקט פונ דעמ פארנאנ-גענעמ זומער-טאָג מיט שווייס, ווי פונ א מיד פערד אונ אויכ מיט אזא רייעכ שמעקט פונ דער קומענדיקער נאכט. מע לייגט זיכ שלאָפנ. מע שטייט אופ אונ מע טוט ווידער דאָס זעלבע, וואָס נעכטנ.

די הײמ קאָנ מענ פארלאָזנ אפ א וואָכ אונ אפ מער, אונ זײַנ זיכער, אז דאָרט וועט גאָרנישט ניט פאסירנ.

דאָס שטעטל האָט געדרימלט אינ גרויס אָרעמקײַט, אונ קיצווע, האָט זיכ געדאכט, נעמט עס אייביקע — קיצווע פונעמ הימל, אונ פלוצעמ...

פלוצעמ האָט זיכ אינ דער צײַט איבערגעקערט אנ אלטע באר-זשאווערטע רעדעלע, זיכ אָנגעהויבנ צו דרייענ אונ צו יאָגנ. פלוצעמ

האָט זיך דעם קלײנעם אָרעמענ שטעטעלע פאַרגלוסנ רײַך ווערנ (כאָטש ארום אונ ארום אפ דער וועלט איז גאָרנישט געשענ...) אונ ניט גלאַט אַזוי פאַרגלוסט — דאָס איז געווענ א ברענענדיקער פיבער, אנ אונטערגאַנג, א קרענק פונ וועלנ רײַך ווערנ. די קרענק האָט ארומגעכאַפּט פונ א גאַס ביז א געסל, פונ א הויז ביז אנ אונ־טערשטיבל אונ ביז א פאַרשטופטנ אַלקער, ווו עס וווינט א פריש־כאַסענע־געהאַט אָרעמ פאָרפאָלק. אונ מאָדנע איז דאָך געווענ — ווײַל אַנדערע אינ שטעטל האָבנ דעמלט ווירקלעך פלוצעמ אָנגעהויבנ רײַך צו ווערנ.

גדליע האָט צוגעקוקט, ווי קימאַט אַלע אינ זײַנ שטעטל יאָגנ ארום איבער דער געגנט. אַלע פליענ, אַלע לעבנ אונ טרינקענ, ווער מער אונ ווער ווייניקער, פונ אָט דעם שטאַרקנ, ברויזנדיקנ געטראַנק. ער האָט דאַנ, ווי טאָמיד, געטריבנ אַלע טאָג זײַנ פערד צו דער באַנ, געטריבנ מיט גרויס פוילקייט, מיט פאַרדראָס אונ האָט שטיל, נאָר ביז געשאָלטנ:

— א בראַנד אינ זיי...

— א כאָליערע!..

געמיינט האָט ער די פיל נײַע אופשפראַצנדיקע גווירים.

אַלײנ איז ער פונ טאָמיד אָנ געווענ דער שווערסטער פאַרשוינ בא זיך אינ וואָגנ, כאָטש געווענ איז ער נאָך א יונגער באָכער. שווער איז בא אים געווענ ניט בלויז דער קערפּער, נאָר אויך דאָס לאָשנ אונ די געדאַנקענ.

פונדעסטוועגנ האָט ער, פירנדיק אינ וועג פאַרשוינענ, טאָמיד גע־האַט אוועלכע־עס־איז געדאַנקענ בא זיך אינ קאָפּ. די געדאַנקענ האָבנ זיך דעמלט בא אים געדרייט, סײַ ווענ זײַנ פערד איז געגאַנגענ פאַמעלעך, סײַ ווענ זײַנ פערד איז פויל אונטערגעלאָפנ. מערסטנ־טייל האָט ער געשוויגנ. נאָר אַמאָל, ווענ די פאַרשוינענ האָבנ הינ־טער זײַנע פלייצעס אָנגעהויבנ צו דרעמלענ, האָט זיך געקאָנט טרעפנ, אַז ער זאָל פלוצלינג אָנהייבנ:

— געווענ פריער בא אונדז אינ טאָל אײנער א גוויר, יִסראָעל נאָסנ, איצט... א שטיק אַכט שוינ, אָדער צענ — צו אַלדי רוכעס. א? — זײַנוול שוינ אויך א גוויר... געהערט די מײַסע מיט זײַנ־וולענ?

II

דער ערשטער האט אינ יענעמ מאל בא דער דימשקע אופגעהויבנ דעמ קאפ שימענ מייטעס, אדער שימענ דער קעגער.. אינ איינעמ א זומער האט ער פלוצעמ אנגעהויבנ צו גליקנ, כאטש ביז יענעמ זומער האט ער זיך מיט גארנישט אויסגעצייכנט, אחוצ דעמ, וואס ער איז געווענ א קענער, אונ אחוצ דעמ, וואס פונ אימ אינ פונ זײַנע קינדער האט זיך שטארק געפילט פונעמ מויל.

אינ דעמ זינ זײַנענ זיי געווענ אנ אויסנאמ. מענטשנ האבנ צו זיי ניט געקאנט צוגײנ נענטער ווי אפ פיר טריט. מע האט געזאגט:

— עס פילט זיך פונ זיי פאר א מײַל.

— עס איז א שטראפ פונ גאט.

— עס איז אזא מישפאכע.

אונ ווײַל אלע האבנ זיי געהאט גוטע קעפ אונ האבנ געקענט זייער פיל זאכנ, וועלכע אנדערע האבנ ניט געקענט, האט מענ דעריבער געגלייבט, אז דער שלעכטער רייעך פילט זיך ניט פונ זייערע מײַלער, נאר פונ זייערע קעפ.

„שייוועט געדאליע" האט דאס גוט געוווסט, ווײַל טאמיד, אויב ער האט געהאט צו פירנ איינעמ פונ זיי צו דער באנ, האבנ די איבעריקע פארשוינענ נישט גאר גערנ זיך געזעצט אפנ וואגנ.

נאר דאך, קענערס זײַנענ זיי געווענ.

שימענ, דער פאטער זייערער — א פעטינקער, א גראבלעכער, א רירעוודיקער — איז פונ טאמיד אנ ארומגעאנגענ אפ דער וועלט מיט אנ ארויסגערוקט בײַכל, מיטנ קאפ אפ דער זײַט, אונ מיט ווינגדיקע, גײַוועדיקע טרימעלעכ, — כאטש וואס מיט אימ איז געווענ דער יִכעס האט קיינער קיינמאל נישט געוווסט.

ער האט געטראגנ סײַ זומער, סײַ ווינטער א ווײַסע וועסט מיט מוטערפערלנע קנעפלעכ אונ א קורצ סורדוטל, א ביסל אנ אויסגעפלעקטס, נאר א שווארצס. ער האט באקומענ זייער פרי א גרויענ קאפ. אונ אויכ מיט דער גרויקײַט, האט זיך געדאכט, איז ער שטאלצ, ווי מיט א שטיקל יִכעס.

אלע שאבעס אינדערפרי האט ער פארשפעטיקט צומ דאווענ, ווי

אומישנע. כאָטש קיינ באַזונדערע אַרבעט האָט ער דאַנ, ווי יעדער ייִד, בײַ זיכ אינדערהיים נישט געהאַט. נאָר ווײַל ער איז אינ א געווייסער מאָס געווענ א געשטראָפטער — פאַר זײַנ גוטנ קאָפּ האָט ער באַצאָלט מיטנ שלעכטנ רייעכ, וואָס פילט זיכ פונ זײַנ מויל, — האָט ער געוואָלט כאָטש מיט עפּעס זיכ אויסטיילנ — זאָל זײַנ מיט דעמ, וואָס ער אונ זײַנע קינדער קומענ דאַוונענ, ווענ מע האָט שוינ האַלב אָפּגעדאַוונט, אונ דאָס שנײַדט יעדערנ די אויגנ אונ אַלע קוקנ זיכ דאַנ אומ.

גאַרלאַנימ זײַנענ בײַ זיכ אויכ געווענ זײַנע קינדער. אויב זיי זײַנענ ייִנג געוואָרנ גרוי, אונ ווײַל זיי זײַנענ אַלע געווענ קאַטערים, זײַנענ זיי טאָמיד געזעסנ אינ דער היימ אונ האָבנ זיכ מיט עפּעס באַשעפטיקט — זיי האָבנ גערעכנט, געמאָלט אונ געשניצט. זיי האָבנ געמאַכט פונ ראָזשינקעס זייער גוטנ ווײַנ. פונעמ ווײַנ האָט שימענ געצויגנ זײַנ פּאַרנאָסע; פונדאַנענ האָט זיכ גענומענ זײַנ רײַכקייט. אָנגעהויבנ האָט זיכ עס מיט א פּאָרעצ פונ דער געגנט, וואָס האָט זיכ אָפּגעשטעלט אויסטרינקענ בײַ שימענענ א פלאַש ווײַנ.

דער פּאָרעצ, א יונגער, זייער א צעטראָגענער. בײַ שימענענ אינ שטוב איז ער נישט אײַנגעזעסנ קיינ רעגע אפ אײנ אָרט, ער האָט זיכ אַרומגעדרייט אַרומ טיש מיט דער גלאָז אינ האַנט אונ ווי ער האָט זיכ אַזוי אַרומגעדרייט, האָט ער דערזענ:

אַנטקעגנ, אינ א גלעזערנעמ שאַפעלע, שטייט א קליינער מאָדעל, א צוויי־גאָרנדיק הײַזל אויסגעשפּילט פונ האָלצ, צי פונ קאַרטאָנ, אונ אָפּגעפאַרבט ווי א רויט, ציגלדיק אונ זינגעדיק מויערל. פענצטער האָט עס פרײַלעכע, ווי פרײַלעכע כײַנעוודיקע אויגנ. טירנ אונ אַרײַנגאַנגענ — באַדעקט מיט קונציקע מאָקוערײַענ אונ שניצערײַענ; גאַניקעס הויכע, גלעזערנע טרעפּ, וואָס זײַנענ באַדעקט, ווי מיט אַנ אומזיכטבאַרנ קישעפ, אונ עס קומט אויס ווי זיי בעטנ: „קומט אַרײַנ"! אונ אינגאַנצנ זעט אויס דאָס מויערל, ווי א ניגנ, ווי א פרײַלעכער יאָנטעוול, וואָס מע האָט אים פאַרשלאָסנ אינעמ גלעזערנעמ שרענקל, אונ דער יאָנטעוו ציט זיכ דאָרט אייביק, אייביק.

דער פּאָרעצ האָט פאַרגעסנ אָנ דער גלאָז ווײַנ, ער האָט געפרעגט:

— ווער האָט געמאַכט דאָס מויערל?

שימען האָט געענטפערט:

— איך און מײַנע קינדער; איך האָב פארטראכט, מײַנע קינדער האָבן אויסגערעכנט און אויסגעפירט.

דער פּאָרעץ האָט געזאָגט:

— איך האָב דאָ איין געגנט א מאיאָנטעק. איך האָב מיר אָנגע־הויבן צו בויען דאָרט א הויז, נאָר איך האָב אופגעהערט, ווײַל אלע היגע בוימײַסטערס זײַנען גרויסע קאליקעס. זיי וואָלטן מיר אויסגעבויט א שטאל, נישט קיין הויז, און אזא הויף, ווי אט דער קליינער מאָדעל, וואָלט איך זייער געוואָלט האָבן.

שימען האָט געזאָגט:

— איך און מײַנע קינדער קאָנען דאָס אויסבויען.

דער פּאָרעץ האָט געפרעגט:

— וויפל דארף עס קאָסטן?

שימען האָט געענטפערט:

— עס לאָזט זיך בארעכענען.

און פרײַזן האָט שימען ליב געהאט צו שטעלן הויכע. ער האָט ליב געהאט גוט צו פארדינען אפילע בא זײַן ווײַב.

דער סאָף איז געווען:

שימען האָט אויסגעבויט דעם פּאָרעץ פונקט אזא הויף, ווי דער מאָדעל בא אים אין גלעזערנעם שרענקל.

און נאָכדעם האָט ער בא צוויי אנדערע פּריצים אויסגעבויט צוויי אנדערע גרויסע הויפן.

און נאָכדעם האָט מען אים אין צוקער־פאבריק אָפּגעגעבן אופצו־שטעלן אלע גרויסע געמויערטע קאָרפוסן.

און נאָכדעם האָט ער זיך אונטערגענומען ערגעץ אין א שטאָט אויסצובויען די קאזארמעס, די שטאָט־באָד און די שטאָט־טורמע..

און נאָכדעם האָט ער זיך אונטערגענומען אויסצובויען אין געגנט אלע גרויסע מילן.

און פון יעדן מאָל בויען איז ער געוואָרן פעסטער, רײַכער, זיכע־רער. און גרויסע לײַט, אז זיי האָבן גערעדט מיט אים, האָבן זיי נאָך אלץ געהאלטן א טיכעלע מיט פארפומען בא דער נאָז, נאָר ריידן מיט אים האָבן זיי געמוזט. מע האָט געשמועסט:

— גאָט האָט באַצאָלט שימענען. פאַרנ רייעכ, וואָס פילט זיכ פונ זײַנ מויל, האָט גאָט אים באַצאָלט מיט לאָזנ אים אויסבויענ טורמעס און נאָכ אַזעלכע זאַכנ.

III

ווענ שימענ זאָל געווענ זײַנ גלאַט אַזוי אַנ אויפגעקומענער גוויר, אָנ אַ שלעכטנ רייעכ, וואָלט עפשער זײַנ גליק נישט געווענ אַזוי שטאַרק זיכ געוואָרפנ אינ די אויגנ.

און ווענ זײַנ מאַזל זאָל נישט געווענ אַזוי שנעל אויפבליִענ, וואָלט קיינעמ אינ אָרעמענ טאָל נישט געווענ אײַנגעפאַלנ מעקאַנע צו זײַנ, און די גלוסטיקײַט רײַכ צו ווערנ וואָלט דאָרטנ אַזוי שטאַרק נישט געברענט.

נאָר שימענ האָט ווי גענומענ נעקאָמע פאַר זײַנע פריִערדיקע אָרעמע יאָרנ. און די נעקאָמע האָט ער גענומענ דאַפקע דאָ, צווישנ די אײַנוווינער פונ טאָל, וועלכע האָבנ זײַנ פריִערדיקע אָרעמקײַט געדענקט.

ער האָט זיכ נישט אַריבערגעצויגנ אינ קיינ גרויסער שטאָט.

ער האָט זיכ אינ טאָל אויסגעבויט אַ רײַכ הויז און האָט דאָ מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגנ געריסנ בא די באַקאַנטע קאַפּצאָנימ די אויגנ, כאָטש זײַנע געשעפטנ האָבנ שוינ אָנגעשפּאַרט אינ די ווײַטע, ווײַטע געגנטנ.

אַפ יעדנ שאַבעס האָט ער געמוזט קומענ צוריק אַהיימ.

ווײַל בלויז אַ האַלבנ פאַרגעניגנ האָט שימענ געהאַט פונ דעמ, וואָס ער ווערט אינ די ווײַטע געגנטנ רײַכ; די צווייטע האַלב פונ זײַנ פאַרגעניגנ איז געווענ צו זענ, וויאַזוי בא די אײַנוווינער פונ טאָל פּלאַצט די גאַל.

דעריבער איז ער אַלע פרײַטיק פאַרנאַכט מיט אַזאַ גיריקײַט אַפ זײַנ רײַכנ שפּאַנ געלאָפנ אַהיימ.

מע האָט געזאָגט:

— אַ קנאַפּע האַלבע מײַל אונטערנ טאָל הייסט ער דעמ פורמאַנ זיכ אָפּשטעלנ. ער קוקט אַפנ זייגער און וואַרט אויס, קעדיי ער זאָל אַרײַניאָגנ אינ טאָל אַרײַנ פונקט איינ רעגע נאָכ ליכט־בענטשנ.

דערצו נאָכ איז אים האָנ אויסגעקומענ דורכצופאָרנ פונקט פאר דער שול, ווו עס ברענענ שוינ די שאבעסדיקע לאָמפּנ, ווו מע האלט שוינ אינ אָנהייב דאווענענ אונ ווו אלע קאָנענ אים זענ דורכ די פענצטער.

אונ ווי נאָר מע האָט אים דערזענ דורכ די פענצטער, אזוי באלד האָבנ אלע דערפילט, אז דער שאבעס איז עפּעס ווי נישט זייערער, ער איז עפּעס ווי א פארשטערטער, — כאָטש מיט וואָס ער איז א פארשטערטער, האָט קיינער אָפּ קלאָר נישט געוווסט.

געפילט האָט דאָס בלויז בא יעדערנ דער קערפּער. פונ די מיכאָלים האָט מענ שוינ קיינ האנאָע נישט געהאט. א גאנצנ שאבעס האָט יעדנ עפּעס ווי געבוירעט אינ הארצנ. אונ פלוצעם האָט זיכ צו יענער ציַיט באוויזנ אינ טאָל א צווייטער גוויר — דאָס איז געווענ יאנקל, איצע־יויעל דעם מעלאמעדס עלטערער זונ. אויכ אים האָט אָפּגעגליקט, אויכ ער איז פלוצעם געוואָרנ אי „ער“, אי אנ אנדערער.

יאנקל:

א לאנגער, א דארער, ווי אלע קינדער בא איצע־יויעל דעם מעלאמעד. קיינ באָרד האָט ער קימאט ווי נישט געהאט, זיַינ לענגלעכ פּאָנעם איז טאָמיד געווענ רויטלעכ, אקוראט ווי ער וואָלט נארוואָס איַינגענומענ א ביטערנ פּראָשעק.

גערעדט האָט ער זייער שטיל, וויַיל איצע־יויעל דער מעלאמעד איז אליינ געווענ א טויבער, אונ אלע קינדער זיַינענ בא אים געווענ טויבע, אונ שטארקער פונ אלע איז בא אים געווענ טויב יאנקל.

געהאנדלט האָט יאנקל מיט פלאקס; פונ פלאקס איז ער ריַיכ געוואָרנ, כאָטש ער אליינ האָט נישט געוווסט וויארום אונ וויאזוי.

— די ערשטע דריַי טויזנט רובל געדענק איכ נאָכ אונ דאָס איבעריקע קומט שוינ בעמיילע, דאָס איבעריקע קומט שוינ, ווי אינ א משאד, ווי אינ א כאָלעם.

אזוי האָט דערציילט יאנקל, אונ דערביַי איז אים זיַינ לענגלעכ פּאָנעם געווענ א ביסל פארקרימט, ווי גלייַכ ער האָט נארוואָס איַינגענומענ א ביטערנ פּראָשעק.

— דער איקער — האָט ער געזאָגט — זיַינענ די ערשטע דריַי טויזנט:

פונ מויל צו מויל איז ארומגעגאנגענ:

— וווּ נעמט מענ „די ערשטע דרײַ טויזנט“?
— ער האָט שוינ „די ערשטע דרײַ טויזנט“.
— ער וועט אינגיכנ האָבנ „די ערשטע דרײַ טויזנט“.

אינ מאָל האָט מענ אָנגעהויבנ האוענ, פויזענ, ארומצויאָגנ איבער דער נעגנט; מע איז נעקראָכנ פונ דער הויט; מע האָט געמאכט שוט־פעס אכט־צענ מענטשנ, קעדיי צו האָבנ אינײַנעם „די ערשטע דרײַ טויזנט“ אונ נאָכדעם זיכ צוריק צעטיילט. מ׳האָט געהאנדלט גאנצע קאָמפּאניעס, געווענ צוערשט שטארק שאָלעם אונ באלד נאָכדעם זיכ שטארק צעקריגט. מע האָט זיכ פארלאָזט, זיכ געלאָרנ.

עס זײַנענ אזוי אוועק צוויי־דרײַ פארהאַוועטע, שיקערע יאָרנ, יאָרנ פונ גערעטענישנ אונ פונ אומגערעטענישנ.

אז מע האָט זיכ נאָכדעם ארומגעקוקט, האָט מענ דערזענ:

אייניקע האָט זיכ דאָכ אײַנגעגעבנ ארײַנצוכאפּנ „די ערשטע דרײַ טויזנט“. קימאַט יעדערער פונ זיי ווערט רײַכ. אונ מאָדנע: קימאַט יעדערער פונ זיי האָט אוועלכנ־עס־איז כיסאָרנ... זאָל זײַנ א קליי־נעם, אבי א כיסאָרנ.

מע האָט געשמועסט:

— זע נאָר, עס איז דאָכ מאַקע א טשיקאַווע זאַכ.

די גאנצע מײַסע מיט די כעסרוינעס איז געווענ א ביסל איבערגע־בלאָזנ. נווירים אינ מאָל זײַנענ געוואָרנ א גרעסערע צאָל, אינ ווער פונ זיי עס האָט קיינ כיסאָרנ נישט געהאט, בא יענעם איז א כיסאָרנ געוואָרנ. דאָכ האָבנ די שטענדיקע רייד שטארק געווירקט אויפ דאָס שטענדיקע זוכנ כעסרוינעס האָט געבראַכט דערצו, אז יענע, וועלכע האָבנ קיינ כעסרוינעס נישט געהאט, האָבנ זיכ דערפילט ווי באַ־טײַלט אונ האָבנ ביסלעכווײַז אויפגעהערט צו גלייבנ, אז זייער מאַזל זאָל נאָכ ווענ־ניט־איז אויפבליִענ.

איבערהויפּט האָט אינ דעם אויפגעהערט צו גלייבנ „שייוועט גע־דאַליע“. ווײַל וואָס־וואָס, נאָר אז ער איז א מענטש מיט א כיסאָרנ האָט שוינ אָט אים קיינער בעשומויפנ זאָגנ נישט געקאָנט.

ער איז, ווי פריער, געווענ דער שווערסטער פארשוינ בא זיכ אינ וואָגנ אונ האָט, ווי פריער, געהאט שווערע געדאנקענ בא זיכ אינ קאָפּ; די געדאנקענ האָבנ זיכ געדרייט סײַ וועגנ זײַנ פערד איז גע־

גאַנגען פּאַמעלעך, סײַ װען זײַן פֿערד איז פֿול אונטערגעלאָפֿן, און אַלײן האָט ער אַלץ געהאַט פֿאַרגראָם אָף די נײַע גװירים; ער האָט שטיל און בײז געשאָלטן:
— אַ בראַנד אָף זײ.
— אַ כאָליערע.

IV

אײן מאָל האָבן זיך געבױט הײַזער.
אײן מאָל — אַ גביר נאָך אַ גביר.
און יעדער גביר בױט זיך איבער זײַן שטוב. װאַרפֿט פֿאַנאַנדער די װענט, מאַכט גרעסער די פֿענצטער, קלאַפּט אַרױף אַ נײַעם דאַך. נעמט אַרײַן נײַעם פּלאַץ, און די װײַבער פֿון די גבירים גיבן דאָרט אַכטונג אָף דער אַרבעט — זײ קלינגען מיט די שטוב־שליסלעך און קאָמאַנדעװען, װי האַלבע מאַנצבילן.
אַלע שאַבעס באַטאָג האָט „שײװעט געדאַליע“ אַרומגעשפּאַצירט אַרום אָט די הײַזער, געשפּאַנט פּאַמעלעך מיט אַרונטערגעלײגטע הענט און האָט בײזלעך מיט אומצופֿרידנקײט געקוקט, װי עס בױט זיך.
ער איז פֿון טאָמיד געװען אײנער אַלײן. געקומען איז דאָס אים פֿון זײַן אומגעװײנלעכער גרײס און פֿון זײַן אומגעװײנלעכער ברײט — װאָס פֿאַר אַ כּאַװײרים האָט ער געקאָנט האָבן, אַז טאָמיד, װען ער רעדט צו זײַן גלײַכן, קומט אױס װי אַ דערװאַקסענער רעדט צו אַ קלײן ייִנגל; ער פֿילט זיך דאָס נאַריש. זײַן גרױס פּאָנעם װעט דאָך אױס מאָדנע, גלײַך אָט, אָט װעט ער געבן אַ שמײכל. אױך איצט האָט ער אײנער אַלײן געטראָגן אין זיך זײַן פֿאַרדראָס.
צוריק גערעדט, װאָס האָט ער צו די נײַע גבירישע הײַזער.
נאָר פֿון דער אַנדערער זײַט: װאָס האָט ער, „שײװעט געדאַליע“, פֿון זײ געהאַט.
פֿאַרקערט, װאָס מער אַ גביר אין שטאָט, אַלץ װײניקער פֿאַרדינען פֿאַר אים מיט זײַן פֿערד.
אַ גביר האָט ליב צו פֿאָרן גיך, אײנער אַלײן, װען ער װיל און װוהין ער װיל — פֿאַרדינען װעט ער דיר געבן אַ מאַקע.
אַזױ איז מיט די קצבֿים, אַזױ איז מיט מיכל פּיאַטקע, מיט יאַנקל

איצע־יויעלס, מיט יִסראָעל טענאשעס און מיט אלע אנדערע — אלע האָבנ זיכ פארזאָרגט מיט אייגענע פערד, געדאליע זעט זיי מער קיינ־מאָל נישט בא זיכ אפנ וואָגנ.

אַפטמאָל איז ער געפאָרנ ליידיק צום וואָקזאל.

זײַנע באלעגאָלישע גלעקער האָבנ אומזיסט אָפגעקלונגענ פערט־האלבנ שאָ אפ די סטעפעס, אומזיסט אויסגעציילט דעם לאנגנ זור מער־טאָג זײַנע מינוטנ.

פונ אזא אומזיסטיק פאָרעכצ ציט אָנ אופהער בא דער נעשאָמע. אקוראט ווי דעמ גאנצנ וועג וואָלט מיטגעפאָרנ זייער א שלעכטע בייזע ווײַב און וואָלט עסנ.

נאָר פיל ערגער פילט זיכ געדאליע, אויב אימ קומט אוים פינעמ וואָקזאל צו פאָרנ ליידיק אהיימ.

אלע צוגנ זײַנענ שוינ דורכגעלאָפנ. אפנ וואָקזאל איז שטיל, ווי ארום א שלאָפנדיקנ גאסטהויז, און קיינ פארשויגעע זײַנענ נישטאָ.

געדאליע שטייט דאנ לעבנ זײַנ וואָגנ און קײַט שטרוי.

ער טראכט מיט ווייטעק:

— ווי אפצולאָכעס.

ער וואַרט נאָכ אלצ, טאָמער וועט א פארשויג קומענ, כאָטש פונ־וואנענ זאָל ער קומענ?

אימ איז ביטער.

קײַענדיק די שטרוי, געדענקט ער די נײַע גווירים פונ טאָל.

פילנ פילט ער, אז אימ איז מענ ווי ארומגעגאנגענ, מע האָט אימ ווי פארטיילט, און פאר וואָס עפעס אימ?.. דאפקע אימ — דעמ גרויסנ...

עס טרעפט:

ער פאָרט ליידיק צוריק, איינער אלײנ א שווערער אינ זײַנ פוסטנ וואָגנ.

און פונ הינטנ יאָגט אימ איבער א פריילעכע פור פונ א נײַעמ גוויר, א גרינגע און פרישע.

די פור לאָזט אימ איבער ווײַט הינטער זיכ און געדאליע פאָרט דאנ עמעצנ אפ צושפיקענייש נאָכ מער פאמעלעכ.

אינ הארצנ גליט א קויל און ער שעלט בייז און שטיל, ווי פאר זיכ:

— א בראנד אינ זיי...
— א כאָליערע...

געדאליע פילט, אז ער וואָלט פונ צענ גווירימ אפ איינמאָל גע-קאָנט מאכנ א מאָטשענקע — זיי אלע זײַנענ רײַכ, אונ ער, געדאליע...

ער האָט געפרווט א האנדל טאָג, א בײַט געבנ זײַנ פערד אפ א צווייטנ, דעמ צווייטנ אפ א דריטנ. בא איינ „בײַט" האָט ער צוגע-צאָלט, באמ צווייטנ „בײַט" האָט מענ אימ צוגעצאָלט, באמ דריטנ „בײַט" האָט ער ווידער יענעמ צוגעצאָלט.

גאָר אויסגעלאָזט האָט זיכ, אז זײַנע אָפּגעשפּאָרטע פאָר רובל האָט ער צוגעלייגט, אליינ איז ער קוימ געבליבנ באמ ערשטנ פערד, אונ פונ דער זײַט האָט מענ זיכ איבער אימ געווערטלט:

— נו, וואָס, געדאליע? עס איז אזו אָכ אונ ווי, אז מ'ע האָט נישט קיינ כיסאָרנ — אָנ א כיסאָרנ ווערט מענ נישט קיינ גוויר.

דערצו נאָכ האָט זיכ געטראָפנ די מײַסע מיט זײַנוולענ — אויכ ער האָט אָנגעהויבנ רײַכ צו ווערנ.

א מאָדנע מײַסע:

געווענ איז זײַנוול א יונגער באָכער, אויכ א באלעגאָלע, ווי גע-דאליע, נאָר נישט אליינ א באלעגאָלע, א שמײַסער בא א באלע-גאָלע.

געפאָרנ איז ער, ווי געדאליע, אלע טאָג צו דער באנ, געשטאנענ דאָרט אינײנעמ מיט אימ אונ געוואָרט אפ פארשוינענ. געווענ איז ער דער איינציקער, מיט וועמענ „שיוועט געדאליע" האָט באמ וואָק-זאל צומאָל געכאפּט א באלעגאָלישנ שמועס.

כאָטש אויכ דאנ האָט זיכ געדאליע געפילט ווי נאריש אונ זײַנ פּנעמ האָט ווי געוואָלט שמייכלענ, זײַנוול — א יאָדערדיקער, רירעוו-דיקער אונ פעסטער באָכער, אונ געדאליע האָט דאָכ צו אימ א געפיל ווי צו א דינ, איידל שטעקעלע, וואָס ברעכט זיכ.

איינמאָל, ווענ זײַנוול האָט געוואָלט קלוימערשט זיכ ראנגלענ, האָט זיכ געדאליע אײַנגעבויגנ אונ האָט זיכ א לאָז געטאָנ צו אימ מיט אײַנגעבויגענע עלנבויגנס.

— קומ נאָר אהער, דו ליאָלקע, דו.

אונ אז ער האָט זײַנוולענ דעמלט ארײַנגעכאפּט אינ די הענט אונ

אים צוגעקוועטשט צו דער ברוסט, האָבנ באַ זײַנוולען זיך געוואָרפנ די הענט אונ די פיס, ווי בא א קליינ הינטל, וואָס קאָנ זיך גישט בײַסנ.

געמט זײַנוול איבמיטנ זומער אונ וואַרפט אַוועק — אוים באַלעגאָלע.

— זאָלג אים — זאָגט ער, — מײַנ באַלעבאָס, דערלויבנ די ווערעמ, איך האָב פונ אים א קרענק.

אליינ פאַרדינט ער זיך אפנ כוידעש אונ ארבעט אינ פעלד לעבנ א רײַכער פערמע בא א נײַער דרעש־מאַשינ, וואָס פאַרייכערט אינ־מיטנ די סטעפּעס דעמ זומערדיקנ הימל.

זײַנוול ווערט פאַרברענט פונ זונ אונ ארבעט בא דער מאַשינ פונ זונ־אויפגאַנג ביז זונ־זעצנ.

— סע גוט, — דערציילט ער געדאַליענ, — ווי איך ביג א ייִד, סע גוט.

נאָר אינ איינעמ א שטארק הייסנ זומערדיקנ באַטאָג ברענגט מענ אים צו פירנ אינ טאָל ארײַנ אפ א פור. זײַנוול ליגט א פאַרכאַלעשטער.

בא דער מאַשינ האָט אים אָפגעריסנ א האַנט.

אָבער ווי אָפגעריסנ, — די גאַנצע לינקע האַנט ביזנ אַקסל.

זײַנוול איז איינ זאַך, די אָפגעריסענע האַנט — א צווייטע זאַך, — מער קערנ זיי זיך נישט אָנ איינער מיטנ אנדערנ.

נאָר זײַנוול איז א יונג א פרייליכער; ער וועט זיך נישט זעצנ זאָרגנ. ער איז גיך געזונט געוואָרנ אונ פאַר זײַנ אָפגעריסענער האַנט האָט ער בא עמעצנ אויסגעלאָזנ גאַנצע דרײַ טויזנט רובל — די „ערשטע דרײַ טויזנט".

איצט גליקט ער, ווי אלע נײַע גווירים, וואָס אינ טאָל.

ער איז א שוטעפ מיט מיכל פיאַטקע אונ קויפט אָפּ אינ מאַרק א קלייט נאָך א קלייט. זיי האָבנ ביידע א בעשוטפעסדיקע פערד־אונ־וועגעלע אונ יאָגנ ארומ איבער דער געגנט. מיכל פיאַטקע שפּאַנט מעלאַמדיש דאָס פערד. זײַנוול העלפט אים מיט איינ האַנט, ווײַל חער לינקער ארבל איז בא אים א ליידיקער, גלאַט אזוי אונ ארבל, וואָס באָמבלט זיך.

אליינ אָבער איז ער נאָך אלץ יאָדערדיק, דערעוודיק. ער שט״ט

אפ די פיס פעסט. ער איז שטענדיק אָנגעטאָנ ווי א כאָסנ און זאָגט וועגנ דעם לײדיקנ ארבל זײַנעמ:

— איז וואָס ארט עס מיכ?.. אנו, לאָמיכ וועלנ דאָס שענסטע מײדל...

געדאליענ האָט ער אײנמאָל געטראָפנ בא דער באנ.

געדאליע איז געשטאנענ אײנער אלײנ לעבנ זײַנ פור; ער האָט ארויסגעקוקט אפ פארשוינענ.

— איז וואָס, — האָט זײַנוול צו אימ א ווינק געטאָנ מיט אײנ אײגל — דרייסט נאָכ אלץ מיטנ בײַטשל?

געדאליע האָט זיכ נישט אומגעקוקט.

— איכ דריי, — האָט ער פויל ארײַנגערוקט א האנט טיפ אינ וואָגנ אונטער דער שטרוי, — א ברײרע האָב איכ.

זײַנוול האָט זיכ געגעבנ א קנײַלעכדיקנ דריי, ער האָט פרײלעכ א פאָכ געגעבנ מיט זײַנ לײדיקנ ארבל.

— אָנ א כיסאָרנ גייט דאָס נישט, דו יאָלד אײנער... וואָס קוקסטו אזוי אפ מיר?..

און ער האָט גענומענ פונ אימ אָפלאכנ, בילנ אפ אימ, ווי א קלײנ הינטל אפ א גרויסנ:

— גראָבער קאָפ! וואָס קומט דיר ארויס, וואָס דו ביסט גרויס, ווי א שקאפע?

און נאָכדעמ האָט ער גענומענ צושטײנ צו אימ אָפט, קימאט אלע מאָל, ווענ ער האָט אימ אינ שטאָט באגעגנט.

— דו, שייוועט געדאליע, דו, נעוויילע, דו... מע נעמט און מע לײגט אנידער בא דער באנ א האנט אָדער א פוס... וואָס זשע? זײ וועלנ דיר דאָרט נישט באצאָלנ, וועלנ זײ דיר נישט?.. זײ זײַנענ קארג רײַכ, ווײַזנ זײ?.. אײדעמס קריגט מענ, זאָג איכ דיר, אײדעמס קריגט מענ, ווי איכ — פאר צוויי פינפונצוואנציקער.

אָדער:

— דו, גרויסע שקאפע, דו... ווענ מע האקט דיכ אונטער ביז די קניענ, בלײַבסטו דאָכ נאָכ אלץ צוויי מאָל גרעסער ווי מיכל פיאטקע.

דערבײַ האָט ער געהיט „שייוועט געדאליעס" הענט, געקוקט ווי זײ רײַבנ זיכ אָנ די קלובעס, ווי אפ פעטש צו געבנ, און איז אלע רעגע אָפגעשפרונגענ אָנ א זײַט.

— איך האָב אָט־אָט־דאָ... — האָט ער זיך געקלאַפּט מיט דער גע־בליבענער האַנט איבערן טאַש, ווו עס ליגט זײַן געלט־בײַטל — אַש־טייגער, וויפל, טראָגט דיר דײַן קאָפּ, האָב איך אָט־אָ־דאָ?
איז אָט איבער אָט דעם זײַנוולען...

V

בא „שיוועט געדאַליע" האָט די קויל אין האַרצן געגלים שטאַר־קער.
פון טאָג צו טאָג איז זײַן סינע צו די נײַע גווירים געוואַקסן.
פאַר די אויגן האָט אָן אויפהער אַרומגעשוועבט זײַנוולס לײַדיקער אַרבל.
דער אַרבל האָט זיך געבאָמבלט, געבאָמבלט, און ערגעץ טיף אין האַרצן איז שוין דאָן דער באַשלוס געווען א פּאַרטיקער, א פעסטער.
— און, מיילע, כאַפּט עס א שוואַרץ יאָר — ווייניקער מיט א שטיקל פּוס.
איצט האָט ער שוין נישט געוווּסט אָפּ וועמען די קויל בא אים אין האַרצן גליט: — אויף די נײַע גווירים, אויף זײַנוולס לײַדיקן אַרבל, צי אויף זיך אַליין, אויף זײַן אייגענעם גוואַלדיקן וווּקס און גוואַלדיקער ברייט.
איצט האָט ער געלעבט ווי אין א טשאַד און א געפיל איז בא אים אָפּט געווען אַזאַ, גלײַך מע האָט אים שטאַרק פאַרשטאָפּט די אויערן מיט וואַטע און ער קוקט בלויז מיט די אויגן. ער זעט אַלצדינג, וואָס אַרום מיט זיך, נאָר הערן הערט ער נישט קיין מינדסטן קלאַנג.
צום ערשטן מאָל האָט אים אַזאַ געפיל באַהערשט אין אײנעם א פרײַטיק.
דורכגייענדיק אין מאַרק צווישן די ווײַבער און צווישן די פורן, האָט ער דערזען אַשער דעם פישער, פון דעם ווײַטלעכן דאָרף — א פעסט און רירעוודיק ייִדל, א פאַרשמאָלצעוועטער, ווי אַלע אַנדע־רע מאַרק־ייִדן, נאָר דער רעכטער פוס איז בא אים אונטערגעהאַקט — צום רעכטן פוס, א ביסל העכער פון דער קני, איז בא אים מיט פאַר־סעקלעכן און מיט רימענדלעך צוגעשפּיליעט א הילצערנע קוליע, א גראָבע, ווי א פוס אָן א טריט.

„שיוועט גערעליע“ איז דאָרט אַ ווײַלע געשטאַנענ, ווי אַ פֿאַר־טשאַדעמעטער, אונ האָט געקוקט, ווי ער גייט גרינג, אָט דער אַשער, ווי אַלע מענטשנ, בא יעדנ טריט טוט ער זיכ בלויז בערייעש אַ וויג אינ ביידע זייטנ.

גערעליענ האָט דאַנ שמעצער גערופֿנ, נאָר בא אים זײַנענ די אויערנ געווענ ווי פֿאַרשטאָפּט. ער האָט בלויז געזענ, ווי מענ מאַכט צו אים מיט די הענט, נאָר הערנ האָט ער נישט געהערט קיינ מינדסטנ קלאַנג.

פֿונ דענסטמאָל האָט ער זיכ אָנגעהויבנ צוצוקוקנ צו קאַליקעס.

ער האָט זיכ טאָמיד אָפּגעשטעלט לעבנ זיי אונ האָט זיי באַטראַכט גלאַט אַזוי אָנ שום געדאַנקענ בא זיכ אינ קאָפּ.

זיי האָבנ אים צו זיכ געצויגנ.

זיי האָבנ אים ערגעץ וווהינ ווי געוואָלט פֿאַרנאַרנ...

אונ נאָכדעם האָט זיכ אים זייער אָפֿט אָנגעהויבנ כאָלעמענ, אַז ער האָט אים שוינ, דעם כיסאָרנ...

קימאַט אַלע נאַכט אינ סאַמע טיפֿסטנ שלאָף איז צו אים אָט דער כאָלעם געקומענ, אונ געווענ ער איז פֿאַר אים אי שרעקלעכ, אי פֿול מיט טרייסט...

אינ דער נאַכט, אינ דער פֿינצטער, אינ סאַמע טיפֿסטנ שלאָף האָט ער פֿלוצעמ, ווי אונ אַ שרעק, געקאָנט זיצנ בלײַבנ, זיכ אַ שאָקל געבנ מיט אַ דרעמלדיקנ מויעכ, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרצ אונ אָפּגיכ, אָפּגיכ אָנהייבנ שאַרנ אַרומ זײַנ קערפּער מיט ביידע הענט, טאַפּנ, נישטערנ אונ אים זוכנ, זוכנ דעם כיסאָרנ...

נאָכ אַ ביסל שפּעטער איז ער שוינ ווידער מיט דעם געדאַנק וועגנ „אים“ שווער געשלאָפֿנ אונ אינ שלאָף געבענקט נאָכ „אים“, גע־וואַרט אָפּ „אים“ אינ איינער אונ דער זעלבער צײַט אי מיט שרעק, אי מיט פֿרייד.

אַליינ איז ער צו יענער צײַט גאַנצע טעג געווענ פֿאַרטומלט. אַז מע האָט צו אים גערעדט, האָט ער געענטפֿערט פֿאַרטויבט.

ער איז צו דער באַנ נאָכ אַלצ געפֿאָרנ.

אונ פֿאַרשוינענ זײַנענ פֿונ מאָל צו מאָל געוואָרנ ווייניקער אונ ווײַ־ניקער.

געווענ איז דאָס אינ אָנהייב אָסיענ, אַ טאָג אַ טונקעלער, אַ טאָג:

אַ זונ, אַ וואָלקנדיקער, נאָר זייער אַ שטילער, אַ שווערלעכער, ווי אָנ-געגאָסנ מיט בלײַ.

גאַנצפרי האָט אַ ווינטל אָפּגעשטעלט דעמ באַנאַכטיקנ דריבנעמ רעגנ.

נאָר קילער איז דאָכ נישט געוואָרנ, ליכטיקער — אויכ נישט.

דער קליינער ווינט איז פאַרשוווּנדנ און דער טאָג איז געבליבנ אַ פאַרטויבטער, אַ נישט פילנדיקער, ווי אַ פאַרטערפּעט לײַב — אַ טאָג, וואָס שלינגט אײַנ אינ זיכ קלאַנגענ און גיט זיי מער צוריק נישט אַרויס.

געדאַליע איז געקומענ צו דער באַנ ליידיק, איינער אַליינ מיט זײַ[נ] פור.

ער האָט איבערגעוואַרט איינ צוג, אַ צווייטנ, אַ דריטנ, קיינ פאַר-שוינענ, ווי אַפּצולאָכעס, זײַנענ נישט געווענ.

קיינ צוגנ האָבנ שוינ אויכ מער קומענ נישט געדאַרפט.

געדאַליע איז נאָכ אַלץ געשטאַנענ און האָט געוואַרט.

לינקס, ווײַט פונ וואָקזאַל, האָט ערגעצ געקלאַפּט אַ דרעש-מאַשינ.

דאָס דרעשנ האָט דערגרייכט אַהער כוואַליעסווייז און האָט דער-מאָנט אָנ אויפהער אָנ זײַנוועלס ליידיקנ אַרבל.

רעכטס מיט די רעלסנ, וואָס ציִענ זיכ אַוועק פאַרבײַ דער ראַמפּע, האָט מענ אָנגעלאָדנ וואַגאָנעס, אָנגעלאָדנ זייער שווער און אייניציק-ווײַז.

געדאַליע האָט זיכ אײַנגעהערט, ווי מע שטופּט אָפּ פונ דער ראַמ-פּע אַ שווער אָנגעלאָדענעמ וואַגאָנ.

אָט קומט אונטער אײַטער פונ די רעזערוו-לאָקאָמאָטיוונ.

ער גוט דעמ וואַגאָנ אַ שטויס.

דער וואַגאָנ קאָלערט זיכ שטיל, ער גליטשט זיכ אַוועק אַפּ די רעלסנ.

עס דויערט אַזוי אַ חיפּשע ווײַלע.

עס דערהערט זיכ אַ קלאַפּ, אַ שטילער קלאַנג פונ בופערנ — דאָס שטויסט זיכ אָנ דער וואַגאָנ אָנ די ווײַטע אָנגעלאָדענע וואַגאָנעס.

אָנשטאָט אַוועקצופאָרנ אַהיימ איז געדאַליע אַרופגעקראָכנ צו זיכ אָפּנ וואָגנ, זיכ אויסגעצויגנ מיטנ פּאָנעמ אַראָפּ און האָט אַרײַנגערוקט דעמ קאָפּ אינ דער שטרוי.

ער האָט באַלד אָנגעהויבנ צו שלאָפנ.

נאָר דער שלאָפ איז געווען א מאָדנער, א פארטויבטער.

עס איז געווען זייער שטיל.

אונ ווידער האָט פונ ערגעץ ווײַט כוואַליעסווײַז דערגרייכט דאָס דרעשנ פונ דער מאשינ.

ווידער האָט דער לאָקאָמאָטיוו אָפגעשטויסנ פונ דער ראמפע שווער־אָנגעלאָדענע וואגאָנעס.

אינ די אויערנ האָט זיכ ווי אָנ אופהער געהערט:

א קלאפ.

א טויבער שטויס פונ בופערנ.

א שטילער קלאנג.

גדאליע האָט זיכ אויפגעכאפט אונ דערזענ, אז דער טאָג איז נאָכ טונקעלער ווי פריִער.

די לופט איז נאָכ טויבער.

די שטילקײַט — גרעסער.

עס ווערט נאכט.

ער איז ארויפגעקראָכנ פונעם וואָגנ אונ האָט שטיל זיכ גענומענ גאָרוועגנ פונ אונטנ, ארום אונ ארום דער ראמפע.

איצט איז ער שוינ ווידער געווענ, ווי אינ טשאד. זײַנ נעפיל איז געווענ אזא, גלײַכ מע האָט אים די אויערנ שטארק פארשטופט מיט וואטע, אונ ער קוקט בלויז מיט די אויגנ. זענ זעט ער, נאָר הערנ הערט ער נישט קיינ מינדסטנ קלאנג.

ער האָט דערגרייכט צו די אָנגעלאָדענע אָפגעטיילטע וואגאָנעס, וואָס וואַרטנ ווײַט פונ דער ראמפע אפ נײַע, אונ האָט גלײַכ געפונענ אנ אָרט צווישנ צוויי אָפגעשטאנענע וואגאָנעס.

ארום איז קיינער נישט געווען.

ער האָט זיכ אנידערגעלייגט לעבנ די רעלסנ מיטנ פּאָנעם אראָפ אונ האָט צווישנ די צוויי אָפגעשטאנענע וואגאָנעס ארײַנגעלייגט זײַנ פּוס. איצט האָט ער אָט פונ דער זײַט, וווּ עס געפינט זיכ די ראמפע, דערהערט א שטויס פונ לאָקאָמאָטיוו. ער האָט זיכ צוגעדריקט מיט דער ברוסט שטײַפער צו דער ערד אונ האָט שטארק, שטארק פארמאכט די אויגנ.

אפ מאָרגנ, ווענ ער איז אינ גרויסע ווייטעקנ אונ אינ גרויס היצ

געלעגן בא זיך אינדערהיים, האָט ער געפילט:

עמעצער וועקט אים אַלע ווײַלע, ווי פון כאַלאָשעס.

אַלע ווײַלע האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, דערזען, ווי עס דרייען זיך אַרום אים מענטשן, געפינטלט אַקעגן זיי מיט די אויגן, נאָר קיינעם פון זיי נישט דערקענט.

אַקאָרשט באַנאַכט, ווען ער האָט באַנײַס געעפנט די אויגן, האָט ער ווי אין כאָלעם דערקענט דעם ליידיקן אָרבל, וואָס באָמבלט זיך אַקעגן בעט אין דער לופט — זײַנוולס ליידיקער אָרבל.

אויך דעם ווונק פון זײַנוולס אַ פריילעכן אייגל האָט ער דערקענט.

זײַנוול האָט זיך צו אים אָנגעבויגן איבערן בעט און האָט אים הויך אַרײַנגעשריען אין אויער:

— מאַזלטאָוו, „שייוועט נעדאַליע״! מאַזלטאָוו מיט „די ערשטע דרײַ טויזנט״!

דער קאַברען

I

— רעב זאלי, איר וועט אונדז אלע איבערלעבנ, א? רעב זאלי.

זאלי האט פֿאַרשטאַנענ, אז מע זאגט דאס אים; ער ענטפֿערט איבערקערי־מעדיק:

— טיע, טיע, טיע... איבער־לעבנ... טיע, טיע, טיע.

ער איז א שאמעס אינ דער בעסמעדרעש־קאדישע. ער האט איבערגע־לעבט זײַנ ווײַב, זײַנע זינ, זײַנע שניר, זײַנע מומעס, פֿעטערס, געשוויסטער־קינדער און דעם גרעסטנ טײל פֿונ זײַנע אייניקלעכ.

ביז פֿינפֿ און זיבעציק יאר האט ער געגלייבט, אז ער עלטערט זיכ, ווי אלע מענטשנ אינ זײַנ שטאט, א סימנ האט אים: ער ווערט גראַ־לעכ; אפֿ זײַנ שטערנ, אפֿ זײַנע באקנ און אפֿ זײַנ שטײַפֿנ רויטנ האלדז באווײַזנ זיכ קנײטשנ.

נאר נאכ פֿינפֿ און זיבעציק יאר האט זיכ זײַנ גראקײַט אפּגעשטעלט און איז ווײַטער נישט געגאנגענ; זײַנע קנײטשנ — אויכ: זיי האבנ זיכ פֿארהארטעוועט און האבנ אויסגעזעענ ווי אײַנגעווייקט אינ ספּירט. זאלי האט עס באמערקט, אלע האבנ דאס באמערקט.

— זאלי, — האט מענ געזאגט, — האט אויפֿגעהערט צו ווערנ אלט.

א מאדנע זאכ איז דאס געווענ, נאר גלײַביקע מענטשנ האבנ דאס געהאט צו דערציילנ וועגנ דעם א מײַסע:

געווענ איז דעמאלט זאלי נאכ א באכער, געוווינט אינ א דארפֿ אינ א קרעטשמע, קומט איינמאל אינ יענעם דארפֿ דער גרויסער מא־גיד און שטעלט זיכ אפּ אינ קרעטשמע דאווענ. און אינ קרעטשמע איז גראדע קיינער כוץ זאלינ נישט געווענ. אלע זײַנענ אוועקגעפֿארנ

אפּג יאָריד. נאָכנ דאַוונענ פרעגט דער גרויסער מאַגיד בא זאַליען:

— העי נאַר, יונגער בוים, וואָס קאָנסטו מיר געבנ עסנ?

זאַלי האָט געענטפערט:

— קרעפּלעך, רעבע, איך קאָנ קלעפּנ קרעפּלעך.

— גוט, — האָט געזאָגט דער מאַגיד, — וויפל קרעפּלעך דו וועסט אָנקלעפּנ, אזויפיל יאָר וועסטו לעבנ.

זאַלי האָט אָנגעקלעפּט קרעפּלעך א פולנ טאָפּ, און ווען ער האָט איבערגעציילט, איז געווענ פונקט הונדערט מיט אכצנ.

פונדאַנענ האָט מענ געדרונגענ, אז זאַלי וועט לעבנ הונדערט מיט אכצנ יאָר.

— ער האָט באַצאָלט, — האָט מענ געזאָגט, — פאַר יעדנ יאָר א קרעפּל.

נאָר זאַלי האָט פײַנט געהאַט צו הערנ, ווי מע דערציילט דאָס. הונדערט מיט אכצנ יאָר איז אימ געווענ קאַרג, און אכוץ דעמ האָט ער געגלייבט, אז יאָרנ זײַנענ ווי קרעפּלעך — אז מע ציילט זיי ניט, איז בעסער — עס קאָנ אינ זיי אַרײַנ די בראָכע.

א קרעפטיקער איז זאַלי געווענ פונ טאָמיד אָנ. א ייִד — א גוואַר מיט אנ אײַזערנעמ קאַרק, מיט אײַזערנע גלידער, דערצו נאָך — א פּויליאַק א גרויסער: זײַנע קרעפטנ האָט ער קיינמאָל אינ דער פולער מאָס ניט אויסגענוצט און זיי קיינמאָל מיט קיינעמ ניט געמאָסטנ. נאָר נאָך פונפ און זיבעציק יאָר האָט ער פּלוצלונג אָנגעהויבנ צו גלייבנ, אז זײַנ פּוילקײַט איז א באַזונדערע, א גאַנצ אַנדערע ווי בא אַלע מענטשנ — דאָס האָבנ זיך די קרעפטנ אינ אימ פאַרשלאָסנ, ווי אינ א קלייִנער פעסטונג און ווילנ פונ אימ ניט אַרויס, און אָט זאָל קומענ דער טויט און זאָל קלאַפּנ אינ דער טיר, וויפל ער וויל. נעכטיקע טעג... די קויכעס וועלנ אימ ניט אַרײַנלאָזנ.

נאָך פינפ און זיבעציק יאָר האָט ער דעריבער שוינ אויפגעהערט צו דערציילנ זײַטיקע מענטשנ, וויפל ער איז אַלט, נאָר אויך פאַר זיך אַליינ אויפגעהערט צו ציילנ. ער האָט ווי געדרעמלט, און אינ אימ האָבנ געדרעמלט די יאָרנ.

ביסלעכווײַז האָט ער אויפגעהערט מורא צו האָבנ פאַר עפּידעמיעס און פאַר קרענק, ווײַל פונ שטאַרבנ, האָט ער געפילט, האַלט ער ווײַט. דערצו נאָך האָבנ אימ די יאָרנ אַליינ אָנגעהויבנ אויסצווײַזנ זיי־

ער קורצ: א יאָר — א גענעצ; א יאָר — אונ אָטעמ; א יאָר א רויכל פונ אנ אויסגעשאָסענער קויל. אפנ אָרט פונ יאָרנ האָט ער דעריבער די צייט פונ זיינ לעבנ אָנגעהויבנ צו ציילנ לויט די דוירעס, וועלכע ער — דער שאמעס פונ דער כעווראַקאַדישע — ברענגט צו דער קווורע. אונ נישט אזוי לויט די קאַפּצאָנישע דוירעס, ווי לויט די פאַרמעגלעכע אונ אָנגעזעענע — לויט די „פּניי" פונ שטאָט, ווייל אזעלכע דוירעס האָט ער בעסער געדענקט.

פריער האָט ער געבראַכט צו קווורע די רעב יוזעפס, די רעב שאַבסעס, די רעב קאַלמענס, די רעב יִסראָעלס אונ זייערע ווייבער — די האָדעלעס, די ציזעלעס מיט די יוכעוועדס — הייליקע ווייבער, קימאַט רעביצנס.

דערנאָכ האָט ער אָנגעהויבנ אריבערצופּעקלענ אפנ בעסוילעמ זייערע זינ אונ איידעמס — די ליפשיצעס, די גראָסמאַנס, די קאַמינקעס.

נאָכ שפּעטער האָט ער אפנ בעסוילעמ געסאָרטירט זייערע אייניקלעכ — די מאַקסעס, די איזידאָרס, די מיראָנס, די אלעקסאַנדערס מיט די קלאַודיעס, בערטעס, קלאַראַס אונ מינעס.

ער האָט שוינ געהאַלטנ באַ די אוראייניקלעכ פונ די האָזיקע כאַשעווע מישפּאָכעס, געווענ גראָלעכ, געקאַיימעשט אונ אליינ די מיטעס נישט געטראָגנ אונ מיט די מייסימ זיכ נישט געפּאָרעט. ער האָט בלויז געקאָמאַנדעוועט מיט די גרעבער, מיט די מישנאַיעס־לערנער אונ מיט די טיליִמ־זאָגער אונ מיטנ לייוונט, וואָס קאָהאָל פאַרקויפט אפ טאַכריכימ. קיינער אינ שטאָט האָט שוינ נישט געוווּסט, וויפל ער איז אלט; ער אליינ — אויכ נישט. ער האָט זיכ באַוויזנ אינ גאַס נישט אנדערש, ווי אונטערגעגאַרטלט, מיט זיינ גראָבנ אלטנ אונ גלאַנציק־גלאַטנ שטעקנ אינ האַנט, אונ ווייל ער האָט זיכ געוואָרפנ אינ די אויגנ דאפלע דאנ, ווענ אינ שטאָט איז געווענ א מעס, אונ ווענ לעבנ דער שטוב, ווו דער מעס ליגט, שטייט א גרויסער אוילעמ; ווייל דער אוילעמ האָט דעמלט נישט געהאַט וועגנ וואָס צו ריידנ, האָט מענ גערעדט וועגנ דעמ, וואָס ער איז נאָכ אלצ קרעפּטיק, אָט דער זאַלי:

— אונ זע, עס איז דאָכ א קונצ.

— ער טראַכט גאָרנישט פונ שטאַרבנ, זאַלי.

— דער מאַלכאַמאָוועס האָט אימ איבערגענומענ אפ זיינ זייט.

857—11

— ער דינט אים געטריי.

— דער טויט האָט אף אים קיין שליטע ניט.

— ער וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן.

ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן אין דעם צו גלייבן.

צוערשט האָבן אין דעם גלייבן אָנגעהויבן קליינע קינדער. קינדער האָבן דערפֿילט, אַז ער איז אַ טייל פֿונעם מאַלכאַמאָוועס, ווייל ער הייסט אויסטראָגן פֿון זייער היים זייערע געשטאָרבענע ברידערלעך און שוועסטערלעך און אַמאָל אויך דעמס אָדער יענעמס אַ געשטאָרבענעם טאַטן, צי אַ מאַמען. ער בייזערט זיך טאָמיד, פֿאַרוואָס מע וויינט צו לאַנג און פֿאַרוואָס מע לאָזט נישט טאָן דעם מעס „זיין רעכטס". פֿון אַלע פֿענצטער, וואָס שווינדלען דורך צווישן די ברענענדיקע ליכט ארום אַ געשטאָרבענעם, האָבן קינדער געדערקענט זאַליס פּאַנעם, זיין אַלטע אונטערגעגאַרטלטע פֿיגור. דערצו האָבן נאָך קינדער געדענקט, ווי מע שעלט זיי:

„זאַלי זאָל נאָך דיר קומען!"

קינדער האָבן דעריבער אין זיין פֿיגור, אין זיין פּאָנעם און אין זיין נאָמען אָנגעהויבן צו דערפֿילן עפּעס אַזוינס, וואָס איז אומפֿאַרמיידלעך און אייביק; זיי האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך ריידן:

— זאַלי וועט נישט שטאַרבן, קיינמאָל... ק י י נ מ אָ ל...

— עמעצער האָט אים געבענטשט.

— ניין, נישט עמעצער, נאָר דער מאַלכאַמאָוועס. איינמאָל איז דער מאַלכאַמאָוועס געקומען נאָך זאַליס נעשאָמע. רופֿט זיך אָן צו אים זאַלי: „טשעפּע מיך נישט, איך בעט דיך". זאָגט צו אים דער מאַלכאַמאָוועס: „ווען איך זאָל לייגן קאָווער אויף יעדן, וואָס בעט מיך, וואָלט קיינמאָל אין לעבן קיינער נישט געשטאָרבן". ענטפֿערט זאַלי: „טשעפּע מיך נישט, וועל איך דיר דערפֿאַר העלפֿן, איך וועל דיר באַגראָבן אַלע דאָ אין שטאָט". „נו, גוט — האָט געזאָגט דער מאַלכאַמאָוועס — אָבער געדענק, דו טאָרסט נישט דורכלאָזן קיינעם; ווי נאָר דו לאָזט דורך אויסעמעס אַ קווורע, אַזוי באַלד שטאַרבסטו!" דעריבער כאַפּט זיך אַזוי זאַלי, דעריבער לויפֿט ער דער ערשטער צו יעדנס קווורע.

גרויסע האָבן אין דעם נישט געגלייבט. אין אַ הייסן זומערדיקן באַטאָג האָבן אין עק מאַרק, אונטערן ראָטהויז, זיך געקאָנט לאַנגווײַליקן

יונגע, אפגעריסענע טרעגער, געזיסנ אינ שאטנדיקע ווינקלענ אונ געווארט ביז מע וועט זיי רופנ איבערטראגנ א פאר זעקלעך מעל אדער אנדערע שווערע זאכנ. זיי האבנ זיך אייגער מיט דעמ צווייטנ געראנגלט, געזאגט גלייכווערטלעך, געשאלטנ גוזרים. אונ אז זיי האבנ דערזענ, ווי זאלי איילט ערגעצ וווהינ, אונ אונטערגעארבלטער מיט זיינ גלאנציק=גלאטנ שטעקנ אינ האנט, האבנ זיי אנגעהויבנ רייחנ צווישנ זיך הויך, קעדיי זאלי זאל הערנ:

— זאלי, זאג איך, וועט נישט שטארבנ.

— אונ איך זאג: ער וועט יא שטארבנ.

— צו וויפל גייסטו אינ געוועט?

— צו וויפל דו ווילסט.

— גיב דיינ האנט.

— נא דיר מיינ האנט.

זאלי האט זיך דעמלט אפ די טרעגער געקרימט, זיך געקרימט, פארבײַלויפנדיק:

— טיע, טיע, טיע... צו וויפל גייסטו אינ געוועט... טיע, טיע, טיע.

אונ אליינ האט ער זיך לעבנ זיי נישט פארהאלטנ — ער איז אוועק ווײַטער ערגעצ=וווהינ אינ א הינטערגעסל. אונ אויב זאלי איז אוועק אינ א הינטערגעסל, האט מענ געוווסט, אז ער האט שוינ עמעצנ.

— געווים איז דארט עמעצער געשטארבנ.

מארגנ איז געווענ צוצוקוקנ, ווי ער כאפט זיך אהינ, כאטש ער איז שוינ אלט, געבויגנ, אינ דרויסנ איז שטארק הייס אונ דער נעשטארבענער איז זייער אנ ארעמער — פונ זיינ קווורע קאנ זאלי גאר נישט האבנ — מארגנ איז געווענ צו זענ, ווי ער האט מוירע א געשטארבענעם דורכצולאזנ... נאר מעגלעך, אז ער האט זיך גלאט אזוי אונ דעמ אײַנגעגלייבט — א מענטש קאנ זיך צוגעוווינענ צו טאנ אלע טאג אייגנע אונ די זעלבע נארישקייטנ, אונ אז ער לאזט נאך דעמ דורך אײַנעמ א טאג אונ טוט נישט דאס זעלבע, וואס אלע טעג, קאנ ער אנהייבנ גלייבנ, אז דאס איז פאר אימ א שלעכטער סימענ. ווי די מייסע זאל נישט זיינ, גאר זאלי דער קאברענ האט אלצ געלעבט אונ קיינ איינ מעס אינ זיינ שטאט האט ער קיינמאל נישט דורכגעלאזט.

II

אינעמ זומער פונ דער גרויסער מאגייפע האָט זיכ זאָלי פונ זײַנ געזונט א ביסל אראָפּגערוקט. דער זומער פונ דער גרויסער מאגייפע — א זומער, וואָס ליגט אינ טאמ.

ווו א הויז־געזינד — דאָרט א לאָכ. ווו א וווינונג — דאָרט א פוסטקייט. אינ יעדער שטוב — א ווייגעשריי, א קלאָגעדיקער יאָמער. אינ יעדער מישפּאָכע — א טעגלעכ באגרעבעניש, א געוויינ איבער איינעמ אָדער צוויי טויטע אָדער גויסעסדיקע גלידער. גווירימ זײַנענ שוינ לאנג אינ שטאָט נישט געווענ — זיי זײַנענ אנטלאָפנ. געבליבנ זײַנענ אָרעמעלײַט, קרעמערלעכ, קאפּצאָנימ, קיצווע־נעמער, טרעגער, באלעגאָלעס. זיי זײַנענ געפאלנ שטיל איינער נאָכ איינעמ, און אז מע איז געפאלנ, איז מענ מער נישט אופגעשטאנענ. די קרענק איז געווענ א קורצע. אז א מענטש האָט געלעבט אינדערפרי, האָט דאָס נאָכ נישט געהייסנ, אז ער וועט לעבנ אינאָוונט, און אז א קינד האָט באטאָג זיכ געשפּילט אינ דרויסנ לעבנ דער שטוב, האָט מענ גע־מעגט א ווײַלע לעבנ דער שטוב בלײַבנ און קוקנ, ווי עס גראָבט גרוי־בעלעכ אָדער עס מעסט מיט די פויסטלעכ דעמ זאמדיקנ שטויב, ווײַל עס איז קעדײַ צוצוקוקנ, ווי א קינד שפּילט זיכ צומ לעצטנ מאָל... קוואָרימ אפנ בעסוילעמ האָט מענ געגראָבנ גרויסע — פאר אכט, צענ מענטשנ אפ איינ מאָל. און זאָלי דער שאמעס האָט גישט גערוט, ארומגעיאָגט איבער דער שטאָט, זיכ באוויזנ אינ אלע פאָרג־טיקע און הינטערשטע געסלעכ, ארײַנגעקוקט אינ די הײַזער, געפרעגט אפנ ווינק:

— א?.. וואָס... נאָכ נישט?

און אלצ מוירע געהאט, ער זאָל כאָלילע עמעצנס א קוווּרע נישט דורכלאָזנ. אינ יעדער שטוב, ווו עס איז געשענ דער אומגליק, האָט ער געמוזט ארײַנלויפנ כאָטש אפ א ווײַלע, כאָטש אפ א רעגע, קעדיי א קוק צו געבנ, קעדיי זיכ אָנצובייזערנ:

— גענוג, גענוג ווייבער... לאָזט טאָג דעמ מעס זײַנ רעכטס.

עס האָט געקאָנט טרעפנ:

אינמיטנ הייסנ זומער־טאָג זאָל זיכ די מאגייפע פלוצלינג אָפּ־שטעלנ און אפ צוויי אָדער דרײַ שאָ הענגענ בלײַבנ אינדערלופט.

די מאַגייפע האָט דאַנ ווי אָפּגערוט, זי האָט ווי געדרעמלט, אונ דאַנ האָט אויב זאַלי דער שאומעס געדרעמלט, נאָר נישט בא זיכ אינ־דערהיימ — אינדרויסנ, אונטערנ פרייענ הימל האָט ער געדרעמלט. איינ־געהויקערט, אונטערגעגאַרטלט, מיט זיינ גלאַנציקנ גלאַטנ שטעקנ אינ האַנט איז ער געזעסנ אַפ די טרעפּלעכ פונ א שטוב, וווּ עמעצער איז זייער קראַנק, אָדער אַפ די טרעפּלעכ אקעגנ אַזא שטוב. זיינ קאָפּ מיט די פאַרשמאַלטע אויגנ האָט זיכ געבויגנ, זיינ גאַנצער קער־פער האָט זיכ געהויקערט. נאָר געדרעמלט האָט ער זייער גרינג.

עס האָט זיכ געדאַכט:

די גאַנצע שטאָט שטאַרבט אויס, אַלע גאַסנ בלייבנ פאַרלאָזט; פוסטע הייזער וועלנ שטיינ דורכוויס אינ לאַנגווייליקע געשלאָסענע רייענ אונ וועלנ בענקענ נאָכ זייערע געוועזענע געשטאָרבענע באַוווי־נער. דער לעצטער, וועמ עס וועט דאַרפנ שטאַרבנ, וועט פאַרנ טויט איבערקערנ א שטוב אונ אקעגנ דעמ איבערגעקערטנ שטוב וועלנ ער־געצ־וווּ ארויס דער שטאָט זייער שטאַרק בילנ הינט. דער בילנ וועט זיכ ציענ סיי באַטאָג אונ סיי באַנאַכט, אָנ אופהער — א לאַנגער אונ נאָגנדיקער בילנ, וואָס רייסט זיכ ארויס פונ א צעעפנטנ הינ־טישנ פיסק. דער בילנ וועט דויערנ אייביק, אונ הערנ וועט עס בלויז איינ מענטש — דאָס וועט זיינ זאַלי. ער וועט זיצנ ערגעצ־וווּ לעבנ די טרעפּלעכ באַמ אַרייַנגאַנג אינ א פוסטער שטוב, זיינ קאָפּ מיט די פאַרשמאַלטע אויגנ — פאַרלוירנ אַפ זיינ ברוסט. די עקנ פונ זיינ קאַפּאָטע — פאַרשטעקט אינעמ גאַרטל. ער וועט האַלטנ זיינ שטעקנ אינ האַנט אונ דרעמלענ וועט ער גרינג, גרינג, קעדיי ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקנ אונ זאָל כאָלילע נישט דורכלאָזנ עמעצנס א קווירע...

מאָדנע איז געווענ דאָס, וואָס זאַלי האָט דאָכ טאַקע אויסגעלעבט אונ איז ארויס פונ דער מאַגייפע גאַנצ, כאָטש ער איז שוינ געווענ זייער אַלט אונ די מאַגייפע איז געווענ זייער א מוירעדיקע אונ אַלטע לייט זיינענ בא איר אומגעקומענ אַפּנ ערשטנ פייער. מע האָט גע־גלייבט:

— זאַליג האָט דער מאַלכאַמאָוועס נישט געטשעפּעט בלויז דער־פאַר, ווייל ער האָט אימ געהאָלפנ — ער האָט קיינ איינ מעס נישט דורכגעלאָזט.

נאָר זאַליג האָט די מאַגייפע געקאָסט פיל געזונט. פונ שטענדיקנ

ארומלויפנ צו די קווורעס האָט ער פארלוירנ דעמ גרעסטנ טייל פונ זײַנע קויכעס.

איצט נאָכ דער מאגייפע איז ער שוינ געווענ געל אונ שוואכ. אויב אינ שטאָט איז עמעצער מיט א נאטירלעכנ טויט געשטאָרבנ, האָט ער זיכ שוינ קוימ צוגעשלעפט צומ הויז, ווו עס געפינט זיכ דער מעס, זיכ קוימ ארײַנגעשלעפט אינ שטוב ארײַנ, זיכ געשפארט אינ וועג אפ מענטשנ, אפ שטולנ אונ אפ טישנ, אונ קוימ אויסגע־קרעכצט זײַנע בייזלעכע קאבראַנישע ווערטער:

— געוואַלד, אוי... אוי... געוואַלד ווײנען... לאָזט מאַנ דעמ מעס זײַנ רעכטס.

נאָר געלעבט האָט ער דאָכ נאָכדעמ נאָכ פיל יאָרנ, געלעבט מיט שוואכע קויכעס אונ האָט אלצ ווי פריער נישט דורכגעלאָזט אינ שטאָט קיינ איינ קווורע.

עס האָט זיכ אזוי ווידער אוועקגעצויגנ א שפאָגל נײַע צײַט.

III

אינמיטנ ווינטער, אינ די גרויסע פרעסט איז איינמאָל אינ אנ אָוונט געשטאָרבנ זייער א באקאנטע אלמאָנע. גערופנ האָט מענ זי:

— ראָזע פונעמ אָפגעפארבטנ הויז.

אָדער:

— ראָזע טאָנים.

זי איז געווענ די לעצטע אינ דער אלטער מישפּאָכע קאמינסקיס, וועמעס ערשטע זיידעס זײַנענ געווענ די רעב שאבסעס פונ איינ זײַט אונ די רעב קאלמענס פונ דער צווייטער זײַט.

ראָזע פונעמ געפארבטנ הויז האָט מענ זי גערופנ, ווײַל איר הויז אינמיטנ שטאָט האָט זי טאָמיד געהאלטנ אינ איינ איבערמאָלנ, אינ איינ איבערפארבנ פונ ווײַס אפ גרינ, פונ גרינ אפ בלאָ, פונ בלאָ אפ רויט, אונ פונ רויט אפ פארשיידענע אנדערע קאָלירנ. דאָס זעלבע האָט זי אויכ געטאָנ מיט די פענצטער, מיט די גאניקעס אונ מיט די אינעווייניקסטע צימערנ. טאָמיד האָבנ בא איר געארבעט טײַערע פרעמ־דע באלמעלאָכעס. טאָמיד האָט פונ דאָרט געשמעקט מיט פרישע אייל־פארבנ, מיט טערפענטינ אונ מיט לאַק, אונ די דאָזיקע פרישע

פארבנ האָבנ טאָמיד געקיצלט אינ דער נאָז — איבערהויפּט אום זומער אינ א הייסנ שאבעס באטאָג, ווענ ארומיקע רויִקע אויגנ האָבנ ליב צו קוקנ אפ עפּעס גנים, אונ רויִקע נעזער האָבנ ליב ארײַנצושמעקנ אינ זיכ עפּעס שארפס. דאָס דאָזיקע הויז האָט דעריבער טאָמיד אויסגעזענ ווי נײַ־פארטראכט, נײַ־אויסגעבויט אונ אויכ די באלעבאָסטע פונעם הויז האָט איבער עפּעס טאָמיד אויסגעזענ ווי נײַ, כאָטש קיינ יונגע איז זי שוינ נישט געווענ — א יאָר עטלעכע אונ פערציק, עפּשער פופציק — נאָר געדאכט האָט זיכ טאָמיד, אז זי איז א נײַע, ווײַל א שיינע איז זי געווענ פונ שטענדיק, אונ איר מאַנ איז איר זייער יונג אָפּגעשטאָרבנ, אונ געהאט האָט זי פונ אים סאכאקל אייג קינד — א מיידעלע — אונ טאקע איבער דער דאָזיקער מיידעלע האָט מענ זי נאָכהעמ אָנגעהויבנ צו רופנ מיטנ נאָמענ „ראָזע מאָניס”. געווענ איז די מײַסע אזוי:

ווענ דאָס מיידעלע איז אלט געוואָרנ סאכאקל א יאָר צוועלפ, האָט עס שוינ געהאט א זייער שיינעמ געשטאלט, אונ געווענ איז דאָס אי גרויס, אי קליינ; עס האָט טאָמיד געהאט רויטע אויערנ אונ האָט זיכ טאָמיד ארומגעטראָגנ מיטנ רויטלעכנ פידעלע, אפ וועלכנ עס האָט זיכ געלערנט שפּילנ — א ציכטיק פידעלע מיט א ראָזנ באנד בא די פּלעקלעכ. אונ אויגנ האָט דאָס קליינע מיידעלע געהאט גרויסע, לענגלעכע, מיט האלב־ברוינע אפּלענ אפנ אָרט פונ שווארצע — גאָלדענע אפּלענ, דורכזיכטיקע, ווי דורכזיכטיקער בורשטינ, אונ אז מאנצבלענ האָבנ זיכ באגעגנט מיט אָט דעמ מיידעלע אונ מיט אָט דעמ מיידעלעס אויגנ, זײַנענ בא זיי דעמלט זייערע געדאנקענ געווענ סײַ אזעלכע, וואָס מע האָט, ווענ מע באגעגנט א קינד, אונ סײַ אזעלכע, וואָס מע האָט, ווענ מע באגעגנט א גרויסע.

צו יענער צײַט האָט זיכ איבערגעצויגנ פונ דאָרפ אינ שטאָט א ייִד, א פּאָסעסער. געהאט האָט דער פּאָסעסער זייער א שיינעמ באָכער פונ א יאָר פיר אונ צוואנציק. אונ דער דאָזיקער באָכער האָט זיכ פארליבט אינ דעמ צוועלפיאָריקנ מיידעלע. ער האָט אָנגעהויבנ צו זאָגנ, אז ער וויל אפ איר „ווארטנ”, ער וויל זי נעמענ.

— אָרער זי, אָרער קיינער נישט — אזוי האָט געזאָגט דער באָכער.

קיינ בייז האָט אינ דעמ קיינער נישט געזענ, כאָטש טשיקאווע איז די מײַסע געווענ: ער — א באָכער פונ א יאָר פיר, פינפ אונ צוואנציק;

זי — א מיידעלע פונ א יאָר צוועלפ. נאָר ווײַל דער באָכער האָט אָנגעהויבנ גאַנצע טעג פארפאלנ ווערנ בא דער אלמאָנע אינ הויז אונ איז דאָרט טאָמיד זיכ פארזעסנ ביז שפּעט אינאָוונט; ווײַל די אלמאָנע איז פונ איר יוגנט אָנ געווענ א שיינע אונ האָט זיכ צו יענער צײַט אָנגעהויבנ שטארק צו פוצנ, אונ ווײַל אירע אָנ אָפּגעזאָגטע דינסט האָט זיכ געשוואָרנ: „איכ זאָל אזוי דערלעבנ צו זענ אלדאָס גוטס, ווי איכ האָב אלײנ געזענ", האָט מענ אינ שטאָט אָנגעהויבנ אונטערצוריידנ:

— מאָני מיינט נישט אזוי די טאָכטער, ווי ער מיינט די שוויגער.

— איידער דאָס מיידעלע וועט אויסוואקסנ, וועט ער זיכ דערווײַל נישט נארנ בא איר מאמענ.

אונ ווײַל די שמועסנ האָבנ זיכ וואָס א כוידעש אלצ מער פארברייטערט, האָט די אלמאָנע באשלאָסנ וואָס גיכער צו ברעכנ א טעלער אונ צו פראווענ פאר א גרויסנ אוילעם טנאָיִמ, קעדיי אלע זאָלנ וויסנ צוליב וועמענ מאָני קומט אריינ צו איר אונ צוליב וועמענ ער פארברענגט בא איר אלע טאָג ביז שפּעט אינאָוונט. נאָר ווײַל די טנאָיִמ זײַנענ ארויס צו ראשיקע אונ צו מאָדנע — טנאָיִמ צווישנ א צוועלפיאָריק מיידעלע אונ א פיר-אונ-צוואנציקיאָריקנ שיינעם אונ געוויקסיקנ באָכער — האָט מענ אינ שטאָט נאָכ מער אָנגעהויבנ ריידנ:

— די טנאָיִמ זײַנענ א פארבלעדעניש אונ מער גאָרנישט.

— עס איז לײַטנ אפּ געלעכטער.

— עס איז אפּ צו פארוואָרפנ וועגעמ די אויגנ.

אונ ווײַל די דאָזיקע שמועסנ האָבנ נישט אויפגעהערט, האָט די אלמאָנע באשלאָסנ כאסענע צו מאכנ וואָס גיכער, כאָטש די טאָכטער איז דעמלט קיינ גאַנצע פופצנ יאָר נישט אלט געווענ. די כופּע איז ווידער געווענ זייער א ראשיקע, מיט פיל מעכוטאָנים, מיט פיל טאנצנדיקע מיידלעכ, אונ באם „בארעקנס" האָט די אלמאָנע זייער געוויינט, זי איז געפאלנ אינ כאלאָשעס — פונ הארצווייטעק, צי איבער די ביטערע רעכילעס, וואָס מע האָט אָנ אויפהער וועגנ איר געפירט. נאָר ווײַל די כאסענע איז געווענ זייער א ראשיקע, ווײַל זי האָט שטארק געוויינט, האָט מענ נישט אויפגעהערט צו ריידנ:

— זי באוויינט מאָני!

— זי געזעגנט זיכ מיט אים.

— זי קאָן אים פֿון זיך ניט אָפּלאָזן.

די אַלמאָנע האָט דעריבער באַלד נאָך דער באַזוך באַזעצט דאָס פּאַרפֿאָלק זייער ווײַט פֿון זיך, אין צווייטן עק שטאָט, נאָר ווײַל זי האָט דאָס פּאַרפֿאָלק באַזעצט פֿון זיך צו ווײַט, האָט מען אָקאָרשט איבעראַנײַס אָנגעהויבן צו ריידן, אַז עס איז אומישנע:

— מע ווייסט צוליב וואָס זי טוט עס.

— ערשט פֿון הײַנט הייבט זיך אָן פּאַר איר אַ לעבן.

און וואָס מער די אַלמאָנע האָט זיך פֿונעם פּאַרפֿאָלק דערווײַטערט, אַלץ מער האָט מען אין דעם געזען סימאָנים, אַז די שמועסן זײַנען נישט קיין אויסגעטראַכטע, און גערעדט האָט מען דעריבער די גאַנצע צײַט, גערעדט האָבן אַלע אָן אויפֿהער, ביז די אַלמאָנע איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

געשטאָרבן איז ראָזע פֿונעם געפּאַטבטן הויז אום ווינטער אַרום נײַן אַזייגער אינאָוונט. די נאַכט איז געווען זייער אַ קאַלטע, אַ ברעטעגדיק־פֿראָסטיקע. און ווי נאָר אין שטאָט האָט זיך פֿאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז זי איז געשטאָרבן, אַזוי באַלד האָט זיך יעדערן אָנגעהויבן אויסצודאַכטן, אַז עס איז עפּעס מאָדנע שטיל, אומגעווײנלעך שטיל, כאָטש דער אָוונט איז אַזאַ ווי אַלע אָוונטן, און דער ווינט אין דרויסן בלאָזט און די קעלט איז גרויס, און דער פֿראָסט ברענט. און אין דער דאָזיקער שטילקײַט איז אַלעמען אַרום אַ געדאַנק, אַז עפּשער איז גאָר די גאַנצע מײַסע געווען אַן אויסגעטראַכטע, אַ רעכילעס פֿון בייזע מײַלער. און ווי נאָר מע האָט אַזוי אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַזוי באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסווײַזן, אַז עס איז טאַקע אַזוי; עס איז קלאָר, אַ סימען האָט מען — דאָס פּאַרפֿאָלק איז גליקלעך, און קיין ריכטיקע באַווײַזן איז דאָך נאָר די גאַנצע צײַט נישט געווען. און פֿון אַ דינגען וואָס איז אויסן צו באַריידן, איז קיין סימען נישט. יעדערער האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן צו דערפֿילן, ווי שטאַרק די אַלמאָנע האָט געליטן — אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן, קעדיי אַראָפּצונעמען פֿון זיך די שאַנד מיט די רעכילעס, האָבן מענטשן אויסגעטײַטשט פּונקט קאַפּויר און האָבן אָפּ איר נאָך מער געשאַרפֿט די צינגער. און ווײַל גערעדט אָדער געטראַכט וועגן איר שלעכטס האָבן קימאַט אַלע אין שטאָט, האָבן דעריבער קימאַט אַלע אין שטאָט געפֿונען, אַז זייער כויוו

איז איר אָפּצוגעבנ דעמ לעצטנ קאָוועד. אינ דער פינצטער, לעבנ דער שטוב פונ דער געשטאָרבענער, האָבנ דעריבער זיכ אָנגעזאַמלט זייער פיל מענטשנ, קימאַט די גאַנצע שטאָט; מע איז לאַנג געשטאַנענ אינ דער קעלט, אַפנ ברענענדיקנ פראָסט אונ מע האָט צווישנ זיכ נישט אויסגערעדט קיינ וואָרט, ווייל ריידנ האָט געהייסנ — זאָגנ, אַז זי איז געווענ אומשולדיק, אונ זאָגנ, אַז זי איז געווענ אומשולדיק, האָט געהייסנ — מוירע זיינ, אַז אַ כשאַד איז דאָכ אַפ איר געווענ. מע האָט דעריבער געשוויגנ. נאָר ווייל אַלע האָבנ געשוויגנ, האָבנ אַלע געפילט, אַז דאָס שווייגנ איז גלייכ, ווי מע וואָלט אַפ איר איצט דאָ, לעבנ איר הויז, נאָכאַמאָל גערעדט, ווייל אויב נישט דאָס, פאַרוואָס שווייגט מענ? פאַרוואָס שווייגט מענ נישט, ווענ עס שטאַרבט אַנ אַנדערער?

עמעצער האָט דעריבער אַ זאָג געגעבנ:

— מע טאָר דעמ מעס נישט לאָזנ איבערנעכטיקנ. עס איז נישט קיינ קאָוועד. מע דאַרפ זי באַלד מעקאַבער זיינ.

אונ ווי מע האָט אויסגערעדט דאָס וואָרט „מעקאַבער זיינ“, האָט זיכ גלייכ באַוויזנ זאַלי אינ זיינ שווערנ, ברייטנ פּעלצ, אַנ אונטערגעגאַרטלטער, מיט זיינ גלאַנציקנ, גלאַטנ שטעקנ אינ האַנט.

דער אוילעמ האָט גלייכ אָנגעהויבנ צו ריידנ:

— עס איז נישט קיינ קאָוועד פאַרנ מעס. מע דאַרפ זי באַלד מעקאַבער זיינ.

אונ ווייל אַלע זיינענ געווענ אינ דעמ אייניק, אונ קיינער האָט זיכ נישט געפונענ, ווער עס זאָל הייסנ אָפּלייגנ די קוורע אַפ מאָרגנ; ווייל אַלע האָבנ זיכ נאָכדעמ געלאָזט נאָכ דער מיטע צומ בעסוילעמ, וואָס ליגט ווייט אַרויס דער שטאָט, אַפנ באַרג, האָבנ אַלע מיטאַמאָל דערפילט, אַז מיט דעמ אַליינ איז מענ ווי מוירע, אַז אינ מעשעכ פונ איר לעבנ האָט מענ געהאַט אַפ איר אַ גרויסנ כשאַד, אַז די גאַנצע גרויסע לעווייע, וואָס זי האָט, איז מער נישט ווי אַ שפּאָגל־נייער שטומער רעכילעס־ריידנ, וואָרעמ פאַרוואָס גיט מענ עפּעס פּונקט איר אַזאַ קאָוועד?

מיט איינ וואָרט:

פּונקט ווי די אַלמאָנע האָט זיכ באַמ לעבנ ניט געקאָנט ריינוואַשנ פונעמ שלעכטנ שעמ, וואָס מע האָט איר געמאַכט, אַזוי אויכ האָט איצט דער גאַנצער אוילעמ געפילט, אַז ער קאָנ זיכ נישט ריינ־

וואַשן פֿון די שלעכטע רייד און פֿון די שלעכטע געדאַנקען, וואָס מע האָט וועגן איר געהאַט.

און אַזוי האָט מען אײַנגעמיטן אַ ווינטשיקער און פּראָסטיקער ווינ-טער-נאַכט זיך גערוקט מיט דער שווערער לעווײַע צום בעסוילעם, וואָס אַרויף באַרג, אַרויס שטאָט — זיך גערוקט און געשוויגן, זיך גערוקט און געשוויגן. געשוויגן האָט מען אויך אויפֿן בעסוילעם באַם קוואָרעס-מאַן אין קליינעם שטיבל, ווו מע האָט געוואַרט ביז די גרעבער וועלן פֿאַרטיק ווערן מיט גראָבן דעם קייווער, און דערמיט האָט זיך גע-טראָפֿן די באַוווסטע מײַסע מיט זאַלינג.

IV

אין אײנעם האַלב פֿון דעם קוואָרעסמאַנס שטיבל איז געלעגן דער מעס, און אין דער צווייטער האַלב האָט זיך אײַנגעשפּאַרט דער גאַנ-צער אוילעם. זײַט בײַ זײַט, אין גרויס ענגשאַפֿט, זײַנען דאָרט געשטאַ-נען קימאַט אַלע מענטשן, וואָס זײַנען נאָכגעגאַנגען נאָך דער לע-ווײַע. בײַ אַן אומגעהערט רויכערדיקן לעמפּל, בײַ שוויציקע ווענט און נידעריקן צעשוואָלצטן באַלקן האָט די נאַכט אויסגעזען פֿינצטער-דיקער, ווי די נאַכט פֿון נעכטן און אייערנעכטן. די מינוטן האָבן זיך אויסגעצויגן. פֿון דרויסן האָט דער שטאַרקער באַנאַכטיקער פֿראָסט געשטופּט אין שטיבל אַרײַן אַלץ נײַע מענטשן. פֿאַרפֿרוירענע פֿיס האָבן געטופּעט, אין פֿאַרגליווערטע פֿויסטן האָט מען אַרײַנגעבלאָזן פֿון אויסגעקילטע מײַלער, און ערגעץ-וווּ אין ווינקל, אין העל-עקדיקן ווינקעלע, וואָס איבער אַן אַלטן שמאַטעדיקן בעט, האָט אָן אויפֿהער געוויינט דעם קוואָרעסמאַנס קינד. אַ שמאַטעדיק ווײַבל, דעם קוואָ-רעסמאַנס פֿאַרוויכערט ווײַבל, האָט מיט פֿאַרשלאָפֿענע עלנבויגנס דאָס קינד געוויגט. פֿאַרשלאָפֿענערהייט האָט זי זיך פֿאַרגעסן אַן דעם פֿרעמדן ערויסן אוילעם, וואָס אַרום אים, און האָט זייער נוהנע און פֿיל צוגעברומט, צוגעקרעכצט, צוגעכריפּעט און געמיינט מיט דעם צוצוזינגען דאָס קינד. זאָלי דער שאַמעס האָט זיך אײַנגעמאָסטעט לעבן דעם שמאַטעדיקן ווײַבל אויפֿן ברעג פֿונעם שמאַטעדיקן בעט און האָט ערגעץ טיף אין זיך ווי אונטערגעקרעכצט, ווײַל שטאַרק אַלט איז ער געווען, און די לעצטע טעג האָט ער זיך געפֿילט נישט מיט אַלע-

מענ, אונ זײַנ פּאָנעם איז אים געווענ א ביסל פאַרױטלט, ווי פונ היץ. ער האָט זיכ אַרײַנגעצויגנ אינ זײַנ אַלטנ, אונטערגעגאַרטלטנ פּעלץ, זיכ אײַנגעהויקערט אונ געוואָלט אָנהייבנ דרעמלענ, נאָר פונ דרויסנ, פונ קעגנאיבער די רינע ווענטלעכ אונ קלײנע שוואַרצע פענצטערלעכ האָט זיכ פּלוצלינג איבעראַנאַנס דערהערט א שווער סאָפּענ, א געדרודער, ווי פאַר א קריגערײַ, אונ פונ צווישנ דעם געדרודער האָבנ זיכ געלאָזט הערנ אומצופרידענע קוילעס, גראָבע ווערטער אונ קלאָלעס — דאָס זײַנענ די גרעבער געקומענ צוריק פונעם פעלד אונ האָבנ געזאָגט, אז זיי וועלנ בעשומויפנ ווײַטער דעם קיווער ניט גראָבנ:

— די ערד איז דורכגעפרוירנ דורכ אונ דורכ.

— ווי אײַזנ איז זי.

— מע מוז זי האַקנ מיט העק.

— עס גליווערנ די הענט.

— זאָלנ גײנ אנדערע גראָבנ.

— זאָל מענ איבערלאָזנ דעם מעס אונ אַוועקגײנ ביז אינדערפרי.

— באַטאָג ברענט ניט אזוי דער פראָסט.

פונעם אוילעם האָט זיכ געלאָזט הערנ קוילעס:

— מע וועט ניט לאָזנ דאָ דעם מעס!

— עס איז נאָכ אזא מעסע אינ ערגעץ ניט געהערט געוואָרנ.

אונ אלע האָבנ דערפילט, אז דאָס וואָלט געהייסנ איבעראַנאַנס בײַ־שעד זײַנ זי, רײדנ אפ איר שלעכטס. די גרעבער זײַנענ ווײכער גע־וואָרנ.

— זאָל מענ ברענגענ פונ שטאָט אנ אָקע בראָנפנ, וועט מענ זיכ א ביסל דערוואַרעמענ; מע וועט ניט פילנ אזוי שטאַרק דעם פראָסט.

— זאַלי זאָל זיכ אַראָפּלאָזנ אינ שטאָט נאָכ בראָנפנ.

זאַלי האָט זיכ געפילט שוואַכ, ווי ער האָט זיכ נאָכ קײנמאָל אינ לעבנ ניט געפילט, נאָר ווײַל ער האָט זיכ געפילט שוואַכ, האָט ער מאסקימ געווענ זיכ אַראָפּצולאָזנ אינ שטאָט נאָכ בראָנפנ — ער האָט מוירע געהאַט: מע וועט אָפּלײגנ די קווורע אפ מאָרגנ, אונ טאָמער בלײַבט ער מאָרגנ ליגנ צו בעט; ער וועט דאַנ דורכלאָזנ די קווורע, אונ אויב ער לאָזט דורכ א קווורע, איז ער א פאַרטיקער, אונ אכוץ דעם — זאַלי האָט געגלייבט: פונ נאָכ יעדער קווורע ווערט ער א ביסל שטאַרקער... קרעפטיקער, אונ ווער ווייסט? עפשער פילט ער זיכ איצט

שוואַך נאָר דערפֿאַר, ווײַל אין שטאָט איז שוין לאַנג קיין קוורע נישט געווען... ער האָט דעריבער אָנגעצונדן זײַן לאָמטערן, זיך שטײַפֿער אײַנגעצויגן אין אַלטן פּעלץ מיטן גאַרטל און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטאָט אַרײַן. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס בײַ אים נישט געווען; גיין באַנאַכט מיטן לאָמטערן פֿון בעסוילעם אין שטאָט אַרײַן איז בײַ אים געווען אַ קלייניקייט. ער האָט אין אַ הינטערגעסל אָנגעקלאַפּט צו אַ ווײַבל, וואָס האָט בראַנפֿן צו פֿאַרקויפֿן, ווײַל יעדער מענטש דערשרעקט זיך, אויב זאַלי קלאַפּט צו אים באַנאַכט אין פֿענצטער. פֿון דער גאַנצער מײַסע, וואָס זאַלי האָט איר דערציילט, האָט זי פֿאַרשלאָפֿענערהייט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. געקומען צו זיך איז זי אָקאָרשט שפּעטער, ווען זי האָט זאַליען אין שטוב אַרײַנגעלאָזט און אים דאָרט גענומען אָפּמעסטן דעם בראַנפֿן. פּלוצעם אָבער האָט זי זיך דערמאָנט אָנעם אומגליק, וואָס האָט נעכטן אײַנאָוונט געטראָפֿן איר שכיינע, אין דער צווייטער האַלב פֿון שטוב. זי האָט אויסגעפּליעסקעט מיט די הענט.

— אוי, רעב זאַלי, נאָר גאָט האָט אײַך צוגעשיקט. נעכטן אויפֿנאָוונט איז בײַ דער שכיינע געשטאָרבן אַ פּיצל קינד, אַן אויפֿעלע פֿון אַ כאָדאָשים צוויי, און די קינדער אין שטוב האָבן דאָרטן זייער מוירע... איך בעט אײַך, רעב זאַלי, איר גייט שוין אָפּן „פֿעלד“ סײַ-ווי-סײַ, נעמט עס מיט זיך.. איר וועט האָבן אַ גרויסע מיצווע.

און ווײַל דאָס ווײַבל איז צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, און ווײַל ער איז געווען אײַנגעגלייבט, אַז וואָס מער מיט אַ קוורע, איז אַלץ פֿאַר אים בעסער, איז זאַלי דערויף אײַנגעגאַנגען:

— איז ווײַזט עס אַהער, — האָט ער געזאָגט — נאָר גיכער.

דאַמאָלסט איז דאָס ווײַבל אין אײַלעניש אַרײַנגעלאָפֿן צו איר שכיינע און האָט אים אַרויסדערלאַנגט אין פֿינצטערן אונטערהויז זייער אַ קליין פּעקעלע, אײַנגעוויקלט אין אַן אַלט צעריסן העמד. זאַלי האָט עס נישט געהאַט וווהין אַהינצוטאָן. טראָגן דאָס אין די הענט איז אים געווען קאַלט, און ווײַל עס איז געווען זייער אַ קליינס, האָט ער עס אַרײַנגעלייגט צו זיך אין בוזעם און האָט מיט דעם אַוועקגעשפּאַנט צוריק אָפּן בעסוילעם.

עס איז שוין געווען אַרום צוויי אַזייגער באַנאַכט, ווען די גרעבער האָבן אויסגעטרונקען דעם בראַנפֿן און זײַנען אַוועק צוריק אָפּן

„פּעלד" האָט אינ דער געפּראָרענער ערד דעם קייווער. דעם קוואָרעמ=מאַנס האַלבע שטיבל איז נאָכ אַלץ געווענ פול אָנגעפּאַקט מיט מענטשנ. זאַלי האָט זיכ ווידער אײַנגעמאָסטעט אינ עק פונ שמאַטעדיקנ בעט לעבנ דעמ הענגענדיקנ וויגעלע. איצט איז דאָס קינד געשלאָפנ. זאַלי האָט זיכ ווידעראַמאָל אײַנגעהויקערט, אונ אונטערגעגאַרטלטער אינ זײַנ שוואַרצנ פּעלץ, אונ ווײַל ער איז געווענ נישט מיט אַלעמענ, דערצו נאָכ איז ער געווענ זייער מיד פונעמ גאַנג אינ שטאָט אַרײַנ, האָט ער גלײַכ אָנגעהויבנ זיצנדיק צו דרעמלענ, ער האָט נישט געדענקט הי־לאַנג זײַנ דרעמל האָט זיכ געצויגנ, נאָר אַז ער האָט אופגעעפנט די אויגנ, האָט ער דערזענ, אַז די פענצטער זײַנענ שוינ בלאָס — אינ דרויסנ הייבט אָנ צו טאָגנ. דאָס ערשטע געפיל איז באַמ עפענענ די אויגנ געווענ בא אימ דאָס, וואָס אימ איז עפּעס שווערלעכ — אימ איז עפּעס ענגער ווי טאָמיד אינעמ בוזעמ פונ זײַנ אונטערגעגאַרטלטנ פּעלץ.

— טפו! — האָט ער אויסגעשפּיגנ מיט פאַרדראָס.

ער האָט זיכ דערמאָנט, אַז דאָס נעפּעשל ליגט נאָכ אַלץ בא אימ אינ בוזעמ — ער האָט עס פאַרגעסנ אַרויסצונעמענ.

ער האָט דאָס נעפּעשל פונ בוזעמ אַרויסגעשלעפּט אונ האָט אַפּ דעמ אַ קוק געגעבנ — אַ קליינ פּעקעלע, נאָר אַ נעפּעשל איז דאָס — עס האָט אַ קעפּעלע, אַ קערפּערל מיט הענטעלעכ אונ מיט פיסעלעכ; עס פאָדערט קווורע, ווי אַ גרויסער.

אונ באַלד האָט ער באַמערקט, אַז אינ שטיבל אַרומ איז פּוסט. קיינער איז שוינ ניטאָ — הייסט עס: דעמ גרויסנ מעס האָט מענ שוינ לאַנג מעקאַבער געווענ אונ מע איז אַוועק, מע איז זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ אַהיימ — ער, זאַלי, האָט פאַרשלאָפנ אַ קווורע — איצט איז ער אַ פאַרטיקער...

אינ גרויס שרעק האָט ער דאָס אויפּעלע געשווינד אַרײַנגערוקט צוריק אינ בוזעמ — גוט, וואָס ער האָט כאָטש צו מעקאַבער זײַנ אָט דאָס אויפעלע... דעריקער איז: מיט עמעצנס אַ קווורע איז ער באַשעפטיקט. ער קאָנ דאָכ נישט מעקאַבער זײַנ צוויי מענטשנ אַפּ איינ מאָל, קיינער קאָנ נישט טאָנ אַפּ איינ מאָל קיינ צוויי מעלאָכעס. דעריקער איז, וואָס מיט עמעצנס אַ קווורע איז ער באַשעפטיקט.

אונ ער האָט אינ שרעק ווידעראַמאָל בא זיכ אינ בוזעמ אַ טאַפּ

געגעבנ דאָס קליינע קערפערל — עס האָט א קעפעלע, עס האָט הענ-
טעלעכ אונ פיסעלעכ — עס פאָדערט קוורע, ווי א גרויסער...

ער האָט זיכ אינ גרויס שווערקייט אופגעהויבנ אונ זיכ געלאָזט גייג אינ שטאָט ארײַנ צו זיכ אהיימ. לאָזנ דאָ דאָס אויפעלע האָט נישט געהאט קיינ שום זינ — סײַ־ווי־סײַ דארפ מענ נעמענ אינ שטאָט א גרעבער אונ זיכ אומקערנ צוריק אפנ בעסוילעמ גראָבנ א קייווער. אונ כוץ דעמ... ער, זאלי, פילט זיכ מאָדנע שוואכ. איז נישט מיט אלעמענ. טאָמער בלײַבט ער ליגנ צו בעט, אונ פאר דער צײַט שטארבט עמעצער אינ שטאָט; צו דער קוורע וועט ער נישט קאָנענ גיינ, טאָ זאָל יעדנפאלס בלײַבנ בא אימ דאָס אויפעלע. עס איז יעדנפאלס א טערעצ, ווײַל א נעפעשל איז דאָס — עס האָט א קעפעלע, עס האָט הענטעלעכ אונ פיסעלעכ — עס פאָדערט קוורע, ווי א גרויסער.

אינ א פאָר טעג ארומ איז זאלי געשטאָרבנ.

געשטאָרבנ איז ער אינ דער היימ, בא זיכ אפנ בעט, אנ אָנגעפעלצטער אינ זײַנ אלטנ, שווערנ פעלצ, אנ אונטערגעגארטלטער, מיט זײַנ גלאטנ, מיטנ גלאנציקנ שטעקנ אינ האנט — א גרייטער צו לויפנ צו עמעצנס א קוורע אונ דאָרט אויסצוקרעכצנ:

— גענוג צו וויינענ... לאָזט טאָנ דעמ מעס זײַנ רעכטס.

ווענ מע איז ארײַנ צו אימ אינ שטוב, קעדיי אימ מטאהער צו זײַנ אונ אימ ברענגענ צו קוורע, האָבנ אלע גלײַכ דערפילט, ווי עס פארכאפט דער אָטעמ; אלע האָבנ גלײַכ א כאפ געגעבנ די הענט אונ זיכ פארשטעלט די נעזער.

אָקאָרשט שפעטער, ווענ מענ האָט אימ אופגעגארטלט אונ אראָפגעצויגנ פונ אימ דעמ פעלצ, האָט מענ דערזענ, פונוואנענ דער שרעקלעכער געשטאנק קומט — בא זאלינ אינ בוזעמ האָט מענ געפונענ אנ אויפעלע — אנ אויפעלע, וואָס ער אליינ האָט זיכ צוגעגרייט, קעדיי ער זאָל טאָמיד זײַנ באשעפטיקט... קעדיי ער זאָל טאָמיד ברענגענ עמעצנ צו קוורע.

קיינ קינדער האָט זאלי נישט געלאָזט, געבליבנ איז בלויז דער אָנדענק פונ אָט דעמ רייעכ — א רייעכ פונ א מענטשנ, וואָס האָט זיכ זײַנ גאנצ לעבנ באשעפטיקט מיט קוורע...

א ראָמאַן

1

אומ זומער באטאג, ווענ עס גליט די הייסע בעסאראבער זונ, גייט יאסל בודיצקי ארויס פונ זײנ קלײנעמ יערושע=שטיבל, וואס אינ אײנ עק שטאט, אונ לאזט זיכ אוועק צו דער פינפגארנדיקער מיל, וואס טרייסלט זיכ אינ צווייטנ עק.

אינ די פארבײיקע פארמעגלעכע הײזער שטעלט מענ דעמאלט אנ די זייגערס פונקט אפ האלב פיר. מ'הייסט די דינסטנ שטעלנ די סאמאווארנ. מע זאגט:

— דער כאסנ איז שוינ דורכגעגאנגענ.

דורכ די אפענע פענצטער רוקט מענ די קעפ אינדרויסנ ארויס.

ארומ אונ ארומ פוסטעוועט די בעסאראבער האלב=ברוקירטע, האלב=דארפישע שטאט. ווי אינ כיירעמ כאלעמט די היציקע גאס ווענג א לעבעדיקנ דורכגייענדיקנ מענטשנ. אינ אלע פוסטע הויפנ זײנענ פונ זיכ גרייט צו ברענענ די שטויביקע גרעזער, דער בוריאנ, די הויפנס שפענער, וואס אינ די ווינקלענ. דא אונ דארט דורכ אפענע פענצטער הערט מענ, ווי אונטערוואקסנדיקע מיידלעכ לערנענ זיכ שפילנ פיאנע. א הינקענדיקער טאקט פונ א צעבראכענעמ וואלצ מישט זיכ אויס מיט די טענער פונ „אײנזיק מאזיק", וואס עמעצער באמיט זיכ אויסצופויקנ מיט אנ אײנציקנ פינגער. יאסל בודיצקיס אויער טוט פונ זיכ א נישטער איבער די דאזיקע קלאנגענ אונ געפינט צווישנ זיי דאפלטע — דאס זינגענ שוואכע קינדערישע פארטעפיאנע=קלאנגענ, וואס ווערנ אינ אײנעמ א חויז באגלייט דורכ דעמ געניט; אונ פעסטנ מיטשפילנ פונ דער מוזיק=לערערנ סארע בריסקינ. די דאזיקע פעסטע קלאנגענ, פילט ער, קומענ דא אינ שטאט נישט צו קײנעמ אײדער אימ; זיי באגלייטנ אימ א גאנצנ

שטיק וועג און הערנ נישט אופ אימ נאָכצושרײַענ, ווי מיט פארקריצטע ציינ:

— יאָסל בודיצקי, כ'האָב אײַכ פײַנט! כ'האָב אײַכ פײַנט! כ'האָב אײַכ פײַנט!..

בודיצקי פילט א גיפטיקנ פארגעניגנ פונעמ ענטפער, וואָס ער האָט צו געבנ דער מוזיק=לערערנ בריסקינ:

— גאמ אטעמ! גאמ אטעמ! מ'ווייסט נאָכ נישט ווער וועמענ האָט פײַנט שטארקער.

דערבײַ אָטעמט ער שווערלעכ מיט נעקאָמעדיקער האנאָע, גלײַכ ער האָט טאקע אינדערעמעסנ דער לערערנ בריסקינ. פאָרוואָס די דאָזיקע ווערטער געזאָגט. איצט בלײַבט אימ נישט מער, ווי צו נעמענ זיכ אינ די הענט ארײַנ און זיכ היטנ פונ אויסלאָזנ צו זײַטיקע מענטשנ דעמ האס, וואָס ער פילט צו דער מוזיק=לערערנ. ער הייבט דעריבער אָנ צו גיינ מער געהיט, ווי ער וואָלט אינ יעדער רעגע מוידע האָבנ אָנצוטרעטנ עמעצנ אָפ א פוס. ער איז אינ יעדער רעגע גרייט צו זאָגנ:

— פארדאָנ!

פונ וועלנ דערווײַזנ זיכ אליינ, אז צו אלע מענטשנ כוצ דער מו=זיק=לערערנ איז ער א גוטער, באקומט ער א לײַכט לײַטיש שמייכעלע אפנ פּאָנעמ. נאָר ביסלעכווײַז פארגעסט ער זיכ; זײַנ שמייכעלע ווערט פונ רעגע צו רעגע אלצ מער שטעכיק און גיפטיק. אינ גדראנק רעדט ער צו דער מוזיק-לערערנ:

— נו, גוט... לעמאָשל, איר זײַט גערעכט, מאדעמואזעל בריסקינ: קיינ שיינער בינ איכ נישט, קיינ דימענט — אויכ נישט... וואָס עמעס איז עמעס. מיילע, האָב איכ דערפאר אנדערע מײַלעס: איכ בינ אנ ערנסטער מענטש, א געזעצטער, איכ פארנעמ אנ אָרט אינ שטאָט, איכ לייענ א סאכ. איר האָט אנומלטנ אליינ געזאָגט (מ'גיט מיר, דאנ=קענ גאָט, איבער יעדעמ וואָרט): „בודיצקי, האָט איר געזאָגט, לייענט אומישנע זייער פיל, קעדיי ער זאָל נאָכדעמ קאָנענ זאָגנ, אז אלע בי=כער זײַנענ שמאטעס". נו איז וואָס?.. וואָס קוממ מיר, וואָס איכ האָב נישט קיינ ציגענעמ מויעכ און כאפ נישט קיינ היספּײַלעס פונ אלערליי קלייניקעפיקע מײַסע=ביכלעכ דאָרט?.. „פאראנ א קײַלעכיקער יאָסעמ — האָט איר זיכ נישט לאנג געהיצט באמ דאָקטער ראכלימ אינ שטוב — און בודיצקי, האָט איר געזאָגט, איז א קײַלעכיקער בוכהאלטער: א

בוכהאלטער לויט זײַנ פראָפעסיע אינ מיל אונ א בוכהאלטער לויט זײַנ באטראכטנ די וועלט", אָבער, כאָטשעווע לערערנ פונ מוזיק, ווער האָט אײַכ געזאָגט, אז צו זײַנ אויסגערעכנט אינ לעבנ איז א שלעכטע זאכ? איכ קאָנ אײַכ ווײַזנ א סאכ בײַשפּילנ, אז אדעראבע — פונ נישט־אויסגערעכנטקײַט קומט קיינמאָל קיינ גוטס נישט ארויס. נאָר וואָס דארפנ מיר א סאכ בײַשפּילנ? נעמט, לעמאָשל, טאקע אײַער אייגענעמ פאָטער, אָלעוואשאָלעמ, אווראָמ בריסקער פונ גאָענטנ דאָרפ. געווענ איז ער אלע יאָרנ א פריילעכע בריע, כאָטש קיינ געלט, זאָלט איר מיר מויכל זײַנ, זאָגט מענ, האָט ער קיינמאָל נישט געהאט... נו?.. האָט ער דענ נאָכדעמ נישט געמוזט אוועק מיט זײַנ פאמיליע אינ דער גרויסער שטאָט אונ דאָרטנ זיבנ מאָל א טאָג שטארבנ פונ הונגער אינאיינעמ מיט אײַכ, דער באסעבידע זײַנער?.. איר זאָגט: „בודיצקי האָט פײַנט מענטשנ, דערימעכ קענ ער זיי נישט". נו? אונ ווער האָט דער ערשטער דאָ אינ שטאָט דערקענט אײַכ, מײַנ ליבער פרײַנט? ווער האָט דער ערשטער, אויב נישט איכ, געזאָגט וועגנ אײַכ: „א וווקסיק מיידל אינ די יאָרנ, אז זי טראָגט בא אלע קאָפטלעכ הויכע קראגנס, איז א סימענ, אז איר לאנגער האלדז געפעלט שוינ נישט אפילע איר אליינ". ער האָט דער ערשטער געזאָגט: „כארע בריסקינ, אז מ'דערזעט זי צומ ערשטנ מאָל, פארליבט מענ זיכ אינ איר אונ מ'מאכט איר קאָמפלימענטנ; אז מ'זעט זי צומ צווייטנ מאָל, האָט מענ פארדרוס; מ'פילט זיכ נישט גוט; אז מ'זעט זי צומ דריטנ מאָל, איז מענ אינ קאס — זי גייט אפ איינ טראָטואר, גייט מענ אריבער אפנ צווייטנ"... נו, יאָ... איז בא וואָס זשע האלטנ מיר, הויכגעשעצטע פריילנ בריסקינ?

בודיצקי פילט קימאט נישט, אז ער איז שוינ אינ מיל, אז ער זיצט שוינ א שאָ דרײַ אינ קאָנטאָר אינ זײַנ באזונדער צימער אונ ארבעט איבער די גראָבע הויפטביכער. פונ סינע צו דער לערערנ בריסקינ פליענ אימ איבער די שאָענ פונקט ווי בא א פארליבטנ פליִענ איבער די שאָענ דורכ די געדאנקענ וועגנ זײַנ געליבטער. דערצו נאָכ איז זײַנ שטעלע דאָ אינ מיל (א שטעלע פונ א בוכהאלטער — א זעלטענער ספעציאליסט) א שטענדיקע אונ בראָגירטע, — נישט קיינ שטעלע, נאָר א רענטע: די פונבאָרנדיקע מיל האָט אפ זיכ א שטיק אכט באלעבאטימ — שותפימ אונ גייטיקט זיכ מער אינ אימ, איידער ער — אינ איר. ווענ נישט ער מיט זײַנ געזעצטקײַט, וואָלטנ די באלעבאטימ אלע

טאָג זיכ געפאטשט אונ געריסנ צווישנ זיכ, אונ ווענ נישט ער, וואָס זידלט זיי יעדערנ באזונדער אונ אלע אײנײנעמ אונ מאכט צווישנ זיי שאָלעמ, וואָלט די מיל שוינ לאנג געגאנגענ צו גרונט! יעדערער פונ די באלעבאטימ כאנפעט אימ דעריבער, ווי אנ אָנגעשטעלטער — דעמ באלעבאָס, אונ ער איז צו יעדנ פונ זיי שטרענג, ווי א באלעבאָס צו אנ אָנגעשטעלטנ.

— לאָזט מיכ צורו, — ענטפערט ער א באלעבאָס, וואָס שטייט צו אימ צו, — כ'האָב הײַנט קײנ צײַט נישט.

אונ דערבײַ טוט אימ באנג, אלעמײַ בא דער זײַט שטייט נישט זײַנ גרעסטער סוינע דאָ אינ שטאָט — די מוזיק-לערערנ בריסקינ — אונ הערט נישט מיט וואָס פאר א וואזשנעקײַט ער פירט זיכ דאָ:

— קוקט זיכ צו, באַרישניע בריסקינ, — פאר מיר האָבנ אלע א: מוירע אי אָפשײַ — אפילע מײַנע באלעבאטימ...

אונ ער באמערקט קימאט נישט ווי זײַנ טאָג-ארבעט איז געענדיקט.

איצט, נאָכדעמ ווי ער האָט אינ געדאנק אָפגעלאָזט דער מוזיק-לערערנ אָנ א שיר שטעכווערטער, קערט ער זיכ אומ באפרידיקט צו זיכ אהיימ — ער גייט ווידער איבער דער גאנצער לענג פונ שטאָט.

ס'איז ארומ זיבנ אזייגער פארנאכט. די גאס בעט זיכ איבער מיט מענטשנ אונ ווערט לעבעדיק. דורכ אָפענע פענצטער קומענ שוינ נאָר אייניציקע מידע קלאוויר-טענער; זיי שטארבנ אָפ איינער נאָכ איינעמ אונ עס בלײַבנ בלויז די לעצטע דאָפלטע אקאָרדנ, וואָס זוכנ אָפ אינ גאס בודיצקיס אויערנ אונ דערציילנ אימ וועגנ זייער האס צו אימ — דאָס פארענדיקט די לערערנ בריסקינ אינ איינעמ א הויז איר לעצטע לעקציע. די טענער זײַנענ מיד, ווי נאָכ א טאָג פונ שווערנ אקערנ. נאָר בודיצקינ ציט צו אָט די טענער, ווי עס ציט א מענטשנ צו גײנ צו זײַנ סוינע אונ זיכ אָפ אימ ארופווארפנ. ער גייט ווי אומיסטנ זייער נאָענט לעבנ יענעמ הויז, ווו סארע בריסקינ געפינט זיכ. ער קוקט נישט צומ הויז אונ פילט נאָכ שטארקער ווי טאָמעד, אז ער איז בא זיכ מעסוקנ שטאָלצ.

נישט איינ מאָל האָט שוינ געטראָפנ, אז פונקט אינ דער רעגע, ווענ ער איז אזוי געגאנגענ פארבײַ, האָבנ זיכ די קלאוויר-טענער געענדיקט. מיט א נאָטנ-טעקע אינ איינ האנט אונ מיט א זאָנטיק אינ דער צווייטער האנט איז פונעמ הויז ארויסגעקומענ סארע בריסקינ — א ווּקסיק

און שוואך מיידל — און, דערזעענדיק בודיצקין פארבײַגײַיג, א ציטער געטאָן מיט איר גאנצן קערפּער און געבליבן שטיין, ווי פארגליווערט. מיט א בלאס פּאָנעם און מיט פלאָנטערדיקע פיס האָט זי זיך געמוזט אומקערן צוריק אין הויז, פונוואנען זי איז נאָרוואָס ארויסגעגאנגען, זיך ארויפלאָזן ווי אין כאלאָשעס אף א שטול און ווי אין כאלאָשעס צומאכן די אויגן.

— גאָט מײַנער, — האָט זי שטיל געשעפּטשעט, האלטנדיק זיך פארן הארץ — איך וועל שוין ווידער זײַן קראנק מאָרגן א גאנצן טאָג... און נאָר פון באגעגענען אים... בלויז פון א קוק טאָג אף אָט דער צורע...

צוריק מיט א פּאָר יאָר האָט יאָסל בודיצקי דערגרייכט צו יענער עלטער, ווען מע זאָגט זיך אליין:

— אָדער כאסענע האָבן באלד, אָדער קיינמאָל נישט.

געשען איז דאָס פּלוצעם, ווען מע האָט אים אין איינעם א טאָג באַם פאריקמאכער אונטערגעשוירן די וואָנצעס און ער האָט צופעליק א קוק געטאָן אף זיך אין שפּיגל.

און ווי נאָר ער האָט עס צו זיך א זאָג געגעבן, אזוי באלד האָבן זיך זײַנע יאָרן ווי אָפּגעשטעלט.

ער איז געוואָרן אויסערלעך מער רויק, מער געזעצט, נאָר אינ־ווייניק — מער קאפּריז און מער איבערקלײַבעריש. ער האָט אָנגעהויבן שלאָפן באטאָג, צונעמען קערפּערלעך מער וואָג און קארגן געלט. און פונקט צו יענער צײַט איז אהער אראָפּגעקומען סארע ברויסקין. און ווי נאָר זי איז אהער אראָפּגעקומען און אָנגעהויבן געבן מוזיק־שטונדן, אזוי באלד האָבן דאָ אלע באקומען צו איר גרויס מיטלייד, איר צוגע־שאַרט טאלמידעסטעס, געזוכט פון אירעטוועגן א צימער, געקוקט אין איר פּאָנעם אזוי ליבלעך, ווי זי וואָלט אָנקערן א באסעבידע דער גאנ־צער שטאָט. מ'האָט זיך געזאָרגט פאר איר טאכלעס, זיך געזאמלט ארום איר אלע אָוונט באַם אָרטיקן דאָקטער ראכלים אין הויז. געזוכט פאר איר א פּאסיקן שידעך און טישט אָן א געוויסן „מיין” זי גלײַך באקענט מיט יאָסל בודיצקי. נאָר בודיצקי, וואָס פירט זיך מיט אלע מענטשן גאנץ לײַטיש און מענטשלעך, האָט באַם ערשטן שמועס מיט סארע בריסקין זיך מיט איר צעקריגט, שיר נישט זיך צעפּאטשט. ער

האָט פונ ערשטנ מאָל אָנ מיט א באַזונדער פאַרגעניגנ אָנגעהויבנ אויסצולאכנ יעדעס וואָרט, וואָס זי זאָגט, זײַנ צו איר שטרענג, שלעכט, קימאט גראָב, געקוקט אַפ איר ווי מיט אכזאָריעס אינ די אויגנ; געדאכט האָט זיכ, אז אָט-אָט וועט ער צו איר א זאָג געבנ:

— אבי זי איז קלוימערשט געוואַקסנ א באַסעבידע בא איר מאַמנ... אַפ וואָסער סמאכ?..

אונ קימאט דאָס זעלבע האָט מענ גלײַכ אָנגעהויבנ צו באַמערקנ אַפ סאָרע בריסקינ — זי מײַדט אויס א קוק צו געבנ בודיצקינ אינ פּאָנעם; זי וויל נישט הערנ זײַנ קאָל; אז בודיצקי הייבט אָנ מיט איר ערנסט פּאָנעם צו ריידנ אונ אלע ארומיקע הייבנ אָנ ערנסט צו הערנ, דרייט זי זיכ אוועק אינ א זײַט, זעצט זיכ צו צום קלאַוויר אונ הייבט פּלוצעמ אָנ נעמענ שטילע איינציקע אקאָרדנ, וואָס גייענ באַלד איבער אינ דאָפּלטע זייער שטאַרקע — טאַקע דענסטמאָל האָט בודיצקי גלײַכ דערפילט, אז די דאָפּלטע אקאָרדנ שרײַענ צו אים, ווי מיט פאַרקריצטע ציינ:

— כ'האָב אײַכ פײַנט! כ'האָב אײַכ פײַנט!..

נאָר אינ שטאָט האָט מענ דאָכ מיט אַנ אקשאָנעסדיקער זיכערקײַט באַשלאָסנ, אז פאַר יאָסל בודיצקי קאָנ נישט זײַנ קיינ בעסערער שידעכ ווי סאָרע בריסקינ, אונ פאַר סאָרע בריסקינ קאָנ נישט זײַנ קיינ בעסערער ווי — יאָסל בודיצקי.

אזוי האָט מענ געזאָגט:

— ס'עט זיי העלפנ, ווי א טויטנ באַנקעס.

— זיי'נ זיכ נעמענ?..

— א וואָפּראָס!..

אונ ווײַל דער באַשלוס האָט געשטאַמט פונ דער גאַנצער שטאָט אונ פונ קיינעמ נישט; ווײַל אלע האָבנ זוענג דעמ געטראַכט אונ צו קיינעמ פונ זיי — בודיצקינ אונ בריסקינ — איז דאָכ קיינער נישט געקומענ מיט קיינ פאָרשלאַג, זיי זאָלנ זיכ נעמענ, האָט זיי די גאַנצע מײַסע נאָכ מער פאַרדראָסנ אונ זיי האָבנ אָנגעהויבנ נאָכ מער פײַנט צו האָבנ איינער דעמ צווייטנ. אונ טאַקע ווײַל זיי האָבנ אָנגעהויבנ ארויסצובאַווײַזנ איינער צומ צווייטנ אזא שטאַרקע סינע, האָט מענ אינ שטאָט געקראָגנ א באַזונדער אינטערעס צו יעדערער פונ זייערע באַגעגענישנ אונ א באַזונדער נײַגעריקנ ביישעק זיי צונויפצופירנ. מע האָט

מיט א באַזונדער פרייד אינ הארצנ אָנגעהויבנ איבערצוגעבנ איינער דעם אנדערנ:

— הײַנט אפדערנאכט וועלנ „זיי“ זיכ טרעפנ באם דאָקטער ראכלים.

— געווים?

— ווי מיר האָבנ הײַנט שאבעס אפ דער וועלט.

מ'האָט זיי אָנגעהויבנ אליינ אונטערגרייטנ די דאָזיקע באגעגענישנ; מ'האָט זיי אָנגעהויבנ נאָכשפירנ מיט יענער זעלבער נײַגעריקײַט, מיט וועלכער א קליינע פראָווינציעלע שטאָט קוקט נאָכ דעם היימישנ פראָווינציעלנ ראָמאַנ פונ א היימיש פארליבט פאָרל — א ראָמאַנ, וואָס האָט אפ זײַנ וועג זייער פיל שטרויכלונגענ און מ'ווייסט נאָכ נישט, צי ער וועט זיכ ענדיקנ מיט א גוטנ סאָפ, אָדער פארקערט — זײַנע העלדנ וועלנ מוזנ זיכ שיידנ אפ אייביק און בענקענ איינער נאָכנ צווייטנ ביזנ גרוב. אינ שטאָט האָט מענ זיי דענסטמאָל א נאָמענ געגעבנ:

צוערשט:

— „דאָס פּאָרל“.

שפעטער:

— „די באָסנ=קאַלע“.

נאָכ שפעטער — פּאָשעט:

— „דער ראָמאַנ“.

מ'האָט מיט א באַזונדער פארגעניגנ געטראָגנ איינער צום אנדערנ די נײַסנ:

— דער „ראָמאַנ“ האָט זיכ טאקע באגעגנט נעכטנ באם דאָקטער ראכלים.

— נו?

— פרעגט שוינ נישט — מ'האָט זיכ געריסנ, ווי די קעצ.

II

א גליק, וואָס יאָסל בודיצקי איז טאָג=טעגלעכ באשעפטיקט א שאָ דרײַ־פיר אינ מיל און א שאָ אָנדערהאלבנ מיט מאכנ שאָלעמ צווישנ די מיל=באלעבאטים, וואָס רופנ פּאָשעט איינער דעם אנדערנ „גאנעוו“.

א גליק, וואָס ער איז נאָכ כוץ דעם א מענטש אנ ערנסטער, א דענקענדיקער, א באַלעזענער.

אז נישט וואָלט אים אויסגעקומען צו טראַכטן גאַנצע טעג אָן אופהער וועגן זײַן שרעקלעכן סוינע דאָ אינ שטאָט — וועגן סאַרע בריסקינ:

— וואָס פאַר א נאַרישן סאָרט לעבן אָט דאָס מיידל האָט פאַר זיכ צוגעטראַכט!

פאַרוויינט באַסעכידיש נאָכ פונ אַמאָליקע צײַטנ, שטייט זי אופ אַלע טאָג שפּעטלעכ אַרום האַלב צענ, צענ.

יאָסל בודיצקי פּילט עס, ווײַל ער אַליינ שטייט אופ אַרום זעקס אַזייגער גאַנצפרי — ער פּילט, אַז זי שלאָפט נאָכ.

ער לאָזט זיכ דענסטמאָל שפּאַצירנ, אונ בא איר זײַנען דאַנ די לאָדנ נאָכ באַנאַכטיק צוגעמאַכט.

יאָסלען אַרט עס ניט. פאַרקערט — עס טוט אים נאָכ האַנאָע, וואָס זי האָט קיינ סייכל ניט — דער בעסטער טייל פרימאָרגנ גייט פאַר איר פאַרלאָרנ.

א צימער האָט זי דאָ אינ שטאָט אינעם ערגסטנ הויז — מע קאָנ זאָגנ: אינ ערגסטנ פונ אַלע שטאָט־הײַזער; זי וווינט בא דער פרומער אַלמאָנע קיילע שאַפּיראָ, א ראַבאָנישע יידענע, וואָס דאַוונט א גאַנצנ פרימאָרגנ, ווי א מאַנצבל, אינ איר גראָבנ קאָרבנמינכע. וועגנ סאַרע בריסקינ זאָל נישט האָבנ קיינ אַנדערע כעסרוינעס, וואָלט פאַר בודיצקינ געגוג געווענ דאָס, וואָס זי האָט זיכ דאָ אינ שטאָט צוגעזוכט אַזא „זעלטענע” וווינונג.

— אידיאָטקע, — טראַכט ער וועגנ איר, — קיינ ערגער צימער האָט זי שוינ גאָרנישט געקאָנט צוזוכנ... וווינען אינ אַזא סאָרט הויז איז גאָר בא איר אַנ אידעאַל...

בודיצקינ איז מאָל פונ אַזעלכע מינים ערגערנישנ זײַנ רעגילעס צו לייענען ביכער פונ אַלערליי געביטנ.

— בע! — טראַכט ער אָפּ צעזעצעניש דער לעבערנ בריסקינ, — זאָל זײַנ, אַז איכ האַלט: „ביכער זײַנען מערסטנס שמאַטעס”, אָבער לייענען לייענ איכ.

כוץ דעם איז ער א מענטש פונ ריינעם געוויסנ — וואָס ער טראַכט, דאָס זאָגט ער. זײַנ מיינונג איז:

— ליבע איז איינע פונ די נאַרישסטע זאַכנ אינ לעבנ.

נאָכמער:

— ליב האָבנ א מענטשנ, — דערטראַכט ער זיכ, — הייסט אינדערעמעסנ: זײַנ צו אימ בלינד, נישט זענ זײַנע כעסרוינעס, יעדנפאַלס — ווערנ גלײַכגילטיק צו זײַנע כעסרוינעס. איכ באַקומ ליב א מענטשנ... וואָס הייסט עס, ווענ מע קלערט זיכ אינ דעמ אײַנ? א געוויינלעכער מענטש, מיט געוויינלעכע מענטשלעכע כעסרוינעס ווערט פּלוצלינג אינ מײַנע אויגנ העכער, פײַנער, בעסער, שענער פונ אַלע אַרומיקע, אונ בלויז נאָר אינ מײַנע אויגנ, וואָס הייסט עס? דאָס הייסט, אַז צו אייגענעמ א מענטשנ בינ איכ געוואָרנ קורצזיכטיק, גלײַכגילטיק, איכ האָב אימ אויפגעהערט ווי געהעריק צו פילנ אונ צו זענ, קורצ — איכ האָב זיכ פונ אימ דערווײַטערט, ווײַל אַנדערע, וואָס האָבנ אימ נישט „ליב", זעענ דאָכ יאָ זײַנע כעסרוינעס. אונ דאָס אייגענע פאַרקערט: פײַנט האָבנ א מענטשנ הייסט: זענ קלאָר זײַנע פעלערנ, אַנדערש געזאָגט — זיכ דערנעענטערנ צו אימ, זיכ ערגערנ, וואָס ער האָט פעלערנ, פונדאַנענ איז געדרונגענ: דאָס, וואָס מע רופט געוויינלעכ „ליבע", איז אינעמעסנ — גלײַכגילטיקײַט, שטייט: אינ א זײַט פונ עמעצנ; דאָס, וואָס איר רופט אָנ גרויסע ליבע, איז נאָר, אַזוי אַרומ, די העכסטע שטופע פונ פײַנט האָבנ, אונ פאַרקערט: דאָס, וואָס איר רופט געוויינלעכ אָנ „פײַנט האָבנ", איז גאָר די העכסטע מאַדרייגע פונ ליב האָבנ, פונ נעמענ א מענטשנ נאָענט צומ האַרצנ. די גרעסטע מענטשנ פונ דער וועלט, ווי ניצשע אונ דאָסטאָיעווסקי, האָבנ פײַנט געהאַט, דאָס הייסט: זיי האָבנ געקוקט אַפּ מענטשנ מיט אָפענע אויגנ, אונ אינ דעמ איז באַשטאַנענ זייער גרויסקײַט — דערפאַר זײַנענ זיי געווענ פאָרגעשריטענע מענטשנ.

אינאָוונט, אינ א שאָ פונ הייסער כקירע, זאָגט יאָסל בודיצקי אַרויס דעמ דאָזיקנ געדאַנק באַמ דאָקטער ראַכלימ אינ שטוב:

— אינ דער קומענדיקער געזעלשאַפט, — זאָגט ער, — וועט דעריבער ליבע נישט שפּילנ קיינ מינדסטע ראָליע, ווײַל מענטשנ וועלנ קוקנ איינער אַפּנ צווייטנ מיט אָפענע אויגנ.

אַרומ טיש זיצנ דער דאָקטער ראַכלימ, זײַנ ווײַב, אירער א ברודער א סטודענט, סאַרע בריסקינ אונ נאָכ אַנדערע היימישע מענטשנ, וואָס קוקנ בודיצקינ אינ פּאַנעמ אַרײַנ, כאַפּנ פונ דער זײַט א בליק אַפּ סאַרינ אונ וואַרטנ מיט נײַגעריקײַט: מיט וואָס וועט זיכ עס אויסלאָזנ? סאַרע בריסקינ, זעענ זיי, זיצט, ווי נישט ווילנדיק, קוקט נישט צו קיי-

נעם, אירע פינגער, וואָס צערײַסן דערבײַ א פּאַפּירל אַף פּיל קלײנע שטיקלעך, ווינקען אָן אופהער:

— כ'האָב אים פײַנט... ער איז מיר מיִעס, ווי א שפּין...

אירע אויגן גלאַנצן און ציטערן, בײַם זיי טוען אַף בודיצקין א קוק פון דער זײַט.

— א בוכהאַלטער... — טוט זי ענדלעך א שעפּטשע דער דאָקטערשע אין אויער — ער מאַכט א כעזשבן... פירט די בוכהאַלטעריע פון דער וועלט... ליבע און בוכהאַלטעריע... הערט, איך בעט אײַך... הערט נאָר צו!.. וואָס קער זיך אָן ליבע מיט בוכהאַלטעריע!.. פרעגט עס אים, איך בעט אײַך...

— „די קומענדיקע געזעלשאַפט"..— שעפּטשעט זי ווידער איבער־קרימענדיק — ער האָט עס ביכלאַל האָבן א געזעלשאַפט... אָן קײן גע־זעלשאַפט קאָן ער זיך גאָר גישט באַדרײַען.

אין יעדער רעגע איז זי גרייט זיך אופצוהייבן און פאַרשווינדן; אויב זי טוט עס נישט, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס איבער „אים" אוועקגיין וואָלט געווען פאַר „אים" צו א גרויסער קאָוועד.

די דאָקטערשע האַלט דערנסטמאָל איר קלײנ מיידעלע אַף די הענט, זי האָדעוועט עס מיט זייער א געדיכטער קאַשע און אונטערן טיש שטויסט זי דערבײַ איר מאַן מיט א קני, ער זאָל זיך אײַנהערן, מיט וואָס דאָס אלץ וועט זיך הײַנט ענדיקן.

נאָר דער דאָקטער איז קאַלט צו דער גאַנצער געשיכטע; ער איז מיד; ער שמייכלט און וויל שלאָפן.

— דעריבער, — זאָגט יאָסל בודיצקי, — דעריבער וועט מען אין דער קומענדיקער געזעלשאַפט גאָר אַנדערש אָפּשאַצן מענטשן.

— אַף קאַפּאָרעס! — קאָן זיך כאַרע בריסקין שוין מער נישט אײַנ־האַלטן און טוט מיט קאַם א שאַר פון זיך די פּיל אָנגעריסענע שטיק־לעך פּאַפּיר, — אַף קאַפּאָרעס אײַער קומענדיקע געזעלשאַפט.

איר פּאָנעם פלאַמט.

יאָסל בודיצקי טוט אַף איר א קוק, באַגעגנט זיך מיט אירע אויגן — בייזע אויגן, דאַמסאָגים.

— מײַן ליבער פרײַנט, — טוט ער צו איר א מאַך גאַנץ רויִק.

אָבער ווי רויִק ער זאָגט עס נישט, קומט דאָך אַרויס א רײַסעניש. בודיצקי זאָגט:

— מײַנ ליבער פרײַנט, — אפ צו פאַרשטײנ אג איניעג איז װײניק צו האָבנ: א קאָפּ; אינ קאָפּ מוז מענ נאָך דערצו האָבנ סײכל אויך.

גאָר סאַרע ברידסקינ קאָנ שױנ מער גישט אײַנזיצנ באַם טיש. זי לויפט אװעק אינעם דאָקטערס דערבײַיקנ אופנעמ־צימער, עפנט דאָרט אינ דער פינצטער מיט גרויס ראַש דעמ קלאַװיר אונ הײבט אָנ שפּילנ, פונ אַהײב פּליסנ דאָרט די טענער מיט אַקאָרדנ גאַנצ רויִק, געלאַשנ, פּלוצעמ הערנ די טענער אוף: עס הערט זיך, װי זי ברעכט אװיס אינ פינצטערנ צימער מיט א היסטערישנ געװײנ, אונ עס לויפנ אַהינ: דער דאָקטער, די דאָקטערשע אונ אלע געסט.

— װאָס װיל ער פונ מיר, — פאַרגײט זיך דאָרט סאַרע מיט געװײנ אונ מיט פרישע כליפּענדיקע כװאַליעס, — װאָס האָט ער צו מיר?!.. איך פרעג: װאָס האָט ער צו מיר?..

בודיצקי בלײַבט אײנער אַלײנ אינ עסצימער, שפּאַנט אַרומ הינ אונ צוריק מיט א ביטערנ שמײכל פונ א מענטשנ, װאָס פילט זיך בלויז אויסערלעך גישט גוט, פאַרקערט, אינװײניק איז ער בא זיך גאַנצ „ראָסיק“:

— אָט האָסטו דיר, — טראַכט ער װעגנ דעמ װײנענדיקנ מײדל, — היסטעריקע... אויך א קאַמפּ־מיטל...

דערנאָך כאַפּט ער פּלוצעמ אינ פינצטערנ קאָרידאָר זײַנ היטל אונ גײט אװעק אַהײמ בײז, אָנ א „גוטער נאַכט“.

אפ מאָרגנ רעדט מענ װעגנ דעמ איבער דער גאַנצער שטאָט:

— נעכטנ אפדערנאַכט האָט שױנ געהאַלטנ אָט־אָט...

— טאַקע דאָרט, באַמ דאָקטער ראַבינ אינ שטוב.

— נאָך אײנ רעגע, װאָלט מענ שױנ געװענ געשריבנ טנאָים אונ געבראָכנ טעלער.

— די דאָקטערשע איז שולדיק... זי איז קײנ מענטש גישט...

— זי האָט געװוּסט, אַז עס האַלט שױנ אַזױ נאָענט, איז נאָך װאָס זשע האָט זי אים אָפּגעלאָזט.

— דער דאָקטער אַלײנ איז אויך א רעכטע לעמעשקע... פאַרװאָס האָט ער אַלײנ גאָרנישט גישט געטאָנ?..

— איר הערט דאָך: „איך בינ געװענ מיד, זאָגט ער, איך האָב מעסוקנ געװאָלט שלאָפנ“... א טערוצ...

דעמ גאנצנ מארגנדיקנ טאג גייענ צומ דאָקטער אונ צו דער דאָקטערשע היימישע מענטשנ אונ טײַנענ, אז דער דאָקטער מיט דער דאָקטערשע זײַנענ ביידע פארברעכערס:

— איר האָט געזענ, אז עס האלט שוינ אזוי נאָענט, איז וואָס זשע זײַט איר געשטאנענ מיט פארלייגטע הענט?

— מע זעט דענ נישט, אז זיי פייגערנ איינער נאָכנ אנדערנ?

— מ'דארפ זײַנ בלינד, מע זאָל נישט זענ, אז עס איז אזא סאָרט ליבע.

— עס ציט זיי איינער צומ אנדערנ, ווי א מאגנעט.

— איר געדענקט נישט, וויאזוי ער האָט אויסגעזעענ פאראיאָרנ, ווענ זי איז אוועקגעפאָרנ אפ דרײַ כאראָשימ אינ קאָנסערוואטאָריע? כ'מיינ: יאָסל בודיצקי — א טרויטער מענטש איז ער געווענ... ארומגעגאנגענ א בלאסער, מיט א פארבונדענעמ האלדז, מיט עפעס א מינ שאלעכל אפ די אקסלענ, מיט וואטע אינ די אויערנ אונ נישט אויסגערעדט צו קיינעמ קיינ וואָרט... מע האָט נישט געזענ, אז ער בענקט? — ער צאנקט ווי א ליכט.

— אונ טאקע כארע בריסקינ אויכ...

— ס'א מאָשל! יענע האָט אינ אלע בריוו זיכ געבעטנ ראכמימ, מע זאָל איר שרײַבנ „וואָס הערט זיכ... אינ שטאָט". „וואָס הערט זיכ" מיט פינטעלעכ!..

איצט בלײַבט, מע זאָל זיי נאָכאמאָל צונויפירנ באמ דאָקטער ראב-לימ אינ שטוב. די סיבע אפ זיי צונויפירנ איז דער געבורטס-טאָג באמ דאָקטער ראבלימס מיידעלע, וואָס ווערט געהאָדעוועט מיט געדיכטע קאשקעס. אינ שטאָט לייגט מענ אפ אָט דעמ געבורטס-טאָג גרויסע האָפענונגענ. נאָר פונ דער אנדערער זײַט איז מענ זיכער:

— אויב נישט דאָס מאָל, וועט זײַנ אנ אנדערס מאָל.

— סײַוויסײַ וועלנ זיי מוזנ כאסענע האָבנ.

— עס וועט זיי העלפנ, ווי א טויטנ באנקעס.

באָטע

א פולער, נישט קיינ בלאָנדער אונ נישט קיינ רויטער, נאָר עפּעס א „צווישנ"; נישט קיינ באָכער אונ נישט קיינ יונגערמאַנ, נאָר עפּעס א „מיטעלער". א ברייטער פּאָנעם מיט באַקנ, וואָס שטייענ אָפּ, ווי פונ צוויי אונטערגעלייגטע וועלישע ניס, א פּאָר אַזעלכע וואָנצעס, א געשוירנ בערדל א „קאָמעצ" — דאָס איז ער: נאָטע קאַצ; ער איז א קאַט אפ ווייבער. קיינער ווייסט נישט מיט וואָס פאַר א קויעכ ער „נעמט" זיי אונ וואָס פאַר א כיסאָרוינ האָט ער, וואָס אינ צוויי-דריי וואָכנ נאָכ דער כאַסענע אנטלויפנ זיי פונ אים אונ וואַרפנ אים צו זייער מיידלשקייט, זייער נאַדנ אונ אָפּטמאָל אויכ זייערע קליידער. נאָטע קאַצ געפינט זיכ דעריבער שטענדיק אינעם צושטאַנד פונ א כאָסנ — זיינ קעפּעלע האַלט זיכ טאָמער אינ איינ פאַרנייגנ, גלייכ ווי ער איז א באַלעבאָס פונ זייער אַנ אָנשטענדיקנ רעסטאָראַנ, אונ אַלע מענטשנ, וואָס ער באַגעגנט, זיינענ זיינע געסט; זיינע אויגנ קוקנ אפ יעדעם מיידל „סאַרווערישקע"-ליב, ווי זיי וואָלטנ זי באַוווּנדערנ:

— זעט נאָר! זעט נאָר!.. קיינ אַנדערע נישט.

עס איז נישט אויסגעשלאָסנ, אז יעדעס מיידל זאָל נאָכ אמאָל זיינ זיינע א כאַלע. נאָטע קאַצ גייט דעריבער שטענדיק אָנגעטאָנ ווי א כאָסנ. ער טראָגט טונקל-גרינלעכע „וויזיטקעס", וואָס פאַרקנעפּלענ זיכ בלויז אפ איינ קנעפּל, אונ עפּעס א פאַרהוילענע האַנט האַלט דאָס קנעפּל אינ איינ אָפּשפּיליענ, ווייל זיינע אייגענע הענט האַלטנ עס טאָמער אינ איינ קונציקנ צושפּיליענ. דערביי האַלט ער זיכ טאָמער אינ אויגנ ביינ פאַר יונגע מענטשנ, ווענענ עס קומט פונ אים געלט, אונ אינ איינ מודע זיינ:

— נו יאָ, א כוויו איז א כוויו, מענטש איינער, איכ לייקנ דענ?

— א וועקסעלע איז א וועקסעלע.

ער האָט וויזיט=קארטלעכ, אפ וועלכע עס איז אָפגעדרוקט מיט שיינע פארדרייטע אויסיעס:

נאטאנ קאצ — קעניגסבערגער קאָמיסיאָנער.

די דאָזיקע קארטלעכ זײַנענ בא אים געבליבנ פונ זײַנע ערשטע צוויי כאסענעס.

צו זײַנ ערשטער כאסענע האָט מיט אים נאָכ א שידעכ געטאָנ זײַנ פאָטער; אונ נישט אזוי זײַנ פאָטער האָט דאנ מיט אים זײַנ שידעכ געטאָנ, ווי זײַנ פאָטערס שטיבל — א שטיבל מיט א נידעריקנ שטרויענעמ דאכ, וואָס האָט נישט קיינ פארענדיקטע טיר צו דער הויפטגאס אונ איז דאָכ ווײַט נישט גלײַכ צו אנדערע אָרעמע שטיבלעכ, ווײַל עס האָט נאָכ אמאָליקע יאָרנ זיכ ארײַנגעגאנוועט צווישנ א גאנצע ריי גווירישע הײַזער אונ זיכ דאָרט צווישנ זיי גערייבנ, זיכ צו זיי געצויגנ, געצויגנ, נאָר אויסציִענ זיכ נישט געקאָנט אונ געבליבנ אפ אייביק האלב=נעגידיש, האלב=קאבצאָניש; א שטרויענער דאכ אונ גרויסע ווײַס=געפארבטע פענצטער; א זײַטיקער ארײַנגאנג אונ א גלעקל בא דער טיר; נידעריקע הילצערנע באלקנס אונ ריינע געפארבטע פאָדלאָגעלעכ.

נאָטעמ פאָטער, אז ער האָט געלעבט, האָט ער זיכ אליינ אויכ „געריבנ“ צווישנ גווירימ, פונקט ווי זײַנ שטיבל האָט זיכ „געריבנ“ צווישנ זייערע הײַזער, אונ אז ער האָט אראָפגעבראכט צו זיכ נאָטעס ערשטנ מעכוטנ, האָט ער אים דאָ געוויזנ נישט אזוי זײַנ אייגנ שטיבל, ווי די ארומיקע גווירישע הײַזער.

— מעכוטנ, — האָט ער צו אים געזאָגט — קומט א ביסל אינ גאס שפאצירנ.

ער האָט דאָרט דעמ מעכוטנ אויסדערציילט זייער פיל וועגנ יעדנ גוויר באזונדער, וויפל גרויסע קאפיטאלנ יעדער פונ זיי פארמאָגט אונ אינ וועלכע גרויסע מיסכאָרימ זייערע קאפיטאלנ ליגנ. אזוי אז דער פרעמדער פארמעגלעכער ייד איז מאמעש געווענ נימפאָעל, גלײַכ ער טוט א שידעכ מיט דער גאנצער גווירישער גאס. נאָר נאָטע האָט אינ דער פרעמדער שטאָט אָפגעלעבט מיט זײַנ ווײַב נישט מער ווי א פאָר כאדאָשימ. ער האָט זיכ מיט איר געגעט אונ באלד כאסענע געהאט מיט א צווייטער, וועלכע האָט פונ איר זײַט צוליב אים זיכ געגעט מיט איר מאנ; די צווייטע האָט ער אוועקגעוואָרפנ נאָכ איידער ע־

איז אנטלאָפנ קיינ קעניגסבערג מיט א דריטער, א יונג מיידל, וואָס האָט אָנגעקערט דער ערשטער א געשוועסטערקינד, און פונ דענסטמאָל אָנ זיינענ בא אימ פארבליבנ די וויזיט=קארטנ:

נאטאנ קאצ — קעניגסבערגער קאָמיסיאָנער.

דאָס איז געווענ שוינ לאנג, נאָכ צוריק מיט א יאָר צוועלפ אָדער מער, נאָר אפ נאָטענ איז דאָס געווענ קימאט נישט צו דערקענענ, ווי עס איז נישט צו דערקענענ אפ א כאָסנ, אז ער האָט אָפגעלאָזט דעמ שידעכ. אז ער האָט זיכ אומגעקערט צוריק אהער אינ שטאָט, האָט שוינ דאָ מער נישט געלעבט נישט זיינ מוטער, נישט זיינ פאָטער, און זייער שטיבל איז געווענ באזעצט פונ גאנצע צוויי אָרעמע, פיל־קינדערדיקע מישפאָכעס — אָרעמע שכיינימ, וואָס פאסנ גאָרנישט צו דער ארומיקער גווירישער גאס און שרייענ זייער הויכ, און אפ זיינ פאָטער האָבנ זיי כוויוועס — זיי האָבנ וועקסלענ. און נישט אזוי די שכייניִמ אליינ שרייענ הויכ, ווי זייערע ווייבער — שרייענדיקע ווייבער. יעדערע פונ זיי האלט א ברודיק זויגקינד אפ די הענט; בא יעדערער שרייט איר קינד, און יעדערע, אז זי רעדט, מוז זי איר קינד איבערשרייענ. נאָטע האָט מיט די האָזיקע שכיינימ איינגעטייניעט זיי־ער לייטיש און דרויקער שטיל, מע זאָל נישט דערהערנ אינ גאס:

— נו יאָ, כוויוועס איז כוויוועס.

— א וועקסעלע איז א וועקסעלע.

און ארויסגעזעצט האָט ער זיי פונ זיינ גע־ירושנטנ שטיבל מאָד־נע שטיל, ווי א לייטישער באלעבאָס פונ א רעסטאָראנ זעצט ארויס א פאָר נישט אָנשטענדיקע געסט.

פונ דענסטמאָל אָנ איז נאָטע דאָ פארבליבנ א טוישעוו, און איינ־געזעסענער, ווי אלע איינגעזעסענע, נאָר דאָכ אנ אנדערער ווי אלע — א יונגערמאנ, וואָס באוואונדערט די ארומיקע איינוווינער אלע מאָל מיט א נייַ ווייַב. ווי א יונגע נעגידישע שנור באוואונדערט מיט אירע כאסענע־קליידער. אינ שטאָט האָט מענ דעריבער אופגעהערט זיינע ווייבער צו רופנ בא די נעמענ. מע האָט אפ זיי געזאָגט:

— די דריטע נאָטעכע, די פערטע נאָטעכע אאוו.

געווענ איז צווישנ זיי איינע א בלאָנדע, א געפאקטע, מיט גאָלדע־נע הויכ=פארקעמטע האָר, מיט א הויכער ברוסט. זי פלעגט שטיינ מער־סטנטייל אינ דרויסנ לעבנ די פענצטער, האלטנ די הענט „פאָדבאָ־

קאָמי", אונ דעריקער איז בא איר דאָ געווענ פארפירנ באקאנטשאפט
מיט די פרויענ פונ די ארומיקע טווירישע הײַזער. אלעמאָל, ווענ א
מאנצבל האָט איר פאר עפעס-וואָס געזאָגט א דאנק, האָט זי געענט-
פערט מיט יעיצערהאָרעדיקע אײַנגעלעכ:

— א דאנק פאר א דאנק.

געווענ איז אײַנע זייער א הויכע, א מונקעלע, מיט זייער א פליי-
שיק פאָנעמ, מיט זייער א ברייטער פליישיקער נאָז אונ מיט גרוילע-
כע זייער פארשלאָפענע אויגנ. זי האָט געהאט אינ זיכ עפעס שקא-
פעדיקס אונ פוילס, אונ געווענ איז זי זייער ענלעכ צו דער בלאָווי-
שטיינינע אינעמ נאָענטנ רײַכנ הויז, וועלכע האָט דאָרט אײַנמאָל בא
די בלאָוושטייניס אינ קיכ זיכ געכאמוט מיט קארבאָל. גאָר יענע
האָט זיכ ווייניקער געפוצט.

געווענ איז צווישנ נאָמעס ווײַבער אײַנע א דארע, א שווארצע,
מיט א שמאָל געזיכט, מיט אויסגעבראָטענע גריבער אונטער די אויגנ,
מיט א גלײַכנ שרונט צווישנ די גלאט-צוגעקעמטע גלאנציקע האָר,
מיט לאנגע אוירינגלעכ, ווי בא א ציגײַנערנ.

געווענ זײַנענ צווישנ נאָמעס קאצס ווײַבער נאָכ אונ נאָכ. אונ אלע זײַ-
נענ זיי דורכגעגאנגענ פאר דער שטאָט ווי רעטענישנ, ווי טעכטער
פונ עפעס א מערקווירדיק-אומבאקאנט לאנד, אונ בלויז נאָמע קאצ
ווייסט דעמ וועג אינ יענעמ לאנד ארײַנ. אז ער דארפ איבעראנײַעס
באסענע האָבנ, פאָרט ער אהינ אוועק אונ „נעמט" דאָרט א ווײַב,
פונקט אזוי גרינג, ווי גרינג מע רײַסט אָפ א פרוכט אינ א יאָר
פונ בערעטעניש אינ א גאָרטנ, ווו אלע אויבסנ זײַנענ שוינ צײַטיק;
ער ברענגט זי פונ דאָרטנ אהער אינ שטאָט, אונ בא אימ אינ שטיבל
ווערט דאנ אפ צוויי-דרײַ וואָכנ ווידער לעבעדיק.

אינ פרײַע, לײדיקע וואָכנ — אינ וואָכנ, וואָס צווישנ אײנ ווײַב
אונ א צווייטער — רוט נאָמע קאצ מיט א פאָלקאָמענער רו, ווי עס
רוענ פעלדער אינ אָסיענ. ווי אנ אָנגעהאָרעוועטער מענטש רוט אומ
יאָנטעוו. מערסטנטייל שלאָפט ער. אונ אז ער אליינ שלאָפט נישט,
שלאָפנ דאָכ אלע זײַנע גלידער; ער גענעצט אונ מאכט אזעלכע בא-
וועגונג, וואָס קאָסטנ נישט קיינ סאכ קויעכ — ער שטאָפט זיכ אָנ
אפ א גאנצנ ווינטער פאפיראָסנ.

באַ אימ אינ שטיבל איז שטיל, ציכטיק-ריינ אונ אַנדערש ווי אינ אַלע אַרומיקע שטיבער. אינ שטאָט איז אַלצ נאָכ נישטאָ קיינ טעלעפאָנ, נאָר באַ גאָטע קאַצ אָפּנ עק פונ שרייבטיש געפינט זיכ דאָכ א טעלעפאָנ-אַפּאַראַט אונ צווישנ די פילע זאַכנ, וואָס מאַכנ וויכטיק דעמ שרייבטיש פונ א באַשעפטיקטנ מאַנ, ליגנ דאָרט לעבנ אַפּאַראַט זייער סאָלידע צוויי האַנטביכער — האַנטביכער פונ קעניגסבערגער טעלעפאָנ, קעניגסבערגער אַדרעסנ אונ קעניגסבערגער אָנאָנסנ. אינ שטאָט רעדט מענ אָפּאָרשט מיקווייעכ דעמ, אַז עס איז מעגלעכ, אַז מענ זאָל אײַנפירנ עלעקטרישע באַלײַכטונג, נאָר באַ גאָטע קאַצ איבערנ שרײַבטיש הענגענ שוינ פונ לאַנג קײַלעכדיקע עלעקטרישע לעמפלעכ. אינ שטיבל צו גאָטע קאַצ קומט וואָכנלאַנג נישט אַרײַנ קיינ מענטש, נאָר צו די ווענט אינ ביידע זײַטנ לעבנ זײַנ שרײַבטיש זײַנענ דאָכ צוגעקלעפּט צוויי צעטלעכ, וואָס וואָרענענ זייער שטרענג — איינ צעטל מיט רוסישע ווערטער:

— „ווּרעמיא — דענגי“ (צײַט איז געלט).

דאָס צווייטע מיט העברייִשע ווערטער:

— „אז דו גייסט אריינ צו א באשעפטיקטנ מאנ, ענדיק וואָס די דארפסט אונ גיי דיר אוועקן“

אינ שטאָט פירט גאָטע קאַצ קימאַט מיט קיינעמ נישט קיינ באַקאַנטשאַפט. פאַר פרעמדע, אָנגעזעענע לײַט פאַרנייגט ער זיכ בלויז, אויב ער באַגעגנט זיי, אונ שמייכלט דערבײַ זייער פרײַנטלעכ, ווי א לײַטישער באַלעבאָס פונ אַנ אָנשטענדיקנ רעסטאָראַנ שמייכלט צו זײַנע קונדנ. רייִדנ אָבער רעדט ער זייער זעלטנ, גלײַכ ווי ער היט אָפּ זײַנע קרעפטנ צוליב זײַנ הויפּט-אַרבעט, צוליב די ווײַבער, וואָס ער ברענגט אַראָפּ פונ דער פרעמד. דאָכ איז איינמאָל אַרויס א גאַנצ משיקאָווע געשיכטע צווישנ אימ אונ צווישנ זייִליק מאַגידסאָנ — א יונגערמאַנ מיט א ווײַכער אונ זייער געדיכטער באָרד, וואָס איז לענגער ווי באַ אַלע יונגעלײַט אינ זײַנע יאָרנ; א יונגערמאַנ, וואָס האָט אונטער זײַנ קליינער היטל-קראָמ געהאַט נישט בלויז אַנ אייגענע קירזשנעריי, נאָר ער איז האָרט מיט דער צײַט אַלייִנ אויכ געוואָרנ א קירזשנער: געגייט הימלענ, ווי א קירזשנער, גערעדט מיט א שווערנ גראָבנ לאָשנ פונ א קירזשנער אונ באַקומענ שוואַרצע הענט, ווי א קירזשנער. זייִליק האָט דאָנ אָפּ גאָטע קאַצ „אַרײַנדערלאַנגט“, אונ

אינ געריכט האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז די פּרײַזנ אפּ אלע היטלענ בא אימ אינ קראָמ האָט געדענקט בלויז זײַנ ווײַב הינדל, אונ אז הינדל איז געשטאָרבנ, איז ער געבליבנ אָנ איר, ווי אָנ א זייגער אונ אָנ לאָשנ. געלאָזט האָט זי אימ סאכאקל מיט איינ מיידעלע פונ א יאָר עלפ אונ מיט א גוטער פּארנאָסע, נאָר די שידוכימ, וואָס מע האָט אימ באלד אָנגעהויבנ צו ריידנ, האָבנ זיכ עפּעס ווי נישט געקלעפּט.

אונ נישט ער, זייליק מאגידסאָנ, איז אינ דעמ געווענ שולדיק, נאָר זיי, די מיידלעכ אונ ווײַבלעכ, וואָס מע האָט אימ גערעדט. עפּעס, אז זיי האָבנ נאָר אפּ אימ א קוק געגעבנ, איז ווי א פּעגירע אפּ זיי...

ווי א כאָליערע אפּ זיי... נו יאָ... אונ „דאָס דאָזיקע אָ" האָט ער, זייליק מאגידסאָנ, באדארפט האָבנ נישט אזוי צוליב זיכ, ווי צוליב באלעבאטישקײַט. נו יאָ... איז ער איינמאָל אומ שאבעס נאָכנ שלאָפ געגאנגענ אפּ דער הויפּט־גאס. צוזאמענ מיט זײַנ מיידעלע איז ער געגאנגענ, אונ ווי ער גייט זיכ אזוי פּאמעלעכ, דערזעט ער, נאָטע קאצ שטייט אינ דרויסנ לעבנ זײַנ שטיבל אונ קוקט אפּ אימ אונ שמייכלט, כאָטש אליינ האָט ער זיכ צעדיק מיט א פּאָר וואָכנ געגעט.

— הער נאָר, דו בעריע דו, — האָט ער דאָרט געזאָגט צו נאָטענ — וואָס שמייכלסטו? דו זאָג מיר בעסער אויס... דעמ סייכל זאָג מיר בעסער אויס... פּארוואָס קלעפּנ צו דיר אזוי ווײַבער, פּארוואָס?..

געזאָגט האָט ער עס צו נאָטענ גלאט אזוי, נאָטע אָבער האָט אימ דעמסטמאָל ארײַנגערופנ צו זיכ אינ שטיבל אונ האָט אימ דערציילט, אז „עס איז נישט אזוי גרינג... אונ אז מע דארפ דאָס קענענ... מע דארפ עס קענענ"... דערנאָכ האָט נאָטע זייער אָפּט אָנגעהויבנ ארײַנצוקומענ צו אימ אינ היטל־קראָמ, ווו ער, זייליק, האָט אימ, נאָטענ, „געגעבנ דערופּ געלט", אונ בייס ער האָט אימ די געלט געגעבנ, האָט ער גאָר אפּילע צו אימ, נאָטענ, געזאָגט: „איז וואָרט זשע, איז ווי וועט עס זײַנ?"

אפּנ געריכט האָבנ טאקע דעריקער געשפּילט א ראָליע אָט די ווערטער:

— „איז וואָרט זשע, איז ווי וועט עס זײַנ?"

ווייל אזוי זאָגט מענ שטענדיק צו א שותפ, בייס מע לייגט ארײַנ געלט אינ א שותפעס. נאָר נאָטע האָט געטײַנעט, אז געלט

האָט ער טאַקע באַ זייליקן אין היטל-קראָם גענומען, און ער זאָגט זיך דערפון נישט אָפּ, ווײַל:

— אַ כּוויו איז אַ כּוויו.

— אַ וועקסעלע איז אַ וועקסעלע.

נאָר געלט האָט אים זייליק פּאָשעט געליִען און וועגן „אויסזאָגן אַ סאָד“, אָדער „אויסלערנען דעם סייכל“ איז צווישן זיי קיין שום רייד נישט געווען.

דעם געריכט האָט מען צונישט געמאַכט. פון אים איז גאָרנישט אַרויס, אויב מע זאָל נישט רעכענען דאָס, וואָס אין דרויסן האָט נאָכדעם זייליק זיך פּלוצעם צוגעכאַפּט צו נאָטען, אים פּלוצעם אַרײַנגענומען אין די אָרעמס, ווי ער וואָלט אים וועלן צודריקן צו דער ברוסט. די גאַנצע גאַס האָט קאַלטבלוטיק צוגעקוקט, ווי נאָטע איז אַרויס פון זייליקס הענט אַ צעקנייטשטער, אָן אַ היטל, מיט אַן אָפּגעריסענעם קראַגן, וואָס וואַלגערט זיך אין איין עק טראָטואַר, און מיט אַ צעטראָטענעם קראַוואַט, וואָס וואַלגערט זיך אין צווייטן עק.

אָפּצולאָכעס דער גאַנצער שטאָט איז ער באַלד פאַרשוווּנדן אויף אַ וואָך צײַט און האָט זיך אומגעקערט צוריק מיט אַ נײַער נאָטעכע. איצטיקס מאָל האָט ער, סאַניִם אָפּצולאָכעס, אַראָפּגעבראַכט פון ערגעץ אַ געוויקסיקע און זייער אַ שלאַנקע מיידל, אַ יונגע, מיט צוויי פּעסטע צעפּ, וואָס פאַלן איר אין ביידע זײַטן אויף די ברוסטן. און אַז מע האָט זי דערזען בלויז פון אונטן אין די פּלייצעס, האָט מען גלײַך באַקומען מאָרנע אומרויִקע פאַרגעפילן און מע האָט גלײַך פאַרגעסן אָן אַלע מיידלעך, וואָס זײַנען כוץ איר פאַראַן אין שטאָט, גלײַך אַלע זײַנען זיי בלויז נאָכגעמאַכטע, פאַלשע.

מע האָט וועגן איר געזאָגט:

— דאַפּקע אַ פאַריקמאַכערס אַ טאָכטער, האַ?

— זעט נאָר, וואָס באַ אַ פאַריקמאַכער קאָן זיך אַמאָל פאַרוואַלגערן.

זי האָט געהאַט עטלעכע געציילטע זומער-שפּרענקעלעך אויפן טונקעלן פּאָנעם האַרט אונטער גרוי-באַברעמטע טונקל-בלויע אויגן. איר נאָז איז געווען אַ ביסל אײַנגעפאַלן און אַ ביסעלע לאַנג. נאָר וועגן נישט אָט די נאָז... אין שטאָט האָט מען געזאָגט:

— הערסט א מייסע — ווען נישט אט די נאז, וואלט דאך גאר נישט געווען.

און מע האט איר גלייך א נאמען געגעבן: „דער יעיצעההארע“. און נישט אזוי איר אליין, ווי איר נאז. דאס גאנצע לעבן אין שטאט האט אנגעהויבן צו פליסן פיל אויפגערעגטער און שנעלער, מע האט געשפילט פיל שנעלער ווי טאמער אין קארטן, מע האט שפילנדיק אין קארטן גערעדט וועגן נאטע קאץ:

— זאל ער אפ ראשעשאנע און יאנקיפער אוועקפארן צו אלדי שווארצע יאר מיטן „יעיצעהארע“.

נאר נאטע קאץ האט, ווי אפ צעפיקעניש דער שטאט, זייער אפט ארומגעשפאצירט מיט איר אין גאס. אלע מאל, ווען ער האט זיך מיט איר באוויזן, איז מען געלאפן צו אפענע טיר און פענצטער קוקן, און א שטימונג איז דאן בא אלע געווען, גלייך אין שטאט איז ערעוו א כאסנ־מאל. און דער אויער האט ווי פון זיך געוואוסט, אז עס זאל שוין וואס גיכער א קלאפ טאן די פויק, עס זאלן א שפיל געבן קלעזמער.

בלויז איינן זייליק מאגידסאן, דער באוואקסענער מיט דער ווייכער געדיכטער באָרד, וואס איז לענגער ווי בא אלע יונגעלייט פון זיינע יארן, האט זיך נאך אלץ ואומגעדרייט א דערהארגעטער און מיט אזא מארנעם אומצופרידנהייט־געפיל, גלייך אפן געריכט מיט נאטע קאץ האט ער געזאלט אויסלאדן כאטש א טייל פון אט דער מויד, נאר דער געריכט איז געווען א שלעכטער און האט צוגעפאסקנט נאטען...
שטייענדיק אפ די טרעפלעך פון זיין היטל־קראם, האט ער מיט הארץ־ווייטעק צוגעקוקט, ווי נאטע שפאצירט ארום מיט דער נייער מויד. דער קאפ איז אים געווען ווי פארטשאדעט. ער האט, ווי פריער, נישט געדענקט קיין איין פרייז פון די היטלען, וואס געפינען זיך בא אים אין קראם, און האט נישט פארשטאנען, וואס ארום אים קומט פאר:

— סאכאקל איין קינד... א גוטע פארנאסע, און אז זיי טוען נאר א קוק אפ מיר, איז עפעס ווי א פעגירע אפ זיי... עפעס ווי א כאליערע אפ זיי...

דרויב

I

איז אַט-אָ די ביילע-העניע, מוישעס דעם טאָטערס ווײַב, וואָס האָט ביז איר כאַסענע געדינט בײַ דער נעגידישער שנור, זי איז געווען מיִעס ווי דער טויט, זי האָט געהאַט אַ קליין לענגלעך פּאָנעם, פול מיט גרויסע פּיפּע שטופּלען. דאָך האָט זי זיך פון קליינערהייט אָן אײַנגערעדט, אַז זי וועט כאַסענע האָבן נאָר מיט אַן איידעלן יִידן, און האָט נישט געוואָלט הערן מאַן אירן, מוישע הערן שמיד, וואָס האָט געהאַט אַ צונעמעניש „טאָטער“.

דעם טאָטער האָט דאָס פאַרדראָסן ביז גאָר. ס'איז אים דער-גאַנגען ביז די לעבער, וואָס הייסט עס:

— אַזאַ פאַרזעעניש, און דאָס זאָל אים נישט וועלן...

ער האָט זי דערפאַר געהאַלטן אין איין שלאָגן. און זי האָט אים נישט געוואָלט.

סימכאַסטוירע באַטאָג האָט ער זי געשלאָגן דאָס לעצטע מאָל.

סימכאַסטוירע באַטאָג האָט זיך געפילט אַ רעגן אין שטעטל, נאָר קיין רעגן איז נישט געגאַנגען. אינדרויסן איז נאָר די לופט געווען שטאַרק קיל, טונקל און העפקער, צו ווינטער צו און צו צאַפּדריקע קעלטן. באַם ראַוו אין שטוב זיצט מען באַם טיש, די טיר איז אָפן, און אַרום און אַרום בײַ דער האַלב-קײַלעכדיקער הײַזער-ראָד זיצן ווײַבער אף די פּידאַשקעס און קוקן ווי באַלעבאַ-טישע פּלייצעס בייגן זיך דאָרטן אַרום דעם ראַוו און אַרום מאָטל דעם רויטן, דעם גײַ-אויסגעקליבענעם גאַבע. מ'טרינקט דאָרטן בראַ-שוק, מ'זינגט ניגונים און מ'וואַרפט ווײַנע דעם לאַנגן קאַווען-שאַלעכץ

גלײַך אין באָרד אַרײַן; מ'איז אַלע אױף אײן בינטל, אַלע אַלטע קאָנטיקאָזעװער. פֿון גרױס ליבשאַפֿט צו יױנע דעם לאַנגן שרײַט מען צו אים:

— יױנע!

— יױנע דער לאַנגער, אַ רװעכל דײַן טאַטן!

נאָר יױנע דער לאַנגער מאַכט זיך נישט הערנדיק. ער שטײט מיט זײַן גאַנצער לענג צװישן רעדער פֿון קאַװענ־שאָלעכץ און שרײַט נאָך העכער מיט זײַן באַזונדיש גרילצנדיקן קאָל און מיטן נוסח פֿון געשעם:

אַף־ברי

נאָך יאָגטעװ אונטערפּרי,

אושאַס —

האָט מײַן װײַב דאָס מעשוגאַס,

שעם סאַר מאָטאָר —

איך הער זי, װי דעם קאָטער.

און פּלוצעם טוט געשװינד אַ יאָג אַ שרעק איבערן שטעטל, און שװאַליאָם, אַרײַן אַהער צום ראָװ אין שטוב:

— ער שלאָגט שױן װידער דאָס װײַב!

— װער? מױשע דער טאָטער?

— אַ רװעכל זײַן טרײפֿענער קישקע.

און אַלע מיטאַמאָל אַ יאָג אינדרױסן אַרױס. בײַ עמעצן זײַנען די פּלײצעס שטאַרק אײַנגעשמירט אין װײַסן, נאָר ער װײסט נישט דערפֿון, ער איז בענילופֿן, פֿאַרגײט שמײכלדיק אונטער דער שטוב, צענעמט דאָרטן שמײכלדיק די פּאָלעס און טוט אָפּ אַ מיעסע זאַך מיט אַזאַ אױסזען, גלײַך ער טוט אָפּ עמעצן אַ שפּיצל, און אַז ער קערט זיך אום, שטײט שױן דער גאַנצער עולם אינדרױסן בײַ דער טיר און קוקט, װי מױשע דער טאָטער יאָגט זיך איבערן פּלאַץ נאָכן װײַב בײַלע־הענדעס. ער, אַ פּירעקיקער ריז מיט פֿאַרקאַשערטע הענט, װי אונטערװאָרן, בעשאַס ער שטײט בײַ זיך אין קוזניע און טוט אָן אין אײַזן פּױערשע װאָגנס, און זי, אַ קלײנע, אַ בײנערדיקע װי אַ מאָגערע הון. און אַלע װײסן דאָך, אַז זי האַלט טאָמער אַ שפּיגעלע לעבן בעט, אַ צעבראָכנס מיט אַן אָפּגעריבענער רױטער לינקער זײַט. זי האָט זיך ליב צו שפּיגלען, אָט די מיעסקײַט. אַנט־לױפֿנדיק, פֿאַרגעסט זי דאָך נישט אױסצובאַהאַלטן דאָס געשטופּלטע

פאָקנ־פאָנעם אונטערנ ריינעמ ווײַסנ קאָפּטיכל און אירע שולדיקע קאָסע אויגנ קאָנענ דערבײַ נישט קוקנ מאַנצבלענ אינ פאָנעם אַרײַנ, זיי שעמענ זיכ, ווי נאָכ א פריש אָפגעטאָנענער זינד. זי אַנטלויפט געשווינד אינעמ אַנטקעגנדיקנ נעגידישנ הויז, וווּ זי האָט ביז דער כאַסענע געדינט, און אַלע שטייענ און קוקנ, ווי מ'פאַרשליסט דאָרטנ באַלד נאָכ איר די טיר. איצט, זאָגט מענ, איז אַנ עק:

— פאַרטיק...

II

דאָס אַנטקעגנדיקע נעגידישע הויז איז א בעקאָווערדיקס, א יערושעדיקס און אַנ אַלטס. ס'האָט א ווײַסנ פלאַכנ דאַכ; ס'האָט פעסטע ווײַסגעקאַלעכטע ווענט מיט אַלטע אַקאַציע־ביימער פאַר די גרויסע אַכטשויבנדיקע פענצטער. שאָקלענ זיכ אָט די אַלטע ביימער פונ יעדנ מינדסטנ ווינטל. שאָקלענ זיכ אונטערנ בעשוועגדיק פאַרכמאַרעטנ הימל, אונטער יעדנ וואָלקנ, וואָס טריפט יאָ און טריפט נישט, און דערעסנ אויכ אַלע אַרומיקע קאַפצאָנישע הײַזער, דערעסנ מיט דער אַלטער מײַסע, וואָס זיי האַלטנ טאָמער אינ איינ שעפטשענ:

„א מײַסע מיט אַנ אַמאָליקנ גוויר, וואָס האָט אַמאָל אָט דאָס הויז געבויט; א מײַסע מיט זײַנעמ א זונ, וואָס איז שוינ לאַנג געשטאָרבנ, און איצט וווינט שוינ דאָרטנ נאָר די שנור זײַנע, אָט די וואָס האָט ליב רוסיש ריידנ, און גייט קיינמאָל נישט אינ שול, און ס'פאָרנ - צו איר אָפט צוגאַסט דער יידישער דאָקטער, דער אַקציזניק מיטנ וסמאַנאָווי.“

אַרומ איז בלאָטיק און נאַס. פעלדער ווייסטע, אָפגעשניטענע און פאַרלאָזטע ציִענ זיכ אַרומ א באַרג און טוקנ זיכ דאָרטנ אינ כמאַרע און אינ אומענדלעכער ווינטער־צײַט. ס'איז שטיל, נאָר אַמאָל טרעפט:

פונ א קליינ און פוסט לעבנ, וואָס ערגעץ־ווו אינ נעענט, קומט אָנ אהער א פור נישט מער ווי אַפ דורכצופאָרנ; זי טראָגט דאָ דורכ איר פוסטנ גלעקער־קלאַנג און פאַרשווינדט, און פיצלעכע שטעטעלע הויקערט זיכ ווידער און שווײַגט נאָכ מערער. קאַפצאָנישע הײַזלעכ שטייענ ביזנ בויכ אינ בלאָטע און הערנ זיכ אײַנ: ס'גוואַר=

זשענ ושטיוול, דאָס איז מוישע דער טאָטער. ער בלאָנדזשעט שוינ ווידער אינמיטנ באַטאָג ארומ אָרעמע קלייטנ אונ ארומ קרעמער, וואָס האָבנ מיט אימ נישט וועגנ וואָס צו ריידנ. קוקנדיק אָפ די שפּיצנ פונ זײַנע שטיוול, פּאַרטראַכט ער זיכ, עקט זיכ שיר נישט פונ גרויס גרימעניש אונ פונ צאַר אונ שפּײַט סאָפּקאָלסאָפּ אויס:

— א רועבנ איר טאַטנ.

אונ איינ זיגנע האָט ער דערבײַ די גוויריש שנור, וואָס דאַרטנ אינעמ אנטקעגנדיקנ נעגידיישנ הויז. זי גיט אימ נישט אָפּ זײַנ ווײַב. פונ סימכאסטוירע אָנ האַלט זי זיכ בא זיכ בייליע־העניענ אונ גיט זי אימ נישט אָפּ, זי שיקט אימ אלעמאָל זאָגנ:

— זי וועט אימ געבנ פּופּציק קערבלעכ, ער זאָל געבנ ביילע־העניענ געט.

דער „טאָטער" האָט א ביסל מוירע פאַר אָט דער נעגידישער שנור אונ פאַר איר הויז, אהינ קומט דאָכ אַזוי אָפּט צוגאַסט דער סטאַנאָווי. איטלעכס מאָל, וואָס ער קומט אהינ ארײַנ, זײַנ ווײַב מאָטענ, שטייט ער דאָרטנ אינ פּאָדערצימער בא דער טיר אונ וואַרט לאַנג, ווי א קאַפּצנ, וואָס קומט בעטלענ א נעדאָווע. ביילע־העניע איז שוינ דאָנ אינ קיכ נישטאָ. זי טוט באַלד א יאָג אַ׳בערנ גאַנצנ הויז אונ באַהאַלט זיכ בא דער באַלעבאָסטע אינ שלאָפצימער. פונ אנ אינוווייניקסטנ פרי־געהייצטנ אונ שטאַרק וואַרעמענ צימער קומט ארויס די „גיאַניע, א גראָבע קריסטנ מיט א צעפּלעטשעטער אײַנגעפאַלענער נאָז אונ מיט ליפּנ פונ א נאַשערנ. זי קוקט אָפּ אימ מיט די שעל־מישע שווארצע אייגעלעכ אונ האַלט דערבײַ קלוימערשט אינ איינ אונטערטרייסלענ דאָס קלייגע קינד, וואָס זיצט בא איר אָפּ די הענט. זי וויל אימ גאָרנישט נישט זאָגנ, זי איז נאָר געקומענ א קוק טאָנ, ס׳ארא פּאָנעמ ער האָט, דער ייִד, וואָס איבער אימ באַהאַלט זיכ די געשטופּלטע ביילע־העניע אזש בא דער באַלעבאָסטע אינ שלאָפ־צימער. סאָפּקאָלסאָפּ קומט ארויס צו אימ די באַלעבאָסטע אַליינ, אונ הייבט אימ אָנ זאָגנ מוסער. א פּיסק איז בא איר, ווי אַ שרײַפּ־לעכ. דער טאָטער שווײַגט אונ קוקט אָפּ איר די גאַנצע צײַט אינ אלאכסנ מיט אויגנ פונ א בייזנ אומבאַהאָלפּיקנ גיגזל...:

„א מאַקע איר אינ גאָרגל..."

דעמ טאָטער איז שוינ נימעס די גאַנצע מײַסע. ער גייט אוועק

אונ פרווט עפענענ די קוזניע, נאָר ס'ארבעט זיכ ניִשט. איינ דער היים איז אויכ נישטאָ מיט וועמענ א וואָרט צו ריידנ. איינ מויל איז די גאנצע צייט זויערלעכ, ווי נאָכנ סימכאסטוירעדיקנ בראשוק, אונ דערצו איז נאָכ דאָס וועטער אזא פאסקודנע. ס'נאָגט באמ לעפעלע, אונ קיינ קינדער האָט זי מיט אים אויכ ניִשט, אָט די געשטופלטע מויז. כאפט דער רועכ דעמ טאטנס איינ, ער וועט גיינ אהינ צומ לעצטנ:

ער וועט איר געבנ געט.

צומ געט קומט די גווירישע שנור אליינ, זי שטייט באגלייכ מיט ביילע-העניענ באמ ראָוו. זי איז אָנגעטאָנ מיט א שווארצנ גאָרסענעמ שארפ אפנ קאָפ. אונ איטלעכס מאָל, וואָס דער טאָטער זאָגט נאָכ דעמ ראָוו די געט-ווערטער, הערט זי זיכ איינ אונ שאָקלט צו מיטנ קאָפ מיט א מינע פונ א מיוונ אונ מיט אזא אויסזענ, גלייכ זי באשליסט, אז מ'נארט זי נישט אָפ, אונ אז דאָס אלצ איז ווערט, ס'ווערט די פופציק רובל, וואָס זי באצאָלט.

דער טאָטער האָט א שוועסטער אינ שטעטל, זי וואָרפט פויערטעס קאָרטנ אונ זאָגט געוויסעס אפ גנייוועס, צי זיי וועלנ זיכ אָפזוכנ, צי נײנ. זי שטייט איינדרויסנ נישט ווייט פונ ראָווס שטוב, דער קאָפ איז בא איר פארבונדנ מיט א פויערש טיכל אונ ארומ שטייט א רעדל. ווייבער אונ קינדער הערנ, ווי זי שעלט ביילע-העניענ מיט איר באשיצערנ, די גווירישע שנור:

— ביידע זאָלנ זיי איינגעוויקלט ווערנ, זיי זאָלנ איינעמענ א מיסע-משונע.

— נאָכ היינטיקנ טאָג, גאָט אינ הימל! מאקעס זאָל זיכ זיי זעצנ אפ די געדערים.

אונ די אויגנ האלטנ בא איר דערביי אינ איינ קוקנ אהינ צומ ראָווס שטוב, ווו ס'גייט דער געט. אונ ס'דאכט זיכ, אז זי דאווענט.

אלע קוקנ, ווי ס'עפנט זיכ דעמ ראָווס טיר, נאָר אז דער אוילעמ שיט זיכ ארויס פונ שטוב, קומט ווידער עפעס פאָר, אונ מ'ניעמט אהער געשווינד לויפנ פונ אלע עקנ שטאָט. די, וואָס פארשפעטיקנ, פרעגנ, וואָס ס'איז געשענ, אונ מ'ענטפערט זיי, אז גאָרנישט, גאָרנישט:

דער טאַטער האָט נאָך נאָכאַמאָל איצט שוינ נאָכנ גוט אויסגע=פּאַטשט בײלע=העניען... צום לעצטנ מאָל.

III

דער טאַטער האָט פֿאַרקויפֿט די קאָזע און האָט געגעבנ א שפּײַ אפֿנ שוועל. גיי זײַ א גאָווי, ווי זײַנ געבײנ איז אהינגעקומענ, איצט איז שוינ זומער, און ער איז נאָך אלץ נישטאָ.

בײלע=העניע איז פֿרײַ.

פֿרײַטיק באַטאָג, אז קינדער קערנ זיך אום פֿונעם חיידער און בלאָנדזשענ אונטער די הײַזער צווישנ באַדיקעס און קוקנ אריַינ צו דער נעגידישער שנור אינ הויף דורכ צעלעכצטע פֿאַרקאַנ=ברעטער, זעענ זיי, ווי בײלע=העניע זיצט דאָרטנ מיט אלע פֿיר אפֿ דער ערד נישט ווײַט פֿונ קיכ=טיר און בייגט זיך, און רײַבט און רײַבט. ארום איר שטייענ צוויי סאַמאָוואַרנ, א סאַכ קופּער און מעש. די קינדער שרײַען: פּלוצלינג גרײַנ:

— בײלע=העניע די געשטופּלטע!.. אָט גייט דער טאַטער!

און דערשראָקנ פֿאַר זייערע אייגענע קולעס, טרעטנ זיי גלײַך אָפּ און אנטלויפֿנ.

אינ שטאָט צעקריגנ זיך צוויי שוועסטערלעכ. זיי האָרגענענ גוט אָנ איינס דאָס אנדערע און יענע, וואָס האָט געכאַפּט מער קלעפּ, שרײַט דער צווייטער:

— דו, בײלע=העניע דו!.. דו געשטופּלטע מויז!

און בײלע=העניע הערט עס פֿארבײַגייענדיק און באַהאַלט אויס דאָס פּאָקנ=פּאָנעם אונטערנ רײנעם ווײַסנ קאָפּ=טיכל. אינדערהיים, בײַ דער נעגידישער שנור, פֿאַרוקט זי זיך מאָדנעם אינ איר ווינקל און באַטראַכט זיך דאָרטנ לאַנג אינ איר קליינעם שטיקל שפּיגעלע, וואָס מיט דער אָפּגעריבענער לינקער זײַט, זי זעט: שטופּלענ, שטופּלענ, א סאַכ שטופּלענ, און אויגנ קאָסע, וואָס קוקנ אינ צוויי פֿאַרשיידענע וועלט=זײַטנ. נאָר אינ עמעצער זײַנענ שוינ דאָ געווסט; מ'רופֿט זי, באַהאַלט זי דאָס שפּיגעלע געשווינד, ווי א גנייווישע זאַכ, און לויפֿט.

„באַלד", ענטפֿערט זי, גייענדיק אהינ, און אירע אויגנ שטעלנ זיך דאָרטנ צו קוקנ מאַנצבלענ אינ פּאָנעם אריַינ. אלע ווייסנ דאָכ שוינ,

פאַרוואָס זי האָט נאָך קאַלעוויִז נישט געוואָלט דעם טאַטער. זי האָט זיך פונ קלייִנערהייט אָנ אייִנגערעדט, אז זי וועט כאַסענע האָבנ פאַר אַ אייִדעלנ ייִדנ. אז מ'איז אויפגעלייגט, לאַכט מענ דאָרטנ אַלע איבערנעם, מ'קנאַקט ניסלעך אונ מ'פאַרברענגט זיך:

— נו, וואָס הערט זיך, ווענ האָט ביילע-העניע כאַסענע פאַר אַ ראָוו?

בײַ דער גווירישער שנור איז קיך איז פאַראַנ אַ קעכנ, אַ שטובמיידל אונ אַ דינסט אונ די ניאַניע, אונ אַלע ווילנ זיי כאַסענע האָבנ, אז זיי פייגערנ שיר נישט. זיי ווינטשנ זיך עס בײַ יעדערער געראָטנ אָפגעבאַקענער כאַלע אונ איטלעכס מאָל, וואָס מ'פרעגלט דער גווירישער שנור שמאַלץ.

איטלעכס מאָל, וואָס איִנ שטעטל טרעפט אַ כאַסענע, שיט מענ אַלע אַרויס איִנדרויסנ, אונ וואָס מער פאַרזעסנ איז די קאַלע, אַלץ מער האָט מענ צו איר איִנטערעס. מ'הערט זיך אײַנ, ווי קלעזמער פירנ אַנ אַלטע איבערגעוואַקסענע מויד צו דער כופע, אונ נאָכדעם קלעפט מענ אַ גאַנצע נאַכט לעבנ באַלויכטענעם הויז, ווו די כופע קומט פאָר. מע קערט זיך אום מיטנ גרויענ טאָגליכט, אונ מ'לייגט זיך איִנ דינסט-כיידער איִנ די בעטנ אַרײַנ, נאָר אײַנשלאָפנ ווערנ קאָנ מענ נישט. מ'רעדט אַזוי לאַנג פונ כאַסענע האָבנ, ביז מ'צעקריגט זיך. די פאָקאָיאָווע וואַרפט אויפ דער קעכנ, אז דער מאַנ אירער איז געווענ אַ גאַנעוו אונ איז געשטאָרבנ איִנ טורמע, אונ די קעכנ שרײַט, אז זי וויים, צו וועמענ די פאָקאָיאָווע פלעגט אַ גאַנצנ ווינטער אַרויסגייִנ אַלע אָוונט אונטערנ פאַרקאַנ. ס'מישנ זיך אַרײַנ די דינסט מיט דער ניאַניע אונ קיינער וויים שוינ נישט, ווער ס'האָט די קריג אָנגעהויבנ. אפ מאָרגנ איִנדערפרי איז מענ נאָך אַלץ בארויגעט אייִנע מיט דער צווייטער, אַלע שרײַענ; די קעכנ שפײַט ביילע-העניענ איִנ פאָנעם אַרײַנ, זי האָט דערבײַ אַ פאַרפלאָמט רעציכעדיק פאָנעם, זי פאַרגעסט אָנעם טאָפ, וואָס האַלט איִנ אויוונ איִנ אייִנ אויסלויפנ, אונ טוט זיך אַ לאָז צו דער באַלעבאָסטע, וואָס קומט אַרײַנ די קיך אייִנשטילנ אונ זיך פאַר ביילע-העניענ אָנעמענ:

— נייִנ, — גוואַלדעוועט זי, — ס'פאַרדריסט דאָך: אַלעמײַ זאָל זיך אַזאַ פאַסקודסטווע אײַנריידנ, אז זי וועט כאַסענע האָבנ נאָר מיט אַנ אייִדעלנ ייִדנ?!

און דאָס אלץ ציט זיכ אָנ א שיר לאנג. ס'כאזערט זיכ איבער אלע-מאָל פונסנייַ.

ביילע-העניע לייַדט.

נאָר סאָפּקאָלסאָפּ דערוואַרט זי זיכ אָפּ איר גליק. א קאָפּ האָט זי פונ טאָמעד אָנ: א שווערנ, א צונגעשלאָגענעם אונ א ביסל א טעמפּנ. זי קאָנ נישט טראַכטנ אפילע וועגנ זיכ אליינ, אפילע וועגנ איר גליק, נאָר וועבנ וועבט זיכ שוינ עפּעס בא איר אינ האַרצנ אונ אינ זיקאָרנ.

IV

ביילע-העניע געדענקט:

א זונ באַשייַנט מיט שטראַלנ אונ ווי דורכ א זיפּ: דאָס איז א טאָג, א הייסער, א זומערדיקער; פּערנ פאָרנ, קוילעס גרילצנ, מענטשנ ווימלענ, דאָס איז א יאַריד, א גרויסער מאַרק-יאַריד דאָ אינ שטעטל. קראַנצנ ציבעלעס הענגענ אַראָפּ פונ די וואָגנס, אייער, זאָגט מענ, איז בעזויל, אונ פורנ פאָרנ, פורי פאָרנ, אונ אָפּ אייטער פונ זיי טרייס-לענ זיכ די אַלטע צעלעכצטע פלייצעס פונ איינעם אנ אַלטיטשקנ יידנ, וואָס איז אָנגעטאָנ אינ זייַנ שאַבעסדיקער לאַסטיקענער קאַפּאָטע אונ אינעם סאַמעטענעם היטל, וואָס מיטנ אָפּגעריבענעם האַשעק. דאָס איז דער אַלטער דאָוויד-לייזער, דער דאָרדעקע-מעלאַמעד פונעם נאָענטנ שטעטל. ער טרייסלט זיכ די גאַנצע צייַט אינ גרויסנ וואָגנ צום פויער מיט די פלייצעס, פּיפּקעט קלוגעטשקערהייט פונ זייַנ קורצער פּיפּקע. אונ שמייכלט צו זיכ אינ די געלבלעכ-גרויע וואָנצעס: ער קומט אַהער, דאָוויד-לייזער דער מעלאַמעד, ער קומט אַהער אָפּנ יאַריד קויפנ א צע-בער מיט א לאָקשנ-ברעט, ווייַל די אַלטע האָבנ זיכ אימ צעבראָכנ. די שכיינע, וואָס באַקט אימ ברויט שוינ צענ יאָר, זינט זייַנ אַלטיטש-קע איז געשטאָרבנ, זאָגט, אז מ'דאַרפ נייַע; ער קומט אַהער אויכ דער-פאַר, וואָס דאָ זייַנענ פאַראַנ א סאַכ „קאָנטיקאָזעווער". אונ ער, אַליינ אנ אַלטער, אנ אַמאָליקער „קאָנטיקאָזעווער", האָט אַלע יאָרנ געליטנ בא זיכ אינ שטעטל פונ די אָרטיקע „דאַכמעסטריוקער", זיכ נישט גע-מישט אינ קלויז צו זייערע נוסכאָעס אונ געוואָרנ מיט דער צייַט. א שטייַפער שווייַגער, א שמייכלער צו זיכ אונ דער קלייַנער גרויער באָרד אונ אינ די געלבלעכ-גרויע וואָנצעס.

איז ער א שוואַכער, דער אַלטער האָוויר=ליזער, שוינ לאַנג ניט גערעדט. נאָר אַרומ עלפ אַזייגער אינדערפרי, אז ער דערמאָנט זיכ צו דער אַלטער „סאָנטיקאַזשאָווער" קלויז, פונוואַנענ ס'טראָגט זיכ א ניגונ פונ אַנדערסדיקע יאַרידעווערדיקע „האַלעלויעס", אז ער קומט אַהיימ אַרײַנ, ווערט ער שיר ניט צעשמאָלצנ פונ ווילדער הנאָה, וואָס כוואַליע דערקענט אימ. ניששט ער רעדט, בעשאַס מע גיט בא אימ האָרכנ אָפּ שאַלעמאַלייכעמ, נאָר ער האַלט אינ אײנ קוועלנדיק שמייכלענ. פונ זײַנ לאַנג=שווײַגנדיקנ, מיט קאָרעטוצעס פאַרווייכערטנ האַלדז ציט זיכ דערבײַ עפּעס א מאָדנער קלאַנג, ווי דער קלאַנג פונ א צופרידענעמ שטומענ:

— בע=בע=בע!..

און א פּאָנעמ האָט ער דערבײַ אַזאַ, גלײַכ ער האָט אָפּגעטאָנ דעמ אוילעמ א שפּיצל. מ'האָט געמיינט, אז ער איז שוינ לאַנג א שוכב=אָפער, בע=בערבע!.. און ער האָט דערוויזנ א קונצ: ער לעבט. „כעווערע" געפינענ אָפּילע, אז ער איז נאָכ א „קאָזאַק", נאָר אז מ'טריקט נאָכנ דאַווענענ לעכאַימ, ווערט מענ געוואָר, אז ער איז שוינ צענ יאָר אינ אַלמענ, און מע גיט אימ זאָגנ מוסער:

— פע, ווי קומט עס צו אימ?

יונגע דער לאַנגער קניטשט דעמ שטערנ און קראַצט זיכ מיט די פּלייצעס אָנ וואַנט, ער זאָגט, אז ער דאַרפ זיכ אַרויסכאַפּנ נאָר אָפּ א רעגע:

— ער דאַרפ ווענג דעמ איבעררײדנ מיט זײַנ אַלטער.

און דאַנ הייבט אָנ יונגע דעמ לאַנגנס ווײַב צו גײנ אַהער צו דער גווירישער שכור אפּ דער אונטערמיר. בא בײלע=העניעס האַלט זיכ אינ יענעמ טאָג אינ אײנ רעטלענ דאָס לעבנלעבע געשטופּלטע פּאָנעמ, זי איז אָנגעטאָנ אינ דער נײַער ציצענער פּלאַטיע, וואָס זי האָט צוגעגרייט אפּ האָשעשאָנע, און דער מייעכ איז בא איר שוינ אײנגאַנצנ פאַרנעפּלט... דער לאַנגער יאַריד=טאָג איז א זאַכ באַשײַנט מיט שטראַלנ, און דעמ איבערגעפּולטנ האַרצ פעלט א רעגע צו פּלאַצנ. סאַכאַקל נאָכ אײנמאָל דאַרפ אַהער קומענ יונגע דעמ לאַנגנס ווײַב און זאָגנ, וואָס האָט „ער" געענטפערט:

— יאָ, צו גײנ.

אײנאָוונט טוט זי א בלאָנדזשע מיט די קאָסע אויגנ דאָרטנ באמ

ראָוו אינ שטוב, ווו מע שטעלט די כופּע, און טוט אַפּ אים צום ערשטנ מאָל א קוק. ער געפעלט איר. ארום אים בייגנ זיכ באלעבאטישע פלייצעס, און „ער" פּיפּקעט אַלצ קלוגעטשקערהייט פונ זײַנ קורצער, מיט קאָרענצעס אָנגעפּילטער פּיפּקע און שמייכלט צו זיכ אינ די גרויע וואָנצעס. ס'האָט א פּאָנעם, ווי אַלטע גוטע=ברידער קיצלענ אים, און ער לאָזט זיכ.

און נאָכ געדענקט ביילע=העניע:

אפונ אנדערנ טאָג נאָכ דער כופּע האָט ער זיכ אומגעקערט צו זיכ אינ שטעטל און זי געלאָזט איינע אַליינ דאָ, בא דער נעגידישער שנור. אַלע האָבנ געפונענ, אז ס'איז קרום. מעגלעכ, אז מ'האָט פונ איר געלאַכט, און זי האָט זיכ געשעמט צו קוקנ מענטשנ אינ פּאָנעם אַרײַנ, איר איז געווענ א ביזיונ. די נעגידישע שנור האָט געזאָגט:

— אזוי טאָנ קאָנ מענ טאַקע נאָר בא ייִדנ.

זי האָט נישט איבעריק ליב געהאַט ייִדנ. זי האָט געוואַרט א וואָכ און צוויי, אָט די נעגידישע שנור, נאָר סאָפּקאָלסאָפּ האָט זי געדונגענ א פויערשע פור און אופּגעזעצט אַפּ איר ביילע=העניענ מיטנ פּעקל:

— היידאַ! אַהיימ, צומ נײַעמ מאַנ.

V

געדענקט ביילע=העניע, ווי זי זיצט אַפּ אָט דער פויערשער פור: זי פאָרט אָפּ, און אונטער אירע פּלייצעס לאַכנ דער גווירישער שנורס דינסטנ, זיי האַלטנ אינ איינ לאַכנ.

און נאָכ געדענקט ביילע=העניע:

דאָס נײַע שטעטעלע איז א ווילד=פרעמדס. ס'ליגט אַראָפּ=באַרג באַמ היימישנ טײַכל און הילט זיכ אינ זומערדיקנ פאַרנאַכט. אזוי זעט עס אויס דעמלט צום ערשטנ מאָל, ווענ זי קומט אַהינ אָנ; ווײַבער, ווילד=פרעמדע, באַגעגענענ די טשערעדע און טרײַבנ זייערע בעהיימעס צו דער שטוב; מאַנענ גייענ דאַווענענ אינ קוקנ ווי זי, ביילע=העניע, קומט אָנ מיט דער פויערשער פור. דאָ און דאָרט שטעלט מענ זיכ אָפּ און מ'וואַרט, ווהינ וועט זי צופאָרנ. און דער פויער, וואָס פירט זי, איז

גראָד א היימישער; ער פאַרפאָרט אינ א שמאָלער סימקע, וואָס צווישנ צוויי איינגעהויקערטע שטיבער, אונ שרייט צו אלע באַקאַנטע ווייבער, וואָס שטעלנ זיכ אָפ קוקנ:

— צע יא יעטו דאָוויד לייזאָרו זשינקו פריוויז...

ביילע=העניע פילט, אז האָרטנ אינ איינגעהויקערטנ שטיבל טוט זיכ עפּעס. דער אלטער דאָוויד=לייזער זיצט האָרטנ ארום טיש מיט דער גאנצער קאַפּעליע קלייגוואַרג, וואָס טראָגנ אים גילדנס אונ פערציקערס סבאַרלימעד; ער דערטייטלט זיי צו גאכט צו די גרויסע אויסיעס, וואָס אינ די פיל אָפּגעפליקטע צעעפנטע סידורים. ער לאָזט זיי פריי אָקאָרשט, ווענ זי קומט אריינ אינ שטוב, נאָר אָפ איר טוט ער גאָכ אלצ קיינ קוק נישט. שמייכלענדיק צו זיכ אינ די געלבלעכיגרויע וואָנצעס, הייבט ער זיכ נאָר אָפּ פונעם איינגעזעסענעם אָרט, שטייט מיט די פלייצעס צו איר אונ צעפּיפּקעט קלוגעטשקערהייט זיינ קורצע האַלב=פאַרלאָשענע פּיפּקע; פונ וויילטויק טוט ער נאָר א מאכ ווי צו זיכ אליינ:

— פכע!..

אונ ווי אלע פאַרנאכט גייט ער גלייכ אוועק דאַווענ אינ קלויז. נאָר אז ער קומט צוריק, טרעפט ער: דאָס שטיבל צוגעקליבנ אונ ציכטיק ריינ, דאָס בעט צוגעגלעט, פּיל אונטערנ טיש אויסגעקערט, אונ אינ ברענענדיקנ אויוונ זידט די אלטע שוואַרצ=פאַרויכערטע טיי=באַנקע. טרינקט ער טיי באַם ברענענדיקנ קאַגיצ, וואָס אפנ טונקל באלויכטענעם טיש, אינ שמייכלט נאָכ אלצ מיט דעם פריערדיקנ שוויינערשמייכל. אים געפעלט עס. מעגלעכ, אז ער וואָלט איר איצט געזאָגט עפּעס א וואָרט, נאָר ער ווייסט נישט וויאזוי מ'רופט זי. דערצו איז זי נאָכ, מאַשמאָעס, א שעמעוודיקע; זי זיצט די גאנצע צייט אייגנע אליינ אינ קיכ אקעגנ דעם ברענענדיקנ אויוונ. אז ער לעשט אויס דעם קאַגיצ אונ לייגט זיכ שלאָפנ, זיצט זי נאָכ אלצ אינ קיכ. זי האלט פאַרלייגט די הענט אָפ דער ברוסט אונ קוקט אינעם האלב=אויסגעלאָשענעם אויוונ.

פונ דעמלט אָנ האָט דאָוויד=לייזער דאָס סבאַרלימעד=געלט מער נישט צו זיכ אינ דער פּאַרשמאַלצעוועטער זשילעט=קעשענע, ער לייגט עס אוועק אינ קיכ אפנ אויסגעקרימטנ פענצטערל. אונ ביילע=העניע

גייט מיט דעמ אינ מארק אונ קויפט האָרשנ, וואָס אלע ווײַבער קויפנ. איצט ווייסנ שוינ אויכ אלע ווײַבער, אז זי איז א געשטופּלטע. מ'ווייסט אויכ, אז זי האָט א מאנ א לײַטישנ, אונ מ'פרעגט בא איר:

— ווי מײַנט איר, זײַ זײַנענ פריש אָט די פיש?

זי ענטפערט מיט א קנאפּנ וואָרט; זי רעדט קימאט קיינמאָל נישט. נאָר קאָכנ קענ זי דאפקע, דער רועכ האָט זי נישט גענומענ. דער אל־טער דאָוויד־לייזער כידעשט זיכ מאמעש:

— אפּאָנעמ, דאָרט, בא דער גווירישער שנור, זיכ אויסגעלערנט.

זײ שטופּנ ביידע די לעפל אינ איינ שיסל אונ קוקנ נישט איינער צומ אנדערנ אונ רייִדנ נישט איינער מיטנ צווייטנ. נאָר איינמאָל טרעפט זיכ:

ביילע־העניע פּאַקט אינ מארק א מעציע א קאבאק, א גרויסער גע־לער קאבאק, זי פארטראָגט אימ קויממ אהיימ, אזוי שווער איז ער, זי קאָכט אימ מיט א סאכ פּוטער, מיט הירזש אונ מיט אלע טאָגנ, ווי מע קאָכט בא דער גווירישער שנור.

דער אלטער דאָוויד־לייזער קומט פונעמ דאווענענ, דערשמעקט דעמ געשמאקנ ראומפ אונ כידעשט זיכ שוינ אפילע:

— זע... פונוואנענ ווייסט „זי“, אז איכ האָב ליב קאבאק?

דאָס ערשטע שיסעלע, וואָס זי דערלאנגט אימ, בלײַבט מאמעש נישט אונטער זײַנע הענט. נישט ער עסט, ער שלינגט, אונ כאפּט, כאפּט; ער לעקט די גלאנציק געלע פּוטער אונ זוכט געשווינד מיט די אויגנ, ער וויל נאָכ, נאָכ. זי דערלאנגט אימ דאָס צווייטע שיסע־לע, דאָס דריטע, אונ ער כאפּט אלץ. איצט רעדט ער אויס צו איר צומ ערשטנ מאָל א וואָרט:

— א טײַערער מײַכל, — זאָגט ער, — א ווילער קאבאק.

בא ביילע־העניענ רויטלט זיכ דאָס געשטופּלטע פּאָנעמ. זי מוז אוועקגיינ א ווײַלע אינ קיכ. צומ ערשטנ מאָל דערפילט זי גליק, אונ ס'פארדרייט זיכ איר דער קאָפּ. נאָר אינטאָוונט הייבט אימ אָנ שלע־פערנ פרײַער ווי אלעמאָל, אונ ס'וואָרפט אימ אריינ אינ אזא קעלט, אז זי מוז אימ צודעקנ מיט ביידע איבערבעטנ. ס'כאפּט בא אימ דער מאָגנ. באנאכט האָט ער אזעלכע ווייטיקנ, אז ס'לויפנ זיכ אָנ אינ שטוב אלע ארומיקע שכיינים. מע לייגט אימ וואַרעמע פּאָקרישקעס צומ בויכ אונ הייסע פלעשער צו די פיס. מ'רופט דעמ פעלדשער,

וואָס קלאַפּט איִם מיט די קאַלטע פינגער אינ הייזנ בויכ אונ קוקט איִם אינ פּאָנעם אַרײַנ, ווי א באָק. מיטנ טאָגליכט זאָגט מענ, אז ס'איז איִם געוואָרנ גרינגער: ער איז אַנדרימלט געוואָרנ, נאָר מיט א שאָ שפּעטער ווערט פונסנײַ א גוואַלד; מ'צינדט אָנ אַרומ איִם ליכט, אונ פרומע ייִדנ קומענ מיט נאַסע פּייעס פונ מיקווע אונ זאָגנ אַרומ איִם עפּעס פונ גראָבע סידורימ. דאָוויד־לייזערס שוועסטערנ קיילע־מאָלקע לייגט אײַנ די וועלט. אז מע טראָגט איִם אַרויס פונ שטוב אפ דער קורצער שמאָלער מיטע, רײַסט זי זיכ מיט אַלע קוויכעס אונ וויל נאָכלויפנ מיט אַלע באַלעבאַטימ נאָכ דער לעווײַע. ווײַבער רײַסנ זי קוימ אַרײַנ צוריק אונ בלײַבנ מיט איר דאָ אינ שטוב, מ'רעדט אַלע אינאיינעמ. אונ ביילע־העניע בלײַבט נאָכ אַלצ איינע אַליינ אינ קיכ, אונ אירע שולדיקע אויגנ שעמענ זיכ צו קוקנ מענטשנ אינ פּאָנעם אַרײַנ.

VI

פונ דעמלט אָנ וווינט דאָ אינ שטוב דאָוויד־לייזערס שוועסטערנ קיילע־מאָלקע מיט איר מאַנ יאָזעפּנ, אונ זי, ביילע־העניע, וווינט בײַ זיכ אינ קיכ. אינ ווינקל, וואָס לעבנ אויוונ, וווינט זי.

אימלעכס מאָל, וואָס אינ צווייטנ נאָענטנ אַלקער שעפּטשענ זיכ מאַנ אונ ווײַב, טוענ בײַ איר דאָ אינ קיכ א בלאָנדזשע אפ רעכטס אונ אפ ליגקס די שולדיקע קאָסע אויגנ, אונ די אויערנ אירע שפּרענגענ זיכ אָנ אונ הערנ זיכ אײַנ. זי האָט מוירע, אז מ'וויל זי פונדאַנענ אַרויס־טרײַבנ. קיינער ווייסט ניט, פונ וואָס זי לעבט; מ'זאָגט, זי האָט א קניפּל, זי האָט עס אָנגעקליבנ נאָכ דאָרטנ בײַ דער גווירישער שנור, ווו זי האָט פונ טאָמער אָנ געדינט.

ס'קומט ראָשכוידעש־עלעל אינדערפרי, מ'דאַוונט אָפ אינ ביידע באָטעמידראָשימ, גייט זי, ווי אַלע ווײַבער, אַרופ א באַרג צומ בעסוילעמ אפ קייווער־אָוועס.

זי איז נאָכ אַלצ א שווײַגערנ, א קליינע, א בײַטעדיקע, ווי א מאָגערע הונ. זי באַהאַלט אויס דאָס געשטופּלטע פּאָקנ־פּאָנעם אונטער ווײַסנ קאָפּ־טיכל, אונ אירע שולדיקע קאָסע אויגנ שעמענ זיכ הערביי צו קוקנ מאַנצבילענ אינ פּאָנעם אַרײַנ.

אפנ בעסוילעמ קומט זי אײנע אלײנ מיט װײַטע אויסבאהאלטענע שטעגעלעכ. זי זיצט לאנג אונטערנ פארקאנ, קוקט זיכ ארומ מיט די קאָסע אויגנ פאָרזיכטיק, װי א פארבלאָנדזשעטער נאכט־פויגל, שטשי־פּעט ארומ זיכ אײנציקע גרעזעלעכ אונ הערט, װי װײנענדיקע װײַבער קעגנ־איבער דעמ פארקאנ ליגנ אינ די װעלט, זײ רײַסנ דאָרטנ די קװאָרימ פונ זײערע געשטארבענע מאנענ.

אפנ בעסוילעמ װערט סאָפקאָלסאָפ שטיל. פארװײנטע װײַבער גײ־ענ זיכ פונאנדער, אונ דער אויעל איז שוינ אויכ צוריק געשלאָסנ; דער גאנצער פרימאָרגנ, די פרי אָפּגעהאװנטע קלײנשטעטלדיקע באָטע־מערדאָשימ מיטנ ציטעריקנ קאָל פונעמ ערשטנ װאָכעדיקנ שויפער־בלאָזנ, האָט אלצ, דאכט זיכ, איז שוינ געװענ אזוי לאנג. דעמלט שפּאנט זי אריבער דעמ בעסאלמעדיקנ פארקאנ אונ שטײט אײנע אלײנ שאָענלאנג צװישנ די פארלאָזטע מאצײװעס. זי שטײט אקעגנ דאָ־װיד־לײזער דעמ מעלאמעדס קײװער אונ האָט אימ נישט װאָס צו זאָגנ, ער איז האָכ סאכאקל דרײַ כאדאָשימ געװענ איר מאנ. אז זי דער־מאָנט זיכ אָנ זײַנ פּאָנעמ, זעט זי אימ, װי ער כאפּט אָנ אויפהער די שיסעלעכ קאבאק, װאָס זי דערלאנגט אימ, ער שלינגט זײ הײסער־הײט אונ האָט פּעטע גלאנציקע פינגער; ער זאָגט צו איר:

— א טײַערער מײַכל, א טײַערער קאבאק!..

איצט ליגט ער דאָ. צװישנ די שענסטע ייִחוס ליגט ער. זי קוקט לאנג אפ זײַנ מאצײװע אונ געדענקט אימ שוינ גוט. אונ פּלוצעמ הײבט זי אָנ צו זינגענ, װי אלע װײַבער, מיט א טרויעריקנ ניגנ אינ פּאמעלעכ אויסגעצויגנ, װי מע באװײנט א טויטנ:

— האָסט ליב געהאט קאבאק... האָב איכ דיר געקאָכט קאבאק...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ארומ רוישט שטיל דאָס יונגע בעסוילעמ־װעלדל. גרילנ שפּרינגענ אינעמ הויכנ, קײנמאָל נישט־געשניטענעמ גראָז. אינ דער לופט באלעמט זיכ נאָכ אלצ א זיפצ פונ א װײנענדיקער ייִדענע, א װידערקאָל פונ דערװײַטערטע הײזעריקע צאָרעס. מאצײװעס פונ קװאָרימ שטײענ שוי־רעסװײַז, פארלאָזט. אז מ׳קוקט אפ זײ, דוכט זיכ, אז זײ װײסנ עפּעס זײ הערנ. אונ צװישנ זײ טראָגט זיכ נאָכ אלצ בײלערהעניעס שטיל־װײנענדיק קאָל:

— האָסט ליב געהאט קאבאק... האָב איכ דיר געקאָכט קאבאק...

יאָרדים

I

אַז ציוויען, דער קלענערער און בייזערער פֿון די צוויי פֿאַרזעסענע שוועסטער פֿוזים, עסט זיך איין דאָס אַלטע אָפּגעקומענע לעבן, הערט זי אויף צו עסן, צו טרינקען און צו וואַשן דאָס פּנים. עטלעכע טעג קעסיידער דרייט זי זיך אַרום אין אונטערשטן קליידל מיט אַ וואַלטשקע שאַלכל אויפֿן צעשויבערטן קאָפּ און רוימט אין אַלע באַראָ=רים און איבערהויפּט אין דער גרויסער פּוסטער זאַל, ווישט שמײַדיק דעם שטויב פֿון די ווענט, פֿונעם באַלקן און פֿון יעדן פֿאַרפֿעלטן בלאַט, וואָס אויף די אַלטע הויכע פֿיקוסן, זי עטעמט דערבײַ שווער דורך דער נאָז, ענטפֿערט נישט אויף קיינעמס ווערטער און ווערט שטאַרק אין כּעס, אַלעמאָל מע רופֿט זי אין עסצימער אַרײַן עסן.

אַקעגן אַ פּאָר מעסלעס פֿאַסט זי אַזוי אָפּ אָן אַ ביסן אין מויל, אָן אַ וואַרעם גלעזל טיי אַפֿילו, נאָר סאָפּקאָלסאָפּ וואַלגערט זי זיך אײַן אין בעט אַרײַן, ס'שטייט די גאַנצע צײַט בײַ איר אין צימער נישט צונגעקליבן, און שיסט אויס מיט אַ האַרצרײַסנדיקן געוויין. דאָס געוויין איז אַ יִיִעשדיקס, אַ יאָמערדיקס און קאָן זיך אויסציִען אַ טאָג און צוויי.

— ריבוינעשעלוילעם, — בליפּעט זי שווער אַרויס, — מ'פֿוילט דאָך דאָ אין שטוב אָן תּכריכים... לעבעדיקערהייט האַלט מען דאָ אין איין פֿוילן...

און די דאָזיקע ווערטער אירע רירן שטאַרק אָן די עלטערע שוועס=טער, האָבלען, אַ קליין=ווּקסיק פֿיר=און=דרײַסיקיאָריק מיידל מיט קליינע ווײַבערישע וואָנצעלעך. זי געפֿינט זיך די גאַנצע צײַט דאָ אין צימער לעבן ציוויען און היט זי. זי שטייט מיטן פּנים צום פֿענצטער

און קוקט, ווי די שכײַנע די באַנדערקע באַווײַזט זיך אין הויף מיט א פּאַרקאַטשעטע קליידל און מיט א פולן הויכ-אויפגעהויבענעם צעבער לעבן פאַריסענעם טראַגעדיקן בויך, דער באַנדערקע פלאָנטערט זיך א קליין פאַרמורזשעטע מיידעלע צווישן די פיס; זי האַלט עס אין איין שילטן. ראָכיל קוקט דורכן געשלאָסענעם פענצטער, ווי בא דער באַנדערקע שאָקלען זיך אָן אויפהער די גראָבע געדראָלענע ליפּן, און קיין קאָל הערט זי ניש. בא ראָכלען אליין שטייען אויך טרערן אין די אויגן, קוקנדיק אין פענצטער, בײַסט זי א קנעכל פון א פינגער און האַלט אין איין טראַכטן וועגן ציוויען:

— ריבוינעשעלוילעם, וואָס וויל זי פון מײַן לעבן האָבן, ציוויע?

און נאָך:

— ציוויע, דו ווייסט, וואָס דו טוסט איצט?.. ציוויע...

נישט זי טראַכט אָט די ווערטער, נאָר זי געדענקט זיי.

טרעפן טרעפט זיך עס מערסטנטייל נאָך שוועס, צו טאַמעז צו, ווען אין אַלטן אָפּגעקומענעם הויז הייבן אָן באַנײַעס א קאָן צו שוויצן די גראָבע געמויערטע ווענט, וואָס שטייען אָן אַרשין אין דער ערד. זייערע ציגל לאָזן אַרויס פלעקן פון אויבן אָפּן ווײַסן קאַלך און פאַרשפּרייטן אַרום זיך א פאַרדומפּענעם גערוך, א זיסלעכן און ברוינדיקן, ווי דער רייעך פון דער זודיקער גראַלניע, אין וועלכער זיי זײַנען אַמאָל אײַנגעמויערט געוואָרן. אין אַלע צימערן איז דעמלט פון באַטאָג שטיל און קיל. און נאָר אין עסצימער אויף דער קאַנאַפּע ליגט אָנגעלייגט דער אַלטער פוזים, דער טאַטע פונעם הויז. ער איז א בלינדער. ער פינטלט מיט די בלינדע אויגן, וואָס באַשטייען פון גאָרע ווײַסלעכער, הערט זיך אײַן אינעם געוויין, וואָס ציט זיך פון ציוויעס צימער, און וויל וויסן:

— וואָס וויינט זי דאָרטן, ציוויע?

פון גרויס לאַנגווײַליקײַט קראַצט ער זיך אין גרויען קאָפּ און אין דער באָרד, גענעצט מיט גרויסע אויסגעצויגענע גענעצן און שעפּטשעט דערבײַ מיט א צעצויגן מויל און מיט א שטאַרק געלעגערטער צונג:

— אך טי, ריבוינעשעלוילעם!.. גאָטעניו.. טאַטעניו...

ער וואַרט:

יעקוסיעל דער אײַנבינדער, דער צעפּלאַכטענער שאַמעס פון דער

סאַדעגערער קלויז, וועט זיכ שפּעטער א ביסל אַרײַנכאַפּנ א קוק טאָנ, צי ס'איז נישטאָ א גלאָז טיי, וועט ער אימ א ביסל פֿאַרהאַלטנ און וועט אימ דערציילנ, אַז זיי זײַנענ שלעק, די מיידלעכ זײַנע.

— גרויסע שלעק..

ער וועט מיט אימ ביכלאַל פֿאַרפֿירנ א שמועס וועגנ דער שטאָט, וועגנ לײַטנ און וועגנ זיכ, קאַלמענ פּוזיס, אַלײנ, וועגנ זײַנע אַמאָליקע געשעפֿטנ: איינמאָל האָט ער געקויפֿט פֿאַר א שיבעש א וואַלד, די זאַוואַליִנע האָט מענ אימ גערופֿנ; געדענקט ער עס ווי הײַנט:

— האָט מענ זי געהאַקט, די זאַוואַליִנע, געהאַקט און געהאַקט עפּ־שער צוועלף יאָר נאָכאַנאַנד, און דער בײַטל איז געווענ פֿול, יעקוסיעל ווייס דאָכ, אַז אַמאָל איז ער, קאַלמענ פּוזיס, געווענ דער קלוגער... גאָר נאָכדעמ, אַז דאָס ראָדל האָט זיכ איבערגעדרייט, איז די קלוגע געוואָרנ זי, לייע לעשאַלעמ, דאָס ווײַב זײַנס, ווײַל זי האָט געהאַט רײַכע קרוווימ. איצט האַלטנ אימ, קאַלמענענ, די קינדער זײַנע פֿאַר א נאַר.

— פּכע! וואָס וועט דערפֿונ זאָגנ יעקוסיעל?

נאָר יעקוסיעל איז א קלוגיטשקער, א ווערטלזאָגער און א שווײַגער. ער האָט א היפּשע פּלאַקסענע באָרד מיט אויכ אַזעלכע היפּשע פּלאַק־סענע ברעמענ, און אַז ער קומט אַרײַנ, קוקט ער פֿונוויַיטנס אָפּ אַלטנ פּוזיסנ, קוקט מיט קלוגיטשקע אויגנ, און א שמייכל שוועבט אימ אונטער די אָפּגעשווירענע וואָנצעס אַפּ די נאַקעטע ליפּנ.

— וואָס זאָל זיכ הערנ?—שרײַט ער צומ בלינדנ פּוזיסנ, ס'איז שלעכט, רעב קאַלמענ! ביטער און אַזאַ לאַנגנ זומער־טאָג צו זײַנ א קאַפּצנ.

און דער אַלטער פֿאַרלירט מיטאַמאָל דעמ האָנער; ער ווייסט נישט, וועמענ מיינט יעקוסיעל, זיכ צי אימ, דעמ אַלטנ אָפּגעקומענעמ פּו־זיסנ. א ווײַלע ליגט ער אַזוי א נישטיקער און פּינטלט מיט די בלינדע גאַריש שעמעוודיקע אויגנווינקלעכער.

— זיצ, יעקוסיעל.

— א שיינעמ דאַנק, רעב קאַלמענ.

א פּויזע.

— געוועזנ אַמאָל יאָרנ, א, יעקוסיעל?

— געווענ, רעב קאַלמענ.

— אונ וועק, יעקוסיעל.

— וועק, רעב קאַלמענ.

דער אַלטער פאַרטראַכט זיכ.

— וויפל ביסטו אַלט, יעקוסיעל?

קיינער ענטפערט ניט.

דער אַלטער וויל וויסנ, ס'אַר אַ אויסזענ האָט איצט די וועלט, וועלכע ער האָט שוינ צײַט צוועלפ יאָר ניט געזענ; ס'אַר אַ אויסזענ האָט איצט יעקוסיעל.

— יעקוסיעל, — פרעגט ער פאַרזיכטיק, ווי איינער, וואָס טרעט אַפ די שפיצ פינגער, — ביסטו שוינ גרוי, יעקוסיעל?

נאָר יעקוסיעל איז שוינ ניטאָ. ער האָט באַמערקט, אַז אינ שטוב איז עפּעס ניט ווי אַלעמאָל אונ אַז קיינ טײַ וועט אַזוי גיכ ניט זײַנ, אונ האָט זיכ שטיל אַרויסגעדרוקט. אונ דער אַלטער פוזיים ליגט שוינ ווידער איינער אַליינ אינ היפשנ עסצימער אונ הערט פונ ווײַטנ לעבנ צימער ציוויעס נאָגנדיק געוויינ. אימ איז לאַנגווײַליק, וואַרט ער:

אינ דער הייסער פינפאַזייגערדיקער באַטאַגיקער שעה וועלנ זיכ שאָטנס ציענ איבערנ קליינעמ ברוקירטנ שטעטל. טויט וועט זײַנ דער היציקער דרויסנ, אונ דער אָרטיקער בריוונטרעגער וועט דורכנײַלנ דורכנ שמאָלנ געסל, וועט ער זיכ, עפּשער, אַרײַנכאַפּנ אַהער אונ וועט דאָ איבערלאָזנ פינקטלעכ הונדערט פופציק רובל מיט אַ קאָפּאָנ, אינ וועלכנ ס'וועט פינקטלעכ שטיינ:

„ביפקוראַס ביגכעמ האַגוויר שיק איכ אײַכ ראַצופ פיי” אַאוו.

אונ דאָס וועט זײַנ פונעמ איינציקנ זונ שמועלנ, וואָס האָט ער־געצ אַרומ קאַטערינאָסלאַוו עטלעכע אייגענע גוראַלניעס אונ שיקט אַהער אַלע כוידעש אַפ צו לעבנ.

נאָר דער בריוונטרעגער קומט אַזוי זעלטנ, סאַכאַקל איינ מאָל אינ כוידעש. טעג ציענ זיכ אַזעלכע לאַנגע, זומערדיקע, אונ ציוויע וויינט. דער אַלטער קראַצט זיכ אינ גרויענ קאָפּ אונ אינ דער באָרד, אונ שעפּטשעט באַ יעדנ לאַנגנ אויסגעצויגענעמ גענעצ:

— אַכ טי, ריבוינעשעלוילעמ! גאָטעניו... גאָטעניו...

II

ס׳טרעפט:

פונ שמועלנ, דעמ רײַכנ זונ, קומט אָנ א בריװ, אז ציװיע זאָל קומענ. פונ דער שנור איז פאראנ א צושריפט:

— אצינד װעט שױנ ציװיע נישט כאראָטע האָבנ.

און נאָכ:

— אויב ס׳פעלט איר א קלײדל, זאָל עס קײנ מעניע נישט זײַנ.

ס׳איז קלאָר, װי דער טאָג: ס׳האנדלט זיכ װעגנ א שידעכ; דער כאָסנ איז נישט אבי־װער: אויב ער געפעלט שמועלנ מיט בראָכעס, מיסטאמע קוקט ער שױנ נישט אפנ שײנעמ פּאָנעמ, און דעריקער איז בא אימ דער „מענטש“, דער „גראד“.

דער אלטער איז אױפגערעגט. ליגנדיק אפ דער קאנאפע האלט ער אינ אײנ פינטלענ מיט די בלינדע װײַסלעכער און איז צופרידנ:

— װאָס זשע דענ? שמועל... מע האָט נישט געװוסט פריער, אז ער װעט איר צוזוכנ א כאָסנ?

ער גײט שיר נישט אויס, אזוי װיל ער װיסנ, װער איז דער כאָסנ, און איבערהויפּט דער מעכוטנ, דער נײַער מעכוטנ. קעדײ צו דערגײנ, צי אינ שמועלס בריװ איז נישטאָ א פּאָר װערטער װעגנ דעמ, האלט ער אינ אײנ כאָטפּענענ די מײדלעכ:

— כ׳בעט דיכ, ראָכעלע־סערדיצע, װיפל האָט שמועל אײגענע גוראלניעס?

ער װײסט, אז שמועל איז בא די מײדלעכ געהויכט און געקרױנט, האלט ער דעריבער אינ אײנ רײדנ צו זיכ אלײנ:

— געװענ אמאָל א כסידישער יונגערמאנ, שמועל... געפאָרנ נאָכ דער כאסענע מיטנ שװער קײנ אויסלאנד צומ רעבנ. און איצט, זאָגט מענ, טראָגט ער לײַקענע הענטשקעס און גיט די האנט די פריצעס, מיט װעלכע ער האנדלט. און א באָרד דארפ ער האָבנ א היפשע, א שװארצע, א? ראָכעלע, איאָ, א שװארצע?

נאָר די מײדלעכ גלײבנ, אז די כאבאָמע איז געװענ די מוטער זײערע, לײע לעשאָלעמ, און אימ, דעמ בלינדנ טאטנ, האלטנ זײ פאר א נאר. פונ לײַטישקײַט שװײַגנ זײ, נאָר אז אויסנ איז בא זײ אזוא, גלײַב זײ טראכטנ:

— מישטײנסגעזאָגט... פאראנ װעמענ צו ענטפערנ.

א פּאָר טעג איז די שטוב פול מיט פאַרבאַהאַלטענעמ אופגערעגטנ ליאַרעמ. בא ציוויענ אינ צימער געפינט זיכ די גאַנצע צײַט די אָרטיקע אופגערעגטע דײַנטע, אָט די, וואָס איז אַמאָל געווענ ראָכלס א באַוווּרטע אונ האָט שוינ דרײַ קינדער אונ איז אופגעצויגנ געוואָרנ ערגעצ אינ א גרויסער שטאָט בא א פרומענ שטיפזיידנ, א גוויר. זי נייט ציוויענ קלײנינקײטנ אונ גיט אײצעס. זי טראָגט אונ האָט פלעקנ אפנ פּאָנעמ אונ ריידנ רעדט זי מיט אזא זיכערקײַט, גלײַכ זי איז א גרויסער מומכע אינ די זאַכנ אונ ווייס א שפּרוכ ווי צו געפעלנ א כאָסנ, זי האָט קרײַטעכצער...

סאַפּקאָלסאָפּ פאָרט ציוויע אַוועק. פונ פאָרנט בא דער שטוב שטייט א געדונגענער באַלעגאָלע מיט ציוויעס אונטערגעבונדענעמ קאָרב, אונ ראָכל שטייט האַרטנ מיט טרערנ אינ די קרומלעכע ראַכמאָנעס־אויגנ אונ מיט א פאַרבאָרגענעמ קינע־ווייטיק, וועלכער וועט קיינמאָל נישט ארויסגעזאָגט ווערנ, אונ טאַפּט אפּ דער באַלעגאָלישער ברייטשקע דאָס קישעלע:

— ס'וועט איר כאָטש זײַנ גוט צו זיצנ, ציוויענ?

נאָר אינ פיר וואָכנ ארומ קומט ציוויע צוריק אנ אויסגעמאַרעטע מיט א פאַרברענט פּאָנעמ, ווי פונ א קוראָרט, מיט א שטילנ בײַ־צו־געקומענעמ יִעש אינ האַרצנ אונ מיט א גוואַלדיקנ קאָפּווייטיק פונ דער נישטגעשלאָפענער נאַכט אינ וואָגאָנ.

בעשאַס זי קריכט אַראָפּ פונ דער פור, שמייכלט זי נאָכ, זי איז ווי צופרידנ, וואָס זי איז אַהיימ געקומענ. אינ שטוב איז אויכ ווי יאָמטעוודיק. אפנ טיש אינ עסצימער ליגט א פריש נײַ טישטעכ, מע טרינקט טיי. די אופגעקלערטע דײַנטע איז אויכ דאָ, אונ ציוויע קרימט זיכ, קלאָגט זיכ אפ קאָפּווייטיק אונ אפ דער ראַשדיקער באַסענע, וואָס מע האָט א וואָכ צײַט געפּראַוועט האָרטנ בא שמועלס רײַכנ שווער אינדערהיימ.

— ווי איז מיר, — קרעכצט זי, — אַזוי פיל טומל, אז ס'טוט א סקריפּע די טיר, וויִיקט זיכ מיר נאָכ אַלצ אויס, אז ס'שפּילנ קלעזמער.

דער אַלטער ליגט דאָ בא דער זײַט אפ דער קאַנאַפּע אונ פינטלט מיט די בלינדע ווײַסלעכער.

— נו, — פרעגט ער, — אונ וויאַזוי איז עפּעס באַמ מעכוטנ אינ שטוב? דער מעכוטנ איז רײַכ, אַ? א ברייט פירעכץ?..

און וועגנ דעמ בריוו, וואָס שמועל האָט צוגעשיקט צוריק מיט א כוידעש, רעדט מער קיינער קיינ וואָרט נישט. ציווע שלאָפט אָפּ בא אַנדערהאַלבנ מעסלעס בא זיכ אינ צימער, אונ אַז זי שטייט אויפ, זשומעט איר נאָכ אַלץ אינ די אויערנ, אונ בא יעדנ סקריפּ פונ דער טיר ווייזט זיכ איר אויס, אַז ס'שפּילנ קלעזמער, אָדער ס'פּײַפט דער צוג. ס'ציענ זיכ שוינ ווידער לאַנגע זומערדיקע טעג אונ אינ שטוב איז קיינער נישטאָ. ס'איז קיל אינ שטוב. אונ דער אַלטער ליגט איינער אַליינ אויפ דער קאַנאַפּע. ער קראַצט זיכ פונ גרויס לאַנגווײַליקײַט אינ גרויענ קאָפּ אונ אינ דער באָרד, אונ שעפּטשעט בא יעדנ לאַנגנ, אויסגעצויגענעמ גענעץ:

— אַכ, טי, ריבוינעשעלוילעמ!.. גאָטעניו!.. טאַטעניו!..

איצט וועט שוינ אינ שטוב, דאַכט זיכ, מער גאָרנישט נישט פאָרקומענ.

III

נאָר אָט מאַכט זיכ:

פונ שמועלנ, דעמ רײַכנ זונ, קומט איינמאָל אָנ א דעפּעש, אַז איבערמאָרגנ פאָרט ער דורכ אויפ דער נאָענטער קליינער סטאַנציע, ער אײַלט קיינ אויסלאַנד אויפ א קוראָרט אונ בעט, מע זאָל צופאָרנ צומ וואָקזאַל זיכ זענ.

ס'איז פאַר זונ-זעצנ זיכ. אונ דער טאָג איז אַזאַ קלאָרער אונ געשענקטער, א שפּעטזומערדיקער טאָג. דער אַלטער פּוזיס ליגט דרעמלט אינ עסצימער אויפ דער קאַנאַפּע אונ וואַרט, מע זאָל אימ אָנטאָנ די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע אונ אימ אַרויספירנ א ביסל אינ גאַס שפּאַצירנ. נישט לאַנג איז חאָ אינ שטעטל אינ רײַכקײַט געשטאָרבנ זײַנ אַמאָליקער לאַנגיאָריקער שוטעפ יסראָעל קיטיווער. אונ דעמ קיטיווערס אייניקל נאָטע-הערש בויט איצט איבער דעמ זיידנס הויז אונ ציט אַרויס א נײַעמ גאַנעק אינ מאַרק אַרײַנ. ליגט דער אַלטער אויפ דער קאַנאַפּע אונ מאָלט זיכ אויס, ווי ער וועט באַלד בלינדערהייט שטיינ דאָרטנ אינ מאַרק לעבנ דעמ הויז, וואָס בויט זיכ. אינ דער שאַבעסדיקער קאַפּאָטע וועט ער דאָרטנ שטיינ אונ וועט אָנווײַזנ נאָטע-הערשנ מיטנ שטעקנ:

— זעסטו, נאָטע-העריש. אָט דאָ, וווּ דו ציסט דעמ גאַנעק, איז אַמאָל געווענ, געדענק איכ, א טיפע קאַנאַווע, איז קעדײַ א גראָב טאָג און זענ; צי דער גרונט וועט אויסהאַלטנ.

און ארומ און ארומ שטייענ שטאָט-לײַט און קוקנ:

— וואָס זשע דענ? שמועסט מענ, קאָלמענ פּוזיס... איינמאָל אינ זײַנ לעבנ האָט ער געבויט?

דער אַלטער גאַרט אויש, אַזוי שטאַרק ווילט זיכ אימ אינ מאַרק אַרײַנ צומ קימיוועדמ הויז.

— נו, ראָכעלע-סערדצע? — פרעגט ער אַלע רעגע, — וווּ זשע איז זי, די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע? — נאָר ראָכל ענטפערט נישט. אינ שטוב איז עפּעס געשענ, די דעפּעש פונ שמועלנ האָט מענ, אָפּגענעמ, דערלאַנגט צו די מיידלעכ אינ צימער דורכנ פענצטער, און די פּסורע אָנזאָגנ איז עמעצער פונ האָרטנ געשווינד אַוועקגעלאָפנ. איצט איז דאָ שוינ ווידער באַראַנ די אָרטיקע אונגעקלערטע דײַנטע. מײַלער רייד אַלע איגענעמ, און א יאָנטעוודיקער ליאַרעמ וויקלט זיכ אַרומ מענטשנס לײַבער. עס האַכט זיכ: אינ דער לעצטער פּאַריעשטער רעגע איז די שטוב אויפגעריכט געוואָרנ פּלוצעמ, אומגעריכט און אָפּ אייביק, אָפּ אייביק. צי האָט נישט שמועלס דעפּעש א שײַכעס צו זײַנ בריוו, אינ וועלכנ ער האָט אָנהייב זומער געשריבנ, אַז ציווויע זאָל קומענ?.. צי פירט ער איצט נישט מיט זיכ די יעשועס אהער אינ שטוב? מיסטאָמע פאָרט ער נישט אַליינ...

בײַ ראָכלענ שטייענ טרערנ אינ די קרומלעכע ראַכמאָנעס-אויגנ. זי קוקט, שמייכלט און קאָנ נישט רייד. און פּלוצעמ טוט זי זיכ א זעצ צו אַפנ בענקל, וואָס אינ א זײַט אינ ווינקל, און שיסט אויס מיט א געוויינ:

— שמועל!.. אַכט יאָר אימ נישט געזענ, שמועל!..

און עס האַכט זיכ, אַז זי רופט אימ, ער איז דאָ אינ צווייטנ ביידער.

אָפּ מאָרגנ א גאַנצנ טאָג האַלטנ די מיידלעכ אינ איינ האָרעווענ און טאָג.

מע באַקט לעקעכלעכ און אַנדערע זיסע זאַכנ אינ וועג אַרײַנ. מע שווענקט נאָטיכלעכ און מע פּרעסט זיכ אַליינ ווײַסע קאָפּטלעכ. די פענצטער זײַנענ אָפנ. דאָס דינסטמיידל איז בושעד ראָכלענ, אַז זי

קרויזט זיכ די האָר, אונ דער אַלטער ליגט אינ עסצימער אפ דער קאַ־
נאַפּע, אונ אימ האַכט זיכ, אַז פונ דריטנ כייֶדער, וו די מיידלעכ שטייענ
באַמ טיש אונ טוענ אַלעמאָל אַ שטעל אַוועק דאָס אָנגעהיצטע פּרעסל,
דערהערט ער אָפּט, ווי עמעצער טוט אַ זונג... ער פּלאַפּלט מיט יעקוי־
סיעלנ, דעמ צעפּלאָכטענעמ שאַמעס פונ דער סאַדעגורער קלויז:

— געווענ אַמאָל אַ כסידישער יונגערמאַנ, שמועל, אַ? געפאָרנ נאָכ
דער כאַסענע מיטנ שווער קיינ אויסלאַנד צומ רעבנ... אונ איצט איז ער
ריַיכ, שמועל, שטאַרק ריַיכ.

אַז ער ווערט אַנשווייגנ, פינטלט ער מיט די בליַיענע אויגנ אונ
מאָלט זיכ, וויאַזוי שמועל זעט איצט אויס:

— אַ באָרד דאַרפ ער האָבנ אַ היפּשע, אַ שוואַרצע. ער טראָגט
לײַקענע הענטשקעס אונ גיט די האַנט די פּריצעס, מיט וועלכע ער
האַנדלט... שמועל!..

ער שלאָפט קוימ איבער די נאַכט. אונ אינדערפרי, אַז ער גייט אַרויס
אינ פאָר־כאַלאַט אײנײנעמ מיט די מיידלעכ צומ געדונגענעמ באַלע־
גאָלישנ פאַעטאָנ, וואָס שטייט בײַ דער שטוב אונ וואַרט, זעצט ער זיכ
אַזוי גיכ נישט אויפ; בלינדערהייט גייט ער אַרומ דעמ פאַעטאָנ, ער טאַפּט,
צי ס'איז פאַראַנ אַ לעדערנ בײַדל, אונ אימ האַכט זיכ, אַז אינ שאָטנ,
אינ ברוקירטנ געסל שטייענ דורכויס שטאָט־לײַט אונ קוקנ:

קאַלמענ פוזימ פאָרט זיכ זענ מיטנ זונ.

— באַמ פאַעטאָנ,— פרעגט ער,— איז דאָ אַ בײַדל?.. אַ? סע דאָ?

מע ליגט אָנ גאַנצע וויאָרסטנ אונ מע פאָרט אַרומ אונ אַרומ מיטנ
ברייטנ פאָסט־וועג. מ'זיצט אינ פאַעטאָנ אויסגעפּוצט, יאָנטעוודיק אויפ־
גערעגט, גלײַכ מ'פאָרט אפ אַ כאַסענע, אונ מע איז באַרוגעז אפנ אַלטנ,
אַלעמענ ער מאַכט נישט צו כאָטש אפ אַ רגע דאָס מויל. נאָר אַז מע
קומט אָפנ קלייִנעמ וואָקזאַל, באַמערקט מענ אָקאָרשט, אַז מע איז
אַרויסגעפאָרנ צו פרי, אונ מע נודעט זיכ לאַנגע שאָענ. שמועלס צוג איז
אַ פּלאַצקאַרטנדיקער, אַ דראָטיק קרעפּטיקער אונ אַ שנעלער. אַז ער טוט
אַ לאָפּ צו צומ קלייִנעמ וואָקזאַלכל, גיט מענ שוינ מיטאַמאָל צוויי
קלונג, אונ דער אויסגעפּוצטער „אָבער” האָט דאָ אפ דער קליינער
סטאַנציע פאַר קיינעמ קיינ דערעכערעצ נישט אונ שינדט די הויט, מע
זאָל געבנ דעמ דריטנ קלונג:

— פאַרטיק? אַ?

אפ דער פלאטפארמע ווערט א געיאגערײַ, אונ פונ מיטנ טומל רײַסט זיכ ארויס א שטארקער זיכערער זאפטיקער באריטאנ:

— טאטע! איכ בינ אט דא! אינ פענצטער שטיי איכ!

אינ וואגאנ=פענצטער שטייט א יונגער ברוסטיקער ייִד מיט א היפשער שווארצער בארד אונ א ביסל אזעסדיקע, ווי מיט לאק גלאנ=צנדיקע אויגנ. דאס איז שמועל, דער רײַכער, גליקלעכער זונ, שמועל. ער שטרעקט אויס אראפ די שאלעמ-אליכעמ-האנט, אונ דער אלטער שטייט לעבנ פענצטער א פארציטערטער, א דערשראקנ פארטרייסל=טער. ער פינטלט שטארק מיט די בלינדע ווײַסלעכע אונ זוכט אט די האנט מיט אלע זײַנע צענ ציטעריקע פינגער, אונ די מיידלעכ הייבנ אימ אונטער די עלנבויגנס אונ העלפנ אימ זי געפינענ. אט האט ער זי סאפקאלסאפ געפאקט, די האנט. ער נישטערט ארומ איר מיט אלע צענ ציטעריקע פינגער אונ טאפט זי געשווינד ארומ אונ פרוווט זי אויס.

— ס'איז שמועלס האנט,—פרעגט ער,—א?.. שמועלס האנט?..

נאר דער אזעסדיק אויסגעפוצטער „אבער“ האט זיכ שוינ דער=שלאגנ דעמ דריטנ קלונג אונ דער צוג האט שוינ גערירט. דעמ אלטנס פינגער טאפנ נאכ א ווײַלע אינ דער לופט מיט אזא געפיל, גלײַכ זיי בארירנ נאכ אלץ דעמ גלאטנ סאמעט פונ א נײַער זעמ=שעגער הענטשקע, אונ לאזנ זיכ פאמעלעכ אראפ.

איצט וועט מענ פארנ אהיימ, פונעמ צוג איז שוינ סײַוויסײַ קיינ זייכער נישט געבליבנ. ער איז פארשווּנדנ ערגעץ דארטנ ווײַט, ווײַט אינעמ עקסטנ שפּעלטל פונעמ שפּעט=זומערדיקנ האריזאנט. מע זעצט זיכ צוריק אינ פאעטאנ אונ מע זוכט אינ בויד, מע האט פארלארנ א פול טישטעכל מיט פרישע ווײַסינקע צוקער=לעקעכלעכ. נאר נאכ וואס האט מענ זיי, אייגנטלעכ, אהער געפירט, אט די צוקער-לע=קעכלעכ?

מע שווײַגט. דעמ באלעגאלעס פערד זײַנענ מיד. קוימ=קוימ וואס זיי טרייסלענ זיכ; אונ די גלעקער אפ זייערע העלדזער, קוימ-קוימ וואס זיי קלינגענ. נאר אויכ אט דער שוואכער מידער גלעקער-קלאנג רעגט אופ ציוויעס נערוונ אונ ברענגט זי ארײַנ אינ קאס:

— ריבוינעשעלוילעמ, זי וועט פונ אט די גלעקער מעשוגע ווערנ.

אינ א ברייטנ שיפּויעדיקנ טאל מוז זיכ דער באלעגאלע אפשטעלנ

און סאַפּקאָלאָפּ די גלעקער אַראָפּגענומען. לינקס, איבער א ווייטן וואַלד א קאַרליק, האַלט די פֿאַרגרעסערטע זונג בא זעצן זיך; זי האָט אַרום זיך א פֿליסיק טייכל, א גנעלס און זויבערס, ווי לויטערער בורשטין, און א פּאַס א ראָזער און א קורצער צייט זיך אויס באַם האָריזאָנט און גאַנגט צו איר פֿוסוויטנס. נאָר דאָרטן דאַכט זיך, אז זי וועט זיך קיינמאָל נישט זעצן, אָט די זון, זי וועט אזוי בלייבן הענגען, ווי אמאָל אין די צייטן פֿון אַלטן גיורויג.

דעם אַלטן האָט מען שוין אָפּגעטאָן זיינס. מע האָט אַף אים אָנגע־שריען, אַלעמאָל ער רעדט, און ער איז אנשווייגן געוואָרן. ער האָט נאָר א פֿינטל געטאָן מיט די בלינדע ווייסלעכער און האָט גענעבן א שמייכל צו זיך אין דער באָרד אַריין:

— פֿכע!.. אזוי זיי האַלטן אים פֿאַר א נאַר, די מיידלעך זיינע.

מע טרייסלט זיך אַהיים פֿאַמעליך, אָן גלעקער; מע וויל שוין וואָס גיכער אַהיים קומען און מע שווייגט.

איצט וועט שוין גערוים קיין שום ניים אין אַלטן אָפּגעקומענעם הויז מער נישט פֿאָרקומען. איבעראַיאָר זומער, אז האָרטן וועלן באַגיין א קאָן אָנהייבן שוויצן די גראָבע געמויערטע ווענט, וועט זיך ציווען ווידער אַרומדרייען אין אויסטערשטן קלייטל און וועט פֿאַראַקשנטערהייט רוימען אין אַלע באַראָרים, זי וועט נישט עסן, נישט טרינקען און וועט זיך סאַפּקאָלאָפּ אַריינוואַרפֿן בא זיך אין צימער און בעט מיט א גע־וויין. און דער אַלטער פֿחזים וועט דערמאַנט ווידעראמאָל ליגן אין קילן עס־צימער אַף דער קאַנאַפּע און וועט פֿינטלען מיט די פֿאַרשמאָלטע בלינדע ווייסלעכער. ער וועט נישט וועלן, אז יעקוסיעל דער שאַמעס זאָל זיך אָנשטויסן, וואָס סע באַטייט ציווייעס געוויין, וועט ער פֿאַרפֿירן מיט אים א שמועס:

— געווען אמאָל יאָרן, א? יעקוסיעל.

— געווען, רעב קאַלמען.

— און אוועק, יעקוסיעל, א? אוועק, ווי א שאָטן.

— געכטיקע טעג, רעב קאַלמען. *

---

* „יאָרדים,“ „דרויב“, „שייוועט גערואַליע“, „דער קאַברענ“ אא. זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אין זייער גרעסטן טייל אין די יאָרן 1910—1911, נאָך פֿאַרענדיקט, באַארבעט און געדרוקט געוואָרן פֿיל שפּעטער; „יאָרדים“ —1918.

אָן אַ נאָמען

מײַנ כאווער, א שרײַבער, דערציילט מיר:

מיר איז אָפט אומעטיק; מיכ ציט פונ אײנ אָרט אפנ צווייטנ, איכ פאָר ארומ. איכ האָב א סאכ פרײַנט, נאָר איכ ווײס ניִשט, ווו זיי געפינענ זיכ. וועגנ דעמ לעבנ פונ אייניקע פונ זיי ווײס איכ ניִשט מער ווי אײנעמ אָדער צוויי פאקטנ. איכ האָב א קאלע, נאָר איכ ווײס ניִשט, וויאזוי מע רופט זי. דאָס איז ניִשט קײנ פיזמענ, דאָס איז א פאקט. אָט שטעלט אײַכ פאָר:

איר לעבט איבער א שלעכט שטיקל צײַט. איר געפינט זיכ אינ א פרעמדער גרויסער שטאָט, וווּהינ איר זײַט געקומענ אופזוכנ אײַערנ א גאָענטנ כאווער. איר זײַט ספעציעל צוליב דעמ געפאָרנ א קארגנ מעסלעס, נאָר אז איר קומט צו צו אײַער כאווערס וווינונג, טרעפט איר זי געשלאָסנ. דער סטרוזש, צו וועמענ איר קלינגט לאנג, גייט סאָפּ־קאָלסאָפּ צו אײַכ ארויס מיט א פולנ, קײַענדיקנ מויל אונ ענטפערט אײַכ אפגיכ צווישנ אײנ קײַ אונ צווייטנ:

„די באלעבאטימ — אפ א זומער־וווינונג.“

„אונ דער קוואַרטיראַנט?“

„ארויסגעפאָרנ.“

„וווּהינ?“

„ווער ווייסט אימ?“

אונ אויסדרייענדיק זיכ צו אײַכ מיט די פלייצעס שלינגט ער אראָפּ, שרײַט אָנ אפ א פרעמדנ אומרייניקעמ הונט, וואָס האָט זיכ זא־נאָרעט אינ הויפ, שנײַצט זיכ גוט אויס, ווישט אָפּ די הענט אָנ די פלודערנ אונ בלײַבט ניִשט, פארשווינדט אינעמ שווארצנ לאָכ פונעמ פרעמדנ ארײַנפאָר. אונ דאָס אלצ קומט פאָר אינ שפעטנ זומער, פאר־נאכט, באמ ערשטנ יונגנ פײַער פונ דער נאָרוואָס אָנגעצונדענער

גאַסנ-עלעקטרע. איר שטייט אזוי א ווײַלע מיטנ פּאָנעם צו דער קלייטנ-גאַס, איר שטייט גלאַט אזוי, וווּהינ וועט איר אײַלנ? אז סײַ-ווי-סײַ האָט איר מער קיינעם נישט אינ אָט דער גרויסער ווימלדיקער שטאָט. דערצו איז נאָכ דער פאַרנאַכט אליינ עפּעס א קילער, קימאַט אנ עלענדיקער, ס'גייענ א סאַכ פרעמדע, ס'ציט צו יעדנ געמיטלעכנ פּײַערל. יעדער באַלויכטנ פענצטער קוקט צו אײַכ מיט אזא פרעמדער רויִקײַט, גלײַכ ס'וואָלט אײַכ וועלנ זאָגנ:

„נאָר אײַנער, כ'האָב דענ כאָליע בא דיר עפּעס אָפּגענומענ? כ'האָב מיר מײַנ אײגנס."

איר גייט אינ א צווייטער גאַס, אינ א דריטער, א מער טונקעלער אונ שטילער, אונ אומעטום די זעלביקע פרעמדע.

אפנ ראָג טוט זיכ פאַר אײַכ א טראָג דורכ א צווייענדיקער צונויפ-געטשעפּעטער טראַמוויַי-וואַגאָנ; ער פאַרקערעוועט געשווינד מיט א גיכנ צעשראָקענעם גלאָקנ-קלאַנג, מיט א גרילצנדיקנ קוויטש פונ די הינטערשטע, מיט געוואַלט נאָכגעשלעפּטע רעדער. איר זעט, אז דער הינטערשטער אָפענער דאַטשע-וואַגאָנ איז העל באַלויכטנ. ער איז גע-פּאַקט מיט זומערדיקע אויסגעפּוצטע פרעמדע. א סאַכ פרויענ זיצנ דאָרטנ אינ ווײַסנ מיט פאַרשיידנפאַרביקע הוטנ. עמעצער פונ זיי האָט, דאַכט זיכ, געהאַלטנ א פּאַק בלומענ אינ די הענט. א פרעמד הונדערט-מענטשנדיק לעבנ, א העל-באַלויכטנס, האָט זיכ פאַרוואָס גע-שווינד דורכגעטריבנ גאָר נאָענט לעבנ אײַכ, געטאָנ א רייץ, א צי, אופגערעגט אונ אנטלאָפנ. אונ ווידער גייט איר אליינ צווישנ דעם אָרומיקנ דרויסנדיקנ גערויש אונ פרעמדער אינווייניקסטער רויִקײַט.

באַלויכטענע פענצטער פונ פיל-גאָרנדיקע הײַזער קוקנ ווידער אפ אײַכ, ווי אויגנ פונ דער שטילער נאַכט, וואָס טוליעט זיכ צו זיי, אונ רופנ אײַכ אונ טרײַבנ אײַכ... אינ אזא מינ מאָמענט זעט איר פּײַק צוצוקלעפּנ זיכ צו יעדנ מענטשנ, וואָס שטויסט אײַכ נישט אָפּ. פאַר-וואָס זאָלט איר, לעמאָשל, נישט צוגיינ צו יענער דינסט, וואָס זיצט זיכ אליינ אונ זינגט זיכ אונטער אפנ בענקל, וואָס לעבנ הויפטירל? פאַרוואָס, לעמאָשל, זאָלט איר מיט איר נישט כאַסענע האָבנ אינ נישט אוועק מיט איר קיינ אמעריקע?.. אויב איר טוט עס נישט, איז דאָס גאָר דערפאַר, וואָס איר האָט נאָכ צײַט; איר ווילט נאָכ א טראַכט טאָנ. אינ אזא מאָמענט זעט איר פּײַק אופצוהייבנ זיכ אפ א

וואָסערע ס'איז ציכטיקע מירמלשטיינערנע טרעפ, אָנקלינגענ אינ אַ אַפּאַלירטער טיר, מיט אַ בלאַסקענדיקנ מעשענעמ בלעטל, אונ טראַכטנ, אַז ס'איז שוינ צײַט. ס'איז שוינ צײַט, אַז דאָ זאָל וווינענ אײַער פרוי, אונ איר, דער מידער, זאָלט איצט צו איר אַרײַנקומענ, זיכ אַוועקזעצנ בײַמ טיש, וואָס מיטנ זודיקנ סאַמאָוואַר, אונ איר זאָגנ:

„גוטנ אָוונט.“

אויב איר טוט עס נישט, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס מענטשנ זײַנענ נאָכ אַלץ נישט אינגאַנצנ דערצויגנ אונ שרעקנ זיכ נאָכ פאַרנ צווייטנ; אַנדערע זײַנענ נאָכ דערצו פייִק צו מאַכנ סקאַנדאַלנ...

אונ אַזאַ מאָמענט האָב איכ ווירקלעכ איבערגעלעבט אינ יענער גרויסער שטאָט, וווּהינ איכ בינ געקומענ אויפזוכנ מײַנ כאַווער. אַפנ אַנדערנ טאָג בינ איכ גלײַכ אַנטלאָפנ פונ אָט דער שטאָט, וואָס האָט אינ מיר אויפגערודערט אַזוי פיל געפילנ. איכ בינ אַנטלאָפנ פונ איר, ווי פונ אַ סוינע... נאָר דאָ הייבט זיכ אָקאָרשט אָנ די מײַסע, וואָס איכ וויל אײַכ דערציילנ.

אַפ מאָרגנ אינאָוונט בלאָנדזשע איכ אַרומ איינער אַליינ אַפ אַ קליינינקער פוסטינקער באַנסטאַנציע, וווּהינ איכ בינ געקומענ דאָס ערשטע מאָל אינ מײַנ לעבנ. איכ האָב זיכ אײַנגעשפּאַרט: איכ מוז דאָ אויפזוכנ מײַנ כאַווערס עלטערנ. נאָר טכילעס אָוונט, אַז איכ קומ צו זייער הויז, טרעפ איכ עס געשלאָסנ. איכ גיי עס אַרומ פונ אַלע זײַטנ, איכ קוק אַרײַנ אינ דעמ דורכ די פענצטער; איכ זע, אַז ס'איז פוסט, אונ געדענקענ געדענק איכ בעשאַס מײַסע, אַז דאָס קוק איכ:

„איכ בינ אַ נאַר, געוויס אַ נאַר, וואָס טו איכ דאָ?“

נאָר אינ צווייטנ שכייניש הויז איז אַלץ העל באַלויכטנ. אינ שטאַרק פרייִלעכ. דאָרטנ איז אַ כאַסענע. קלעזמער שפּילנ, אונ געסט צונויפגעפּאָרענע טאַנצנ, אונ לאָמפּנ זעצנ זיכ, לײַכטנ אונ זעצנ זיכ, איכ גיי אַהינ צו. ס'טאַנצט דעמ כאָסנס אַ רײַכע מומע מיט איר טאָכטער, אַ יונג מיידל, אונ דעמ מיידלס אַ כאַווערטע, אַ קורסיסטקע, לאָזט זיכ טאַנצנ זיי אַקעגנ שוינ נאָכ פונ הוילער היסלייִעס, פונ גרויס דאַנקבאַרקייט צו אָט דער מומענ, וואָס האָט זיכ געלאָזט טאַנצנ. אַלע שטופנ זיכ אונ קוקנ, אונ קיינעמ אַרט נישט, וואָס איכ, דער פרעמדער, קוק אַהינ אַרײַנ. קיינער האָט נישט גאָרנישט אַקעגנ דעמ,

וואָס אויך איך וויל זען מיט מײַנע אייגענע אויגן, ווי קונציק זי טאַנצט, אָט די בעקאָוועדיקע מומע. פון אָנהייב פאַרשטייט מען גאָרנישט:

„פונוואַנען איז אָט דער אַראָפּגעפאַלן?"

נאָר באַלד ווײַזט זיך אַרויס, אַז אויך דאָ ווייסט שוין עמעצער, ווער איך בין, דער קאַלע אַלײן האָט שוין אַזוי פיל וועגן מיר דערציילט איר שוועסטערקינד, מײַן כּאַווער מישע, וועלכן איך זוך. איך מוז אַרײַנגיין, זאָגט זי; איך מוז זיצן אָט דאָ, אויבנאָן, לעבן איר און לעבן איר כאָסן, זי האָט דאָ לעבן זיך אַ סאַך רויזן, איר האָט מען צוגעשיקט פון איינעם אַ פּריצישן הויף רויזן, ווײל זי מיר שענקען אַ העלפט. שפּעטער אַ ביסל וועט זי מיר זייער פיל דערציילן וועגן זיך און וועגן איר שוועסטערקינד, מײַן כּאַווער מישען, זי וועט מיר זאָגן, וווּ ער געפינט זיך, נאָר לעסאַטע מוז איך עפּעס געניסן. אָט דאָס איז איר כאָסן, שוין, אַזוי צו זאָגן, איר מאַן:

„וואָס? ער ווייסט גאָרנישט, ווער איך בין?" אַזוי פרעגט זי באַם כאָסן. און דער כאָסן ענטפערט, אַז יאָ:

„פאַרוואָס זאָל ער נישט וויסן?"

ער דריקט מיר פרײַנטלעך די האַנט און דערציילט מיר, אַז ער „אינטערעסירט" זיך:

„בײַ זיי אין שטעטל, זאָגט ער, זײַנען אויך פאַראַן ציִעניסטן".

איך זיץ אַלײן מיט מײַן פּרעמדקײַט אויבנאָן, לעבן קיבער, וואָס מ'האָט פאַר מיר אַוועקגעשטעלט, און רייכער אַ סאַך פאַפּיראָסן. איך קוק אָפּ יענעם יונגן ברוינעם מיידל, וואָס איז, ווי אַלע, אָנגעטאָן אין ווײַסן, נאָר זי טאַנצט נישט. פאַרוואָס גייט זי אַפילו איין מאָל נישט טאַנצן? זי זיצט, ווי איך, איינע אַלײן, פאַרוקט אין אַ ווינקל, און וויל זיך נישט באַגעגענען מיט מײַנע אויגן. איטלעכס מאָל, וואָס איך טו אָפּ איר אַ קוק, פאַרדרייט זי דאָס פּנים אָן אַ זײַט, זי וויל בעסער קוקן אין אַ פּוסטער זײַט, איידער צו באַגעגענען זיך מיט מײַנע אויגן. שמייכלדיק און פריילעך, מיט אַ האַלב-אָפּגעטרונקענער גלאָז ווײַן אין האַנט, גייט אַלעמאָל צו איר צו איר פאָטער. ער איז אויך אַ שיינער. ער פרעגט בײַ איר עפּעס, נאָר זי בלײַבט אומעטיק, ווי פריִער. נאָר סאָפּקאָלסאָפּ זיץ איך שוין גאָר נאָענט לעבן איר, איך זיץ אויפן צווייטן בענקל. איך זאָג צו איר:

„כ'האָב אײַך, דאַכט זיך, געזען אפן וואָקזאַל, טבילעס אָוונט, ווען איך בין אָנגעקומען מיטן צוג, האָב איך אײַך דאָרטן געזען.“

איך גיב צו, כדי זי זאָל זיך נישט שרעקן:

„איך אָט דעם ווײַסן קלייד זײַט איר דאָרטן געשטאַנען, אָן אַ אויבערשט פון אויבן.“

„אַך יאָ, זי איז דאָרטן געשטאַנען“... זי איז אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען געסט־מעכוטאָנים. נאָר מיטן פאַרנאַכטיקן צוג איז קיינער, אַחוץ מיר, נישט געקומען... זי האָט נישט געוווּסט, צי איך בין אויך אַ מעכוטן צו זיין; זי איז געשטאַנען און געוואַרט.

און ווידער באַהאַלט זי אויס פון מיר אירע אויגן. אַ ביסל שפּעטער שטייט זי שוין דאָך מיט מיר אינדרויסן בײַ דער טיר. זי שטייט דאָרטן אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן וואַנט און האַלט די הענט אַרונטער, און ווידער באַהאַלט זי פון מיר אויס אירע אויגן. איך שטיי און טראַכט:

„וועגן וואָס וואָלט איך איר, אַשטייגער, איצט געקאָנט אָנהייבן דערציילן?“

און פּלוצעם טוט בײַ איר אַ ציטער דאָס קאָל. ס'איז אַזאַ זאַפטיקס, אָט דאָס קאָל אירס, אַזאַ ברוסטיקס און דאָך אַזאַ ציטעריקס. זי וואָלט זיך וועלן, זאָגט זי, דורכגיין אַ ביסל. זי פאַרכאַפּט זיך באַלד:

„פאַרשטייט זיך, אויב איך האָב גאָרנישט אַקעגן. זי האָט נאָר מוירע אַ ביסל פאַר אָט דעם ווײַסן פלעק, וואָס אַקעגן. מעגלעך, אַז דאָס ליגט אַ בעהיימע און מאַלעגייערט. מיר וואָלטן זי געקאָנט אַרומגיין אָט דאָ, פון דער זײַט.“

ס'איז שטיל, און מיר גייען. זי בייגט נאָך עטוואָס נידעריקער דעם קאָפּ.

זי וואָלט מיר וועלן עפּעס דערציילן. ס'איז איר אַזוי שווער צו טראָגן עס אין זיך, אָט דאָס, וואָס זי וואָלט מיר וועלן דערציילן. זי וווינט דאָ מיט איר פאָטער אַפ אײנעם אַ נאָענטן קליינעם וואָקזאַל, און בײַ איר איז אַן אומעטיק לעבן; בײַ אַלע די, וואָס וווינען דאָ אַפ די אַרומיקע וואָקזאַלכלעך, איז אַן אומעטיק לעבן. זי האָט נישט קיין מוטער. זי האָט אַן עלטערע שוועסטער, עסטער. האָט זי געלייענט אַ סאַך ביכער, עסטער. דער פאָטער פלעגט זיי איר טאָמיד וואָך בײַ

וואָכ ברעננען פונעם נאָענטנ גרויסנ וואָקזאַל, ווו ס׳איז פאַראַנ א ביבליאָטעק. איצט האָט זי באַסענע געהאַט, עסטער, פאַר א שניט-קרעמער פונעם נאָענטנ שטעטל האָט זי באַסענע געהאַט. זי האָט אים גישט ליב געהאַט, דעם באָסנ אירנ, נאָר אַנדערע האָבנ געפונענ, אַז ער איז שוינ אויכ נישט גאָר אָנ מײַלעס:

ער האָט זי הויכ געשעצט נאָכ פונ אַמאָל, עסטערנ, ער האָט אַליינ מוידע געווענ, אַז זי שטייט פיל העכער פונ אים, אונ האָט געזאָגט, אַז צוליב איר איז ער גרייט זיכ אָפטיילנ פונ זײַנ מוטער אונ עפענענ א באַזונדערע קלייט. זי אַליינ האָט איר פאַר דער באַסענע געזאָגט, עסטערנ:

„עסטער, באַטראַכט זיכ, עפשער דאַרפ מענ נישט...“

נאָר עסטער האָט געזאָגט:

„ס׳איז שוינ אַלציינס, האָט זי געזאָגט, כ׳האָב עס שוינ בא זיכ געפועלט. עלעהיי איכ שנײַד זיכ אָפ א האַנט“, האָט זי געזאָגט.

איצט איז זי געבליבנ אַליינ אינ שטוב, אַליינ מיטנ פאָטער, אונ לייענט די זעלביקע ביכער, וואָס פריִער פלעגט לייענענ עסטער. דער פאָטער ברענגט זיי איר פונעם נאָענטנ וואָקזאַל, ווו ס׳איז פאַראַנ א ביבליאָטעק. זי לייענט זיי גאַנצע טעג, אָט די ביכער, אונ געפינט אינ זיי די צייכנס מיט די צושריפטנ, וואָס עסטער האָט אינ זיי געמאַכט. זי שלאָפט נישט נאָכדעם אָפט באַנאַכט אונ האָט שווערע געדאַנקענ. אונ איצט וויל זי בא מיר פרעגנ: „עמעס? איאָ, ס׳איז נישט קעדײַ צו לעבנ?“

„נישט קעדײַ צו לעבנ?.. נייג, דערופ בינ איכ שוינ בעשומויפנ נישט מאַסקימ“.

„אַז איכ וועל זײַנ שוינ גאָר א זאָקנ, וועל איכ ליגנ אינ בעט אונ וועל דרייענ מיטנ ציינלאָזנ מויל: כ׳וויל נאָכ א וועסנע... נאָכ א וועסנע.“

אונ פלוצעמ הייב איכ אָנ זייער פיל צו דערציילנ וועגנ זיכ:

„איינמאָל האָב איכ געגעבנ פינפ רובל איינעמ א בעטלער, וואָס האָט זיכ געוואַלגערט אינ שטויב. ער האָט לאַכלוטנ נישט געהאַט קיינ פיס, אָט דער בעטלער, זיי זײַנענ אים געווענ אָפגעהאַקט א סאַכ העכער פונ די קני. כ׳האָב געזענ, ווי האַלטנדיק די פינפ רובל אינ מויל, איז ער געשווינד אַוועקגעקראָכנ. כ׳האָב געמיינט, ער וועט זיכ קויפנ

א טרונע. נאָר ער האָט זיכ אָפגעגאָלט אונ געקויפט א נײַ בלוי העמדל, ער האָט געוואָלט גליק.״

נאָר ניינ, נישט וועגנ דעם האָב איכ איר דערציילט:

„איינמאָל, קינדערווײַז, אינ א ווינטער־אָוונט האָט מענ מיכ אײַנגעוויקלט אינ א סאכ שאלנ אונ גענומענ ערגעצ טראָגנ. אז מ׳האָט מיכ צוריק אוועקגעשטעלט אפ דער ערד אונ מיכ אויסגעוויקלט פונ די שאלנ, האָב איכ דערזענ, אז איכ שטיי אפ א כאסענע, אינ א גרויסנ שטארק־באלויכטענעמ בעסמעדרעש. איכ בינ נאָכ דעמלט קיינ גאנצע פיר יאָר נישט אלט געווענ אונ האָב נישט געדענקט, צי פארנ הײַנט איז געווענ א נעכטנ. אז מ׳האָט מיכ אויסגעוויקלט פונ די שאלנ, האָב איכ זיכ אָנגעבויגנ אונ גענומענ באטראכטנ אפ זיכ דאָס שווארצ סאמעטענע קאָסטיומל מיט די ווײַסע לײַקענע שיכלעכ, זיי זײַנענ מיר געווענ שטארק געפעלנ, די ווײַסע לײַקענע שיכלעכ, נאָר אז איכ האָב זיכ ארומגעקוקט, האָב איכ לעבנ זיכ דערזענ פונ איינ זײַט די כאָסנ־קאלע אונ פונ דער אנדערער זײַט דעמ אָרנ־קוידעש אונ האָב זיכ מיטאמאָל אָנגעהויבנ טרייסלענ אפ די פיסלעכ אונ טאנצנ. דאָס ערשטע מאָל אינ לעבנ האָב איכ דעמלט אָנגעהויבנ טאנצנ״.

נאָר מעגלעכ, אז אויכ נישט וועגנ דעם האָב איכ דאנ אָנגעהויבנ דערציילנ, נאָר וועגנ עפעס אנדערש. מיר זײַנענ אוועקגעגאנגענ מיטנ מעסלעסנווײַז פוסטנ רעלסנ־שנור ביז אינ שווארצלעכנ אָנהייב פונעמ געדיכטנ וועלדל; כ׳האָב נאָכ אלצ גערעדט אָנ אופהער. אונ אז מיר האָבנ זיכ אומגעקערט צוריק, האָבנ מיר דערזענ, אז ס׳הייבט שוינ אָנ צו טאָגנ, אונ אז מיר האלטנ איינער דעמ צווייטנ בא די הענט אונ דרוקנ זיי פעסט, מיר פארגלייבנ איינער דעמ צווייטנ די הענט. אינ הויז האָבנ נאָכ אלצ מיד געשפילט די קלעזמער. פלוצעמ האָט זי מיר דאָ לעבנ הויז באוויזנ אירע אויגנ אונ מיכ א גאנצע רעגע געלאָזט אינ זיי קוקנ. כ׳האָב דערזענ, אז אויכ אינ זיי, אינ אָט די אויגנ, הייבט אָנ צו טאָגנ.

נאָר מיר זײַנענ דאָכ אוועקגעגאנגענ נאָכאמאָל צוריק צומ רעלסנ־שנור אונ צומ אָרט, ווו ער ווערט פארשווונדנ אינ שווארצלעכנ אָנהייב פונ געדיכטנ וועלדל. מיר האָבנ פונסנײַ געהאט א סאכ, א סאכ וועגנ וואָס צו ריידנ.

אז מיר האָבנ זיכ אומגעקערט דאָס צווייטע מאָל, איז שוינ וועגנ אלצ,

אלצ געווענ אָפּגעשמועסט: איכ וועל איינגיכנ אראָפּקומענ אהינ אפ דער קליינינקער באנ-סטאנציע, ווו זי וווינט, אונ וועל זיכ דאָרטנ באזעצנ אינעמ פונ ערשטנ שטיבל, וואָס אנטקעגנ, ווײַל מיר איז דאָכ אלצאיינס, ווו איכ זאָל נישט וווינענ. אונ די ערשטע צײַט וועלנ מיר קיינעמ וועגנ גאָרנישט דערציילנ. פלוצעמ האָט זי זיכ צו מיר צוגעדריקט אונ גענומענ ארײַנקוקנ מיר אינ די אויגנ:

„דערווײַל, האָט זי געזאָגט, דערווײַל וועסטו מיר שרײַבנ, עמעס?"

איצט האָבנ שוינ אינ הויז מער די קלעזמער נישט געשפּילט.

די מעכוטאָנימ האָבנ פארנ פאנאנדערפאָרנ זיכ געטרונקענ טיי. מ'האָט גערעדט אלע אײנײנעמ, מ'האָט פריילעכ געלאכט אונ אינדרויסנ איז אופגעגאנגענ די זונ. מעגלעכ, אז מ'האָט פריילעכ געלאכט דערפאר, וואָס אינדרויסנ איז אופגעגאנגענ די זונ. די קאלע האָט נאָכ אלצ געטראָגנ די לאנגע ווײַסע הענטשקעס, וואָס אָנ די פינגער, זי האָט שמייכלדיק עפּעס גערעדט צו מיר, נאָר איכ בינ געווענ צעטראָגנ אונ האָב איבערגעפרעגט:

„וואָס?"..

אינאיינעמ מיט פיל אנדערע בינ איכ געשטאנענ אפ די טרעפּלעכ, וואָס פארנ הויז, נישט ווײַט פונ דער וואַרטנדיקער פּאָשעטער פויערשער פור אונ האָב געקוקט, ווי פריילעכ מײַנ מיידל געזעגנט זיכ מיט אלעמענ אונ וויאזוי זי פארבינדט זיכ דעמ קאָפּ מיט א שאלעכל אפנ פּאָשעטנ דאָרפישנ שטייגער.

„שרײַב „אונדז" פראָסטער, האָט זי מיר באמ געזעגענענ זיכ א שעפּטשע געטאָנ, „מיר" זײַנענ פראָסטע."

אונ דער פאָטער אירער איז שוינ געזעסנ אויבנאָנ אפ דער פור אונ האָט אפ איר געוואַרט.

איכ בינ געווענ אופגערעגט אונ האָב די גאנצע צײַט געדענקט, אז איכ דארפ נאָכ עפּעס טאָנ, איכ דארפ זיכ אײַלנ, ווײַל אָט באלד פאָרט אָפּ די פור.

ווענ די פור איז אָפּגעפאָרנ, האָב איכ זיכ גלײַכ געלאָזט נאָכ איר לויפנ אונ האָב זי אָפּגעשטעלט. איכ האָב געהאלטנ אינ די הענט א סאכ רויזנ, די רויזנ, וואָס די קאלע האָט מיר בײַ מײַנ קומענ געשענקט, האָב איכ זיי איר אוועקגעגעבנ אונ האָב געזענ, ווי בײדע שמייכלענ, זי אונ דער פאָטער. נאָר אז די פור איז אָפּגעפאָרנ, האָב איכ גלײַכ דער-

פילט, אז ס'איז נישט דאָס, וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן, כ'האָב זיך
געוואָלט דערמאָנען און האָב נישט געקאָנט. איך האָב זיך געזעגנט
מיט דער קאַלע און בין אַוועקגעגאַנגען אַפן וואָקזאַל. דאָרטן איז א
לאַנגער צוג געשטאַנען מיטן לאָקאָמאָטיוו צו יענער זײַט, וווּהין איך
האָב באַדאַרפט פאָרן. ער האָט גלײַך גענו=
מען אָפגיין. איך בין געשטאַנען אין א קימאַט פּוסטן דריט־קלאַסיקן
וואַגאָן, כ'האָב געקוקט אין פענצטער און געהערט, ווי ס'הייבן אָן
אַלץ גיכער קלאַפּן די רעדער. און פּלוצעם האָב איך זיך דערמאָנט,
וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן; כ'וויים נישט איר נאָמען, כ'האָב באַ=
־אַרפט בא איר פרעגן —
„ווי רופט מען דיך?" האָב איך באַדאַרפט בא איר פרעגן.

אין א פארגרעבטער שטאָט

I

דער דרײַסיק-יאָריקער בורמאנ, א געוועזענער סטודענט, געגאָלט ווי אנ אקטיאָר, איז צופעליק פארזונקענ אינ פוסטנ, צו דער גרענעצ פארוקטנ דובראָוויטש. ער האָט זיכ דאָרטנ אינ א שפּאס געלאָזט אויסקלײַבנ פאר ראבינער, געוואָרנ צו פארשלאָפנ אונ צו פויל, אופּ-געהערט שרײַבנ בריוו זײַנ אײנציקער שוועסטער, דער האָרבאטער מא-סאזשיסטנ, זיכ פארלאָזט גרויסע בלאָנדע וואָנצעס אונ האָט אפּ אײ-ביק פארשפּעטיקט דעמ אוניווערסיטעט.

דעמ לעצטנ זומער האָט ער אײנײנעמ מיט „נאטשאלסטוואָ“ זיכ געבאָדנ אקוראט צוויי מאָל א טאָג אינעמ אָרטיקנ שלענגלענדיקנ אונ טאָמיד קאלטנ טײַכל, געמאכט פאלשע „פּריזיוועס“ בעשוטפעס מיטנ וואָלאָסט-שרײַבער, יעמ שיקער, אונ האָט ארומגעשפּאצירט מיט זײַנ געוועזענער טאלמידע מאניע רימער. זי איז געווענ די אײנציקע אָרטיקע קורסיסטקע אונ האָט שאבעס-נאָכ-שוועס כאסענע געהאט מיטנ נע-גרײַזלטנ פרויקע טשערקיס. שפּאצירנדיק האָט אימ די ציגײַנערש ברוי-נע מאניע דערצײלט בעסאָד, אז דעמ מאנ אירנ האָט זי נישט איבע-ריק ליב, אז די קלײנע טיפּאָגראפיע, וואָס ער האָט דאָ פאר אירע דרײַ טויזנט רובל געעפנט, געפעלט איר נישט, אונ אז זי וועט אימ מינא-סטאמ נישט הערנ אונ וועט צו ווינטער-צו אָוועקפאָרנ צוריק אפ אירע קורסנ.

„נײנ, זי מײנט עס טאקע ערנסט: וואָס וועט זי דאָ זיצנ?“

אונ בורמאנ האָט אלצ אויסגעהערט אונ האָט געטראכט, אז אָט דאָס יונגע ווײַבל, וואָס הערט צו אימ, איז אָקאָרשט צוריק מיט א יאָר נאָכ געווענ א פרײַס, א בעשוטפעסדיקס אונ האָט געקערט צו

זיי ביידן, צו אים און צו פרויקען; און דענסטמאָל פלעגט יעדערער פון זיי באַזונדער און בעסאָד קנייפּן אירע פּוכקע הענט העכער די עלנבויגנס, נאָר איצט האָט זי שוין כאַסענע געהאַט מיט פרויקען און ס'איז עפּעס מאָדנע: פרויקע וווינט מיט איר באַזונדער אין דריי געדונגענע שטיבלעך, און ער, בורמאַן, איז געבליבן איינער אַליין און וווינט, ווי פריִער, אין זיין באָכערשער קוואַרטיר.

נאָר צום קילן עלעל צו האָט מאַגיע רימער אָנגעהויבן זעלטן זיך באַווייזן אין גאַס. אין שטאָט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זי לעבט שלעכט מיטן מאַן, און בורמאַנען איז שוין לאַנג נישט געבליבן וואָס צו טאָן. ער איז דערפאַר געוואָרן נאָך אָפּגעלאָזענער, פאַרשלאָפענער און פוילער, און האָט ווידער אָנגעהויבן אַריינצוגיין צו דער פאַרמעגלעכער אַלמאָנע פערלים און צו איר ציטעריקן רויט־האָריקן מיידל, וואָס האָט געהאַט אַכט טויזנט נאַדן מיט אַן אונטערגעקויפטן גימנאַזיע־אַטעסטאַט. אין שטאָט האָט מען שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז בורמאַן וועט זי נעמען.

יעדן טאָג נאָכן עסן, ווען די באַיאָרטע, יאָרנלאַנגע אַלמאָנע איז שוין לאַנג געשלאָפן אין שטילן כיידער, ווו ס'שטייען נאָך אַראַיעם צוויי בעטן און ס'שמעקט נאָך אַלץ מיט פּאָרפּאָלק, איז בורמאַן אַהין אַריינגעקומען דורכן גאָרטן און דורך דער קיך. ער האָט דאָרטן נישט דערקענט דאָס דינסטמיידל, וואָס האָט צעוואַשן פון נאָכמיטיק דאָס געפּעס, און האָט זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אויף דער געפלאָכטענער וויגשטול, וואָס אין זאַל. שפּאַנלאַנג איז מיט אים דאָרטן דאָס רויט־האָריקע מיידל געזעסן צווישן ווייכן מעבל מיט די פיל וואַזאָנעס, וואָס האָבן אַמאָל געקערט צו אַן אַלטן גענעראַל, אַן אָנזעצער; זי האָט געלייענט פאַר אים עפּעס אַ נייַ נאָך נישט קיין אויפגעבונדן און זייער נודנע בוך. זי האָט געלייענט זייער שלעכט, מיט אַ ציטעריק און נישט קיין זיכער קאָל און מיט שטעמוודיק טעמפּע געדאַנקען וועגן דעם, וואָס בורמאַן איז איר געוועזענער לערער און וועט זי נעמען. איר קאָל האָט געציטערט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט [illegible] און האָט איר פאַריכט די גרייזן. איר קאָל האָט געציטערט נאָכדעם, ווען פאַרלירנדיק דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, האָט בורמאַן איינגעדרעמלט מיט אַ געפילדיקן אָנדענק וועגן דעם, וואָס אינדרויסן הייבט זיך

אָנ דער זעלבער הארבסט, וואָס בא אימ אינ דער ראבינערשער נעשאָ-
מע, אונ ווענג דעמ, וואָס ערגעצוו ארומ דעמ פוסטנ, צו דער גרע-
נעצ פארוואָרפענעמ שטעטל זײַנענ געוויס פאראנ גרויסע ראשיקע שטעט, אונ מענטשנ פילערנ דאָרטנ אונ לעבנ; נאָר אימ איז דאָס שוינ אלציינס, אונ קיינ האנאָע וועט ער שוינ קיינמאָל דערפונ נישט האָבנ. ער האָט געדרעמלט.

אונ איינמאָל בא א שלעכט וועטער, ווענ ער האָט נאָכ אָט דעמ דרעמל צוריק די אויגנ געעפנט, זײַנענ דער אלמאָנעס פענצטער, וואָס צומ גאָרטנ, שוינ געווענ פיל טונקעלער, ווי טאָמיד, אונ געקלאפט האָבנ אינ די שויבנ פרישע רעגנ-טראָפנס-טרערנ. ער האָט צומ אלעמ ערשטנ דערזענ דעמ מיידלס אראָפגעלאָזטנ קאָפ אונ האָט נישט גע-קאָנט טרעפנ, ווו ער געפינט זיכ. אינ נאָענטנ עכצימער האָט שוינ געברענט א לאָמפ. באמ טיש מיטנ זודיקנ סאמאָוואר איז דאָרטנ גע-זעסנ די נאָרוואָס אופגעשטאנענע אלמאָנע. זי האָט געקוקט דורכנ פענ-צטער צומ כעשוועדיק וויינענדיקנ גאָרטנ אונ געטראכט ווענג בור-מאנענ, וואָס איז דאָ אינ שטאָט ראבינער, ווענג איר מיידל, וואָס האָט אכט טויזנט נאדנ, אונ ווענג דעמ, וואָס אז מע מאכט א קנאס-מאָל, רופט מענ צונויפ דעמ ראָוו, דעמ שויכעט מיטנ כאזנ אונ מיט אלע קרויווימ, אונ בא דער שײַנ פונ פיל אָנגעצונדענע ליכט ברעכט מענ טעלער. צונויפבינדנ אָבער אָט די דרײַ באזונדערע געדאנקענ האָט זי זיכ געפוילט אונ האָט נישט געקענט. פונ צופיל רו אונ נאָר-מאל פאָרעשדיק לעבנ האָט זי שוינ לאנג פארלוירנ דעמ כיישעק צו טראכטנ מיט א סיידער, צו רײַדנ הויכ, צו באגעגענענ זיכ מיט שטאָט-ווײַבער אונ צו טראָגנ אפ זיכ וועמענס עס נישט איז יעסורימ.

„שעוועלע טאָכטער, האָט זי צעקראָכנ אונ אויסגעצויגנ א זאָג גע-טאָנ אינ זאל ארײַנ, רופ בורמאנענ טרינקענ טיי“.

דענסטמאָל האָט זיכ בורמאנ באגעגנט מיטנ מיידלס אויגנ, וואָס האבנ געלויכטנ אינ דער פינצטער, ווי רויטע פײַערלעכ, אונ האָבנ מיט גלוסטיקײַט געקוקט אינ זײַנ פּאָנעמ.

„בורמאנ, האָט זי שטיל פונ אָט דער גלוסטיקײַט ארויסגעצי-טערט, איר זײַט, דאכט זיכ, געשלאָפנ, בורמאנ...“

אימ האָט געערגערט א פארשלאָפענער עקל צו איר קאָל, צו אירע רויטע האָר אונ צו אירע הענט, וואָס האלטנ דאָס בוכ. אונ אינ דער

זעלבער צײַט האָט ער געפילט ווי זי גלעט אינ דער פינצטער זײַנ האַנט, פאַרלירט זי, געפינט זי נאָכאַמאָל אונ גלעט זי ווידער.

פונ דענסטמאָל אָנ האָט ער אַפ אַ צײַט אופגעהערט גײנ צו דער אַלמאָנע אינ שטוב. ער איז געזעסנ בא זיכ אינ דער באָכערשער קוואַר-טיר. דאָרטנ איז אַלצ געווענ פאַרשטויבט אונ גרוי; גרוי זײַנענ געווענ די ווענט, דער באַלקנ; גרוי זײַנענ געווענ די הויפנס פאַרשטויבטע קאַזיאָנע ביכער, וואָס האָבנ צו אימ אַראָפגעקוקט פונ טיש אַזוי אומעטיק, גלײַכ זײ וואָלטנ אימ וועלנ אומקערנ צומ ריכטיקנ וועג אונ וואָלטנ אימ געזאָגט מוסער:

„בורמאַנ, גײסט אַרומ פוסט־אונ־פאַס, בורמאַנ?.. וועסט האָבנ אַ מיִעסנ סאָפ.”

אונ ער האָט דאָס אַלצ באַמערקט אונ האָט אַלצ געוואָלט בא זיכ באַשליסנ, צי קאָנ ער כאַסענע האָבנ מיט דער אַלמאָנעס מײדל, צי נײנ. שמײכלענדיק צו זיכ אינ דער נאָז אונ אינ די היפשע בלאָנדע וואָנצעס, האָט ער געטראַכט, ווי אַזוי וועט ער וועגנ דעמ אינ אַ ווערטל-דיקנ טאָג פרעגנ אַנ אײצע בא זײַנ שוועסטער, דער האָרבאַטער מאַ-סאַזשיסטנ:

„ליבע שוועסטער, וועט ער זיכ צו איר אינ אַ בריוו ווערטלענ, איכ קוק זיכ אַרומ אַפ מײַנ גאַנצ לעבנ...” וועט ער זיכ צו איר ווערטלענ.

II

צו יענער צײַט איז אינ שטאָט געשטאָרבנ דער אָנגעשטאָפט-רײַכער מײלעכ ג.ו.י, אונ פונ ניקאָלײַעוו האָט זיכ אומגעקערט זײַנ אײניקל עלישע, אַ קרעפטיק אונ דאַר-גופיק באָכערל פונ אַ יאָר נײַנ אונ צוואַנ-ציק. ער האָט געטראָגנ אַ נײַעמ גרויענ אָנצוג מיט אַ שווערנ גילדע-נעמ זײגער אינ קאַמזויל-טאַש. ער האָט דאָ געיאַרשנט אַ פאַרוואַק-סענע שטוב, וואָס גײט אַרויס מיט די פענצטער צומ עקסטנ גרינעמ שטאָט-פלאַצ, אַ פויערשע סוהנע קאַסע, אַ טאַקסע אונ מער ווי צענ טויזנט רובל מעזומענ געלט. ער האָט זיכ באַלד צעקריגט מיט גאַנצ קאָהאָל, ווײַל די שטאָט האָט נישט געוואָלט מעקאַבער זײַנ זײַנ זײדנ, סײַדנ ער וועט פריִער געבנ פיר טויזנט רובל אַפ אוילמעס. דער

אלטער האט געפוילט דרײַ מעסלעס און איז צו קווורע נישט געקומען; דעמלט האט עלישע אראפגעבראכט דעם סטאגאווי און האט אליין מיט דער הילף פון א פאר צוגעשטעלטע סטראזשניקעס דעם אלטנס זײַן רעכט געטאן.

האבן די קרעמער באלד גענומען אנרייצן אף אים די קאצאווטעס און האבן אויסגעפירט, אז זיי זאלן אופהערן קוילען, קעדיי ער זאל דערלייגן צוויי הונדערט רובל א וואך. כאשעווע באלעבאטים האבן זיך געטרייסט:

„ווארט, אז א גאנצע שטאט וויל, אז מיילעך גוטס אייניקל זאל ארומגיין אין די הײַזער, וועט עס אימיכצאשעס מעקויעם ווערן."

און ער איז בא זיך נישט אראפגעפאלן. ער האט געסטראשעט, אז אפצולאכעס די קרעמער וועט ער עפענען א קלייט פון מאנופאקטור מיט א צווייטער טיפאגראפיע, און אליין איז ער אפטמאל געשטאנען אין פענצטער פון זײַן נעיארשנטער שטוב און האט געוווקעט אף די פיל יידישע הײַזער, וואס שפרייטן זיך אראפ, צום קוילעסדיקן מארק צו:

„ס'וועט איר נימעס ווערן, דער פארדריפעטער שטאט... ס'וועט איר נימעס ווערן."

ער איז, אפאנעם, פון טאמיד אן געווען א גאנץ פרייליכער נעפעש, אט רער עלישע אסנאס. און איין שטאט האט מען נאך דערצו געוווסט, אז ער האט נישט לאנג כאסענע געהאט מיט א מעזשביזשער מיידל, א בארימטער פארשוין, אז ער האט בא איר קיין פרומע נאדן נישט גענומען און גרייט זיך זי אראפצוברענגען, וויבאלד ס'וועט אים אנקומען האס גט־אויסגעשריבענע ווייבס מעבל.

באגעגנענדיק איינמאל בורמאנען אין גאס, האט ער זיך צו אים לײַטיש פארנייגט, געטאן אף אים געשוויגד א בלאנדזשע מיט די אויגן, און האט אויך אזוי געשווינד אויסגעשריגן:

„גאט העלף אײַך, פאניע ראבינער! וואס הערט זיך עפעס מיט די ווײַבערס?"

בורמאנען איז דעמאלטמאל ארײַן אין אויג און דער רויך פון זײַן פאפיראס, און דאס צווייטע אויג האט געקוקט אף עלישען עטוואס פארכידעשט און איראניש־שמייכלדיק. וועגן זײַנע נײַע ראבינער־וואלן האבן זיך ווירקלעך צו יענער צײַט פארשפרייט פארשיידענע

אומאָנגענעמע קלאנגענ. נאָר מיט אָט דעם נייעם באל־טאקסע איז ער לאכלוטנ נישט געווענ באקאנט, ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערנ, אונ האָט זיך געפילט שלעכט. נאָר עלישע האָט שוינ געהאט דערזענ דעם שווארצ־געגרייזלטנ פרויקע טשערקיסנ, וואָס קערט זיך אום פונ זיינ טיפּאָגראפיע, אונ האָט אָפּ אים אָנגעשטעלט זיינ פלאפּ־מאט־געלבלעכ פּאָנעם, מיט די גרויע, פלויערדיקע אויגנ:

„פרויקע לעמעשקע! — האָט ער אים דערמאָנט זיינ צונעמעניש פונ צוריק מיט א יאָר צוואנציק, בעשאס זיי ביידע האָבנ דאָ אינ שטאָט געלערנט אינ איינ כיידער, — קוק אים נאָר אָנ.. א גאנצער לייט געוואָרנ... ס'שטייט אים שוינ אפילע נישט אָנ זיך אומצוקוקנ.”

פרויקע, דער קלוגעטשקער אונ טאָמיד אויסגערעכנטער האלבער כאָמצנ, האָט זיך איצט לאכלוטנ מיט קיינעם אינ שטאָט נישט אָנגעקערט. אָקאָרשט מיט א צוויי־דריי כאָדאָשים פאר זיינ כאסענע איז ער נאָכ עטלעכע מאָל אינ טאָג פריילעכ געלאָפנ צום ראבינער אָפּ זיינ קווארטיר אונ האָט געהאט א טעווע צו קנייפּנ אים בא דער פּעטער ברוסט אונ צו שרייענ בעשאס מייסע אָפנ קאָל, קעדיי ס'זאָלנ דערהערנ די ארומיקע שכיינים:

„טומ נאָר א קוק: ווי בא א מיידל!.. ווי איכ בינ א ייִד, ווי בא א מיידל.”

אונ איצט האָט ער שוינ געהאט באקומענ אנ אויסגעצויגנ פארהאָרעוועט אונ נישט קיינ געגאָלט פּאָנעם אונ איז גאנצע טעג געווענ שטארק פארטאָנ בא זיך אינ טיפּאָגראפיע. נאָר זעלטנ־ווענ פארנאכט האָט מענ אים אמאָל געקאָנט זענ צוזאמענ מיט זיינ ווייבל די גאס דורכגיינ, אונ אויכ דענסטמאָל, אויב עמעצ האָט אים אָפּגעשטעלט, האָט ער באלד דאָס ווייבל זיינס, ווי א ציטעריק הייליקטום, אונטער דער האנט אָנגענומענ; ער האָט זיך געמאכט גלייכ, ווי ס'איז גאָרנישט, אָט וואָס אלע ווייסנ, אז זי האָט אים נישט ליב, אונ האָט זיך געיילט מיט איר אהיימ; זיינ פארהאָרעוועט פּאָנעם האָט דערביי אויסגעזענ אזוי בארויגעז אונ פאראקשנט, גלייכ ער, דער נישט־לאנג כאסענע־געהאטער, האָט זיך איינמאָל פאר אלעמאָל פארגענומענ אָטצויאָגנ אינ געשעפט אונ אינ דער היימ דאָכ, וואָס ער האָט פארשפּעטיקט אינ די זיבנ אונ צוואנציק יאָר פונ זיינ פוסטנ עקסטערנישנ לעבנ.

אָפּ עלישענ איז ער געווענ אינ קאס פאר דער צווייטער טיפּאָגרא־

פיע, וואָס ער האָט געסטראשעט עפענענ. ער האָט אימ געענטפערט גלײַכגילטיק אונ קאלט, ווי באטלענדיק כאלוימעס:

„וועמענ שטייט נישט אָנ? ווער איז בא זיכ א גאנצער לײַט גע-וואָרנ?”

אונ באלד איז צווישנ זיי דאָ אינמיטנ גאס אויסגעבראָכנ עפעס אינ זינ פונ א קריג. נײַגעריקע דורכגייער האָבנ זיי ארומגעשטעלט אינ א קלײנ רעדל אונ האָבנ געהערט —

עלישע האָט פרויקענ אויסגעוואָרפנ:

„מייִנסט, איכ וויים נישט, אז דו ביסט מיר דער זעלבער סוינע, וואָס די גאנצע שטאָט? מייִנסט, איכ וויים נישט, אז דו רייצט אפ מיר הינטנ־ארומ די קאצאָווימ?”

אונ פרויקע האָט אימ געענטפערט, אז ער האָט אינ דער ערד אימ מיט דער גאנצער שטאָט; אז סאמאל דארפ ער אימ, עלישענ, פונ טאָמיד אָנ אפ קאפאָרעס, נאָר ווײַבאלד ער האָט אימ שוינ אָפגע-שטעלט, וועט ער אימ טאקע זאָגנ, אז ס'איז אפ אימ א גרויסע מיצ-ווע...

„האָט ער נישט געוואָלט אָנהייבנ מיט א גאנצער שטאָט... האָט זיכ אימ נישט געוואָלט גלוסטנ אליינ צו באגראָבנ דעמ זיידנ.”

יאָ, ער איז געווענ ארומגערינגלט פונ אלע זײַטנ מיט סאָנימ, אָט דער פרײַלעכער עלישע, אונ האָט נישט געהאט צו וועמענ א לעבעדיק וואָרט אויסצורײדנ. עטלעכע טעג האָט ער ארומגעבלאָנדזשעט אינ גאס, ווי א שאָטנ, אונ נאָכדעמ האָט ער זיכ ווידער מעיאשעוו געווענ, אז ער הערט אָפ די גאנצע שטאָט, ווי דעמ פאראיאָריקנ שניי. ער איז אוועק-געפאָרנ מיט א געדונגענעמ פאעטאָנ קיינ מעזשביזש אונ האָט זיכ פונ דאָרטנ אינ אײנעמ א פארטאָג אומגעקערט אינאײנעמ מיט זײַנ יונג ווײַב, דער פארשוינ.

אינ יענעמ טאָג איז ער שוינ ווידער געווענ שטארק אופגעלייגט אונ צופרידנ. אונ אז ער האָט דאָס ווײַב זײַנס צומ ערשטנ מאָל ארויסגעפירט אפנ עקסטנ ליידיק גריגעמ שטאָט־פלאצ, האָט ער גע-האט אפ קאפאָרעס די גאנצע שטאָט, די קאצאָווימ, וואָס קוילענ נישט, אונ די צוויי הונדערט רובל, וואָס ער דערלייגט יעדער וואָכ. אפצו-לאָכעס סאָנימ האָט ער גערעדט צו איר צו הילכיק אונ צו גיכ:

„זעסטו, פראַראַטשקע: אָט דאָרטנ אינ עק, בא די טאָפּאָלנ, ווױנט דער קסיאָנדז. ער האַלט אופּ בא זיך צוויי מײדלעך... וואָס, נאַרעלע, גלייבסט מיר נישט? ווי איך בינ א ייִד... ער זאָגט, אַז זיי קערנ אימ אָנ געשוועסטערקינדער.“

ארומ אונ ארומ איז מענ געשטאַנענ בא די טירנ אונ מ'האָט אופּ איר געקוקט. זי איז געווענ מיט א גאַנצנ קאָפּ העכער פונ עלישענ אונ פונ פּרויקעס געפּאַקטנ אינ שווארצ-כיינעוודיקנ זײַדנ, אונ איז זי האָט אינ שווארצנ שמאָלנ קליידל אָנגעשטעלט א פוס אופּ א שפּאַנ צו טאָנ, האָבנ זיך צו אימ נישט-ווילנדיק אראָפּגעלאָזנ אלע ארומיקע מאַנצבלשע אויגנ; גלײַך אינ אָט דעמ היפּשנ אונ שלאַנקנ פוס ליגט עפּעס א גאַנצער מעזשבויזשער קונצ, אונ ס'איז קערדײַ צו זענ, וואָס וועט פאַרקומענ מיט אימ אונ מיט איר גאַנצער וווּקסיקער פיגור, בעשאס זי וועט דעמ פוס א הייב טאָנ אונ וועט אימ נאָכאַמאָל אופּ דער ערד אראָפּשטעלנ.

איר פּאָנעמ איז געווענ א מאַט-טונקלס, א לענגלעכס מיט קוימ אָנזעעוודיקנ פוך אופּנ אָרט פונ קליינע ווײַבערשע וואָנצעלעך, מיט שווארצע גרויסע אויגנ אונ מיט נאָך מער שווארצע געקירצטע אונ געגרײַזלטע האָר.

צוויי שנײַדער-יונגענ, וואָס זײַנענ מעווינימ אופּ געטאָקט גלײַכע ווײַבערשע פּלייצעס, האָבנ זיך באַלד געוועט, צי אונטער דעמ גרינעמ קורצ-ארבלדיקנ קאָפּטל, וואָס לאָזט פרײַ דעמ היפּשנ אונ פולנ האַלדז, טראָגט זי א העמד, צי נײנ. אײנער האָט דאָרטנ בעזיקיונ אויסגעשריגנ אופּ א קאָל:

„גאָר אײנער, ס'איז הײַנט אזא מאָדע, ווי איך בינ א ייִד... ווײַבער טראָגנ נישט קײנ העמדער.“

נאָר עלישע האָט זיך צו אימ נישט אומגעקוקט. ער האָט דערזענ בורמאַנענ שטיינ לעבנ די פענצטער פונ זײַנ קוואַרטיר, איז ער צו אימ צוגעגאַנגענ ווי צו אנ אלטנ גוטנ-פרײַנט, אימ באַקאַנט געמאַכט מיטנ ווײַב אונ האָט בא אימ לײַטיש א פרעג געטאָנ:

„ווי געפעלט אײַך, פּאַניע ראַבינער, דער וואַרעמער דרויסנ מיט אָט דעמ גאַנצנ ארומ-אונ-ארומ? איאָ, שיינ בא אונדז אינ שטאָט?“

אונ זי איז געשטאַנענ אינ זײַנ לינקער זײַט מיט איר גאַנצנ היפּשנ אונ גלײַכנ וווּקס אונ האָט באַטראַכט מיט די אויגנ „דעמ

גאַנצנ אַרומ־און אַרומ״. ער איז באַשטאַנענ פונ אַראָפּגעלאָזטע, צו דער שטאָט גריבלדיקע בערג און פונ גערונצלטע שטערנ וואַלד, וואָס גרענעצנ אינ דער הייכ מיט בלויער לופט אינמיטנ ווײַטנ הימל.

„יאָ, האָט זי קוקנדיק אַהינ שטיל און זיכער איבערגעכאַזערט, מ׳קאָנ זיכ דאָ אויסטרויענ.״

דערבײַ האָט איר פּנים אויסגעזעענ אַזוי ערנסט און געשטעלט, גלײַכ זי שלעפּט זיכ שוינ יאָרנלאַנג אַרום פונ יִשעוו צו יִשעוו, קע־דיי צו געפינענ אַנ אָרט אָפּ זיכ צו „אויסטרויענ״, איצט האָט זי אים סאָפּקאָלסאָפּ געפונענ צווישנ אָט די אַראָפּגעלאָזטע געגריבלטע בערג; ער איז איר אפילע שווער אָנגעקומענ, נאָר סאָפּקאָלסאָפּ האָט זי אים געפונענ.

בורמאַנ איז נאָכדעמ אָפּגעשלאָפנ מער פונ צוויי שאָ בא זיכ אינ דער באַכערשער קוואַרטיר, און נאָכנ שלאָפ איז ער דורכגעגאַנגענ פאַרבײַ די פענצטער פונ עלישעס שטוב און האָט געזענ די לאַנגע בעקאָוועדיקע פאַרהאַנגענ, וואָס זי האָט שוינ באַוויזנ אָפּ זײַ פאַנ־דערצוהענגענ. פונ הינטער איינעמ פונ זיי, אַנ אונטערגעהויבענעמ און א פאַרוואָרפענעמ א ביסל אָנ א זײַט, האָבנ זיכ געהערט די קלעפּ פונ א קליינעמ האַנטהעמערל; ס׳האָט זיכ געמאָלט די קילקײַט, וואָס אינ־ווייניק אינ ביידער, די הויכע שטולנ, וואָס אינ די פריש אָנגעצויגענע טשעכאָלנ, און זי, עלישעס ווײַב אַליינ. זי איז האַרטנ געשטאַנענ לעבנ דינסטמיידל, וועלכע איז אַרופגעקראָכנ אָפּ א קליינ צוגעשטעלט טישל, און האָט איר באַוויזנ:

„שלאָגט אים, זײַט מויכל, א ביסל העכער, דעמ טשוואָק... נאָכ העכער.״

דענסטמאָל האָט דער ראַבינער געטאָנ א שמייכל צו זיכ אינ דער נאָז און אינ די היפּשע בלאָנדע וואָנצעס און האָט זיכ אוועקגעדרייט צו יענעמ ווײַטנ פלאַץ־ווינקל, פונוואַנענ ס׳האָט זיכ אַהער קוים אָנ־געזענ די שילד פונ טשערקיסעס טיפּאָגראַפיע. איצט האָט דער שמייכל זײַנער געהייסנ:

„מענטש איינער, קענסט נאָכ אָפּלעבנ א שיינעמ טאָג: אַהער אינ שטאָט איז אַראָפּגעקומענ א שיינ און טשיקאַווע ווײַבל.״

III

אפ מאָרגנ, ארומ עלפ אזייגער אינדערפרי, איז דער ראַבינער שוינ געזעסנ מיט עלישעס וועבל אינ יענעמ זעלבנ כיידער, ווו נעכטנ איז איינער פונ די פאַרהאַנגענע געווענ אונטערגעהויבנ, אונ האָט מיט איר לײַטיש שטעמעוודיק פאַרבראַכט. ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז זי איז געווענ ווילטלעכ אונ קלוג. די מעזשביזשער אָפיצערנ, וואָס האָבנ זיכ מיט איר פונ פערצנ יאָר אָנ ארומגעדרייט, האָבנ, אפּאָנעמ, מיט איר געווענ אויסגעשטודירט, אונ איצט האָט זי זיכ שוינ באַ קיינעמ נישט באַדאַרפט לערנענ, וויאַזוי צו ריידנ מיט א מענטשנ. איטלעכנ מאָל, וואָס ער, דער ראַבינער, האָט איר דאָ אינ כיידער געמאַכט א קאָמ־פלימענט, האָט זי זיכ פריילעכ צעלאַכט, צורעכט געמאַכט אפּ זיכ די האָר אונ האָט אפּי א ווערטל געשריגנ צו עלישען אינ קאַבינעט:

„עלישע, דו הערסט, ווי דער ראַבינער געפינט מיכ?“

דערצו איז איר קאָל בעשאַסנ לאַכנ געווענ אזא זאַפטיקס, ס'האָט זיכ געוויגט אינײַנעמ מיט איר גאַנצנ שלאַנקנ קערפּער אונ דערציילט האָט עס, פאַרוואָס זי האָט א געפיל אינ א שיינעמ מאַנצבל אונ פאַר־וואָס זי האָט ליב אַלעמאָל ארײַנצוואַרפנ אינ שמועס:

„האָב איכ אינ מעזשביזש אייגעמ א באַקאַנטנ, אנ אָפיצער...“

באַמ צווייטנ וויזיט בורמאַנס האָט זי זיכ שוינ מיט אימ פאַר־מאָסטנ, ווער איז העכער אונ ווער וועמענ וועט טאָנ א בעסערנ קוועטש אינ דער האַנט. באַמ דריטנ וויזיט איז זי אפּ זײַנ פאַרלאַנג שוינ געזעסנ באַ דער גלאַנציק-שוואַרצער פּיאַנע, וואָס זי האָט פונ דער היימ מיטגעבראַכט, אונ האָט אימ אויסגערעכנט א גאַנצנ צעטל פונ פּיעסעס:

זי קאָנ אימ שפּילנ „בוריא נא וואָלגע“ אונ די רומענישע „דעדוי־נא“ אונ „אווע מאַריא“, נאָר אויב „אווע מאַריא“, קאָנ זי עס אויס־ווייניק אונ דאַרפ דערצו די נאָטנ נישט האָבנ; ס'הייבט זיכ אָנ אָט אזוי...

נעמענדיק גרויסע געשווינדע פּאַסאַזשנ, זײַנענ אירע פינגער פליִנק אונ פרײַ ארומגעלאָפנ איבער דער גאַנצער לענג פונ דער קלאַוויאַטור אונ האָבנ געוואָרפנ אינ דער כיידער-לופט איינ כוואַליע טענער נאָכ דער צווייטער. לויט בורמאַנס מיינונג, האָט זי געשפּילט קונציק, אויס־געצייכנט. נאָר זי אַליינ האָט דערופּ קיינ מינדסטע אָנשטרענגונג נישט

געמאכט אונ האט נאכ אינ דער זעלבער צײַט גערעדט צומ דינסטמיידל, וואס האט זיכ באוויזנ רעכטס פונ פיאנע, אינ דער טיר; אבערײַסנדיק דאס שפילנ, האט זי דעמ דינסטמיידל געזאגט, אז מארגנ וועט זי שוינ אליינ גיינ מיט איר אינ מארק, אונ אז די ווײַסע כאלע איז גוט צו באשיטנ נישט מיט קימל, נאר מיט מאנ.

באמ פערטנ וויזיט האט זי אימ שוינ נאכ איר אייגענעמ געשמאק איבערגעבויגנ דעמ פאווער אונ אימ צורעכט געמאכט פונ הינטנ דעמ קאלנער פונ רעקל אזוי, אז דער קראגנ זאל נישט ארויסשטעקנ. בורמאנ אליינ האט זי שוינ געפאלגט, ווי אנ אקס, געשמייכלט צו זיכ אינ דער נאז אונ אינ די בלאנדע וואנצעס, אונ געטאנ אלצ, וואס זי האט געהייסנ. דער מויעל מיט די אויגנ זײַנע איז אימ שוינ געווארנ שיקער איטלעכנ מאל, וואס זײַנ האנט האט זיכ אנגערירט אנ אירער, דער ווארעמער אונ ווייכער. אונ אפ וויפל ס׳האט אימ געקלעקט זיקארנ פונ זײַנ אמאליקער פראקטיק, האט ער געדענקט, אז צו אזעלכע פרויענ דארפ מענ צוטרעטנ פונ אנהייב אנ מיטאמאל.

אונ אינ יענעמ זעלבנ פרימארגנ האט זיכ מיט אימ געטראפנ דאס אומאנגענעמע געשעעניש:

ס׳איז אויסגעקומענ אזוי, אז צוליב א דורכפארנדיקער פריצישער פור זײַנענ זיי ביידע געשטאנענ ארײַנגערוקט מיט די קעפ אינ אײנעמ אנ אפענעמ פענצטער, אונ ער האט דענסטמאל געפילט די ווארעמקייט פונ אירער א גאנצער שטײַפ צוגעטוליעטער זײַט אונ האט זיכ פארזיכטיק אונ פאמעלעכ ארומגעקוקט, צי קיינער, כוצ זיי, איז אינ כיידער נישטא. ער האט שוינ אפילע געהאט אויסגעצויגנ זײַנ האנט ארונטער, קעדיי זי ארומצוכאפנ פאר דער טאליע אונ זי מיטאמאל טאנ א דריק צו צו זיכ. נאר פלוצלינג האט זי זיכ מיט איר גאנצנ קערפער געטאנ א דריי ארויס אזוי פלינק, אז די געקירצטע שווארצע האר זײַנענ איר אריבער איבערנ פאנעמ, אונ האט אימ פאר אט דער האנט אנגעכאפט.

„בורמאנ, — האט זי געזאגט גלײַכגילטיק אונ קאלט, באפרײַענדיק די האר פונ פאנעמ אונ צושפיליענדיק הינטנ א קנעפל פונ קאפטל, — אזוי טוט מענ נישט...“

בורמאנענ האט זיכ דענסטמאל ארײַנגעגאסנ דאס גאנצע בלוט אינ פאנעמ, אונ אימ אליינ איז שוינ געווענ שטארק מאדנע, וואס אט דאס

מיט בלוט פארגאסנ פאנעם שמייכלט נאכ. נאר זי איז שוינ לעבנ אימ נישט געווענ. האלטנדיק זיכ מיט בײדע הענט גרינג פאר דער טאליע, האט זי פאמעלעכ אוועקגעשפאנט אינ צווייטנ כיידער, דעמ עסצימער, אונ פונ דארטנ ווײטער, אינ קארידאר ארײנ. ס'האט זיכ געהערט, ווי זי זאגט דארטנ הילכיק צו עלישענ אינ קאבינעט ארײנ:

„עלישע, וואלסט געמעגט הייסנ אפוואשנ דײנע קאלאשנ; זײ שטייענ בלאטיקערהייט באלד באמ ארײנקומענ בא דער טיר."

בורמאנ האט נאכ דעמ געדונגענ א באלעגאלע אונ איז אוועקגעפארנ אפ נאכט קיינ קאמענעצ, ער האט אהינ שוינ לאנג באדארפט האבנ. די גאנצע מײסע מיט עלישעס ווײב האט זיכ געדוכט נישט מער ווי א נארישקײט. זי, די מעזשביזשער פארשוינ, איז סטווויסנ געווענ פארשעמט אינ דער געגנט אונ האט זיכ פונ פערציג יאר אנ מיט אפיצערנ ארומגעשלעפט...

אינ קאמענעצ איז ער געוואר געווארנ, אז זײנ פארגרעבטע שטאט שטעלט טאקע ארויס צו ווינטער=צו א נײעמ קאנדידאט אפ ראבינער, עפעס איינעמ פונ אירע קרעמערס א זונ, וואס איז אינ אדעס א הויז-לערער; ער האט זיכ אויכ דערוווסט, אז אינ „גראנד האטעל" קוקט זיכ שוינ די צווייטע וואכ אנ מיט א כאסנ דער אלמאנע פערליסעס רויט=האריק מיידל. דער היימישער אלטער שיקער, דער שאדכנ, האט אימ דארטנ אפגעשטעלט אפנ טראטואר, געהאכקעט אפ אימ מיטנ רייעכ פונ אויסגעטרונקענעמ בראנפנ אונ אימ דערציילט, אז דער שידעכ גייט צו, אז דערפאר איז שוינ אהינ ארויסגעפארנ אויכ די אלמאנע אלײנ אונ מאכט זיכ אונ דעמ מיידל נײע קליידער צומ קנאס=מאל; ער האט אימ דערציילט, אז עלישעס ווײב איז נישט קיינ לײט, אונ אז איינער א מעזשביזשער שאדכנ האט אימ נעכטנ דא אינ גאס אנגעוויזנ דעמ מעזשביזשער אפיצער, דעמ דראגונ, מיט וועמענ זי האט א יאר צײט געלעבט.

„טאקע בעמעמס?" — האט ער באמ אלטנ שיקער איבערגעפרעגט אונ האט דערבײ לײצאנעסדיק א שמייכל געטאנ צו זיכ אינ די וואנצעס.

אונ אלײנ האט ער נאכדעמ אנ שומ באדערפעניש ארומגעבלאנדזשעט איבער דער רוישיקער גאס אונ האט געזענ, ווי אזוי די אלמאנע

מיט איר מיידל שפאַנעל דאָרטנ אַרומ פונ איינ מאַנופאַקטור־קלייט אינ דער צווייטער, וויאַזוי ס׳באַפאַלנ זיי פאַר יעדער קלייט מיט גרויס סימכע די מעשאָרסימ, אונ וויאַזוי ס׳שלעפּט זיכ זיי נאָכ א ווײַבערשער שנײַדער, א פוטער־אונטערקלײַבער אונ א קאָמענעצער מייכל א מאָדיסטנ.

אימ אַלײנ איז שוינ געווענ א בידעש, וואָס עס אַרט אימ נישט קיינ זאַכ, אַפילע זײַנ צוגעטראָגנ אָנטאָנ, וואָס איז שוינ א ביסל אָפּגעריבנ אונ פּאַסט שוינ לאַכלוטנ נישט פאַר אָט דער צוגעפּוצטער שטאָט. אימ האָט נאָר געצויגנ צוריק אַהיימ, צו עלישעס שטוב אונ העריקער צו דעמ שלאַנקוויקסיקנ קורצ־האָריקנ ווײַבל, וואָס האָט אימ, בורמאַנענ, קיינ סקאַנדאַל נישט געמאַכט, אונ וואָס קיינער ווייסט נישט אָפּ גע־ווינ, פאַרוואָס זי האָט פּלוצעמ גענומענ אונ כאַסענע געהאַט פאַר עלישענ. איצט האָט זיכ קלאָרער ווי פריִער געמאָלט איר קאָל, וואָס ער האָט נעכטנ פאַרנ אוועקפאָרנ דערהערט צו זיכ אינ צימער, אונ פאַרגעשטעלט האָט ער זיכ, וויאַזוי ער איז דענסטמאָל מיט א קלאַפּנ־דיק האַרצ געשטאַנענ אַרײַנגערוקט אינעמ ווינקל, וואָס באַמ אָפענעמ פענצטער, אונ האָט געהערט, ווי אינ צווייטנ נאָענטנ הויפּ רעדט זי מיט דער שליאַכעטנ, דער וועשערנ, אונ זאָגט איר:

„אויב די שליאַכעטנ וועט איר וואַשנ אָרנטלעכ, וועט זי בא איר טאָמיד האָבנ אַרבעט אָפּ צוויי טעג אינ וואָכ.“

איבערמאָרגנ אַרומ צוויי אַזייגער באַטאָג, ווענ בורמאַנ האָט זיכ בא זיכ אינ דער הייִמ געהאַט אויסגעשלאָפּנ פּונעמ וועג אונ האָט זיכ נאָרוואָס אַרויסגעווישנ אָפּנ עקסטנ שטאָט־פּלאַצ, האָט אימ עלישעס ווײַב באַלד דערזענ פונ דער ווײַט; זי איז געשטאַנענ אינ אָפענעמ פענצטער פונ איר שלאָפצימער אונ האָט אימ אַהינ צוגערופנ.

„בורמאַנ, — האָט זי אימ געזאָגט צו גיכ אונ האָט זיכ פאַרזיכ־טיק אַרומגעקוקט אינ די זײַטנ, — וואָס זײַט איר מעשוגע געוואָרנ אונ זײַט פאַרשווונדנ?.. איכ בינ נעכטנ געווענ דרײַ מאָל בא אײַכ אינ קוואַרטיר.“

אונ ביימ מײַסע האָט זיכ איר אײַנגעגעבנ אימ א גלעט צו טאָנ איבער די האָר אַזוי קונציק אונ אַזוי שנעל, אַז דער קרעמער, וואָס איז געשטאַנענ אַקעגנ אינ טיר פונ זײַנ מעל־קלייטל, האָט עס אַפילע נישט אָנגעהויבנ צו באַמערקנ.

857—17

זי איז געווען אנגעטאן אינעם גרינעם קורץ-ארבלדיקן קאפטל, און די אויגן זיינען בא איר געווען פארשיקערט. ער האט פארשטאנען פארוואס זי קוקט זיך איצט ארום פארזיכטיק אין די זייטן און נאך וואס זי רופט אים אינווייניק אין שטוב. איז ער אהין געגאנגען מיט א שמייכל צו זיך אין דער נאז און מיט פארפלאנטערטע געדאנקען; ער האט געוווסט אפ קלאר, אז עלישע איז איצט נישטא אין דער היים, און אז ער, בורמאן, איז איצט מאפקער זיין לעבן: סיי ווי סיי האט ער דאך שוין נישט וועגן אוועקצוגיין פון אט דער שטאט, וואס שטעלט ארויס צו ווינטער-צו א נייעם קאנדידאט אפ ראבינער. אריבערטרעטנדיק מיט איר די שוועל צו איר אין שלאפצימער, איז ער דערנאכמאל מיט זיין אייגענעם סייכל געקומען צו-א שפאגל-נייעם געדאנק, א כקירע:

„גאר איינער, די וועלט איז בלאטע... ווי איך בין א ייד.“

און ער האט אליין מיט א רויקייט פון א באלעבאס פארמאכט נאך זיך די טיר.

IV

די קורסיסטן מאניע רימער האט זיך געוואלט געזעגענען מיט פרויקע טשערקים, איר מאן. וועגן דעם האבן געוווסט אלע אין שטאט און בא עלישען אין שטוב.

עלישע אליין האט זיך איינמאל איבערפרי אומגעקערט פון מארק און האט פריילעך דערציילט פראדאטשקען און בורמאנען, וואס זיינען געזעסן איינער אקעגן אנדערן אין זאל:

„הערט א מייסע: זי ווארפט דאך אים טאקע אוועק, פרויקען“.

קעדיי מ'זאל אים מער גלייבן, האט ער זיך באלד געשווירן אפן קאל:

„ווי איך בין א ייד, נארישע מענטשן, וואס איר זייט! ס'איז דארטן איצט א פולע שטוב מיט קוילעס. מאניע מאנט בא אים ארויס אירע דריי טויזנט רובל יערושע און וויל אוועקפארן צוריק אפ די קורסן.“

פראדאטשקע האט געהאט א גוטן קאפ. נישט אומזיסט האט זיך עלישע באריימט, אז אין איין רעגע קאן זי צונויפרעכענען אפן קאפ

ווייפל גילדנ מ'וויל. אונ כאָטש ס'איז נאָכ קיינ צענ מינוט נישט געווענ אריבער, זינט צווישנ איר מיט בורמאַנענ זײַנענ דאָ אינ זאַל פאָרגעקומענ גאָרנישט קיינ אָנשטענדיקע זאכנ, האָט זי זיכ דאָכ נישט פארלוירנ אונ האָט גלײַכ אָפּגעפרעגט סאַכריש אונ קלוג:

„א מאָשל, ווו וועט איר פרויקע נעמענ אָפּצוגעבנ, אז ער האָט אירע דרײַ טויזנט רובל ארײַנגעבראָקט אינ טיפּאָגראפיע?"

אונ דער ראבינער בורמאנ האָט דערויפ גאָרנישט נישט געזאָגט. לײַטיש מיט איינ פּוס אריבערגעוואָרפנ איבערנ צווייטנ אונ מיט א מינע פונ א מענטש, וואָס שטייט העכער פונ אָט דעמ גאַנצנ שמועס, איז ער געזעסנ אקעגנ פראדאָטשקענ אינ דער ווייבער שטול אונ האָט געשוויגנ, ווי א געזעצטער ענגלישמענ. אליינ האָט ער זיכ לויט פראדאָטשקעס פארלאנג געהאט אָפּגעגאָלט די וואָנצעס אונ איז געווענ אָנגעטאָנ אינ א שפּאָגל־נײַעמ שווארצנ הארבסט־רעקל. דאָס רעקל איז געווענ פארשפיליעט ביזנ סאַמע האלדז, אונ פראדאָטשקע האָט עס אפ איממ פריִער א ביסל ארומגעטאפּט פונ אלע זײַטנ אונ האָט זיכ געשווירנ, אז איבער זײַנ וווּקסיקער פיגור זעט ער אינ דעמ אויס, ווי א יונגער ראָקטער. איצט האָט ער זיכ דערפילט שלעכט, וואָס עלישע איז פלו־צעמ אָנגעקומענ פונ גאס, אונ האָט אימ אינ די אויגנ נישט געקאָנט קוקנ. נאָר פראדאָטשקע האָט אפילע דאָס אויכ באמערקט. זי האָט אימ הינטנ־ארומ געגעבנ א קניפּ אונ האָט אָנגעוויזנ אינדרויסנ ארויס:

„זע נאָר, אָט גייט ער, דוכט זיכ, פרויקע."

אונ אלע האָבנ באלאגערט דאָס פענצטער אונ האָבנ גענומענ קוקנ, ווי פרויקע שפּאנט צו זיכ אינ טיפּאָגראפיע. גייג, אפ אָט דעמ שווארצ געגרײַזלטנ קאַמצנ איז לאכלוט גאָרנישט נישט געווענ צו דערקענענ. ער איז, ווי פריִער, געווענ שטארק פארהאָרעוועט בא זיכ אינ געשעפט אונ האָט, דוכט זיכ, נאָכ מיט מער אקשאָנעס געקליבנ א קאָפּעקע צו א קאָפּעקע.

דער ראבינער איז מאקע דערנסטמאָל פונ עלישענ אוועקגעגאנגענ גלײַכ צו פרויקענ אינ טיפּאָגראפיע. ער האָט דעמ גאנצנ וועג אהינ געשמייכלט צו זיכ אינ דער נאָז אונ האָט זיכ דאָרטנ באלד באמ ארײַנקומענ אראָפּגעלאָזט אפ עפּעס א שווערנ אונ אומריינעמ טיפּאָגראפיע־קאסטנ.

„נאר איינער, האָט ער דערבײַ צו פרויקענ א זאָג געטאָנ, די וועלט איז בלאָטע, ווי איכ בינ א ייִד..."

געמיינט האָט ער דערמיט זיכ, זײַנ הילפסלאָזע לאגע אינ אָט דער שטאָט, וואָס איז שוינ צו אימ שטארק אָפגעקילט געוואָרנ אונ שטעלט ארויס א נײַעמ ראבינער־קאנדידאט; געמיינט האָט ער אויכ די געשע־ענישנ, וואָס קומענ איצט פאָר צווישנ אימ מיט עלישעס ווײַב, אונ טאקע אימ, פרויקענ אליינ, וואָס מאניע וויל אימ אוועקווארפנ. אָפ פרויקענ אָבער האָט זײַנ נײַער געדאנק קיינ שומ אײַנדרוק נישט געמאכט. זײַנ טיפאָגראפיע איז געווענ פארוואלגערט מיט צוויי עקסטרע באשטעלונגענ פונ דער זעמסטווע, האָט ער אליינ מיט שטארק שווער־צע הענט געהאלטנ אינ איינ זוכנ עפעס א נײַעמ מינ שריפט, זיכ געבויגנ אונטער א טיש ארונטער אונ האָט פונ דאָרטנ געענטפערט גלײַכגילטיק אונ קאלט, ווי אָפ א זאכ, וואָס ער ווייסט עס שוינ פונ לאנג:

„אוואדע בלאָטע... מענטש איינער, וואָס זשע? ס'איז א נײַס בא דיר?"

אונ באלד איז ער ארײַנ אינ צווייטנ ביידער, ווו ס'האָבנ געארבעט צוויי זעצער, אונ האָט דאָרטנ א קאָמאנדעווע געטאָנ אָפנ קאָל:

„פארטיק, א? וואָס זשע שווײַגסטו, כאָכעמ מײַנער? וועק אופ דעמ גוי!.. נו דו! לאָז די מאשינ, אויסציִענ וועסטו זיכ באמ ווײַב אינ פאָדעליק."

נאָר אינגיכנ איז שוינ געווענ א פרימארגנ, ווענ בורמאנ איז נאָ־כאמאָל געזעסנ בא עלישענ אינ שטוב. עלישע אליינ האָט אימ דענסט־מאָל פונ גאס ארײַנגעשלעפט אונ דערבײַ פרייליכ אויסגעשריגנ צומ ווײַב אינ שלאָפצימער:

„נא, פראָטשקע, כ'האָב דיר געבראכט דעמ ראבינער, קומ אהער גיכער... שפיל אימ א ביסל אָפ דער פיאנע."

באלד איז ער צו אימ צוגעשטאנענ מיט טינט אונ פעדער אונ מיט א לײַדיקנ בויגנ פאפיר:

„אנו, פאני ראבינער, ציקלט מיר נאָר אויס א פראָשעניעלע צומ מיראָווי. נאָר עפעס אזוי קונציק, ס'זאָל נעמענ די לעבער."

אונ קעדיי דער ראבינער זאָל זיכ נישט באליידיקנ, האָט ער גלײַב פראָטשקענ צוגעגעבנ:

„נאַרעלע, ער קענ, ער קענ; ס׳וואָלטנ זיכ ווינטשנ אַזוי קענענ דײַ־נע מעזשביזשער אַהוואָקאַטנ.“

פּראַדאָטשקע איז אַרויסגעקומענ אינ שטוב־כאַלאַט פונ שלאָפצי־מער אונ האָט געפונענ, אַז בורמאַנ איז אַראָפּ פונ פּאַנעמ, מ׳דאַרפ אים דעריבער נישט מיד מאַכנ מיט פראַשעניעס שרײַבנ.

„זאָל בעסער עלישע אַזוי גוט זײַנ אונ זאָל הייסנ אַרײַנטראָגנ פּאַרנ ראַבינער א הייס גלאָז מילכ.“

עלישע האָט זיכ נאָר אָפּ אײַנ רעגע אַוועקגעדרייט, איז זי שוינ געזעסנ גאַר נאָענט לעבנ בורמאַנענ, אונ אײנע פונ אירע וואַרעמע סוי־ענ האָט זיכ אָנגעשפּאַרט אָנ זײַנער. זי האָט שוינ אפילע געהאַט אָנ־געהויבנ בא אים פרעגנ, צי ער האָט נאָכ איר געבענקט. נאָר פּינקט אינ יענער צײַט האָבנ זיכ פונ פּאָדערשטיבל דערהערט א פּאָר אָפּגערי־סענע אויסגעשרייענ, אונ עלישע מיטנ דינסטמיידל זײַנענ פונ דאָרטנ אַרויס אינ דרויסנ אַזוי געשווינד, ווי צו א סרייפע. ווענ פּראַדאָטש־קע מיט בורמאַנענ זײַנענ נאָכ זיי פונ שטוב אַרויס, האָבנ זיי שוינ נאָר געזענ, ווי פונ אַלע עקנ שטאָט לויפט מענ אַרופ צו פּרויקעס טיפּאָגראַפיע. דאָס דינסטמיידל האָט אָפּגעשטעלט אײנעמ א באָכער, וואָס איז פונ דאָרטנ צוריק אינ מאַרק געגאַנגענ, אונ האָט בא אים געפרעגט, וואָס ס׳איז געשענ; איז בורמאַנ אויכ צוגעגאַנגענ אונ האָט געהערט, ווי דער באָכער דערציילט:

„גאָרנישט... מאַניע רימערס א פעטער, וואָס איז פונ אָנהייב אָנ נישט געווענ צופרידנ מיט איר כאַסענע, האָט אַרויסגעקריגנ בא איר א „דאַווערענאָסט“ אונ האָט פּרויקענ פאַרכאַסמעט די טיפּאָגראַפיע. אונ מאַניע אַליינ איז שוינ דאָ נישטאָ: זי איז נאָכ נעכטנ באַטאָג אַוועקגעפאָרנ אָפּ די קורסנ.“

דענסטמאָל איז בורמאַנ צוגעגאַנגענ צו דער טיפּאָגראַפיע אונ האָט צווישנ א געדיכטנ בינטל מענטשנ דערזענ דעמ צעקנייטשטנ פּרויקענ. דרײַ מענטשנ האָבנ אים שטײַפ געהאַלטנ פונ אַלע זײַטנ, אונ ער האָט זיכ נאָכ אַלצ געריסנ שלאָגנ מאַניעס פעטער אונ אַראָפּרײַסנ דעמ סודעבנעמס כסימע פונ דער טיפּאָגראַפיע; ער האָט זיכ געוואָרפנ אינ אַלע זײַטנ, ווי א רויצייעכ, אינ אַז מ׳האָט אים געהאַלטנ פאַר די הענט, איז מענ נישט געווענ זיכער, אַז ער וועט זיכ נישט אָנהייבנ שלאָגנ מיט די פיס, צי מיטנ קאָפּ. ווענ מ׳האָט אים אָפּגעלאָזט, האָט

ער זיכ א בימל בארויקט, לײַכטער אפגעעטעמט און זיכ צוערשט ארומגעקוקט אפנ אנגעזאמלטנ עולמ מיט אזא סינע און אזוי פאר-בידעשט, גלײַכ ער וואלט זיי דא נארוואס דערזענ:

„וואס האט מענ זיכ דא אנגעשטעלט? האט ער געפרעגט, אפ וואס פאר א בייז וואונדער איז מענ זיכ אהער צונויפגעלאפנ?"

ער האט זיכ אוועקגעזעצט אפ די טרעפלעכ פונ דער פארכאסמעטער טיפאגראפיע און האט זיכ פארטראכט. עפשער האט ער זיכ פאר-קלערט וועגנ מאניענ, וואס אינ שטאט זאגט מענ, אז זי האט אינ קי-עוו עפעס א סטודענט.

און עפשער גאר וועגנ זיכ אליינ, וועגנ זײַנ שווערער פראצע, וואס ער האט באַ דער טיפאגראפיע אוועקגעלייגט, און וועגנ זײַנ אקשא-נעס, וואס האט אימ צו גארנישט נישט געבראכט.

דעסמאל זײַנענ פראדאטשקע מיט עלישענ צוגעגאנגענ צומ פאר-טראכטנ ראבינער, און פראדאטשקע האט צו אימ געזאגט:

„קוממט, וואס וועלנ מיר דא שטיינ?"

V

פרויקע טשערקיס איז צוויי טעג נישט ארויסגעגאנגענ פונ זײַנ שטוב. ער איז דארטנ געלעגנ איינער אליינ און האט געטראכט וועגנ מאניענ:

„גט וועט ער איר געבנ?.. א מאקע"...

ארומ אימ אינ די דרײַ פריש אויסגעפארבטע געדונגענע באהארימ-לעכ איז אלצ געווענ איבערגעקערט און אנגעווארפנ, ווי אינעמ טאג פונ מאניעס אוועקפארנ. די בעטנ זײַנענ געשטאנענ פונקט אזוי צע-ווארפנ, ווי בעשאס מאניע האט פונ אונטער זייערע איבערבעטנ ארויסגעשלעפט אירע צוויי קישנס; אינעמ פיצעלע עסצימערל אפנ טיש צווישנ פארהארטע שטיקלעכ ברויט איז געשטאנענ א טעלער מיט א כומאשעדרע פונ א נישט דערגעסענעמ הערינג, און ארומ אימ האבנ שטארק געזשומעט אומרויִקע פליגנ. דערצו איז נאכ די גאנצע צײַט געגאנגענ רעגנ, און די דרײַ פיצלעכ באהארימלעכ איז די טונ-קעלע לופט געווענ אזוי דושנע און היימ, ווי אינ א פריש אויסגע-פארבטנ וואגאנ דריטע קלאס. און פרויקע האט אפילע פאר נייטיק

נישט געפונענ די פענצטער עפענענ אָדער אריינרופנ עמעצנ פונ דרויסנ, מ'זאָל די שטוב אויסקערנ.

נאָר איינמאָל פארנאכט, ווענ אינ דרויסנ איז דער רעגנ שוינ מער נישט געגאנגענ, איז ער געוואָרנ שטארק בארויגעט אפ זיכ, וואָס ער זיצט בארהאלטנ אינ שטוב. ער האָט אָפּגעגאָלט די צווייוואָכנדיקע באָרד, זיכ אָפּגעוואשנ און האָט אפּצולאָכעס ארויסגענומענ פונ שראנק זײַנ נײַעמ, קימאט נישט געטראָגענעמ אָנצוג. אָנטוענדיק דעמ אָנצוג, האָט ער געטראכט, אז ער האָט נאָכ בא זיכ טויזנט רובל מעזומענ געלט און וועט שוינ מיסטאמ נישט פארפאלנ ווערנ:

„ער הערט מאגיענ, ווי דעמ פאראיאָריקנ שניי...“

נאָר ווענ ער איז ארויס פונ שטוב, האָט ער דאָכ ארויסגערוקט דעמ קאָפּ פאָרויס און האָט זיכ פאָרזיכטיק ארומגעקוקט צי די באלעבאָסטע פונ הויז זיצט דאָרטנ נישט אפ די טרעפּלעכ.

ס'איז געווענ שפּעט אינ בײַנאכטמאָשעס, און א סאמעטנ בלאָטקעלע, א שיטערס און אָנהייב-עלעלדיקס, האָט זיכ שטיל געגלענצלט אינ די אויגנ און זיכ געצויגנ אונטער די פיס, פונעמ קײַלעכדיקנ שלעכט ברוקירטנ מארק ביז די עקסטע הײַזער פונ שטאָט. דורכ א פענצטער, וואָס אינ איינעמ פונ די עקסטע הײַזער, האָט זיכ ארויסגערוקט א קאָפּ פונ א באלעבאטיש מיידל, און א פאָר אויגנ שווארצע און שעמעוודיק פינקלענדיקע האָבנ נײַגעריק א בלאָנדזשע געטאָנ איבער פרויקעס פאָנעמ און האָבנ אימ נאָכדעמ לאנג נאָכגעקוקט אינ די פּלייצעס. דאָס מיידל איז מיט אימ נישט געווענ באקאנט, זי האָט נאָר געוואָלט זענ, וויאזוי ער זעט איצט אויס, פרויקע.

א ביסל ווײַטער, אינ עק פונ א הילצערנעמ פלויט זײַנענ געשטאַנענ צוויי ייִדנ און האָבנ באטראכט דאָס האָלץ פונעמ אָפּגעקויפטנ פויערישנ בודינעק, וואָס מ'האָט זיי אָקאָרשט באטאָג דאָ אָפּגעוואָרפנ. איינער איז געווענ דער באלעבאָס פונ דער נאָענטער שטוב, דער צווייטער — זײַנער א שותפ. ביידע האָבנ געפונענ, אז דאָס האָלץ איז א מציאה, און ביידע האָבנ זיי א ווײַלע אָנ דעמ פארגעסנ און האָבנ געקומענ באגלייטנ פרויקענ מיט די אויגנ. איינער האָט געזאָגט אפנ קאָל און מיט אקיוונ, אז פרויקע זאָל הערנ:

„וואָס זאָגסטו עפּעס? שוינ, דאנקענ גאָט, צוריק א באָכער, א?“

אלע האָבנ אימ פײַנט געהאט דערפאר, וואָס ער האָט זיכ, ווי עלי-

שע, צו שפעט אונ מיט צו פיל גאדלעס אומגעקערט פונ זיינ עקס-טערנישנ לעבנ, וואס אינ די גרויסע שטעט, אונ האט דא, ווי יענער, נישט באדארפט אנקומענ נישט צומ שויכעט, נישט צו קאהאל אונ נישט צומ ראוו. די גאנצע שטאט האט געהאט אנ איומ א געקאמע, אונ ער האט זיכ ארומגעדרייט איבער אירע גאסנ אונ האט נישט גע-האט צו וועמענ א ווארט אויסצורייד[נ].

אפ מארגנ אינדערפרי האט ער דערזענ עלישעס ווייב, וואס האט זיכ צוזאמענ מיט איר דינסטמיידל פונ מארק אומגעקערט. ער האט זיכ אפגעשטעלט אונ האט זי לאנג באגלייט מיט די אויגנ. אונ נאכ-דעמ האט ער זיכ א גאנצנ פרימארגנ אינערגעצ קיינ ארט נישט געפונ-ענ. עטלעכע מאל האט ער אנ שום באדערפעניש זיכ געלאזט גיינ צו זיינ פארוכאסמעטער טיפאגראפיע. ער האט זי באטראכט פונדערווייטנס, געטאנ א זיפצ אונ האט זיכ פונ דארטנ אומגעקערט צוריק אהיימ. נאר בא אימ אינ דער היימ איז ווי נעכטנ געווענ היימ, אנגעווארפנ אונ נישט אופגערוימט. ער האט זיינ וווינונג פארשלאסנ פונ דרויסנ מיט א שלעסל אונ האט זיכ אומגעקערט צוריק אינ מארק. דארטנ האט ער געכאפט א פאר ווערטער צווישנ די רעוחלעכ, וואס האבנ געשמו-עסט וועגנ עלישענ אונ וועגנ די יאראכעטדיקע קאצאווימ, אונ האט זיכ סאפסאלסאפ אוועקגעלאזנ ארופ, צו עלישעס געיארשנטער שטיב, וואס די גאנצע שטאט האט זי פיינט. גייענדיק אהינ, האט ער גע-טראכט וויאזוי אלע וועלנ דארטנ קוקנ אפ אימ מיט ראכמאנעס, אונ וויאזוי ער וועט דארטנ ענטפערנ עלישענ:

„נאר איינער, וואס איז מיר דענ אזוי שלעכט? וויל איכ, ווער איכ מיר צוריק א פארמאציעווט.“

אבער ווי נאר ער איז אריינגעקומענ אהינ אינ פארערשטיבל, האט ער פונ הינטערנ פארווארפענעמ פארטיער דערזענ, אז אינ דריטנ ביי-דער, אינ זאל אפאנעמ, זיינענ איינער איבערנ צווייטנ אריבערגעווארפנ דעמ ראביגערס פיס, אונ פארגלוסט האט זיכ אימ מיטאמאל געפעלנ ווערנ עלישעס ווייב. מאמזעריש, ווי די פאראבקעס, איידער זיי שטעלנ זיכ טאנצנ, האט ער זיכ באלד געגעבנ א פאטש איבערנ שטרויענעמ הוט, וואס מיט די צוויי דאשיקעס, אזוי אז דער הוט איז אימ ארי-בערגעפאלנ איבער די אויערנ. ער האט אונטערגעהויבנ די אקסלענ, גע-מאכט א שמייכלדיק פאנעמ פונ אנ אידיאט, א פויער, אונ אויס-

געשריגן האָט ער שוין אפן גאַנצן קאָל און אזוי פריילעך ווי באַכערווײַז, בעשאַס ער איז נאָך געווען שטאַרק צופרידן מיט זײַן אייגענער גליקלעכער פערזאָן:

„בודטע זדראָווע סערע — דאָ — יו!..“

אז עלישע איז אפ זײַן קאָל ארויסגעלאָפן פון קאַבינעט, האָט ער שוין געהאַט א גלאַטן און פרישן טערעץ:

„איך בין אומישנע ארײַנגעקומען זאָגן: איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס זאָל זיך עמעץ ניט ארײַנלייגן אין שאָלעם? ס'איז דאָך פּאַשעט א ראַכמאָנעס אפ עלישען און א ראַכמאָנעס אפ די קאַצאָווים...“

עלישע האָט אים אָפגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און האָט אים געשווינד דורכגענומען מיט שלעכטע, ווי בא א שאָף אומעטיקע, אויגן:

„קוק אים נאָר אָן אָט דעם ווייכהאַרציקן... געוואָרן א גאַנצער באַלראַכמים אפ די קאַצאָווים...“

און פרויקע איז רויט געוואָרן אפ צו באַליידיקן זיך און האָט זיך דאָך באַלד אָנגעהויבן פאַרענטפערן:

„מענטש אייגנער, איך זאָג דען, אז נאָר אפ די קאַצאָווים איז א ראַכמאָנעס?.. איך זאָג דאָך, אז ס'איז א ראַכמאָנעס אפ דיר אויך. וואָס הייסטו? אומזיסט און אומנישט דערלייגסטו, נעבעך, מער ווי צוויי הונדערט רובל א וואָך...“

פון דעמלט אָן האָט שוין אויך פרויקע אָנגעהויבן אָפט ארײַנצוקומען צו עלישען אין שטוב. זײַן אייגענע היים האָט אים סײַוויסײַ דערמאָנט אָן א גענעם, און געשטאַנען איז דאָרטן נאָך אַלץ אפן טיש דער טעלער מיטן בוטאַשערדע פונעם נישט־דערגעסענעם הערינג, איז ער נאָר געגאַנגען אהיים שלאָפן און האָט די גאַנצע פרײַע צײַט פאַרבראַכט דאָ, בא עלישען. ער האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן א שאָלעם מיט דער שטאָט און האָט ארויסגעטראָטן פון עלישעס צאַד פאַר א בוירער.

פון גאַנצפרי אָן איז ער געשטאַנען אין מאַרק און האָט געהאַקט האַלדז מיט צוויי מיניאָנים טעמפּ־קעפּיקע קאַצאָווים. הינטער זײַנע פּלייצעס האָבן פון אים לייצאָנעס געמאַכט די קרעמער; זיי האָבן אים פײַנט געהאַט און האָבן אים נישט געגלייבט. און ער האָט זיך צו זיי נישט אומגעקוקט און האָט מיט קאָלערליי רײַעס אויסגעבריִעט די קאַצאָווים, אז פאַר זיי לוינט מער נישט זיך אָפּהאַלטן פון צו קוילען:

„וואָרעמ אָט, זאָלנ זיי נאָר צולייגנ קאָפּ: וואָס קאָנענ זיי דענ דערמיט פּועלנ, אז סײַוויסײַ קוילענ די שאָכטימ הינער מיט גענדז?"

באַטאָג האָט ער אָוועקגעלייגט דאָס האַרצ באַמ אָרטיקנ ראָוו אינ שטוב, געשוויצט צווישנ א גאַנצער איידע פאַרזאַמלטע באַלעבאַטימ, וואָס האָבנ נישט געקאָנט מויכל זײַנ עלישענ זײַנ זייִדנס קוורע און האָבנ אַלעמאָל אָנגעהויבנ צו טײַנענ פונסנײַ:

„הערט א מײַסע! אזא געשיכטע איז דאָכ נישט געהערט געוואָרנ אינ קיינ שטאָט אינ דער וועלט..."

ער האָט זיכ ליגנעריש געקרימט, געקנייטשט מיט די אַקסלענ און געמאַכט אומגעדולדיקע האַוונײַעס מיטנ פּאָנעמ און מיט די הענט.

„נו גוט, נו וויל, נו געוואַלד געשריגנ... מײַנע איכ דאָכ אויכ דאָס אייגענע: אָבער וואָס זשע האָט שטאָט אופגעטאָנ?!"

מיד און אויסגעמאַטערט, מיט אנ אויסגעשריגענעמ האַלדז און מיט א נעפּלדיקער כאַראָטע אָפ אָט דער גאַנצער אַרבעט, וואָס ער טוט צוליב א פרעמדנ, האָט ער זיכ אָקאָרשט שפּעט אינ בײַנאַשמאָשעס אומגעקערט צו עלישענ אינ שטוב, וו מ'האָט אימ באַלד געגעבנ טיי טרינקענ און צובײַסנ און וו מ'האָט זיכ אַרומ אימ אַוועקגעשטעלט, גרייט צו הערנ, וואָס אימ האָט זיכ אײַנגעגעבנ אָפּצוטאָנ פאַרנ טאָג. קײַענדיק גיכ, מיט בענקשאַפט, ווי נאָכ א לאַנגנ קוימ דערצויגענעמ טאָנעס, האָט ער איבערגעגעבנ די שטאָטישע נײַסנ און האָט זיכ דערבײַ אַלעמאָל געיידעסט מיטנ ראַבינער בורמאַנענ:

„בורמאַנ, דו הערסט, וואָס עלישע זאָגט? אויב איכ וועל אימ מאַכנ דעמ שאָלעמ, זאָגט ער, האָב איכ בא אימ פאַר מײַנ בוירעיעס א גאַנצנ הונדערטער..."

פראָטשקע האָט ערנסט אויסגעהערט און געאַרבעט געשעפט. אַלעמאָל האָט זי גערופנ עלישענ אָפ א סאָד אינ קאַבינעט:

„עלישע, קומ נאָר אַהער... איכ האָב דיר פאַרגעסנ עפּעס צו זאָגנ."

און נאָכדעמ איז אָנגעפאַלנ די קילע נאַכט, און אַלע האָבנ זיכ אינ זאַל אַוועקגעזעצט צומ פרעפעראַנס, צו דער איקער־אַרבעט, וואָס אָפ איר האָט מענ געוואַרט א גאַנצנ טאָג.

מ'איז זיכ דאָרטנ ס'ראָוו פאַרזעסנ ביז שפּעט נאָכ האַלבער נאַכט.

אַרומ און אַרומ האָט אינ זיכערנ און פעסטנ שלאָפ געשוויגנ דאָס אויסגעלאָשענע שטעטל, און פונעמ מעזשבּיזשער וועג איז מיט א ווילד

פילנ באַנאַכטיקנ טרײַב אָנגעקומענ א פול־געפּאַקטע באַלעגאָלישע פור.

דעמלט האָבנ זיכ די פאַרשווינענע פענעמער פונ זיכ אַליינ געדרייט צו אָט דער איינציקער וואַכנדיקער שטוב, אונ זייערע הערצער האָבנ געגאַרט צו אירע באַלויכטענע פענצטער, ווי צו גליק.

אַמאָל האָט זיכ געמאַכט, אַז צו די אויערנ פונ די וואָס שפּילנ האָט דערגרייכט פונ פאָדערשטיבל א שטילער סקריפּ פונ דער געעפנ־טער טיר. אַלע פלעגנ אפּ א ווײַלע אָנ די קאָרטנ פאַרגעסנ אונ אָנ־שטרענגענ די אויגנ אַהינ, פונוואַנענ דער סקריפּ איז געקומענ. נאָר גע־וועננ איז דאָס אַלעמאָל ניט מער ווי יאַנ דער סטרוזש, וואָס האָט פונ דרויסנ געהיט עלישעס שטוב מיטנ גאָרטנ:

„יאַנ, האָט מענ בא אימ בעקיוונ געפרעגט אפּ יידיש, וואָס הערט זיכ עפּעס אינ דרויסנ?"

אונ יאַנ האָט געוווּסט, וואָס מ'מיינט.

„פינצטער, פּאַניע", האָט ער געענטפערט אינעמ זעלבנ טאָנ אונ אפּ א געבראָכענעמ יידיש.

דעמלט האָבנ אַלע פריילעכ געלאַכט אונ אַרויסגעשיקט יאַנענ אינ קיכ אַרײַנ א גאַנצ צענדליק פּאַפּיראָסנ.

עלישע האָט די גאַנצע צײַט געשפּילט מיט קאָפּ. ער האָט זיכ קיינ־מאָל ניט טויע געווענ מיט קיינ קאָרט אונ האָט אַרײַנגעפירט אַלע־מענ אינ גרויסע רעמיזנ, אַזאַ טעווע האָט ער שוינ געהאַט, ניט צו טראַכטנ בעשאַסנ שפּילנ וועגנ זײַנע געשעפטנ מיט דער שטאָט, וואָס האָבנ אימ טיילמאָל געמאַכט נערוועז אונ אינ כּעס. ער האָט טאַקע קיינמאָל ניט באַמערקט, וואָס אַרומ אימ טוט זיכ, אונ נאָר פרויקע האָט געוווּסט, אַז צווישנ עלישעס ווײַב, וואָס האָט אימ פריער א ביסל גערופנ אפּ סוידעס, אונ צווישנ בורמאַנענ, וואָס זיצט איר אַקעגנ, קומט די גאַנצע צײַט פאָר אונטערנ טיש עפּעס א גאַנצ ערנסטער שמו־עס אפּ פיס־לשונ. אימ האָט אָנגעכאַפּט א קינע, האָט ער איינמאָל געפּרווט צווישנ אָט די שמועסנדיקע פיס אויכ זײַנעמ אַרײַנרוקנ, ווי איינער וואָלט זאָגנ:

„נעמט מיכ אויכ אַרײַנ אינ קאָנ... וואָס אַרט אײַכ?"

נאָר באַלד האָט ער באַקומענ אינ אָט דעמ פוס זײַנעמ א שטויס, אַנ ענטפער, וואָס איז געווענ די טײַטש:

„מיש זיכ ניט... ס'איז ניט דײַנ זאַכ!"

געדוכט האָט זיך אים, אז אָט דעם שטויס האָט ער באַקומען גישט פון בורמאַנען, נאָר דאַפקע פון איר, פּראַדאַטשקען, וואָס האָט אין דער זעלבער צײַט געפרעגט בא עלישען:

„וואַרט, וואַרט, ווי האָבטו געקאָנט אַרײַנעמען מיטן מײלעכ פּיק?"

און נאָכדעם האָט ער צוגעזען, ווי זי באַגלײט אַרויס בורמאַנען אין פּאַרערשטיבל, ווי זי גיט אים האָרטן עלישעס ראָק, כדיי ער זאָל זיך נישט צוקילן, און זאָגט אים אָן:

„בורמאַן, איר זאָלט אָן א טערעץ קומען מאָרגן אָפּ וואַרמעס. א'ר הערט, וואָס מ'רעדט צו אײַך, בורמאַן?"

אַרויסגייענדיק דעמלט צוזאַמען מיט בורמאַנען פון עלישעס שטוב, האָט פּרויקע טאַקע א טראַכט געטאָן וועגן זיך און וועגן זײַן פּוסטער שטוב, וואוהין ער גייט איצט געכטיקן, און האָט נאָך א ווײַלע שווײַגן צו בורמאַנען א זאָג געטאָן:

„נאַר אײנער, ביסט דאָך א גליקלעכער מענטש!.. מיינסטו אלעמען גילט אזוי אָפּ, ווי דיר?"

אים האָט זיך געדוכט, אז בורמאַן ווייסט נישט אקעגן וואָס ער זאָגט עס. האָט ער צוגעגעבן:

„וואָס הייסט? עלישע האַלט דאָך דיך אויס מיט א ווײַב, מיט א שטוב און מיט א קיך אַפּילע."

נאָר דער ראַבינער בורמאַן האָט צו יענער צײַט שוין אָנגעהויבן שטאַרק פּעט ווערן, און האָט זיך געפּוילט ענטפערן. ער האָט נאָר מערקזאַמער ווי טאָמיד א שמייכל געטאָן צו זיך אין דער נאָז און האָט זיך אוועקגעדרייט שלאָפן צו זיך אַהיים.

VI

פּרויקען האָט זיך טאַקע סאָפּקאָלסאָפּ אײַנגעגעבן, אז די שטאָט זאָל געמען בא עלישען אָפּ אוילמעס נישט מער ווי פינף הונדערט רובל. דאָס איז געווען א קונץ, וואָס נאָר פּרויקע האָט אים געקאָנט באַווײַזן. ער איז דעריבער געווען אזוי לעבעדיק און צופרידן און אלע ווײַלע געשפּרונגען פּראַדאַטשקען אין פּאָנעם אַרײַן.

„וואָס זאָגט איר עפּעס, א? עפּשער האָט איר צו מיר א טײַנע?"

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אז די קאַצאָווים פון זייער זײַט

פאָדערנ א באזונדערנ לוינ, דערפאר וואָס זיי האָבנ א בוידעש צייט נישט געקוילעט, מ׳האָט זיך געמוזט מיט זיי באזונדער פארלאָזנ אונ פאָלגנ דעמ נייעמ פסאק, וועלכנ ס׳האָט ארויסגעגעבנ דער אָרטיקער טיפעש, דער ראָוו.

לויט אָט דעמ נייעמ פסאק האָט עלישעמ פונ נישט געטאָרט קו-מענ אינ בוינע אריינ, אונ רעכענענ האָבנ זיך די קאצאָווימ באדארפט נישט מיט אימ, נאָר מיט זייער אייגענעמ געמאָנ, פאר וועלכנ דער ראָוו האָט זיך געאָרעוועט.

עלישע איז שיר נישט ארויסגעשפרונגענ פונ דער הויט אונ האָט בא זיך אינ דער היימ געריסנ אפ זיך די האָר:

„גוואלד געשריגנ: וואָס פאר א ישאָלעמ איז דאָס?! ס׳איז דאָך מער נישט ווי סאָגימ אפ געלעכטער.״

דעמלט האָט פרויקע פונסניי גענומענ ארבעטנ אפ אלע קיילימ אונ האָט אויכ דאָ באוויזנ וווּנדער; ער האָט דערוויזנ עלישענ, אז ס׳גייט צו די יידישע יאָנטויווימ, אונ אז פאר דריי וואָכנ צייט קאָנ ער אָפ-פארדינענ אינ דער טאקסע אלצ, וואָס ער האָט דערלייגט צו איר אינ מעשעכ פונ גאנצע אָנדערהאלבנ כאָדאָשימ. עלישע האָט געוווּסט, אז פרויקע איז פארביסנ אונ קלוג, ער איז אימ אינ הארצנ א סוינע אונ מיינט נאָר צו באקומענ דעמ הונדערטמער פארנ בוירערעמ.

„אָפפארדינענ, אָפפארדינענ...״ האָט ער זיך אימ נאָכגעקרימט אונ האָט אימ בייזער ווי טאָמיד דורכגענומענ מיט זיינע שלעכטע אויגנ.

פונדעסטוועגנ האָט זיך אימ פונ אָט דעמ כעזשבנ פארדרייט דער קאָפ; ער האָט געלאָזט די קאצאָווימ זיך רעכענענ מיט זייער אייגענעמ געמאָנ, אונ אליינ האָט ער זיך איינגעאַקשנט צו ווארפנ צוויי טאָג צייט בא זיך אינ קאבינעט אפנ „שטשאָט״ אונ האָט בארעכנט ביז א׳נ דער קאָפעקע, וויפל ס׳קאָנ אימ בלייבנ נאָר איינ ערעוו יאָנקיפער פונ קאפאָרעס. דער כעזשבנ האָט געטראָגנ נאָכ מער ווי מ׳האָט געמיינט. אונ פרויקע האָט ווידער געטאנצט:

„נו, וואָס האָב איכ דיר געזאָגט?״

אָבער נאָכ אינ יענער זעלבער וואָכ איז ארויס א קלאנג, אז די שטאָט איז נישט צופרידנ מיט שאָלעמ, אונ אז די קאצאָווימ וועלנ ווידעראמאָל אויפהערנ צו קוילענ; ליטווישע באלעבאטימ, וואָס האָבנ קיינמאָל נישט אָנגערירט קיינ פליג אפ דער וואנט, זיינענ רעדלעכווייז

געשטאַנענ אינ מאַרק, אַרומ די קאַצאָווימ, אונ האָבנ זיי אויפגעקלערט די מויכעב:

„מעשוגאָימ! וועמענ פונ אײַך איז נויגייע, וואָס די שטאָט האָט מיט אַ מאַשלעמ געווענ? ער וואָלט דאָך אײַך סאָפּקאָלסאָפּ געמוזט געווענ צוּוואַרפנ די טאַקסע אונ אַנטלויפנ.“

אונ נישט ווײַט פונ זיי איז אַרומגעגאַנגענ דער אָרטיקער ברודי־קער שיקער, דער שאַדכנ, וועמענ די קרעמער האָבנ אונטערגעקויפט פאַר אַ ביסל בראָנפנ; ער האָט געווישט די נאָז מיט אַ גרויס שטיק ביבולעפּאַפּיר, וועלכעס ער האָט נאָכדעמ באַהאַלטנ צוריק אינ טאַש, אונ האָט גערעדט אָפּ עלישעס מעזשביזשער ווײַב, דער פּאַרשוינ:

„ווער, דער אָפּיצער, וואָס האָט מיט איר געלעבט? ער שיקט נאָך איצט אויך איר מוטער הונדערט רובל אַ כוידעש...“

ייִדנ האָבנ זיך געהאַלטנ בײַ די זײַטנ.

„ווער? האָבנ זיי בײַ אימ איבערגעפרעגט, ווער, זאָגט ער, שיקט צו איר מוטער הונדערט רובל אַ כוידעש?“

אונ ער האָט זיך געמאַכט, גלײַך די קרעמער פרעגנ עס ביטמימעס, אונ האָט געענטפערט מיט אַ שוווע:

„דער דראַגונ, וואָס האָט מיט איר געלעבט, ווי איך בינ אַ ייִד...“

עלישע האָט געזאָגט. פונ אינטערפרײַ אָנ האָט ער זיך געריסנ אינ מאַרק, קעדיי צו פּלעטנ דעמ אַלטנ שיקער דעמ קאָפּ; פרוּוּקענ איז אויסגעקומענ אימ אָפּצוהאַלטנ פּאַשעט פאַר די הענט.

„טיפּעש אייגער! האָט ער געשריגנ, זיצ אינ שטוב, ס'וועט איבער־גיינ; אַ שטאָט קאָנ נישט זיצנ יאָנטויווימ־צײַט אָנ פּליש.“

אונ אײַנאָווענט האָט עלישע דאָך געפּאַקט דעמ ברודיקנ שאַדכנ אײַנעמ אַלײנ אָפּנ לײדיקנ גרינעמ שטאָט־פּלאַצ אונ האָט אימ צעבלו־טיקט.

פּראַװאָטשקע איז דעמאָלט נישט געווענ אינ דער היימ, זי איז אוועקגעגאַנגענ מיט בורמאַנענ שפּאַצירנ.

אינמיטנ שטאַרק פינצטערנ אונ שטילנ אָוונט האָבנ זיך פּלוצעמ דערהערט האַרצרײַסנדיקע קוילעס פונ אַנ אַלטיטשקנ, וואָס ווערט שרעקלעך געפּײַניקט, אונ האָבנ זיך געוויקלט, ווי שווידער, אַרומ מענ־טשנס לײַבער. באָכעריִמ, וואָס האָבנ קראַפּט אינ די הענט, זײַנענ אַהינ

געלאָפן פון אלע עקן שטאָט, איבערשרייענדיק זיך, ווי בלינדע אין דער פינצטער, און נישט דערקענענדיק איינער דעם צווייטן. דעמלט איז אין דער לופט הענגען געבליבן א שרעק, וואָס פאר אן אומבעראכמאָנעסדיק געשלעגן; קינדער האָבן ערגעץ אופגעהויבן א קלאָג, ווי אף א געהארגעטן, און אין דער זעלבער צייט האָט די שיין פון עמערצנס אן עלעקטריש לאמטערנדל, זוכנדיק, א בלאָנדזשע געטאָן איבער דער פינצטערער גאס און האָט געפונען די פיס פון איינעם א צולעצט אוועקגעלאָפענעם טאטן.

אָבער ווען דער אוילעם איז צוגעקומען אהין, צום ליידיק גרינעם פלאַץ, האָט מען דאָרטן שוין נישט געטראָפן קיינעם, אחוץ אלטן, וועלכער איז איינער אליין געזעסן אף דער ערד. איינגעהייקערט אין דערשראָקן האָט ער געהאלטן די הענט אונטערגעשטעלט אונטער די טראָפנס בלוט, וואָס זיינען אים גערונען פון נאָז, און האָט ארויסגעכליפעט פון גרויס ציטערניש:

„אוי, האָט ער מיך דערשלאָגן, אָט דער הולטיי, אָט דער מאָמזער... אוי, האָט ער מיך צעביילט...”

„קינדער, — האָט עמעצ ארויסגעשריגן אפן קאָל, — ס'זאָל אים נישט זיין געשענקט!”

און אין דער זעלבער צייט האָט זיך דערהערט א צווייענדיקער דונער, א קנאַל, און זיך גענומען קוילען איבער דער לופט.

„טראַך טרערעראַך!”

דאָס האָט עלישע בא זיך אין סאָד ארויסגעשאָסן צוויי מאָל פון זיין רעוואָלווער. איינמאָל פון הימלעכקייט ווענן, דאָס צווייטע מאָל, קעדיי צו דערוויזן דער שטאָט, אז ער האָט פאר איר קיין מוירע נישט.

דעם צעבלוטיקטן שאדכן האָט מען נאָכדעם ארומגעפירט פון איין כאָשעווען באלעבאָס צום צווייטן:

„אָט, זאָלן יידן זען, וואָס דער רוצייעך האָט אים געטאָן.”

דער אלטער אליין האָט געקרעכצט און געבראָכן פיסקעס, כאָטש אים האָט שוין גאָרנישט וויי געטאָן. אים האָט מען איינגערעדט, אז ער קאָן דערפאר געמען בא עלישען געלט. און די קאצאָווים זיינען אים נאָכגעגאנגען און האָבן געזאָגט, אז מאָרגן וועלן זיי שוין ווידער נישט ארויסגיין קוילען.

פרויקע איז געקומענ צו לויפנ צו עלישענ אינ שטוב. ער איז געווענ מאָלע רעציכע, וואָס דער הונדערטער פאר זײַנ בוירעס האָט זיכ אים פונ האַנט ארויסגעגליטשט, ער איז ארומגעלאָפנ איבערנ עס־צימער, ווי א וויכער.

„וואָס זשע רעדנ? כ'האָב נישט געוווסט פריִער? עלישע וועט מאכנ אומגליקלעכ זיכ אליינ, די גאנצע שטאָט אונ אלע מענטשנ, וואָס רירנ זיכ צו אים צו...“

אונ פראַדאָטשקע, איבער וועמענ דער גאנצער אומגליק איז געשענ, איז שוינ געזעסנ בא דער זײַט. איר פּאָנעם איז נאָכ געווענ רויט פונעם שפּאציר מיט בורמאנענ, אונ געפילט האָט זי זיכ שלעכט...

„איכ ווייס וואָס? האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט, און עפּעס אנ אלטער שיקער בעבעט דאָרטנ, האָרכ ער זיכ גיינ מיט אים אויסשטעלנ.“

דעמלט האָט זיכ צו איר עלישע צום ערשטנ מאָל פונ נאָכ דער כאַסענע מיט גרויס קאַס אויסגעדרייט.

„בעבעט, — האָט ער זיכ איר נאָכגעקרימט אונ איר מיט דעם אָפּ עפּעס מעראַמעז געווענ. — בע־בע־ט...“

אונ נאָכדעם האָט ער זיכ אויסגעדרייט צו פרויקענ, וואָס האָט פאַרלאָזט מיט גרויס רוגזע די שטוב; ער האָט דערפילט צו אים די זעלבע סינע, וואָס ער פילט צו דער גאנצער שטאָט, אונ האָט אָפּ אים געשווינד א וואָרפ געטאָנ מיטנ קאָפּ:

„זאָל ער גיינ, נישקאָשע... קיינער האָט נאָכ אים נישט געשיקט.“

VII

פּראַדאָטשקע האָט זיכ געפילט באַליידיקט אָפּ עלישענ אונ האָט צוויי טעג נישט געוואָלט מיט אים רײדנ. איטלעכנ מאָל, וואָס ער איז צו איר צוגעגאנגענ אונ האָט איר געוואָלט א קוש טאָנ, האָט זי אים פונ זיכ אָפּגעשטופּט נישט מיט די הענט, נאָר מיט די אַקסלענ אונ האָט זיכ אויסגעדרייט מיטנ פּאָנעם צו דער וואַנט.

„זאָל ער פונ מיר אָוועקגיינ, האָט זי אים דערבײַ געדרייצט מיט איר עכט ווײַבערש קאָל, איכ קאָנ אָפּ אים נישט קוקנ.“

עלישענ איז אלעמאָל אויסגעקומענ אָפּצוטרעטנ פונ איר מיט א

לײַדנשאַפֿטלעכ פֿאַרביסענער אונטערשטער ליפּ אונ מיט די הענט, טיף פֿאַרוקט אינ די הויזנטאַשנ.

„פֿכע!" האָט ער אָפּ איר מיטנ קאָפּ א וואָרף געטאָנ, אונ אָט דער „פֿכע" האָט געהאַט פֿאַרשײדענע טײַטשנ. ער האָט געהײסנ:

„א גאַנצע אַדוינגים באַ זיכ געוואָרנ, איכ זאָג דיר דעמ עמעס..."

אונ נאָכ א זינ האָט עס געהאַט:

„נישקאָשע, ס'וועט איבערגײנ... זי וועט בעסער ווערנ."

פֿראַדאַמשקע האָט זיכ אָבער ווײַטער געטאָנ דאָס איריקע אונ איז אינ אײנעמ א פֿרימאָרגנ אוועקגעפֿאָרנ מיט א באַלעגאָלישער פֿור צו איר מאַמענ קײנ מעזשביזש. דער באַלעגאָלע איז געווענ טאַקע א דאָרטיקער, א מעזשביזשער. פֿראַדאַמשקע האָט אימ מיט זײַנ פֿור דערזענ דורכנ פֿענצטער אונ איז ארויסגעגאַנגענ צו אימ איבערדרויכנ. אַפּאָנעמ, דער געדאַנק וועגנ אוועקפֿאָרנ איז איר צופֿעליק אויפֿנ זינענ ארויף.

„הערט, זײַנוויל, — האָט זי באַ אימ געפֿרעגט, — איר וועט מיכ נעמענ קײנ מעזשביזש?"

אונ זײַנוויל האָט צורעכט געמאַכט אויף די פֿערד די לאַבידרעקעס אונ האָט געענטפֿערט פֿאַמעלעכ מיט א שמײכל:

„פֿאַרוואָס נישט? א מיעס ווײַבל וועל איכ ברענגענ קײנ מעזשביזש?"

ווענ עלישע האָט זיכ אומגעקערט פֿונעמ נאָענט-דאָרף, ווו ער האָט דערמאָנט א פּאָר פּויערימ, זײ זאָלנ קומענ אויסלײזנ זײערע ווינטערדיקע פֿעלצנ, איז שוינ פֿראַדאַמשקע געווענ אוועקגעפֿאָרנ.

„זע?!" האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט באַלד באַמ ארײַנקומענ אינ זאַל ארײַנ אונ האָט באַקומענ אזא דערשטוינטנ פּנימ, גלײַכ ער וואָלט בעשומוינפֿנ נישט גלייבנ, אז פֿראַדאַמשקע קאָנ אימ אזא זאַכ אָפּטאָנ.

אינ שטוב איז דורכויס געווענ מאָדנע שטיל אונ נישט אויפֿגערוימט. די ווײַכע שטולנ זײַנענ געווענ אָפּגערוקט פֿונ זײערע שטענדיקע ערטער אונ האָבנ געבענקט נאָכ דער אוועקגעפֿאָרענער, אונ דאָס דינסטמײדל האָט זיכ געפּאָרקעט אינ קיכ באַמ פֿאַרשפּעטיקטנ אָנבײַסנ אונ האָט עפּעס געפּרעגלט. דער גאַנצער פֿרימאָרגנ איז באַ איר אוועק אויף ארויסבאַגלײטנ פֿראַדאַמשקענ אהײמ.

עלישע איז צומ אלעמ ערשטנ ארײַנגעקומענ אינ שלאָפֿצימער. ער

האָט זיך איבערצײַגט, אַז פראָדאָטשקע האָט איבערגעלאָזט אינ די שראַנקענ אַלע אירע זאַכנ, אונ האָט זיך באַרויִקט.

„זי וועט בעסער ווערנ, נישקאָשע... דעמ שילאָטנ־שאַמעס וועל איכ נאָכ איר נישט שיקנ."

אונ נאָכדעמ איז ער שוינ א גאַנצנ טאָג אַרומגעגאַנגענ אייִנער אַליינ בא זיך אינ שטוב אונ האָט נישט געוווּסט, וואָס אינ שטאָט טוט זיך; פרויקע איז געווענ באַרויִגט אונ האָט מער נישט געוואָלט גייענ צו אימ אינ שטוב. אָקאָרשט פאַרנאַכט האָט ער דערהערט א קלונג פונעמ פאָראַד־גלעקל אונ האָט זיך געלאָזט אַהינ לויפנ, אימ האָט זיך געדוכט, אַז פראָדאָטשקע האָט זיך אַהיימ אומגעקערט. נאָר געווענ איז דאָס נישט מער ווי דער ראַבינער בורמאַנ, וואָס איז געקומענ רופנ פראָדאָטשקענ שפּאַצירנ.

„נישטאָ, — האָט אימ עלישע קלוגערהייט א זאָג געטאָנ אונ האָט דערבײַ פאַנאַנדערגענומענ ביידע הענט, ווי פליגלענ. — אוועקגעפאָרנ."

„נישטאָ?" — האָט דער ראַבינער שמייכלענדיק איבערגעפרעגט אונ דערפילט האָט ער זיך אַזוי מאָדנע, גלײַכ ער איז נאָכ גאָר א קלייניטשקער, ער איז איצט געקומענ זיך שפּילנ מיט פראָדאָטשקענ, זײַנ באַוווּרטע, אונ עלישע, דער גרויסער, באַרויערט זײַנ מאַזל:

„נישטאָ, גאָרעלע אייגער... מוזט זיך נעבעכ אומקערנ אייִנער אַליינ אַהיימ."

דער שעמעוודיקער שמייכל איז נישט אַראָפּ פונ זײַנ פּאָנעמ אַפילע נאָכ דעמ, ווענ ער איז אייִנער אַליינ געגאַנגענ צוריק צו זיך אַהיימ, אונ עלישע האָט שוינ הינטער אימ געהאַט צוריק די טיר פאַרשלאָסנ. זײַנע אַלע מאַנצבילשע באַציִונגענ צו איר, דער אוועקגעפאָרענער, האָבנ זיך אימ געדוכט קינדעריש אונ נאַריש, נישט פאַר אַזא ערנסטנ מענטשנ, ווי ער, האָבנ זיי געפּאַסט. פּלוצעמ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אונ זיך אַרומגעקוקט. אַרומ אימ אפנ ליידיקנ גרינעמ פּלאַץ איז קיינער נישט געווענ. ער האָט מיטנ פריִערדיקנ שמייכל צוגעשטעלט א פינגער זיך צומ האַרצנ אונ האָט צומ ערשטנ מאָל אינ לעבנ אָנגעהויבנ רייִדנ צו זיך אַליינ.

„בורמאַנ!.. האָט ער צו זיך געזאָגט, ביסט א נאַר, בורמאַנ... ווי איכ בינ א ייִד..."

עלישע, אַז ער האָט זיך יעדנ אָוונט געלייגט שלאָפנ, האָט ער פונ

גרויס עלנטקייט נישט געקאָנט אײַנדרעמלענ אונ האָט זיכ באַ=שלאָסנ:

„מאָרגנ פאָרט ער נאָכ פראַדאָטשקענ... באַלד ווי ער שטייט אויפ, דינגט ער א פור אונ פאָרט נאָכ איר אַוועק.”

נאָר באַנאַכט האָט ער כ'ראָוו געהאַט שלעכטע כאַלוימעס וועגנ געלט, וואָס ער דערלייגט, אונ אינדערפרי, באַם אויפשטיינ, איז ער שוינ ווידער געווענ אָפ איר אויפגעטראָגנ אונ האָט זיכ אָנגעטאָנ מיט קאַס:

„אָט וועט ער אָוועקוואַרפנ אַלע געשעפטנ אונ וועט לויפנ נאָכ איר!.. ער האָט מער נישט וואָס צו טאָנ!”

אונ אַזוי האָט זיכ עס געצויגנ א גאַנצע וואָכ, ביז אינ שטאָט האָט זיכ קעגנ אים דער נײַער טומל פאַרשטאַרקט, אונ ער האָט דער־פילט, אַז ער גייט אונטער מיט זײַנ גאַנצ פאַרמעגנ אונ לעבנ; וועגנ פראַדאָטשקעס רויגעז האָט ער שוינ אַפילע קיינ צײַט נישט געהאַט צו קלערנ.

אינעם נײַעם טומל זײַנענ ווידעראַמאָל שולדיק געווענ די קרעמערס מיטנ אַלטנ שיקער, וועמענ ער האָט צעבלוטיקט, זיי האָבנ געבראַכט דערצו, אַז די שטאָט האָט שאַבייסענאַכטס אָפגעהאַלטנ א גרויסע אַסי־פע ערגעץ אינ איינער פונ אירע קלויזנ אונ האָט באַשלאָסנ:

„אויב א גאַנצע שטאָט וויל נישט עלישענ פאַר א באַלטאַקסע, קאָנ זי קיינער דערצו נישט נייטנ.”

צו דעם באַשלוס זײַנענ באַלד צוגעשטאַנענ אַלע אָרטיקע יאַדאַכעס־דיקע קאַצאָווימ; זיי האָבנ צעהאַרגעט צוויי קאַצאָווימ שוטפימ, וואָס זײַנענ פלוצעמ איבערגעגאַנגענ אפ עלישעס צאַד, אונ האָבנ מיטאַמאָל אויפגעהערט צו קוילענ. דער נעמאַנ, פאַר וועמענ דער ראָוו האָט זיכ געאָרעוועט, האָט שוינ מער נישט געבראַכט צו עלישענ אינ שטוב קיינ פולע טאַשנ מיט זילבערנע רובלענ אונ מיט מינצ, פונ וועלכע ס'פלעגט שמעקנ מיט רויענ ביילעוו אונ מיט יאַטקע=פלייש. ער האָט זיכ ליידי=קערהייט אַרומגעדרייט אינ מאַרק אונ פונ לאַנגווײַליקייט געקנאַקט יאָ־דערנ. אונ די קרעמערס זײַנענ שוינ געווענ באַ זיכ שטאַרקער אונ פריי=לעכער. זיי האָבנ אינ מאַרק אָפגערעדט די פויערימ, וואָס טראָגנ מאַש=קאָנעס צו עלישענ אינ „סורגע קאַסע”, אונ האָבנ זיכ מיט מער זי=כערקײַט געטרייסט:

„האָט קיין יעסורים נישט... ער וועט בלײַבן אַ קאַפּצן."

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די קאַצאָווים אָפּגעהאַלטן בעסאָד אַ באַזונדערע אַסיפֿע און האָבן באַשלאָסן געבן עלישען פּעטש. זיי האָבן געהאַט פֿולע מײַלער מיט שווער באַוועגלעכער צונג און האָבן געשריען אַלע צוזאַמען:

„די קישקעס וועט מען אים אַרויסלאָזן!"

„ער איז דאָ אַ פֿרעמדער..."

באַנאַכט זײַנען מיטאַמאָל בײַ אַלע אָרטיקע שאָכטים אויסגעשלאָגן געוואָרן די פֿענצטער, קעדיי זיי זאָלן אויפֿהערן קוילען הינער מיט גענדז, און אין שטאָט איז געוואָרן גרעסער דער טומל. מ׳האָט נישט געוווּסט, וועמעס אַרבעט דאָס איז: די קאַצאָווים האָבן אומישנע אויסגעשלאָגן די פֿענצטער בײַ אײנעם אַ זייערן, קעדיי דער כשאַד זאָל פֿאַלן אַף עמעצן אַנדערש. און אַלײן זײַנען זיי, ווי אַלע פֿרימאָרגן, געשטאַנען אַלע אײנײנעם אין מאַרק און האָבן קלוימערשט לײצאָנעס געמאַכט פֿון זיך אַלײן און פֿונעם ניצאָכן, וואָס זיי פֿירן.

„וואַרט, עלישע האָט נישט קיין קינדער, וואָס ווילן עסן."

„נאָר אײנער, בײַ אים קאָכט מען אום שאַבעס, נאָט אין האַרצן האָט ער נישט."

ס׳האָט זיך צוגערוקט אַ נײַער מיטליאָריקער קאַצעוו, מיט אַ נאַריש לאַנגער באָרד און מיט ברודיק קאַליע אויגן, און האָט צוגעגעבן:

„פֿון די צען טויזנטער, וואָס ער האָט פֿון זײַן געפֿייגערטן זיידן אָפּגעשונדן, האָט ער דערווײַל צעטרענצלט נישט מער ווי פֿינף, ווי איך בין אַ ייִד."

האָט מען אים אָנגערוקט דאָס היטל איבער די אויערן און אים גענומען רייצן:

„איצבאָק וואַראַטוטע, מעשוגענער גוילעם דו!.. גיי שלאָג אויס עלישען די פֿענצטער."

איצבאָק וואַראַטוטע איז געווען אַזוי טעמפּ, אַזוי קרעפּטיק און שווער באַוועגלעך. אַף דער קאַצאָווישער אַסיפֿע האָט ער דער ערשטער זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר פּעטש, ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז מ׳דאַרף עס האַלטן בעסאָד, און אַז באַטאָג איז דערויף קיין צײַט נישט. אײַנגעהויקערטערהייט האָט ער אָפּגעשטיפּט פֿון זיך די היימישע גוטע־ברידער, געשמייכלט נאַריש, ווי אַן אידיאָט, און האָט גערעדט מיט אַ קאָל

פונ אַ פאַרגרעבטנ באַלעגאָלע:

„גיי אַליינ!.. ווער פאַרברענט!"

באַטאַג האָט בעוורע קאַצאָוויט דערזענ בורמאַנעג מיט פּרויקענ אינ עק מאַרק אַדורכגיינ און געמאַכט אַפ זיי אַ „טויהאַ", ווי אַפ האָזנ.

„ס'איז איינ קאָמפּאַניע מיט עלישענ, נאָר איינער."

„געענדיקט די קלאַסנ."

„וואָס פרעגסטו? מ'רייכערט איינגענעמ די שאַבעסדיקע פּאַפּיראָסנ."

מע האָט באַמערקט עלישעס דינסטמיידל, וואָס קערט זיכ אומ פונ דער רוסישער קלייט, און איר גענומענ נאָכשרײַענ אַפנ קאָל:

„וואַרט, ס'וועט אימ אָפּקאָרשטנ די נעשאָמע אַרויס, מיילעכ גויס אייגיקל!.. ער מיינט, מ'ווייסט נישט, אַז ער גייט אַרומ מיט אַ רעד־וואָלווער אינ קעשענע?"

דעמלט איז עלישע פּלוצעמ אַרויסגעשפּרונגענ פונ שמאָלנ געסל, וואָס צווישנ דער פּאָסט אונ קריסטלעכנ העקדעש, דער סטראַזשניק, וואָס האָט אימ באַגלייט, איז געבליבנ שטיינ וואַרטנ, אונ ער איז גלײַכ צו צומ בינטל קאַצאָווימ אונ האָט גענומענ אָנטרעטנ אַפ איצכאָק וואַראַטוטע.

„נו, האָב איכ מוירע פאַר דיר?! — האָט ער צו אימ געשריגנ, — נו וועסטו מיכ גיינ מאַסערנ?"

אימ איז שוינ אַזוי אויכ געווענ גענוג אָנגעזאָלצנ אַפנ האַרצנ. פונ נאָכצפרי אָנ איז ער געשטאַנענ מיטנ סטראַזשניק בײַ דער בוינע אַרויס דער שטאָט אונ האָט געוואַרט, עפּשער וועט פאַרט עמעצער קומענ קוילענ. אונ איצט איז ער ענדלעכ מיט גרויס האַרצווייטעק אַרויס אַהער צו די קאַצאָווימ, ס'האָט געהאַלטנ אַפ אַ האָר ווײַט פונ פּעטש.

VIII

יאָנ דער סטרוזש, וואָס בײַ עלישעס שטוב, איז געווענ צעקריגט מיטנ דינסטמיידל, דער קעכנ. די סיבע פונ דער קריג איז געווענ אַ פולער קיכ־צעבער, וואָס יאָנ האָט צוריק מיט אַ פּאָר טעג זיכ אָפּגעזאָגט אַרויסצוטראָגנ. דאָס דינסטמיידל האָט פונ גרויס אופגערעגטקייט אופגעהערט אָפּצוהיטנ פונ זײַנעטוועגנ די געקאָכטע אונ פּעטע יויכ־ציבלקעס אונ האָט מער נישט געוואָלט זײַנ פּאַנעמ אָנקוקנ.

„ווי לאנג קרענקט ער, האָט זי געזאָגט, בעשאס ער האָט פונ דרויסנ די צוגעשלאָסענע קיך־טיר א שלעפ געטאָנ, ער וועט שוינ בא מיר ליגנ א גאנצע נאכט אינ דרויסנ, ווי א הונט.״

יאגענ איז געווענ לאנגווייליק, ער האָט געדאָרשט נאָכ א לעבעדיק וואָרט. א גאנצע שטאָק־פינצטערע נאכט האָט זיינ פייפל בענקענדיק געבויערט די שטילע לופט, וואָס אינ פארשיידענע ווייטע סאָד־ווינקלענ. מיטנ טאָג־ליכט האָט ער זיכ געשטעלט ריידנ מיט א פייער, וואָס האָט אינ א פארבלוטיקטנ פאפיר געטראָגנ פונ מארק דריי פונט פלייש, אונ נאָכדעמ האָט ער זיכ שוינ מער נישט איינגעהאלטנ אונ האָט אָנגעקלאפט אינ פענצטער פונ עלישעס שלאָפצימער:

„בארינ!.. א, בארינ... אינ שטאָט פארקויפט מענ פלייש, בארינ!..״

עלישע האָט זיכ אויפגעכאפט מיט שרעק, גלייכ אפ אָט דעמ נייעמ אומגליק וואָלט ער ווארטנ נאָכ פונ נעכטנ אונ א גאנצע נאכט אינ כאָלעמ.

„אהא! די קאצאָווים...״

באלד איז ער אינ אונטערשטע וועש אראָפ פונ בעט אונ האָט געשווינד פאנאנדערגעעפנט דאָס פענצטער:

„ווער האָט געטראָגנ?..״

זיינ האָריקע צעכראסטעטע ברוסט האָט זיכ אינ שרעק געוויגט די גאנצע צייט, וואָס יאנ האָט איבערדערציילט; ער האָט נישט געפילט די פייכטע, האלב־פראָסטיקע נאכט־קעלט, געעטעמט קורצ אונ שווער אונ האָט פארשטאנענ נאָר איינ זאכ:

„באָסער־כוצ... ״

איצט נאָכנ צעשטערטנ שלאָפ האָט עס געווירקט מאָדנע שארפ אונ קרענקלעכ. די גאנצע שטאָט, די קאצאָווים, קרעמער אונ באָשעווע באלעבאטימ האָט ער געפילט, ווי איינ מעכטיק אכזאָריעסדיק גע־שטאלט, ס'איז אויסגעגאָסנ פונ איינ שטיק, ס'איז שווער, ווי אייזנ, אונ ס'דריקט שטומערהייט אימ, דעמ פונעמ שלאָפ אויפגעריסענעמ. צעשראָקנ אונ גיכ־גיכ האָט ער אפ זיכ געשלעפט דאָס אָנטאָנ, אונ אינ א ווײַלע ארומ האָט ער זיכ שוינ געיאָגט צווישנ די שלאָפנדיקע, האלב־טונקעלע הינטערגעסלעכ, וואָס נידעריקער פונ מארק.

„כאפנ... ער מוז כאפנ!״

ער האָט זיכ געוואָרפנ פונ אונטער איינ געשלאָסענער שטוב צו

דער צווייטער, גלײַכ בײַשט אַט די שטוב האַרפּ ער, נאָר אָט יענע..
יענע, וואָס א פלעק פונ אנ אויסגעגאָסענעמ עמער וואסער שווארצט
זיכ פונ נעכטנ אָוונט אָנ לעבנ איר געשלאָסענער הינטער־טיר אונ
טוקט זיכ, ווי דאָס גאנצע געסל, אינ פײַכטנ גאנצ פריִערדיקנ נעבל
אונ אינ קילנ מאָרגנ־שלאָפ. פונ מארק האָט זיכ נאָכ אלצ געהערט דער
אומענדלעכער סקריפ פונ די שווער אָנגעלאָדענע וועגנס; דאָרטנ ארומ
האָט זיכ קוימ גערוקט די וויאָרסטנדיק לאנגע שורע פורנ, וואָס שטעלנ
צו בורעקעס צו דער ווײַטלעכער טאָרהאָוויצער צוקער־פאבריק. נאָר
אָט האָט א ציטער געטאָנ אפ פײַכט קילער ערד איינער פונ די לאנגע
נאכט־שאָטנס אונ זיכ גענומענ רוקנ, רוקנ; דאָס האָט די זונ אָנגע־
צונדנ דעמ גאָלדענעמ קלויסטער־שפּיצ, נאָכ איידער זי אליינ האָט זיכ
באוויזנ. אונ פלוצעמ, א יאָג זיכ, ווי א וויכער, אינ א זײַט צו א
סקריפ פונ א הינטער־טיר אונ צו א פארשלאָפנ דינסטמיידל, וואָס האָט
זיכ פונ דאָרטנ ארויסגערוקט מיט א פארבונדענעמ קאָפּ אונ מיט א
קאָשעק אינ האנט. נאָכ איינ רעגע פונ פארכאפטנ אָטעמ, אונ ער
האָט געפּאקט.

„אהא!.. פלייש!.. וואָס פאר פלייש? פונוואנעט טראָגסטו פלייש?!"

מיט פינפ מינוט שפעטער איז ער שוינ מיט אָט דעמ אויסגעריסע־
נעמ קאָשעק פלייש געווענ באמ ראָוו אינ שטוב אונ האָט דאָרטנ
האסטיק געקלאפּט אינ טיש:

„אנ ערלעכער ייִד הייסט דאָס? אינ דער גאנצער שטאָט עסט מענ
באָסער־כוצ, אונ איר ווייסט עס אונ שווײַגט?.."

דער ראָוו איז גאָרוואָס געווענ אופגעשטאנענ פונ שלאָפ, ער האָט
געהאלטנ פונקט בא „אלהי, נשמה שנתת בי טהורה", אונ האָט נישט
געוווּסט פונ עפעס צו זאָגנ. ער האָט געקוועטשט מיט די אקסלענ:

„כ'ווייס, וואָס ער וויל פונ מיר, אָט דער א... ער וועט דאָס מיכ
לערנענ זײַנ אנ ערלעכער ייִד!.."

עלישע איז פונ דאָרטנ אוועק צומ סטאנאָווי אונ האָט טעלעגרא־
פירט צומ איספּראווניק נאָכ הילפ. אינ אָנדערהאלבנ שאָ ארומ האָט
ער זיכ שוינ איניינעמ מיט פיר סטראזשניקעס געיאָגט פונ איינ קאַ־
צאָווישער שטוב צו דער צווייטער, געזוכט אומעטומ, אפ די בוידע־
מער, אינ די קעלערס, אונ האָט אינ ערגעצ גאָרנישט געפונענ. א.נ
אָבדעמ האָט ער זיכ לאנג געוואלגערט בא זיכ אינ פינצטערנ שלאָפ־

צימער און האָט פון גרויס הארצווייטעק נישט געקאָנט איינשלאָפן. און נאָכדעם איז ער ווידער אָן א היטל און אָן א קראגן געשטאַנען אין פענצטער פון זיין שטוב און האָט געזען:

איבער דער שטאָט שטייט ווי שטענדיק די עלף-אַזייגערדיקע זון, און פון אלע קוימענס גייט רויך. אין יעדן טעפּל קאָכט זיך באָסער-כוץ, זיין פלייש קאָכט זיך דאָרטן, און ער ווייסט עס, ער געדענקט, אז ער ווערט איבער דעם פון טאָג צו טאָג מער קאַפּצן, נאָר סיַזוויסיי איז שוין אלץ פארפאַלן, און ער קאָן דערצו מיט גאָרנישט גישט העלפן.

און אין א פּאָר טעג ארום איז דאָך אָנגעקומען א פּאַפּיר פון איספּראַווניק, מ'זאָל אַרעסטירן דאָס פלייש, וואָס די קאַצאָווים וועלן אַריינפירן פון דער פרעמד.

עלישע האָט עס געהאַלטן בעסאָד; ער האָט אָפּגעלייגט דעם ארעסט אַף דער נאַכט, וואָס פאר ערעוו ראָשעשאָנע, און אליין האָט ער זיך שוין ווידער ארומגעדרייט בא זיך אין שטוב מיט קרעכצנדיקע ציין און מיט גרויס שטאַרקייט קעגן דער שטאָט.

„היצלעס! א רועכ'ן זייערע ביינער... זיי וועלן אָקאָרשט געוואָר ווערן, מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן.“

דערצו איז נאָך דאָס וועטער קאַליע געוואָרן. די שטאָט האָט גע-נומען זינקען אין ווייסטן הארבסט-כאַשכעס און אין דריבנעם רעגן, וואָס ווערט געשמיסן צי פונעם ווינט צי פונעם פּאַבער, וואָס פאר די גאָענטע יאָמים-נויראָים. און די קאַצאָווים האָבן געהאַט איבערצוקו-מען גרויסע שווערדיקייטן באַם צושטעלן דאָס פלייש פון דער פרעמד.

„ס'קומט אָן מיט די גריגע ווערעם, האָבן זיי זיך בעסאָד פאר די קרעמער געקלאָגט, די גויִים ווילן נישט פאָרן, כאָטש גיב זיי א קרענק.“

און יאָן דער סטרוזש, וועמען עלישע האָט שטילערהייט אָוועקגע-שיקט ארומבלאָנקען אינעם גאָענטן דאָרף, האָט זיך סאַפּקאַלסאָפּ איינ-מאָל פאַרנאַכט אומגעקערט און האָט געבראַכט די גייטיקע יעדיִע:

„די קאַצאָווים האָבן באַשטעלט סידאָר דעם קליינעם און פּעטראָ פון דער מלינע. ביידע וועלן ארויספאָרן מיט זייערע פורן טבילעס-נאַכט, און ערעוו ראָשעשאָנע פאַרטאָג וועלן זיי שוין זיין צוריק אין שטאָט.“

דער רעגנ איז סאָפּקאָלסאָפּ הענגענ געבליבנ אינ דער לופט, ער האָט איבערגעלאָזט נאָכ זיכ א פייכטנ אונ ווארעמענ דאמפ, וואָס האָט ארויסגעזעצט דורכויס, ווי פונ אונטער ווארעמע דורכגענעצטע הויפנס מיסט. אינ דער נאכט, וואָס פאר ערעוו ראָשעשאָנע, איז שוינ אָט דער דאמפ געווענ איבערגעגאנגענ אינ א געדיכטנ ברוינעמ נעפל. ער האָט די שטאָט געמעקט אונ געשלונגענ פונ אלע זייטנ. אינ אז א פויער פונ דאָרפ איז צו איר געגאנגענ אנטקעגנ, האָט ער די ערשטע הייזער נישט דערקענט, אזוי מאָדנע נייַ אונ פרעמד האָבנ זיי אימ אויסגעזענ. ס'האָט זיכ געדוכט: די שטאָט איז אָפּגערוקט געוואָרנ עפּשער אפ א גאנצנ וויאָרסט פונעמ אָרט, ווו זי איז פריער געשטאנענ.

אינ שטאָט האָט מענ זיכ געלייגט שלאָפנ פרי, קעדיי אופצושטייַנ פארטאָג צו די סליכעס פונ זכויר-ברייס אונ נאָר קעגנאיבער דעמ גרויסנ ליידיקנ פלאצ, מיטנ נעפל, וואָס הויערט איבער אימ, האָט זיכ צו שפעט אונ צו שוואכ געלויכטנ אינ א פענצטער בא עלישענ אינ שטוב. דאָרטנ איז שוינ אלצ געווענ אויסגערעכנט אונ צוגעגרייט צו דער פארטאָגיקער ארבעט. פיר באוואָפנטע סטראזשניקעס זייַנענ גע־ווענ פארזעצט לעבנ די פיר פארשיידענע וועגנ, וואָס פירנ ארייַנ אינ שטאָט, אונ אינ שטוב זייַנענ געבליבנ ווארטנ עלישע, דער אוריאדניק אונ יאנ דער סטרוזש, וואָס האָט א גאנצנ פארנאכט נאָכאמאָל ארומ־געבלאָנדזשעט אינ נאָענטנ דאָרפ אונ האָט איצט געכאפּט א גע־שמאקנ דרעמל ערגעצ-ווו אינ פינצטערנ קאָרידאָר, לעבנ דער קיכ. אינ היפּשנ עסצימער איז די פאָדלאָגע געווענ שטארק בלאָטיק אונ אומ־רייַנ, אונ געלויכטנ האָט דאָרטנ נישט מער ווי דאָס ארייַנגעדרייטע קיכ-לעמפל, קעדיי די שייַנ זאָל זיכ קיינעמ נישט ווארפנ אינ די אויגנ. אויסגעצויגנ אפ פיר צונויפגעשטעלטע בענקלעכ, האָט דאָרטנ געשמאק געשנאָרכעט דער פולבלייַכיקער אונ שטארק קורצער אוריאד־ניק, נישט געדענקט, וויפל ביסלעכ בראָנפנ ער האָט אינ זיכ ארייַנגע־גאָסנ, אונ געבלאָזנ פונ שלאָפ די באקנ מיט די ליפנ. עלישע איז געווענ אָנגעטאָנ אינ פאלטאָ. אינ א ווארטנדיקער פּאָזע איז ער גע־זעסנ אקעגנ אפ דער קאנאפּע, ווי מ'זיצט באנאכט אינ דריט-קלאסיקנ וואגאָנ, אונ האָט פארטראכט געקוקט אפנ אוריאדניקס ברייטע גרינע הויזנ אונ אפ זייַנע נישט אָפּגערייניקטע בלאָטיקע שטיוול. פריער א

ביסל, ווענ ער איז ארויסגעגאנגענ אפנ גאנעק אונ זיכ גענומענ אײַנקוקנ אינעמ באנאכטיקנ שווערנ נעפל, איז אימ ארײַנ אינ געדאנק, אז באמ איצטיקנ באגעגעניש מיט די קאצאָווימ קאָנ טרעפנ אנ אומגליק. אונ אינ דער זעלבער רגע איז אימ ארײַנ צווישנ קראגנ אונ האלדז איינע פונ די טראָפנס, וואָס האָבנ געטריפט פונ דאכ, אונ איבערנ גאנצנ לײַב איז אימ אדורכגעלאָפנ א געשווינדער אונ קאלטער שוידער. אז ער האָט זיכ אומגעקערט צוריק אינ עסצימער צו דער קאנאפע, איז באלד אָט דער געדאנק פארשווּנדנ, אונ דער פארגאנגענער טאָג מיט דער איצטיקער נאכט האָבנ זיכ געדוכט אזוי ווײַט אונ פרעמד, גלײַכ זיי וואָלטנ פאָרגעקומענ נישט איצט, נאָר טיפ-טיפ אינ די קינדעריאָרנ. פונ גרויס גלײַכגילטיקײַט צו אלעמ ארומ אונ צומ אומגליק, וואָס קאָנ געשענ, האָט ער זיכ אָפגעגעבנ דעמ נאָגנדיקנ דרעמל אונ באלד פארלאָרנ דעמ קאָפ אפ דער ברוסט. אימ האָט זיכ שוינ אפילע אָנגעהויבנ באמבלענ, וויאזוי דער זיידע זײַנער, מיילעכ גוי, זיצט אינ דרויסנ אפ די טרעפלעכ פונ גאנעק אונ בקירעט מיט א באקאנטנ פויער א באלעגופ וועגנ אימ, זײַנ אייניקל עלישע, אונ וועגנ אלע אנדערע הײַנטיקע יונגעלײַט, וואָס וויסנ נישט, וויאזוי אָפצוהיטנ א קאָפעקע.

„טאק-טאָ, טאק-טאָ", זאָגט דער אלטער אונ לאָזט אפ זײַנ שטײגער גאָרנישט נידעריק אראָפ דעמ קאָפ.

נאָר פלוצעמ איז אקעגנ מיט גרויס ראש לעבעדיק געוואָרנ איינע א שווארצע שויב, אונ אינ אימ האָט ווידער, ווי באטאָג, גענומענ זידנ דאָס בלוט. ער האָט קוימ אויסגעהערט, ווי דער ארײַנגעקומענער סטראזשניק דערציילט, אז איינ פור פלייש האָט ער געכאפט, אונ אז די צווייטע איז אימ, ווי אונטער דער נאָז, פארשווּנדנ.

„אומגליקלעכ, האָט ער זיכ צעשריִענ אפנ אוריאדניק, די היגע פאָליציע מאכט מיכ אומגליקלעכ!"

אונ ניט הערנדיק מער, וואָס דער פארשלאָפענער אוריאדניק שטאמלט, איז ער געשווינד ארויס אינדרויסנ.

אינ יענער זעלבער נאכט האָבנ די קאצאָווימ געפאקט עלישענ איינעמ אליינ אונטערנ שטאָט אונ האָבנ אימ אָפגעשלאָגנ די לונגענ.

געשענ איז דאָס אינעמ בלאָטיקנ, מיט מאָכ פארוואקסענעמ טאָל,

צווישנ בעראָזעווע וועלדל אונ פארלאָזטע טאָרהאָוויצער בריקל. דאָס איז געווענ פונקט אינ יענער רעגע, ווענ עלישע האָט זיכ דאָרטנ, אינדערפינצטער, אָנגעשלאָגנ אפ דער צווייטער אויסגעבאהאלטענער פור פלייש אונ האָט זיכ געוואָלט לאָזנ לויפנ צוריק נאָכנ אוריאדניק אונ נאָכ די סטראזשניקעס. דעמ ערשטנ פאטש האָט אימ געגעבנ איינער א רויט=באקיקער קאצאָווישער באָכער, וואָס זייַנ פאָטער האָט מענ אינ שטאָט גערופנ „דער ליטוואק".

„נאָ! האָט דערביַי דער באָכער א געשריי געטאָנ פונ צווישנ שטייַפ צונויפגעדריקטע צייַנ, קריכ נישט אהינ, ווו מ'דארפ דיכ נישט".

עלישענ האָט זיכ באלד פונ אָט דעמ פאטש געלאָזט דאָס בלוט פונעמ אויער אונ פונ די ציינ; די באק האָט אימ א שטארקנ שמארצ געטאָנ. נאָר דער פארשטאנד איז בא אימ געבליבנ, ווי פריִער, מאָדנע רויִק אונ לויטער. זייַנע אויגנ האָבנ פונ זיכ אליינ געמאכט א באוועגונג לינקס, קעדיי צו זענ, ווער ס'האָט אימ אָט דעמ פאטש געגעבנ. נאָר פונקט אינ יענער רעגע האָט זיכ דער זעלבער פאטש איבערגעכאזערט פונ דער רעכטער זייַט, גלייַכ ער, דער פאטש, וואָלט שוינ זייַנ א זעלבשטענדיקער, א לעבעדיקער פאר זיכ. עמעצער האָט אימ פונ הינטנ געגעבנ א שטארקנ קלאפ אינ די פיס, גאָר נאָענט צו די טרעט, האָט ער מיטאמאָל א פאל געטאָנ אפ דער ערד, אונ אפנ זינענ זייַנענ אימ געשווינד ארופגעקומענ פראדאָטשקע, דער ראבינער, פרויקע טשערקיס אונ אלע אנדערע, וואָס וואָלטנ אימ איצט געקאָנט העלפנ אונ זייַנענ דאָ נישטאָ. די פארגאָסענע אויגנ האָבנ זיכ אימ אָנגעהויבנ אראָפלאָזנ, נאָר איידער זיי האָבנ זיכ אינגאנצנ פארמאכט, האָט נאָכ פאר זיי א בלאָנדזשע געטאָנ א לאנגע נארישע באָרד, מיט א פאָר ברודיקע קאליע אויגנ אונ א קרעפטיקער פוס אינ א שטיוול האָט מיט גרויס קאס זיכ פארוואָרפנ אפ צוריק, אונ עמעצער האָט א זאָג געטאָנ:

„איצכאָק ווראטוטע, גיב אימ טרוקענע... אונ מיט סייכל, פערד איינער!"

אונ דער פוס, וואָס אינ שטיוול, האָט באלד א קנאק געטאָנ צו אימ אינ דער זייַט אונ האָט אימ מיטאמאָל איבערגעקערט מיטנ פאָנעמ אראָפ. העגסטמאָל האָט זיכ עמעצער אראָפגעבויגנ איבער אימ אונ גענומענ ריידנ, ווי איבער א מעס, בא וועלכנ מ'בעט מעכילע:

„און דעם שאָדן האָסטו געמעגט שלאָגן?.. אַ בראַנד אין דײַנע ביינער."

און דער שטיוול האָט שוין געהאַקט דעם קאָפּ, אונטערן האַרצן און אין ביידע זײַטן, איבער זײַן קערפּער איז מען ווי איבערגעפֿאָרן מיט די רעדער און מיט דער גאַנצער שווערקײַט פֿון דער פֿאַרלאָזטער פֿור פּליוש, און נאָכדעם האָט מען אים איבערגעלאָזט ליגן אַליין און מ'איז אַנטלאָפֿן פֿאַרן פֿײַפֿערײַ פֿון די אַנטלויפֿנדיקע סטראַזשניקעס.

ווען מ'האָט אים מיט דער ערשטער בלאָסקײַט פֿון נעפּל געבראַכט צו טראָגן אַהיים, איז ער נאָך אַלץ געלעגן אין כאַלאַשעס. לעבן אים אין שטוב האָט זיך קיינער נישט געפֿונען, אַחוץ דינסטמיידל און אַחוץ אוריאַדניק, וואָס האָט אים געמינטערט מיט פֿאַרשיידענע פֿראַגן, זיך אַלעמאָל פֿונסנײַ אָנגעבויגן איבער אים און קיין ענטפֿער נישט געקראָגן, און אַזוי האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג, ביז אַרום נײַן אַזייגער אינדערפֿרי.

דעמאָלט האָט די זון געפֿינקלט אונטער אַ פֿאַרבלענדעניש פֿון אָנגע־וואָרעמטן נעפּל און אויסגעזען קרענקלעך און כאָרעוו, און פֿאַר דער שטוב זײַנען געשטאַנען אַ גאַנצע מענגע צונויפֿגעלאָפֿענע ווײַבער און קינדער און האָבן געוואַרט אויפֿן זעמסקי דאָקטער, וואָס האָט זיך שוין אַ האַלבע שאָ צײַט געפֿונען אינעווייניק, אויסגעהערט עלישעס האַרץ און אים פֿאַרבונדן די לעכער אויפֿן קאָפּ און אויפֿן נאַקן.

דער ייִדישער פֿעלדשער איז פֿון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען צום ערשטן. ער האָט גלײַכגילטיק אויסגעשפּיגן און האָט זיך געלאָזט אויספֿרעגן. האָבן שוין אין אַ ווײַלע אַרום אַלע געוווּסט, אַז עלישע האַלט שלעכט און אַז דער דאָקטער האָט דאָרטן געזאָגט:

„די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט אין קאָפּ, איז אַ קלייניקייט; דער עיקר איז דער שטילער הוסט זײַנער. מיט אַזאַ הוסט, זאָגט דער דאָקטער, קאָן מען מער ווי אַ וואָך נישט לעבן."

איינע אַ ייִדענע איז באַלד געפֿאַלן אַף אַ סײכל און האָט אָפּגע־שטעלט דעם באַלעגאָלע, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט ליידיקערהייט אויפֿן פּלאַץ און האָט געזוכט פֿאַרשווינען אין נאָענטן שטעטל טאַראַהאָוויצע.

„טיפּעש איינער, האָט זי אים געזאָגט, דו פֿלי בעסער אַוועק נאָך עלישעס ווײַב קיין מעזשביזש. מ'וועט דאָך דיר דאָרטן באַצאָלן צוויי מאָל סכירעס."

דער באַלעגאָלע האָט זיך לאַנג געקווענקלט, געקוקט באַלעבאַטימ אינ די אויגנ אונ הינט ענדלעכ געשמאַק אוועקגעשמיסנ מיטנ מעזשבי-זשער וועג; אימ האָט מענ אויסגערעכנט, אַז אויב ער וועט צושמײַסנ די פערד, קאָנ ער הײַנט, אומ ערעוו-ראָשעשאָנע, פאַרדינענ אַ גאַנצ פינפערל אונ צוריקומענדיק נאָכ פאַרכאַפּנ אַ „שטיקל באָד“.

נאָכ פאַר זונ-זעצנ האָט ער זיך אומגעקערט אײנער אַלײנ אַפ זײַנ מידער פור. ער האָט נישט געוווּסט, צו וועמענ ער זאָל האָבנ אַ טענע, זיך געאײַלט צו פאַרכאַפּנ אַפ יאָנטעוו הײ אונ האָבער פאַר די פערד אונ האָט מיט גרויס כאַראָטע דערציילט, וואָס מיט אימ איז אינ מעזש-ביזש געשענ:

„פריער שמײכלט זי אַזוי צו מיר, דאָס ווײַב זײַנס, אונ זאָגט: וואַרט, זאָגט זי, איכ וועל פרעגנ. אונ נאָכדעמ גייט צו מיר אַרויס די מאַמע אירע, אַט די קליפּע, אַ רוּעכ אינ אירע בײנער! אונ מאַכט צו מיר: פאָרט געזונטערהייט, מאַכט זי צו מיר, פּראַדאַטשקע וועט נישט פאָרנ. זאָגט אימ דאָרטנ, עלישענ, אַז ס'איז אַ ליגנ, ער איז נישט שלאָפ; פּראַדאַטשקע וועט נישט קומענ, סײַדנ ער וועט זי איבערבעטנ.“

IX

אינ דער נאַכט, וואָס נאָכ ראָשעשאָנע, האָט דער ראַבינער בורמאַנ געפּאַקט זײַנע זאַכנ. אַז ער האָט זיך נאָכדעמ שפּעטער ווי אַלעמאָל געלייגט שלאָפנ, האָט זיך אימ געכאָלעמט, ווי זײַנ שוועסטער, די האָר-באַטע מאַסאַזשיסטנ, באַגלייט אימ אַרויס אינ וועג אַרײַנ, זי באַגלייט אימ מאָרנע איבערגעגעבנ, ווי אַ מאַמע.

„לייבל, מאַכט זי צו אימ מיט גרויס געטרײַשאַפט, ס'פעלט דאָכ אַ קנעפּל אינ דײַנ סטודענטישער טוזשורקע.“

אונ בעשאַס זי האָט אָנגעבויגנ איר לענגלעכ, ראָזאַרביק פּאָנעמ צו איר פּערלמוטערנעמ קנעפּל-קעסטעלע, האָט ער זיך דאָ באַ זיך אינ בעט פונ שלאָפ אויפגעכאַפּט אונ האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אַזוי געדריקט אונ קרענקלעכ שולדיק, גלײַכ גאַנצ קאַמענעצער גאַטשאַלסטווע איז פלוצעמ געוואָר געוואָרנ וועגנ די אַלע פאַלשע פּריזיווניקעס, וואָס ער האָט געמאַכט.

„בורמאַנ! האָט ער, נישט עפּענענדיק די אויגנ, צו זיך אַלײנ אַ

זאָג געטאָנ, ביסט נישט װערט, װאָס די ערד טראָגט דיכ, בורמאנ...״

ער האָט א גאנצנ פרימאָרגנ אינ גרויס כאראָטע ארומגעשפאנט בא זיכ אינ כיידער אונ האָט זיכ אלעמאָל אָפגעשטעלט לעבנ טיש, װו דער שװעסטערס בריװ זײַנענ פונ זומער אָנ געלעגנ נישט קיינ געענטפערטע. אזויפיל מוטער האָבנ אימ אָט די שטומע בריװ געזאָגט אונ אזויפיל ראכמאָנעס האָבנ זיי געװעקט אינ אימ צו איר, דער פארלאָזטער. זינט זי האָט װי געהעריק אָפגעשאצט איר כיסאָרנ, האָט זי אריבערגעטראָגנ איר גאנצע געטרײַשאפט אופ אימ אונ האָט אימ עטלעכע מאָל געװאָרנט אינ אירע בריװ:

„לייבל, זינקסט אינ א בלאָטע; לייבל, קאָנסט זיכ נאָכ ראטעװענ, לייבל...״

איצט האָט זי אימ שוינ אפילע אופגעהערט צו שרײַבנ. מעגלעכ, אז זי האָט האָרט נישט פונװאנענ צו לעבנ, נאָר אימ שרײַבט זי מער נישט.

פונ גרויס אגמעסנעפעש האָט ער זיכ נאָכאמאָל צוגעלייגט אופנ בעט אונ האָט זיכ אינ אָנהייב נײַעמ דרעמל פארטראכט װעגנ בריװ, װאָס ער װעט זיכ באלד זעצנ שרײַבנ דער שװעסטער.

„ליבע שװעסטער... װעט ער איר שרײַבנ, איכ קוק זיכ ארומ אופ מײַנ גאנצ לעבנ...״ װעט ער איר שרײַבנ.

ס'האָט זיכ אימ געדאכט, אז ס'איז גוט פארנ בריװ אָט דאָס, װאָס ער הייבט איצט אָנ צו דרעמלענ, ס'איז גוט פאר די איצטיקע געפילנ, װאָס ער פילט צו דער שװעסטער. אימ האָבנ זיכ שוינ אפילע אָנגעהויבנ כאָלעמענ זײַנע לאנג געשטאָרבענע פאָטער־אונ־מוטער. בײַדע זײַנענ זיי מיט אימ געזעסנ ארומ א טישל מיט א זודיקנ סאָמאָװאר, אונ זײַנ פאָטער, דער שרײַבער פונ שטאָט־אופראװע, האָט צו אימ געזאָגט:

„זונ א מענטש איז שוינ אלט דרײַסיק יאָר, האָט ער צו אימ געזאָגט, אז א מענטש האָט אינ ערגעצ קיינ היימ נישט אונ באטראכט נישט, װאָס מיט אימ װעט זײַנ מאָרגנ...״

נאָר אויסגעקומענ איז שוינ אזוי, אז דער בריװ צו דער שװעסטער איז סאָפקאָלסאָפ געבליבנ אופנ טיש נישט קיינ געענדיקטער, אונ ער איז נאָר אָפגעשלאָפנ איבעריקע עטלעכע שאָ דאָ בא זיכ אופנ בעט, ער איז אינ ערגעצ נישט געפאָרנ. זײַנ שװערער, זעקספודיקער קער־

פֿער האָט מער נישט געקאָנט איבערטראָגנ די גרויסע יעסורימ, זיכ געלאָזט אפ העפֿקער אונ געזונקענ אינ שווערער שנאָרכנדיקער רו.

ווענ ער האָט זיכ איינמאָל אופגעכאפּט פונ אָט דעמ צושטאנד אונ זיכ געבומענ ארומוואשנ מיט הער פֿויערטעס א פרישנ עמער וואסער, האָט ער גאָר געדענקט, אז ער איז יענער בורמאנ, וואָס איז אמאָל געווענ א סטודענט אונ וואָס איצט וויל מענ אימ דאָ אינ שטאָט מאכנ אויס ראבינער; אז עלישע איז שטארק שלאָפּ אונ גייט פונ שטוב נישט ארויס, אונ אז בא אימ, בא בורמאנענ, איז איצט אנ איבער-גאנג-צייט; איז ער נישט שולדיק, וואָס ער דרייט זיכ דערוויילע ארומ ליידיק אונ האָט די לעצטע טעג אָנגעהויבנ שטאַרק נאָכקוקנ דעמ אָר-טיקנ שווארצ-ביינעוודיקנ מיידל, דער מאָדיסטנ. ער מוז זיכ איצט גוט מעיאשעוו זײנ וועגנ זיכ מיט פּראָדאָטשקענ, אונ דאָס וואָרט ער אפּ איר, זי מוז דאָכ סאָפּקאָלסאָפּ צוריקומענ פונ מעזשביזש.

ס'איז געווענ נאָענט צו זונ-זעצנ זיכ, אונ דער מאנצבל, וואָס אינ אימ, האָט זיכ, ווי אלעמאָל אינ דער צײַט, געשטארקט אינ אימ, ארויסגעשלעפּט אינדרויסנ צומ עקסטנ, ליידיקנ שטאָטפּלאצ. דאָרטנ האָט אימ באגעגנט דער זעמסקי דאָקטער, וואָס האָט זיכ א גאנצנ זומער צוזאמענ מיט אימ געבאָדנ אינ אָרטיקנ שלענגלענדיקנ טײַכל. ער האָט אימ באטראכט מיט קלוגעטשקע, צוזאמענגעצויגענע אויגנ, אָט דער דאָקטער, אונ האָט אימ פרײַנטלעכ א פֿליעסקע געטאָנ פונ הינטנ, איבער די פעטע קנייטשנ פונ זײַנ געגאָלטנ קאָפּ.

„בורמאנ, האָט ער אפ אימ שמייכלענדיק צוגעשאָקלט, איר זײַט א גאנצ שיינער יונג, אפנ ערנוואָרט, נאָר איר טוט גאָרנישט אונ ווערט צופיל פעט... ס'איז שעדלעכ, קומט וועט איר בא מיר אינדער-היימ צעהאקנ א פור האָלצ".

בורמאנ האָט, נישט עפענענדיק דאָס מויל, געענטפערט מיט א שמייכל.

דער דאָקטער, האָט דאָס געהייסנ, איז געווענ א קלוגער. נאָר מיר זײַנענ אויכ נישט קיינ נאר. מיר האלטנ, אז וועגנ אזעלכע זאכנ איז נישט קעדײַ ארײַנצולאָזנ זיכ אינ א שמועס, אונ ענטפערנ נישט מער ווי מיט א שמייכל.

דענסטמאָל האָט אימ דער דאָקטער, ווי זײַנעמ א גלײַכנ, אָנגעזו-

מען אונטער דער האַנט און האָט מיט אים אָװעקגעשפּאַנט צום װײַטן קאַסטיאַל־װינקל, װוּ ער האָט נאָך באַהאַרפֿט אַרײַנגיין צו אײנעם א בויקע.

„עלישע, האָט ער אים אָפּן װעגן דערציילט, האַלט שלעכט, אַ גרױסער סאָפּעק, צי ער װעט נאָך די װאָך איבערלעבן."

„אַזוי?!" דער ראַבינער האָט זיך דערשראָקן, גלײַך ער װאָלט שולדיק זײַן אין עלישעס טויט.

דער צװײטער געדאַנק זײַנער איז שוין אָבער געװען נישט װעגן עלישען, נאָר װעגן פּראָדאָטשקען, דאָפּקע װעגן איר. ער האָט געקלערט, אַז ס׳איז נײטיק, ער זאָל זיך אומקערן און זאָל איצט אומישנע אַרײַנגיין אַ קוק טאָן אַהין צו עלישען אין שטוב. נאָר פּונקט אין דער צײַט, װאָס ער האָט זיך מיטן דאָקטער אָפּגעזעגנט, האָט זיך אַקעגן פֿונעם שמאָלן פֿאַרװאַקסענעם געסל אַרויסגעװיזן דאָס שװאַרץ־כײנעװדיקע שלאַנקװוּקסיקע מײדל, די אָרטיקע מאָדיסטן, און האָט אױף אים אַ װײ געטאָן מיטן דײַעך פֿון אירע פֿאַרפֿומען. זי איז דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט פֿאַרבײַ אים און האָט אױף אים נישט געקוקט, אין די אױערן האָט אים נאָר אַ שאָרך געטאָן דער גערויש פֿון איר אונטערשטן זײַדענעם קלײדל, און אין דער זעלבער צײַט האָט זיך מיטאַמאָל אַזױ געשטאַרקט דער מאַנצבל, װאָס אין אים, אַז ער האָט זי שיר באַם נאָמען נישט אָנגערופֿן און האָט זי שיר לעבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט איר נאָכגעקוקט מיט שמײכלדיקע אױגן. איצט, בעשאַס די זון איז דאָ, קעגנאיבער דעם לײדיקן גריגעם פּלאַץ, פֿאַרגאַנגען אַזױ גרױס און רױט, װי אַ גרױסער דורכזיכטיקער מאַראַנץ, און פֿון נאָענט און פֿון װײַט האָבן הײַזער און זײערע פֿענצטער אָט די רויטקייט אָפּגעשפּיגלט, האָט דאָס אָװעקשפּאַנענדיקע מײדל אױסגעזען אַזױ נײַ און פֿריש. עפּעס האָט ער געטראַכט װעגן איר, נאָר אַלײן האָט ער נישט געװוּסט אױף קלאָר, װאָס ער טראַכט. ער האָט נאָר געשמײכלט צו זיך אין דער נאָך און אַזױ פּאַמעלעך װײַט־װײַט אָװעקגעשפּאַנט נאָך איר אין שטאָט אַרײַן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, שפּעט אין בײַנאַשמאָשעס, האָט אים פֿרױקע משערקיס באַגעגנט אין שמאָלן הינטערגעסל, װוּ דאָס מײדל, די מאָדיסטן, װױנט. בו־מאַן האָט זיך דאָרטן אײנער אַלײן אַרומגעדרײט אַרום דער שטוב פֿונעם מײדלס מוטער, דער אַלמאָנע, און האָט

געהערט, ווי קעגנאיבער די פארמאכטע טיר אונ פענצטער שטעפט מענ אפ א מאשינ.

פרויקע איז געווענ שטארק צופרידנ פונעם הונדערטער, וואס ער האט אקארשט הײנט אינדערפרי פארדינט באמ ארטיקנ גאלעב. ער האט אפנ ראבינער פרײלעכ אויסגעגלאצט די אויגנ:

„זע נאר!.. גאזלענ, וואס טוסטו דא?“

אונ באלד האט ער געכאפט א קוק צו דער שטוב, פונוואנענ ס'הערט זיכ דאס שטעפנ פונ מאשינ. ער האט קלוגעטשקערהײט עפעס טויגעס געווענ אונ האט אימ אהינ, צו די פענצטער, א ווינק געטאנ:

„נאר אײנער, זי ווערט דאכ גאר א קאלע, די שווארצע, ווי איכ בינ א ייד... זי נעמט יאסל דעמ הימערס זונ, נעמט זי“.

ער האט איצט אויסגעזענ מאדנע נײ אונ פריש, אט דער שווארצ־געקרײזלטער פרויקע, וואס האט די לעצטע צײט געהאלטנ אינ אײנ ארומיאגנ אינ דער געגנט מיט א גאנצנ פאק פרײזקוראנטנ אונ האט פארקויפט פריצימ אקערס מיט דרעשמאשינעס. אינ זײנ קלײנעמ טאשנ־ביכעלע, וואס ער האט דא אפנ ארט דעמ ראבינער באוויזנ, זײנענ געווענ אונטערגעצויגנ פרישע אכצנ הונדערט רובל רעוועכ. אונ אלײנ איז ער שוינ איצט אינמיטנ דער וואכ געווענ אנגעטאנ אינ א נײעמ גרינלעכנ אנצוג אונ בלאנקנדיק ווײסע אויבערשטע וועש אונ אינ אויכ אזא נײעמ גרויסשטעטיקנ האלדזשטיק.

„דו פארשטייסט, האט ער דעמ ראבינער פרײלעכ גענומענ טײטשנ אפ זיכ, דעריקער איז, אז מ'בלײבט באמ סייכל אונ מ'הייבט אנ פארדינענ געלט... שא! אונ וואס מאכט עפעס עלישע? א ראכמא־נעס... ביסט בא אימ נישט געווענ?“

ער האט געוואלט קלאר מאכנ דעמ ראבינער, פונוואנענ צו אימ נעמט זיכ די גוטמוטיקע שטימונג, האט ער אימ אונטער דער האנט אוועקגענומענ:

„מענטש אײנער, וויבאלד איכ האב מיר אנגעהויבנ פארדינענ אונ לעב מיר, ווי א מענטש, וואס זשע האב איכ כאלילע עפעס צו דיר, צו מאגיענ, צי אפילע צו עלישענ, לעמאשל? וואס, נישט אזוי? קומ, וועלנ מיר ארײנגײנ צו אימ געוואר ווערנ.“

אבער ווי נאר זיי זײנענ ארײנגעקומענ צו עלישענ אינ פאדער־שטיבל, האבנ זיי גלײכ דערפילט, אז די שטוב איז פול מיט שטימונג

85.—19

פונ מעסוקענעמ קראנקנ, וואס לעבט שוינ יאר, קעדיי זיכ צו מאטערנ אונ ארויסצונעמענ דאס ביעס בא די, וואס דרייענ זיכ ארומ אימ. דאס שלעקל, דאס דינסטמיידל מיט פארבונדענעמ קאפ אונ אומגע-וואשענעמ פאנעמ האט זיי דארטנ גלייכ אפגעשטעלט אונ גענומענ דערציילנ, וויאזוי זי איז דארטנ מיט „אימ" איינע אלײנ אינ שטוב אונ וויאזוי „ער" האט זי שוינ פארמאטערט; זי האט אימ שוינ אפי-לע נישט גערופנ באמ נאמענ.

„זי איז דא איינ מענטש אונ האט שוינ פאשעט נישט קיינ קויעכ פונ אימ אויסצושטיינ."

ארומ-אונ-ארומ האט די לופט געשמעקט מיט מייזנקויט אונ מיט לאנג נישט געלופטערטער קיכ. אינ עסצימער אפנ טיש, לעבנ ריי-בערדיקנ קיכ-לעמפעלע, איז געשטאנענ א פולער עמער מיט בלאטיקע שטיקער אייז, אונ ארומ אימ האבנ זיכ געוואלגערט עטלעכע פארטרי-קנטע ביינדלעכ פונ אנ אפגעגריזעט אפ. אט די פארטריקנטע ביינד-לעכ, אז מ'האט אפ זיי לאנג געקוקט, האבנ זיי אנ אנ אופהער דער-מאנט אונ דער מארעשכוירעדיקער פוסטקייט, וואס ציט זיכ פונדאנענ איבער דער גאנצער לענג פונ באלויכטענעמ זאל ביז די אפענע טירנ פונ פינצטערנ שלאפצימער. אונ בא דער זייט איז נאכ אלצ געשטא-נענ דאס פאריבלדיקע דינסטמיידל אונ האט גענודעט:

„אז עסנ עסט „ער" שוינ גארנישט; עס גלוסט זיכ אימ נאר. האלט „ער" מיכ נאר אינ איינ ארומיאגנ איבער דער שטאט, איכ זאל אימ קריגנ אונ קאכנ פארשיידענע פאטראוועס. אט זאלנ זיי אזוי גוט זיינ אונ א קוק טאנ, ווי בא איר איז א קיילעכדיקנ מעסלעמ די קיכ צעלייגט".

אונ זי האט דערציילט, וויאזוי נעכטנ אינגאנצנ האט זיכ אימ פארגלוסט מילכיקע קנישעס, אונ זי האט געמוזט די גאנצע שטאט אויסלויפנ נאכ פוטער אונ קעז אונ אימ באקנ קנישעס. אונ באנאכט, זי איז נאר אנשלאפנ געווארנ לעבנ זייער טיר אפ דער פאדלאגע, אזוי וועקט ער זי שוינ: ס'דוכט זיכ אימ, אז ער וואלט איצט עפעס גע-געסנ.. א פייסעכדיק קעזל וואלט ער איצט געגעסנ.

„זאלנ זיי מויכל זיינ א קוק טאנ, ווי אט די קנישעס מיטנ קעזל שטייענ נאכ איצט אויכ אינ קיכ, „ער" האט זיכ אפילע צו זיי נישט צוגערירט."

זי איז געווענ גענוג פאַרביטערט, אַז דאָס פאַריאָגטע דינסטמיידל, און האָט וועגנ אימ, דעמ שלאָפנ, שוינ נישט אָנ גיפט גערעדט.

זי האָט באַמערקט, ווי זיי קנייטשנ זיכ אָפּ איר הויכ ריידנ, האָט זי מאָדנע שלעכט א שמייכל געטאָנ:

„וואָס, איר מיינט: ער שלאָפט?.. ער שלאָפט נישט, גאַנצע נעכט שלאָפט ער נישט... אַזוי ליגט ער דאָרטנ א גאַנצנ מעסלעס און לאָזט מיכ נישט עפענענ די לאָדנס... נישט ער שלאָפט אַליינ, נישט ער לאָזט יענעמ שלאָפנ.״

פרויקע מיט בורמאַנענ זיינענ האָב אַריינ אינ זאַל מאָדנע שטיל, ווי מוירע האָבנדיק עמעצנ אופצוועקנ, צוגעקומענ ביז די שטולנ אָפּ די שפּיצ פינגער און זיכ דאָרטנ בוידע אינ איינ שורע אַוועקגעזעצט. א ווײַלע איז געווענ שטיל. בורמאַנ האָט לעבנ זיכ אָפּ דער פּאָדלאָגע דערזענ א פאַרטריקנט שטיקל בלאָטע, וואָס דעמ אוריאַדניקס שטיוול האָבנ עס, אַפּאָנעמ, נאָכ צוריק מיט עטלעכע טעג אַהער פאַרטראָגנ. ער האָט זיכ זיצנדיקערהייט אײַנגעבויגנ צו דעמ, ווי אָפּ צו פאַרוויילנ זיכ, און האָט אָפּ דעמ געקוקט לאַנג-לאַנג, ווי וואַרטנדיק, אַז אָט-אָט וועט עס זיכ אָנהייבנ רירנ און וועט אַוועקריכנ איבער דער גאַנצער לענג פונ זאַל. און פרויקענ איז שוינ געווענ מאָדנע לאַנגווײַליק, א ג כאַראָטע האָט ער געהאַט אָפּ אָט דעמ גאַנצנ וויזיט. ער האָט מיט איינ האַנט זיכ געגעבנ אַנ אומצופרידענעמ קראַצ הינטערנ קאָלנער און מיט דער צווייטער האָט ער א קיצל געטאָנ בורמאַנענ אונטער דער פּאַכווע:

„האָסט דאָ אַמאָל אָפּגעלעבט א גוטנ טאָג, א?״

ער האָט געוואָלט עפּעס צוגעבנ וועגנ פּראָדאָטשקענ. זי ווייסט נישט, אַז עלישע איז שלאָפ. זײַנ שאָכנ האָט אימ דערציילט, אַז ער האָט זי אָקאָרשט א טאָג פאַר ראָשעשאָנע געזענ אינ מעזשביזש אַרומשפּאַצירנ מיט אָפיצערנ. נאָר דאָס דינסטמיידל, וואָס איז פונ זייערטוועגנ אַרײַנגעגאַנגענ אינ שלאָפּצימער געוואָר ווערנ, האָט זיכ פּלוצעמ צו זיי אומגעקערט אַזוי מאָדנע פאַרוווּנדערט און דערשטוינט:

„זע נאָר! האָט זי געזאָגט אַזוי פאַרטראַכט און מיט אַזא טאָנ. גלײַכ ס'איז נאָרוואָס געשענ עפּעס אַנ אומגעהערטער נעס, ער איז דאָכ טאַקע אײַנשלאָפנ געוואָרנ, עלישע.״

X

פּדויקע טשערקים איז אָפּגעשלאָפּנ א גליקלעכ אופגערעגטע נאכט איבערנ היפּשנ רעוועכ, וואָס ער האָט געכטנ פאַרדינט באַם אָרטיקנ גאַלעכ, אונ האָט זיכ אופגעכאַפּט כאָסנדיק געשטימט אונ מיט א נײַעמ פריילעכנ געדאַנק:

„איצט, אַז אימ האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבנ גײנ אַזוי גוט, איז שוינ גאָרנישט אַזאַ אומגליק, וואָס מאַניע האָט אימ אַוועקגעוואָרפנ... ער מיינט עס בעעמעס: ווענ ער גײט זיכ מיט מאַניענ, וואָלט ער איצט נישט געקאָנט כאַסענע האָבנ אַפילע מיט אַזאַ מינ פּראָטאָשקענ, לעמאָשל?"

אונ נאָכדעמ פּוצט ער זיכ אויס אינ אַלצ נײַעס, וואָס ער פאַרמאָגט, לאָזט זיכ אַרויס שפּאַצירנ אינ מאַרק אַרײַנ אונ פילט זיכ דאָרטנ אַזוי יאָנטעוודיק אונ נײַ, ווי אָט דער פרישער זוננדיקער אונ ווייכער פרימאָרגנ, וואָס האָט פונסנײַ געגומענ וואַרעמענ צווישנ די בערג דאָס טיפע באַגראָבענע דובראָוויטש.

„ביבלאַל יאָגט ער זיכ שוינ גאָרנישט אַזוי נאָכ געלט. ער איז דאָכ נאָכ, כוץ אַלע פאַרדינסטנ זײַנע, א פאַרמאַצעווט; ווײל ער, וואַרפט ער גאָר אַוועק אָט די אַלע מיסכאָרימ אונ שטעלט זיכ אַרבעטנ אינ אַנ אַפּטייק, אינ א דאָרפ."

אונ אימ הייבט אָנ האַנאָע טאָנ, וואָס ער קאָנ אַרומגײנ א ביסל ליידיק אונ וואָס ווענ ער וויל, קאָנ ער אַוועקוואַרפנ אָט די אַלע מיסכאָרימ אונ זיכ שטעלנ אַרבעטנ אינ אַנ אַפּטייק אינ דאָרפ...

„ער מיינט עס בעעמעס: געלט איז טאַקע א זאַכ, אָבער נישט אַלצ; ער איז דאָכ נישט געגליכנ צו אָט די אַלע אַרומיקע דובראָוויטשער בעהיימעס."

לעבנ טינקלשטיינס געמויערטער וואַנט אונ גרויסער מאַנופאַקטור־קלייט דערזעט ער טונקלשטיינס יונגערנ זונס ווײַבל, אָט די וואָס האָט קיינ קינדער נישט.

„א ראַכמאָנעס, טוט ער וועגנ איר א טראַכט, א יונג ווײַבל וויל נעבעכ האָבנ קינדער."

אימ איז געפעלנ, וויאַזוי זי שטייט אַקעגנ דער זונ אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָנ בײַשטידל פונ קלייט־טיר, אונ דער שאַרפ הענגט

איר אראָפּ ביז איבערן מויל, קעדיי זי זאָל נישט אָפּגעברענט ווערן. שטייט ער אַ ווײַלע פּונווײַטנס, קוקט אָפּ איר און פּילט, ווי דער ראַ־מאַנעס נאָגט שטיל באַם האַרצן.

„אַ מענטש, לעמאַשל, קערט ער זיך אום צום פריערדיקן געדאַנק, אַז ער פאַרדינט זיך, וויפל ער דאַרף, און איז אָנגעטאָן און איז זאַט, הייבט ער זיך אָקאָרשט אָן צוצוקוקן און ראַכמאָנעס האָבן אָף זיך און אָף דער אַרומיקער פּרעמדער וועלט... אַ מענטש איז שוין גאָר נישט אַזוי שלעכט...“

„און אָט איז טאַקע ער, פּרוּוּוקע אַליין: וואָס קער ער זיך, אַשטייגער, אָן מיט אָט דעם ווײַבל?“

„פּאַני ראַבקין! מאַכט ער עטלעכע טריט צום אָרטיקן מיטליאָריקן דראָגיסט, וואָס די גילדענע ברילן רײַטן אים פון טאָמיד מאָדנע גרינג אָף דער פּאַריסער נאָז, און ער זעט דעריבער אויס זיי אויס אַ ביסל צעטראָגן, ווי אַ געבילדעטער. פּאַני ראַבקין, כאַזערט ער איבער, בעשאַס ער דערנעענטערט זיך צו אים, איך גיי דאָ אַרום און קלער: אָף מיר, לעמאָשל, זאָגט מען דאָ אין שטאָט, אַז איך בין אַ שלעכ־טער... אַ? גוט אַזוי?..“

נאָר ראַבקין דער דראָגיסט איז שטאַרק צעטראָגן איבערן קאַמע־נעצער קאָמיסיאָנער, וואָס פאַרט נישט צו נאָך דער פּאַרזאָגטער באַ־שטעלונג. ער קוקט אָף אים אַרויס מיט גרויס אומגעדולד, שטייענדיק לעבן דער גלעזערנער טיר פון זײַן אויסגעפּוצטן מאַגאַזין און מוירע האָבנדיק, אַז ער וועט שוין נישט צוקומען. און הינטער אים שטייט זײַן רויטהאָריק, פון טאָמיד אָן שטאַרק אויסגעדאַרט ווײַב און עסט אים מיט אַ שטילן קוויטש, ווי אַ וואָרעם.

„ביסט אַ מיעון?! ער איז ביז האַלבן טאָג געווען צעטראָגן מיט זײַנע ציוניסטישע בריוולעך איז ער געווען צעטראָגן... ער האָט נישט געקאָנט באַשטעלן דעם קאָמיסיאָנער טאָנצעפּרי האָט ער אים נישט געקאָנט באַשטעלן.“

פּרוּוּוקען איז געפעלן אָט דאָס קאָמישע פּאָרל. ער, אַ פּעמפּיקע־וואַטע און קאַרג ייִדל מיט אַ צוגעשאָרן בערדל, וואָס פאַרקויפט באַ־האַלטן פון דעם ווײַב ציוניסטישע מאַרקעס, און זי, אַן אויסגעבויגענע, ווי אַ צו פּאַרטיקע, אײַנגעטריקנטע זאַנג, און ווערגט זיך, בעשאַס זי

רעדט אפ איר קוויטשיק קעלכל, גלײַכ דער שלאק אינ איר איז צו גרויס, ער זאָל זיכ דורכ איר שמאָלנ האלדז ארויסרײַסנ.

דאָכ גייט ער פונ דאָרטנ אוועק אנ אומבאפרידיקטער, מיט א גײשט דערזאָגט ווארעמ וואָרט אונ מיט א טאראמעסדיקנ שמייכל אינ די אויגנ.

„א פארגרעבטע שטאָט דובראָוויטש...“

אונ אימ פארבענקט זיכ שטארק נאָכ אנ אויסגעטיילטנ לײַטישנ מענטשנ, וואָס וואָלט איצט האנאָע געהאט פונ ארומגיינ א ביסל ליי=דיק, אָט אזוי ווי ער, אונ וואָס וואָלט אימ איצט געקאָנט אויסהערנ.

„אַכ, א גוטנ-ברודער צו האָבנ...“

אָט וואָלט ער, דוכט זיכ, איצט אוועקגעגאנגענ צומ דאבינער אונ וואָלט אימ גענומענ מיט זיכ שפאצירנ אהינ, ארויס שטאָט, ווו פעל=דער זײַנענ, ווי נאָכ פייסעכ, פארגאָסנ מיט ווארעמער זונענ=שײַנ, אונ וואָלט אימ דאָרטנ געזאָגט:

„ברודערקע, וואָלט ער אימ דאָרטנ געזאָגט, אז דו האָרעוועסט אימ פארנאָסע אונ ביסט פארטראָגנ, איז דיר גוט, נאָר אייגער. נאָר אז דו באקומסט, וואָס דו דארפסט, אונ טראכסט זיכ אײַנ אינ אָט דעמ ארומ=אונ=ארומ, זעסטו, אז ס'איז פאראנ א שיינע וועלט, אונ דו האָסט אפ איר עפעס ראכמאָנעס, אפ אָט דער וועלט, אונ ס'ווערט דיר עפעס אזוי טומלדיק ווערט דיר.“

איז אָבער דער ראבינער געוואָרנ די לעצטע צײַט אזא שווערע קלאָצ. אמאָל, ווענ ער האָט אינ זײַנ סטודענטישער טוזשורקע אוראָקנ געגעבנ, איז ער נאָכ געווענ א שטיקל מענטש אונ ריידנ האָט מענ מיט אימ געקאָנט. אונ איצט שמייכלט ער אפ אלצ, וואָס מ'זאָגט אימ, צו זיכ אינ דער נאָז אונ שטומט, ווי א קלאָצ שטומט ער.

„עט! א פארגרעבטע שטאָט דובראָוויטש“...

ער דרייט זיכ דאָכ נאָכ לאנג ארומ אויסגעפוצטערהייט אינ מארק אונ שטעלט זיכ ענדלעכ ריידנ מיט עלישעס דינסטמיידל, וואָס קערט זיכ אומ פונ מארק מיט א קאָשעק אינ האנט:

„נו, וואָס הערט זיכ? וואָס מאכט ער עפעס, עלישע?“

„וואָס זאָל זיכ הערנ וואָס.“

דאָס דינסטמיידל האָט נאָכ אלצ אנ אומגליקלעכ פארמאטערט אונ אומגעוואשנ פאָנעמ.

„פונ נעכטנ אָנ האַלט ער דאפקע אינ איינ שלאָפנ. זי ווייסט, וואָס פאר א שלאָף דאָס איז?.. אינמיטנ גאַנצפרי האָט ער זיכ אופגעכאפט מיט א גלוסטעניש נאָכ פרישע שאבעסדיקע פיש. אָט דאָס האָט זי זיכ דריי שאָ קעסיידער ארומגעדרייט אפנ דאָרף אונ האָט קוים געקראָגנ אָט די צוויי פונט קאָרעסנ. גאָר נאָכ פראדאָטשקענ איז נאָכ פארטאָג אוועקגעפאָרנ א פור מיטנ דאָקטערס א קארטאָטשקע. עפשער איז זי שוינ דאָרטנ געקומענ אונ וועט מאכנ אנ עק צו אירע, דעם דינגטמיידלס, צאָרעס."

„אזוי? פרעגט פרויקע איבער, קאָנ זיינ, אז זי איז שוינ דאָרטנ געקומענ, פראדאָטשקע?"

אים טוט א מאָדנעם ציִ אהינ, צו עלישעס שטוב, וווהינ ס'איז שוינ, עפשער, געקומענ פראדאָטשקע. דאָכ גייט ער אוועק צו זיכ אהיים אונ עסט אָפ מיטיק אונ נאָכדעם לייגט ער זיכ צו אָפ א פאָר שאָ שלאָפנ, קעדיי אויסצוהאלטנ אינ זיכ די לייטישקייט אונ נישט צו לויפנ אהינ באלד, ווי זי איז געקומענ. איינמאָל האָט זי צו אים געזאָגט אָט די פראדאָטשקע:

„פרויקע, האָט זי אים איינמאָל געזאָגט, שווערט זיכ נישט אזוי פיל מאָל „ווי איכ בינ א ייִד". ס'נישט שיינ, פרויקע."

ארום דריי אזייגער באטאָג, ווענ פרויקע איז נאָכ אָט דעם יאָנטעוודיקנ שלאָפ אריינגעקומענ צו עלישענ אינ פאָדערשטיבל אונ האָט דאָרטנ פונ פראדאָטשקעס קאָוועד וועגנ אויסגעשריענ זיינ באַכערשנ אונ פריילעכנ „בודטע זדאָראָווע סערעדאָיו," איז שוינ עלישע געווענ א מינוט צענ טויט אונ איבערגעדעקט מיט א ליילעכ. נישט ווייט פונעם מעס אפנ קאָמאָד האָבנ געדעמפט די פרישע, גאָרוואָס אָפגעקאָכטע, שאבעסדיקע פיש, אונ די פיר פונ מעזשביזש האָט זיכ, אפנעם, נאָכ אלץ נישט געהאט אומגעקערט, מ'האָט נישט געוווּסט, צי פראדאָטשקע קומט, צי נייִנ.

א ווײַלע איז פרויקע לייטיש דאָרטנ אינ שלאָפצימער געשטאַנענ אונ האָט, ווי פארענטפערנדיק זיכ, געטראכט:

„וואָס זשע, איכ בינ אים, כאָלילע, געווענ א סוינע, עלישענ?"..

אונ נאָכדעם האָט ער דערהערט דאָס גרילצנדיק פרעמדע געוויינ פונעם דינסטמיידל, וואָס לויפט אָנ פונ דרויסנ מיט א פריש געכאפטנ פונט ליכט. אים האָט געארט, וואָס אָט דאָס מיידל איז נאריש, האָט

ער באַ איר פֿון די הענט די ליכט צוגענומען און האָט זיך אף איר ליטוויש פֿאַרקרימט.

„שאַ! ביסט אַ מיוון, ווי זי האָט זיך צעקוויטשעט האָט זי זיך! דעם געשטאָרבענעם טאַטנס אירנס באַוויינט זי.“

דאָס מיידל איז אַוועק ערגעץ־וווּהין אין קיך אַרײַן און גענומען וויינען דאָרטן מיט אַ דערשטיקט און דערוואָרגן קאָל. און אַרום דער שטוב, וואָס מיט אָפֿענע פֿענצטער, איז געווען מאָדנע שטיל און לאַנגוויליק. דאָרטן האָט זיך נאָר פֿאַמעלעך געצויגן די דרײַ-אַזייגער-באַטאָגעדיקע שאָ; יאַנג דער סטרוזש האָט זיצנדיק אף די טרעפּלעך פֿון גאַנעק דערציילט דער שליאַכעטנע דער וועשערן, וויאַזוי די קאַצאָווים האָבן עלישען צעשלאָגן, און די וועשערן איז געשטאַנען אַקעגן אים מיט איבערגעפּלאָכטענע הענט אף דער ברוסט און געשאָלטן אַראָפּ צו דער פֿאַרגרעבטער שטאָט צו:

„אַ כאָליערע אף זיי!.. אָ, די הענט זאָלן זיי אָפּגעדאַרט ווערן... אָ, דאָס לײַב און לעבן זאָל זיי אָפּגענומען“...

פֿרויקע האָט דערזען דעם ראַבינער איינעם אַליין נישט ווײַט פֿון שטוב שטיין, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

„וואָס זאָגסטו, אַ שיינער טאַכליעס?..“

אים איז, קוקנדיק אף ראַבינער, באַלד אַ געדאַנק אײַנגעפֿאַלן, האָט ער אים אָן אַ זײַט אָפּגערופֿן.

„נאָר איינער, אַ שלעכטע יערושע מיט אַ שלעכט ווײַב האָט דיר עלישע צוגעגרייט?“

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. דער ראַבינער איז נאָך אַלץ געשטאַנען פֿאַרטראַכט, מיט ביידע הענט אין די טאַשן פֿון זײַן שוואַרצן האַרבסטרעקל און מיט אַ מינע פֿון אַ מענטשן, באַ וועמען מ'דאַרף זיך לערנען דערעכערעץ האָבן פֿאַר אַ שטוב, וווּ ס'ליגט נאָך דער מעס. נאָר פּלוצעם האָבן זיך באַ אים דער שטערן צוזאַמען מיט די אויגן גענומען קנייטשן אַרויף, און געדאַכט האָט זיך, אַז ער מיינט מיט דעם צו טאָן אַ שעמעוודיקן שמייכל.

„נאָר איינער, די וועלט איז בלאָטע, ווי איך בין אַ ייִד“.

אין איינעם א זומער

„אײַזיק, שטײ באַם פלויט.“

„לאָז נישט די כאַזײרים, אײַזיק.“

אײַזיק האָט א פּאָר לאַנגע הענט, פעסטע אין פאַרקאַשערטע העכער די עלנבויגנס. און אַלײן איז ער א שטאַרקער, א מוסקולדיקער, װי א שמיד-געהילף, װאָס קלאַפּט מיטן גרויסן האַמער. ער שטײט אײנעם װײַסן אַרײַנגעלאָזטן סטודענטן-העמדל באַם טויער אַף דער זון; און לעבן איִם גאָר נאָענט גײען דורך די אָבט „שטיקלעך“. זײ מאַלעגײרען און סליװען פון היץ.

פון די בעהײמעס שמעקט מיטן פאַרטריקנטן קו-צײַעס, מיט פרישע מילך, מיט שטויב און מיט אויסגעטריקנטן דאָרף, װאָס האָט שוין צװײ װאָכן קעסײדער אומזיסט געלעכצט נאָך רעגן. דאָס הײַטל אין נאָז װערט דערפון אופגערעגט ביז גאָר, ס'װילט זיך ניסן.

אײַזיק פאַרמאַכט דעם טויער און פילט, אז פון איִם אַלײן שמעקט שוין אויך מיטן זעלביקן גערוך. מיט שטויב שמעקט פון איִם און מיט פרישער, נאָך נישט געמאָלקענער מילך. ער שמײכלט. פּאַמעלעך און פויל גײט ער נאָך דעם פעטער יודלס עלטערער טאָכטער, סימען; ער גײט איר נאָך אין הויף אַרײַן צו די שטאַלן. נעכטן איז ער איר אַהין נאָכגעגאַנגען פונקט אזא שװײַגנדיקער װי איצט, א קלינערער פון דער אַרבעט, װאָס זײ טוען. דער הײַנטיקער טאָג װעט, װי צװײ טראָפּן װאַסער, זײַן ענלעך אַפן נעכטיקן.

אַרום ברענט די זון פון העלן האַלבן טאָג, ס'גליט דער ברענענדיקער טאַמוז. דאָס גרויסע פיר-װערכטנדיקע דאָרף האָט אויסגעשיט אַלע

ברוים און פעלד אַרײַן און שלאָפֿט מיט דער גאַנצער צעוואָרפֿענער ברייט, וואָס צום מאָל און צום טײַך מיט די געלע זאַמדיקע ברעגן; ס'דראַפּעט זיך פֿון יענער זײַט טײַך אַפֿן באַרג, ס'פּאַרציט זיך דאָרטן מיט אַ דרעמלדיקן נעפּל פֿון זומערדיקער ווײַט און באַהאַלט אויס אין שטילן עק דאָס נעגידישע ייִדישע הויז, מיט די צוויי געשניצטע גאַנקעס אין ביידע זײַטן און מיטן יונגן מיידל, וואָס האָט זיך אַהין נישט לאַנג אומגעקערט פֿון דער פֿרעמד, פֿון שטודירן, אַפּאָגעם, צו פֿון פֿאַרברענגען אין דער גרויסער ווײַטער שטאָט.

„אײַזיק, שטיי בײַ די קעלבלעך."

אײַזיק קוקט אויף יעדער בעריעשער באַוועגונג, וואָס ס'מאַכט סימע, דעם פעטער יודלס עלטערע טאָכטער, און אַ געפֿיל איז בײַ אים אַ פֿאַרשלאָפֿענס און פֿוילס, גלײַך ער איז נאָך וואָס אויפֿגעשטאַנען אַ גרויסן גאַנצפֿרי; דאָס האַרץ צאַפּלט נאָך אין אים מיט לעצטן זיסן דרעמל, מיט כאָלעם וועגן יונגן, נישט־לאַנג געקומענעם גווירישן מיידל, מיט וועלכן ער האָט זיך צוריק מיט עטלעכע טעג דאָרטן בײַ איר פֿאָטער אין הויז באַקענט.

„אָליאַנאַ!" רופֿט סימע.

אָליאַנע צעטיילט די מעלק־שעפֿלעך, און סימע, אין ווײַכן, ווײַסן קלייד, קוקט פֿריִער אַרײַן אין יעדן פֿון זיי, צי זיי זײַנען ריין. אָליאַנע איז אויך אַ זאַך, אײַזיק קוקט, ווי אירע שטײַפֿע אָפּגעברענטע עלנבויגנס אַרבעטן געשווינד בײַם מעלקן, און אַ באַהאַלטן שמייכעלע פֿאַרגראָבט זיך אים טיף אין די ליפּן און אונטער די געדיכטע ברעמען ליגן די אויגן. איינמאָל האָבן זיי ביידע געטרייסלט אַ באַרנבוים אין ווײַטסטן ווינקל פֿון גאָרטן, ער פֿון איין זײַט, און די באָרוועסע אָליאַנע פֿון דער צווייטער זײַט, האָט ער געזען, אַז ער איז העכער פֿון איר מיט אַ גאַנצע צוויי קעפּ און אַז בײַ יעדן בליק זײַנעם לאָזן זיך אירע אויגן אַראָפּ, ווי בײַ אַ צניעה. איצט איז אײַזיקן וואַרעם אין האַנט: ער קראַצט אין האַלדז דאָס יונגע אַרויסגעלאָזטע קעלבל, וואָס האָט אויסגעצויגן דעם קאָפּ מיט פֿאַרגלאָצטע אויגן און מיט בענקשאַפֿט צו מאַמע־קו.

„אײַזיק, וואַרט אַ רגע."

און אײַזיק פֿאָלגט; ער באַהאַלט אויס דאָס שמייכעלע אין די ליפּן

און אונטער די געדיכטע ברעמענ לעבנ די אויגנ, אונ באוואונדערט ערגעצ אינ טיפסטער טיפ פונ זײַנ וועזנ:

„א מאָדנע הויז דאָ אינ דאָרפ, דעמ פעטער יודלס...“

דער פעטער יודל, א מענטש אינ די פופציקער, אנ אויסגעפוצטער אינ די גײַוועדיקע שטיוולעטלעכ, א רעסאָרנדיק וויכער אונ א טאָמיד צופרידענער. ס׳שמייכלט אפ אימ אלצ, אפילע די ברייט צעקעמטע, ווײַכע באָרד, אפילע די גלאַט פארשפּיצטע זאמשענע שיכ, וואָס ער לאָזט זיכ טאָמיד נייענ לויט איינ אונ דעמ זעלביקנ פאסאָנ. טאָמיד איז בא אימ „גאָט צו דאנקענ“ אונ זינגענדיק „וויל, זייער וויל“. כאָטש אליינ האָט ער מער נישט כאסענע נאָכנ ערשטנ ווײַב, דער פארשוינ, וואָס איז זייער יונג געשטאָרבנ אונ האָט אימ איבערגעלאָזט צוויי פיצלעכ קינדער אפ אופצוציִענ. אלע הייסנ זיי בא אימ מיט פארצוינגענע נעמענ:

„סימעלע.“

„ראָכעלע“.

אונ אויכ בא זיי, בא די קינדער זײַנע, איז טאָמיד „גאָט צו דאנקענ“ אונ זינגענדיק „וויל, זייער וויל.“ כאָטש סימענ האָט נאָכ צוריק מיט עטלעכע יאָר אוועקגעוואָרפנ איר מאנ דער וואָיאזשאָר, אונ מע קאָנ אדאיעמ נישט וויסנ, ווו ער געפינט זיכ, אינ אמעריקע, צי אינ טיפ רוסלאנד. אונ ראָכל, די יונגערע, די שיינע, מיט די שטארקשווארצע געשאָרענע האָר, האָט אויכ איר מאנ ערגעצ-ווו אפ דער וועלט, ער איז א געוועזענער פראָוויזער, אנ אקטיאָר, אינ פארט ארומ איבער פראָווינציעלע שטעט מיט דער טרופע, וועלכע ער שטעלט אליינ צונויפ. מוראנאָוו הייסט ער, אָט דער מאנ ראָכלס, דער געוועזענער פראָוויזער אונ אקטיאָר. אונ אויכ אזוי רופנ אימ דאָ באמ פעטער יודל אינ הויז אלע, אפילע דער פעטער יודל אליינ, אונ אפילע ראָכל, די פרוי זײַנע.

„מוראנאָוו, זאָגט מענ דאָ, האָט שוינ פארגעסנ דעמ וועג אהער“.

„מוראנאָוו האָט פײַנט צו שרײַבנ בריוו.“

אונ דאָס אלצ האָט אזא ווײַטנ שײַכעס צו אימ, אײַזיקנ, וואָס געפינט זיכ שוינ דעמ צווייטנ כוידעש דאָ אינ דאָרפ באמ פעטער יודל אינ הויז אונ טוט גאָרנישט. ער איז א סטודענט, אונ ווי יעדער סטודענט, פילט ער נישט, אז ער גייט ארומ באָטל. אימ קומט אומ זומער

רוען. אינ שטאָט, ווו ער לערנט, האָט ער פּאַרטיי־כאַוויירימ, קריסטנ אונ ייִדנ, אונ אַלע זײַנענ זיי אַזעלכע יונגע, שטײַפֿע אונ פֿעראַדעמדיקע, ווי ער. מע שרײַבט קיינעמ וועגנ זיכ קיינ בריוו ניִשט, אונ מע זאָגט קיינמאָל ניִשט איינער דעמ צווייטנ, אז מע האָט זיכ ליב. איינמאָל איז ער מיט א פּאָר פֿונ זיי אָפּגעזעסנ באַ פֿיר כאַדאָשימ אינ טורמע, איז ער אַרויס פֿונ דאָרטנ נאָכ א מער שטײַפֿער אונ גרייטער, א פֿאַרעקשנטער אפֿ אייביק. נאָר וועגנ דעמ ווייסט ניִשט קיינער דאָ באַמ פֿעטער יודלענ אינ שטוב, ניִשט מע פֿרעגט אימ, ניִשט ער דערציילט. ער טוט דאָ אַלצ, וואָס מע הייסט אימ, אונ פֿאַרנאַכט נעמט ער א האַמער אונ גייט זיכ באָדנ צומ גערייזלטנ טײַכ, וואָס האָט געלע זאַמדיקע ברעגנ, אונ אז ער גייט צוריק, האַלט די זונ שוינ באַ זעצנ זיכ, און ער באַגעגנט ס'ראָוו דאָס יונגע גווירישע מיידל דאָרטנ לעבנ גרויסנ הויז מיט די נײַע געשניצטע גאַנעקעס, וואָס שמעקנ נאָכ מיט זייער העל געלער, פֿרישער פֿאַרב. פֿונ אימ שמעקט מיט טײַכ־וואַסער, מיט נאַס געווירצל אונ מיט געזונטנ יונג, וואָס קאָנ נאָכנ באָדנ איבערקערנ בערג, אונ זי פֿירט זיכ אַרומ מיט א קליינטשיק שוועסטערל, האָט איינ שמאַרק קאַפּריז אונ מיזיניקדיק קלוג. איר ברוסט איז אָפֿנ נאָר אינ דער הייכ באַמ האַלדז, זי איז ברוינ פֿונ זונ, ווי אָפּגעשמירט מיט ברוינער פֿאַרב, אונ אויכ אַזוי איז איר פּאָנעמ.

„לינא, לינא, זאָגט זי צומ קליינעמ מיידעלע אונ לאָזט עמ ניִשט זיכ אַראָפּזעצנ אינמיטנ וועג אפֿ דעמ זאַמד, וועסט דאָרטנ גאָרניִשט ניִשט געפֿינענ, לינא!“

זי איז רויִק, אונ עפּעס פֿאַרטראַכטס איז דאָכ טאָמיד פֿאַראַנ סײַ אינ אירע גרויע אויגנ, וואָס מיט די גרויסע ווײַסלעכער, סײַ אינ איר קאָל. אײַזיק פֿילט צו איר פֿונ ערשטנ טאָג אָנ עפּעס א ווייכ געפֿיל, ווי צו א שוועסטער. אז ער גייט אַוועק, געדענקט ער נאָכ אַלצ זי, מיט איר גרויסנ הויז, וואָס שטייט באַמ וועג א גאַנצנ טאָג אַקעגנ ברענענדיקער זונ, שטייט מיט ס'ראָוו פֿאַרמאַכטע דרויסנ־לאָדנס אונ האָט ניִשט דאָרטנ, אינ די פֿיל ניִשט באַלעבטע צימערנ, קיינעמ, אַכוצ אָט דאָס מיידל מיטנ קינד. ס'דאַכט זיכ, אז זיי זיצנ דאָרטנ טאָמיד אינ איינעמ פֿונ די ערשטע צימערנ אונ הערנ זיכ אײַנ אינ א שאָרכ, וואָס ערגעצ ווײַט אינ די עקסטע כאַדאָרימ.

„שא, זאָגט זי לינענ, זיצ אײַנ.“

און ביידע ווארטנ זיי דאָרטנ, אז דער שאָרכ אינ די וויַטע באראָ=רימ זאָל זיכ נאָכאמאָל איבערכאזערנ.

באַלד נאָכ שוועס, ווענ ער איז אהער אראָפּגעקומענ, האָט אפ אימ באַנאַכט אפנ וואָקזאל, מיט א שמייכל אפ די ליפּנ און מיט ברייטקייַט אינ דער צעקעמטער באָרד, געוואַרט דער פעטער יודל, און געשמעקט האָט פונ אימ באַמ צעקושנ זיכ מיט פּאַלמירע-זייפּ, מיט „גאָט צו דאַנקענ" און מיט „וויל, זייער וויל". און אינדער=היימ, בעשאַס זיי זיַנענ מיטנ טאָג=ליכט אָנגעקומענ, האָט געזאָטנ דער סאַמאָוואַר, און אינ שטילקייַט פונ עסצימער, וואָס רוט נאָכ פונ באַנאַכט, איז געווענ עפּעס געטריַעס, אינ פאַרשלאָפענע, ארומגעוואַשע=נע און געטריַע זיַנענ פונ זייערע שלאָפצימערנ, איינע נאָכ דער אנ=דערער, ארויסגעגאַנגענ סימע און ראָכל, ביידע אינ לייַכטע שטיב=קליידער, ביידע מאַמעדיק געניטע, הארציקע, מיט זיכערע האָרעפּאשנע באַלעבאָסטע=הענט און מיט בקיעס פונ אָנשטענדיקע פרויענ, וואָס האַלטנ פּענסיאָנערנ. און נאָכדעמ האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז עפּעס פּענסיאָנעדיקס איז טאַקע דאָ אינ הויז פאַראַנ. דער אויסגעפּוצטער פעטער יודל, בא וועמענ קיינער וועט אייביק נישט דערגיינ, צי ער וועקסלט אליינ די אויסגעפּוצטע שיכ, צי נייג, פאָרט אלע טאָג אוועק צו זיַנע קאַלכשטיינער, וואָס ער רייַסט אינ ברענט און מאַכט אינ זיי קליינע גליקנ, און אהער אינ הויז קומענ אלע טאָג עטלעכע מיטיק פיר=פינפ מענטשנ פונ דער ריַכער האָפיגאַר=פאַבריק, וואָס ארויס דאָרפּ אפנ באַרג. צווישנ זיי איז פאַראַנ א דאָקטער, און אינזשעניר און א נידעריקער פּוכקער און פרייַלעכער קורדופל א כעמיקער, און אלע זיַנענ זיי דאָ אינ הויז צופרידנ, וואָס זיי רייַסנ זיכ אָפּ אפ א פּאָר שאָ פונ זייער ארבעט אינ פאַבריק, און אלע צאָלנ זיי דאָ פאַר מי=טיקנ מיט געלט אינ קאָנווערטנ, און אז זיי פאָרנ ערגעץ אוועק, שריַבנ זיי אהער קאַרטלעכ מיט לאַנדשאַפטנ פונ אלע גרויסע וואָק=זאַלנ, ווו זיי פאָרנ דורכ, און פונ אלע גרויסע שטעט, וווהינ זיי קו=מענ, און אז זיי קערנ זיכ נאָכדעמ אומ צוריק, ברענגענ זיי אהער מאַטאָנעס, קליינע, זעלטענע, גאָר פאַרשטעלט טייַערע, קעריי מ'זאָל זיכ דאָ אינ הויז נישט באַליידיקנ און נישט שריַענ אפ זיי, אלעמיַנ זיי זיַנענ אויסברענגער. און אז עמעצער פונ זיי שפּאַצירט נאָכדעמ מיט סימענ, צי מיט ראָכלענ אפ לאַנג אוועק איבערנ דאָרפּ, איז דאָס גאָר

אויסשליסלעכ צוליב דעמ, ער זאָל איר קאָנענ באַלד אויסדערציילנ וועגנ אַלע סיכסוכימ, וואָס ער האָט מיט זײַנע בנייבאַיִס, און פרעגנ בא איר אַנ אייצע...

אײַזיק רעדט דאָ מיט זיי זעלטנ, כאָטש אימ קומט אויס יעדנ טאָג צו זיצנ מיט זיי בא איינ טיש. ער קוקט אָפּ זיי ווי פונ דער זײַט, מיטנ פאַרבאַהאַלטענעמ שמייכעלע אַפּ די ליפּנ און אונטער די געדיכטע ברעמענ, גלײַכ נאָר אימ אַליינ איז באַוווּסט דער סאָד פונעמ ווירקלעכנ לעבנ, אימ מיט זײַנע כאַווײרימ פונ דער גרויסער שטאָט, וואָס שרײַבנ זיכ קיינמאָל קיינ בריוו ניט און זאָגנ קיינמאָל ניט איינער דעמ צווייטנ, אַז זיי האָבנ זיכ ליב. איטלעכס מאָל, וואָס זיי פאַרפירנ דאָ באַמ טיש א שמועס וועגנ אַזעלכע זאַכנ, וואָס רירנ אימ אָנ, ווערט ער פלוצעמ נאָכ געהאַרטעוועטער און שטײַפער ווי ער איז, און די אויגנ ציִענ זיכ בא אימ צונויפּ א ביסל איראָניש, גלײַכ ער רייכערט א פאַפּיראָס און האָט מוירע, דער רויכ זאָל אימ ניט אַרײַנ אינ די אויגנ אַרײַנ.

„טאַק", זאָגט ער שטילערהייט און האַלט זיכ אײַנ און מאַכט אַזאַ באַוועגונג, גלײַכ ער וויל זיכ אויסציִענ, נאָר ס'איז ניט שיינ באַמ טיש. „טאַק", כאַזערט זיכ איבער ערגעצ טיפ אינ אימ, אינ זײַנע צוזאַמענגעצויגענע אויגנ קוקנ נאָכ אַלצ א ביסל איראָניש פונ אונטערנ שמייכל, וואָס לעבנ די ברעמענ.

ס'מאַכט זיכ:

דער דאָקטער, דער אינזשעניער, דער קורדופל דער כעמיקער און די איבעריקע פאַרזיצנ זיכ דאָ באַמ טיש נאָכנ עסנ צוליב אָפּרו פונ שווערער אַרבעט און פונ גרויסנ קעסל־טומל, וואָס דאָרטנ אינ פאַבריק; מע טרינקט רויטנ ווײַנ, פונ דעמ, וואָס מע שיקט אַהער צו צענדליקער פלעשער פונ פאַבריק, מע רייכערט פאַפּיראָסנ, מע רייניקט זיכ די ציינ און מע באַרעדט יעדנ מינדסטנ סיכסעכ, וואָס אינ פאַבריק איז, ווײַזט אויס, ניט רויִק; ס'וואַקסט דאָרטנ א שטילע אומצופרידנקייט ערגעצ טיפ אינעמ טומל. נאָר דער אינזשעניער געפינט, אַז ס'איז ווערט א שמעק טאַבאַק.

„די אַרבעטער אינ היינ קאַנט, זאָגט ער, זײַנענ געוועזענע פּויערימ." און אַלע זײַנענ מיט אימ מאַסקימ:

מ'שטיינסגעזאָגט:

„וואָס קאָנ זײַנ גוט? דער קאָפּ זייערער איז דער צווייטער מעכאניק אינ די בלויע ברילנ."

„אַנ עמעסער פערעאָרעם."

„אַכוצ אָרנטלעכקײט, פאַרמאָגט ער גאָרנישט אפּ דער געשאָמע."

און דער אינזשעניער דערציילט, וויאַזוי ער האָט מיט אים נאָכ זײַנ לעצטנ ארויסטריט געהאַט א שמועס:

„פאַנ פאָמאָרסקי, האָט ער אים געזאָגט, ס'שאַט נישט צו באַקענענ זיכ מיט א קעגנער."

דער דאָקטער לאַכט:

„אונ מיט פאָליטישער עקאָנאָמיע?"

„כע=כ=ע..."

„זיי וועלנ, ווי אלעמאָל, נישט אויספירנ גאָרנישט."

„וועמענ גייט עס אָנ?"

„זיי וועלנ אונטערצינדנ די פאַבריק, אָט וועט איר זענ".

„זאָל זי ברענענ."

און אלע מאַכנ זיי אַנ אײַנדרוק פונ זײַטיקע, גלײַכגילטיקע, געקומענע פונ א פרעמדער וועלט; זיי וועלנ זיכ דאָ א ביסל פאַרהאַלטנ, זיי וועלנ אלצ צוזענ אונ וועלנ פאַרשווינדנ. דער אינזשעניער איז נאָכ דערצו א קלונעטשקער אונ א לעצ. ער איז נאָכ גאָר א יונגער אונ א רײַכער, ער איז א מעיוכעס בא אלע זײַנע באַקאַנטע, א מעיוכעס אפּ דער פאַבריק, ער פראַקטיקירט דאָ דאָס ערשטע מאָל אינ לעבנ, און מיטנ ברוינעמ גווירישנ מיידל איז ער באַקאַנט, אפּאָנעמ, נאָכ פונ דער גרויסער שטאָט, גאָר נאָענט באַקאַנט, ער גייט אָפּט צו איר אינ הויז.

„מע דאַרפ קעמפנ", זאָגט ער אויסגעצויגנ מיט א שטאַרקנ טראָפּ אפּנ לעצטנ וואָרט.

ער קרימט נאָכ דעמ צווייטנ מעכאניק מיט די בלויע ברילנ, און אלע שמייכלענ. נאָר אײַזיקנ זיצט זיכ שוינ נישט מער באַמ טיש. נישט ער קאָנ, נישט ער וויל דאָרטנ ווײַטער בלײַבנ. ער גייט ארומ אינ הויפ ארײַנ און ווייסט נישט, צו וואָס ער זאָל זיכ נעמענ.

„וואָס, אשטייגער, וואָלט ער איצט געקאָנט טאָנ?"

ווענ דעמ פֿעטער יודלס פֿערד־און־וועגל זאָל איצט זײַנ אינדערהיים, וואָלט ער אײַנגעשפּאַנט און וואָלט געפֿאָרנ אַרומ האָרפּ צו דער בערג, פֿאַרנעמענ א טייל פֿונעמ געקויפֿטנ היי. ס'וואָלט אימ אויסגעקומענ צוויי מאָל הינ און צוריק דורכפֿאָרנ פֿאַרבײַ דעמ הויז מיט די צוויי געלע געשניצטע גאַנעקעס.

נאָר דאָס פֿערד־און־וועגל איז נישטאָ, די בעהיימעס אויכ נישט, אינ דעמ פּוסטנ הויפֿ באַקט די הייסע טאָמעוודיקע זונ. יאָכ א ביסל, אונ ס'וועלנ פֿונ זיכ אַלײנ, האַכט זיכ, אָנהייבנ ברענענ דער בוריאַנ, דאָס אויסגעטריקנטע גראָז מיטנ הויפֿנ שפּענער, וואָס אינ ווינקל, לעבנ דער געשלאָסענער קאַמער.

II

פֿאַרנאַכט זײַנענ זיי אײנמאָל געגאַנגענ אַראָפּ א באַרג מיטנ האָרפּ, סימע, דעמ פֿעטער יודלס עלטערע טאָכטער, דער קלײנער פֿרײלעבער קורדופֿל דער כעמיקער, אונ ער, אײַזיק. בא סימענ זײַנענ די אויגנ געווענ רויטלעכ אונ דאָס לענגלעכע פּאָנעמ אויסגעמאַטערט, באַדעקט מיט א סאַכ פּודער, אונ האָט געהאַט אַזאַ אויסזענ, גלײַכ זי האָט פֿריִער שאָענ־לאַנג געוויינט. זי האָט געהאַלטנ אינ אײנ ריידנ וועגנ עפּעס מיטנ קלײנעמ כעמיקער, אינ אײנ דערציילנ, אינ אײַזיקנ איז דער שמועס געווענ אַפּ אַזויפֿיל לאַנגווײַליק, אַז ער האָט אומבאַמערקט אָנגעהויבנ אָפּשטײנ פֿונ זיי אַפּ אַלץ מער אונ מער טריט. ער איז געבליבנ שטײנ אינמיטנ דער לאַנגער גריבלדיקער בריק באַמ אופֿוסט, וואָס לעבנ דער שטײענדיקער מיל, אונ האָט גענומענ קוקנ אַראָפּ צומ וואַסער, וואָס גיסט אונ רינט אונ פֿליסט פֿונ אונטערנ שלעכט פֿאַרמאַכטנ שליוז. פֿונ אונטנ האָט שטיל געפּלאָסנ דאָס קלײנע ריטשקעלע, וואָס האָט אינ בײדע זײַטנ צוויי הויכע גריבנ מיט צוויי גערטנער, פֿאַרזייטע מיט קרויט. א פֿאַרשפּעטיקטע, אַלײנ געבליבענע קאַטשקע האָט דאָרטנ שווימענדיק געטונקט דאָס קעפּל אינ וואַסער אונ אַנ אײַנזאַמער טאָפּאָל א ריז איז דאָרטנ אײנ־אַלײנ געשטאַנענ אפֿנ קלײנעמ באַגרינטנ האַלבנ אינדזל אונ האָט געבויגנ נישט מער ווי דעמ שפּיץ זײַנעמ אינ יענער זײַט, וווהינ ס'בלאָזט דער ווינט, געבויגנ קוימ־קוימ אונ שווער, ווי מיט גוואַלד.

גלײַכ ער איז גרייט גיכער מיטאַמאָל אינגאַנצנ אומוואַלגערנ אַפ דער ערד, אײדער קנײענ און בײגנ זיכ פּאַמעלעכ. פּלוצעמ האָט איַזיק דערהערט, ווי סימע רופט אימ אַפנ קאָל:

„וואָס זשע שטייסטו? איַזיק!“

צי האָט עס ניט געהייסנ, אז זיי האָבנ ווירקלעכ עפּעס אויסצובאַ- האַלטנ פונ א זײַטיקנ אויער?

זיי האָבנ אימ אָפּגעוואָרט, האָט ער זיכ ווידער געמוזט לאָזנ שפּאַנענ אינ אײנ שורע מיט זיי. איצט איז געווענ קלאָר: מע גייט מיט א ווײַזיט אהינ, אינעמ הויז, וואָס מיט די צוויי געלע און נײַע געשניצטע גאַנעקעס. בא איַזיקנ האָט א קלאַפּ געטאָנ דאָס האַרצ. אַפ די טרעפּלעכ פונעמ רעכטנ גאַנעק, וווהינ זיי זײַנענ אַרופגע- גאַנגענ, האָט ער דערזענ א באַקאַנטנ מאָטאָציקלעט, מיט א באַ- קאַנט היטל אַפ דער באַנק, און אָקאָרשט אינ עסצימער באַמ טיש האָט ער דערזענ דעמ אינזשעניער. ער האָט זיכ דערמאָנט, אז דער מאָטאָציקלעט מיטנ הוט זײַנענ דעמ אינזשעניערס, פּלוצעמ דערפילט צו זיי א סינע, צומ מאָטאָציקלעט און צומ היטל, און פּלוצעמ געקראָגנ כאַראָטע:

„נאָכ וואָס האָט ער זיכ אהער נאָכגעשלעפּט?“

ער איז דאָ געווענ א זײַטיקער, א פרעמדער. ער האָט זיכ פאַר- צויגנ מיטנ פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט גענומענ באַמ פריילעכנ קו[illegible]- דופל דעמ בעמיקער, זיכ אַנידערגעזעצט בא דער זײַט אַפ דער באַנק, וואָס לעבנ פענצטער, זיכ דאָרטנ ווידעראַמאָל פאַרצויגנ ענער- וויש און טיפ מיט א שמייכעלע אונטער די ברעמענ, און מיטאַמאָל ערגעצ טיפ אינ זיכ באַשלאָסנ, אז אימ איז פריילעכ.

„ס'איז גוט.“

„איַזיק, האָט אימ סימע פונעמ טיש גערופנ, ווו ביסטו?“

„כ'בינ דאָ.“

און אימ איז בעסער ווי געוואָרנ פריילעכ פונ זײַנ קאָל, פונ זיכ אַלײנ, פונ דעמ, וואָס ער זיצט דאָ אינ הויז אָפּגעזונדערט אָנ א זײַט און זעט צו אַלצ, וואָס אַרומ אימ קומט פאָר.

דאָס גאַנצע געשעעניש דאָ אינ הויז איז באַשטאַנענ דעריג, וואָס הײַנט אינדערפרי האָט זיכ פונ אויסלאַנד מיט איר לעבער-פעלער

אומגעקערט די באַלעבאָסטע, א דאַמע אינ די מיטעלע יאָרנ, אַנ אומעטיקלעכע מיט אייגענע גלאַט צוגעקעמטע האָר, וואָס איבער זייער אומנאַטירלעכ רויטלעכער פאַרב זענ זיי אויס, ווי א פּאַריק. זי איז געזעסנ אויבנאָנ מיט מידקייט אינ לענגלעכ אָפּגעברענטנ פּאָנעם אונ מיט פאַרלייגטע הענט אַפ דער ברוסט, אונ אינ די אויגנ האָט זיכ געוואָרפנ דאָס, וואָס אַלע אַרום, אַכוץ איר, זײַנענ אופגעלייגט אונ פריילעכ. זי האָט געהאַלטנ אינ איינ קוקנ אינ פּראָ-פיל אָפּנ יונגנ אינזשעניער, וואָס זיצט לינקס פונ איר באַם טיש, זיכ באַגעגנט מיט זײַנ בליק, אַראָפּגעלאָזט די אויגנ, זיי אופגעהויבנ אונ ווידער אַפ אים געקוקט, גלײַכ ער איז שוינ איינער פונ אירע בנייכבאַיִס. ער איז צוגעקומענ צו איר הויזגעזינד פּונקט פאַר דער צײַט, וואָס זי איז נישט געווענ אינדערהיים, אונ איצט איז זי גע-קומענ אונ אים געטראָפנ שוינ אַנ אייגענעם, א דערוואַקסענעם אונ גרייטנ; מע האָט איר געזאָגט:

„דו ווייסט? מאַמע...“

אונ זי האַלט דערפאַר אַפ אים אינ איינ קוקנ.

דער יונגער אינזשעניער האָט זיכ פריילעכ געהויקערט אונ זיכ געבויגנ איבערנ טיש צו סימענ צו. עפּעס האָט ער געהאַט בא איר צו מאָנענ, פאַר א געוועט, אַפּאָנעם. סימע האָט זיכ געגייטיקט אינ בעמיקער, ווי אינ אַנ אײַדעם. נאָר דער בעמיקער האָט אַרויסגעטראָגנ די קליינע לינע אַפ די אַקסלענ אונ האָט אָנגעשפּאַרט אינ צווייטנ עק ביידער.

„אײַזיק, האָט סימע גערופנ, קום אַהער“.

„כ׳בינ דאָ“, האָט אײַזיק געענטפערט.

אים איז געווענ גוט דאָרטנ לעבנ פּעצעטער. ער האָט זיכ נישט גערירט פונעם אָרט, אונ סאָפּקאַלסאָפּ איז געשענ די פרייד. צו אים, אײַזיקנ, האָט זיכ דאָרטנ אַפ דער באַנק צוגעזעצט דאָס גווירישע מיידל מיטנ ברוינעם פּאָנעם, וואָס ער באַגעגנט פאַרטאַכט נאָכנ באָדנ זיכ, גייענדיק צוריק פונ טײַכ. מע האָט זי א פּאָר מאָל גע-רופנ צוריק צום טיש, נאָר זי איז דאָכ געבליבנ זיצנ לעבנ אים. נאָר דער בעמיקער מיט לינע האָבנ זיכ ביידע נאַריש געמאַכט אַפ אַזעלכע קוילעס, אַז מע האָט לאַכלוטנ נישט געקאָנט הערנ, וואָס

זי זאָגט; אינ וואָס איז באשטאנענ איר פראגע? זי האָט געוואָלט וויסנ מיט וועלכע קרייַזנ האָט זיכ אייַזיק אָנגעקערט דאָרטנ, אינ דער גרויסער שטאָט; זי האָט דאָכ עטלעכע יאָר דאָרטנ אינ שטאָט געוווינט; זי געדענקט אלע פּנימער פונ די, וואָס זי האָט באגעגנט אפילע אינ גאס.

אייַזיק האָט געשמייכלט מיט די ברעמענ אונ ערגעץ טיפ אינ זיכ; ער האָט געמוזט מודע זייַנ:

„אויב ער האָט זי דאָרטנ קיינמאָל נישט באגעגנט... קיינמאָל"...

אונ אינ הארצנ האָט ער בעשאס מייַסע געפילט די גרויסע ווייַמלעכער, וואָס ארומ אירע גרויע אויגנ.

„איר וועט נאָכ לאנג בלייַבנ דאָ אינ דאָרפ?"

זי איז, הייסט עס, צוגעגאנגענ אימ זאָגנ, אז זי האָט אימ נאָכ קיינמאָל נישט באגעגנט, אונ פרעגנ, צי ער וועט נאָכ לאנג בלייַבנ דאָ אינ דאָרפ, אונ אימ איז געוואָרנ דערפונ אזוי פריילעכ, גלייַכ זי האָט אימ צוגעזאָגט גילדערנע בערג. פונ דאנקבארקייַט האָט ער איר געהאלטנ אינ איינ נאָכקוקנ. ער האָט געזענ, ווי זי ווארפט אפ אימ בליקנ פונ צווייטנ האלבנ צימער, וווהינ מע האָט זי אוועקגע-רופנ, זי האָט אימ אינ זינענ די גאנצע צייַט אונ וועט נאָכ צו אימ צוגייַנ. נאָר אהער צומ הויז איז שוינ געהאט צוגעפאָרנ דער פאָטער אירער, דער באליוועץ פונ דער ראפינאד-פאבריק. ער איז צוגעפאָרנ מיטנ נייַעמ פאעטאָנ אונ מיט די נייַע פערד, וואָס מע האָט אימ דאָרט אינ פאבריק נישט לאנג פאר איינער א זעלטענער אייצע געשענקט. ער איז אריינגעקומענ שטיל, ווי שטיל ער קומט טאָמיד אריינ אינ פאבריק, ווו מע טוט נישט אָפּ קיינ מינדסטע קליי-ניקייַט, ביז מע פרעגט זיכ פריער בא אימ נישט אָנ; ער האָט באשייַנט דעמ אויבנאָנ מיט זייַנ געקנייטשטע לאנגער רויטלעכער באָרד, מיט דער זייַדענער פעסע, וואָס העכער דעמ טיפ וואקלענדיקנ שטערנ, אונ מיטנ שמייכל, וואָס לייַטזעליקט אלעמענ, אלעמענ ארומ טיש, לייַטזעליקט שטיל אָנ לאָשנ:

„מע פארברענגט, הייסט עס, פריילעכ בא מיר אינ הויז.. איכ בינ זייער צופרידנ"...

אונ ארומ האָבנ שוינ געקלונגענ טעלער אונ לעפל, מע האָט גע-

גרייט אפנ לאנגנ צוגערוקטנ טיש. מע האט גערעדט אלע איניינעמ, ווי ערעוו א סימכע, אונ מע האט נישט באמערקט, ווענ האט מענ אנגעצונדנ די לאמפנ אונ ווענ איז אויסגעוואקסנ אפנ טיש דער שניי=ווייסער, עטוואס געקראכמאליעטער טישטעכ.

אינ יענעמ אוונט האט מענ דארטנ, אינ גווירישנ הויז, וואס מיט די צוויי געלע גאניקעס, געגעסנ פיש מיט פרישנ פיינקוכנ, מע האט געטרונקענ וויינ פונ גלייכע פלעשער, וואס האבנ אויסגעליידיקטערהייט אויסגעזעענ העל=גרינ אונ מאדנע נייַ, אונ אלצ איז געווענ ענלעכ אפ א סימכע, אפ א האלב=אפיציעלנ קטאסמאל.

דער אינזשעניער מיטנ לענגלעכנ נישט שיינעמ פאנעמ אינ מיטנ שטארק דינעמ האלדז איז געזעסנ אויבנאנ, לעבנ באלעבאס, ווי א כאסנ, אונ דער דאקטער, וואס איז אנגעקומענ שפעטער ווי אלע אונ האט זיכ אפגעזאגט פונ עסנ, האט צופיל אראפגעקוקט צו די פינגער, וואס גלעטנ דאס נישטדערטרונקענע גלאז וויינ, צופיל געשמייכלט אונ זיכ צופיל געשלאגנ מיט דער דייע, צי ער זאל דא באלד אפנ ארט באגריסנ כאסנ=כאלע, צי ניט. ער איז אנגעקומענ שפעט אונ האט נישט געוווסט, וואס האבנ אינ דעמ זינ געטאנ אט די אלע, וואס עסנ פריילעכ ארומ טיש אונ ריידנ פריילעכ איינער מיטנ צווייטנ. אייזיק איז אויכ געווענ איינער פונ די, וואס עסנ פריילעכ אונ ריידנ פריילעכ. ווענ די פלעשער, וואס שטייענ ארומ אימ, האבנ אנגעהויבנ ליידיק ווערנ, האט ער זיכ אפנ פאשעטנ שטייגער האלב אופגעהויבנ אונ האט פריילעכ געבעטנ באמ דאקטער, ער זאל צורוקנ פולע. אימ האט באנק געטאנ, אלעמיי דא איז נישטא קיינער פונ זיינע כאוויירימ פונ דער גרויסער שטאט, מיט זיי וואלט געווענ פריילעכער. נאר שפעט ארומ צוויי אזייגער באנאכט, ווענ מע האט זיכ אומגעקערט אהיימ, האט ער מיטאמאל ווי כאראטע געקראגנ אפ דער גאנצער פרייד. ער איז אפגעשטאנענ פונעמ אוילעמ, געגאנגענ איינ=אליינ מיט א נאגנדיק געפיל אונ האט נישט אופגעהערט געדענקענ, וויאזוי זי, די ברוינע מיט די גרויסע ווייסלעכער ארומ די אויגנ, האט דארטנ פריילעכ ארויסבאגלייט אלעמענ פונ הויז. פארוואס איז בא אימ א גאנצנ אוונט געווענ אזא געפיל, גלייכ די סימכע דארטנ אינ הויז קומט פאר נאר צוליב אימ, אייזיקנ?

III

אײַנגעשלאָפֿנ שפּעט, געהאלטנ א גאנצע נאכט בא זיכ אינ זי=
קאָרנ דעמ נעפּלדיקנ אָנדענק פֿונ איר פּאָנעמ, פֿונ אירע אויגנ אונ
פֿונ אלע באוועגונגענ פֿונ איר געשטאלט. אונ נאָכדעמ אופֿגעשטאנענ
אינ אונ אומגעוויינלעכ גרויסנ גאנצפֿרי, דערזענ א נײַע פּיכטע וועלט
באמ פֿרישנ גאָלד פֿונ זונענ=אויפֿגאנג אונ גלײַכ געגומענ שפּאנענ
דעמ פֿעטער יודלס פֿערד=אונ=וועגל, געגומענ שפּאנענ מיט אקשאָנעמ
פֿונ א ניכטערנ אונ מיט שפּורנ פֿונ א נאכט=נעראנק:

„באסי הייסט זי... א פּאָשעטער נאָמענ, באסי...“

פֿונ שטוב איז אונטערשטנ קליידל האָט זיכ סימע שטיל ארויס=
געשארט, זיכ ארויסגעשארט פֿארשלאָפֿענערהייט גיט מער ווי אפּ א ווע=
גע, זי וועט אימ ארויסבאגלייטנ אונ וועט באלד זיכ לייגנ נאָכאמאָל
שלאָפֿנ, ס'איז נאָכ פֿרי:

„צוערשט וועט ער פֿאָרנ צו די קאלכשטיינער, ער וועט נעמענ
דעמ פֿעטער יודלענ אהיימ. אונ צוריקוועגס זאָל ער נישט פֿאר=
געסנ ארײַנפֿאָרנ אינ דער האפּיגאר=פֿאבריק אונ פֿארנעמענ די פּינט
זעק קוישלעכ, וואָס מע האָט פֿונ זייערטוועגנ אינ שטאָט אײַנגע=
קויפֿט“.

„גוט, ער וועט נישט פֿארגעסנ.“

אונ גלײַכ אוועקגעפֿאָרנ פֿונ הויפֿ, א טרײַב געטאָנ דאָס פֿערד
מיט אקשאָנעמ פֿונ א ניכטערנ אונ מיט שפּורנ פֿונעמ לעצטנ נאכט=
געראנק.

„באסי הייסט זי... א פּאָשעטער נאָמענ.“

אז ער האָט זיכ אײַנגעמ מיטנ פֿעטער יודלענ אומגעקערט,
איז שוינ געווענ פֿארנאכט, די זונ האָט געלויכטנ ניהעריק, אינ א
זײַט; א „קלוגיע=האב“ אינ א שכיינישנ פֿויערשנ הויפֿ האָט גע=
שטראלט ווי גינגאָלד; איבערנ גאנצנ דאָרפֿ זײַנענ געווענ צעוואָרפֿנ
פֿיל אזעלכע שטרויענע דעכער, אונ אלע האָבנ געשטראלט. דאָס זײַ=
נענ געווענ „אירע“ דעכער, „איר“ דאָרפֿ. אונ סימע מיט האָבלענ
אינ אונטערגעקליבענע קליידלעכ זײַנענ ביידע געשטאנענ אינ דער
גרויכער קיכ אונ געהאָלפֿנ דער קריסטלעכער קיכנ קלעפּנ פֿונ קעז אונ
טייג די מילכיקע וועטשערע. ס'האָט פֿלוצעמ פֿארשמעקט מיט א קינ=

דערש וויטנ לאנגאַנעדיקנ אונ מידנ טאָג, א טאָנעם. ס׳האָט זיכ עפּעס אי יאָ געגלייבט, אי גישט געגלייבט, אז ס׳איז היינט טישעבאָוו, דאָ איג דאָרפ טישעבאָוו...

יעדער טאָג איז אמייסטנ געבליבנ איג זיקאָרנ, ווייל איג עסצימער ארומ טיש זיינענ די בענקלעכ געווענ פאַנאַנדערגערוקט אונ איג גלעזערנע שעלעכלעכ זיינענ געלעגנ האלבאָפּגעשיילטע נישט־דערעסענע פּרוכטנ, אונ סימע האָט איבערגעגעבנ, אז זי, באסי, איז דאָ געווענ:

„זי איז דאָ געזעסנ בא א פּאָר שאָ אונ מער אונ האָט געוואַרט אפ אימ, איציזיקנ“.

אכ יאָ, אָט די סימע, וואָס שטייט איג אונטערשטנ קליידל אונ העלפט אלצ קלעפּנ די מילכיקע וועטשערע, זי האָט דעמלט שיר פארגעסנ אימ דערציילנ, אז באסי האָט געבעטנ, ער זאָל ארייַנקומענ.

„אויב ער וועט נאָר דורכגייג דאָרטנ, לעבנ זייער הויז, זאָל ער ארייַנקומענ.“

א גאַנצע נאכט האָט ער געשוויגנ אונ געפילט איג שלאָפ, אז דאָרטנ איג הויז איז פאראנ זי, וואָס האָט געבעטנ, ער זאָל ארייַנקומענ, געפילט, נאָר געדענקט דעמ איבזשעניערס מאָטאָציקלעט מיטנ היטל אונ נישט געענטפערט זיכ אליינ אפ דער פראגע:

„וועט ער אהינ ארייַנגייג, צי ניינ?“

אונ אפ מאָרגנ פלוצעמ אופגעוואכט גאנצפרי אונ באשלאָסנ:

„ניינ!“

ס׳איז געווענ גוט, וואָס סימע מיט ראָבלענ זייַנענ נאָכ געשלאָפנ, ער האָט קיינעמ נישט באדארפט זאָגנ די סיבע, פארוואָס ער פאָרט אוועק איגיינעמ מיטנ פעטער יודל צוריק צו די קאלכשטיינער.

בא א וואָכ צייט איז ער אָפּגעווענ לעבנ פעלדז, ווו מע שנייַדט דעמ פעטער יודלס היי. געהאָלפנ צונויפליינ דאָס היי איג הויפנס אונ אכטונג געגעבנ באמ גראָבנ די קארטאָפליעס. עטלעכע נעכט גענעכטיקט דאָרטנ אונטערנ פרייַענ הימל אפ דער ערד, געוואָרנ שטארק אָפּגעברענט, שטייפ אונ הארט פונ זונ אונ ארבעט, געשלאָפנ אונטער די הויפנס אונ געפילט זייער רייעכ פונ זיכ אליינ,

א גערוכ פונ פעלד אינ הייסנ זומער אונ פונ פריש איינגעטריקנט היי.

ס'האָט געריזלט א ריטשקעלע דאָרטנ אינ עק בערע, א ווייטס אזא אונ א שמאָלס, געמורמלט אלע אָוונט מיט וואסער-קרישטאָל, אונ די לעוואָנע קוקט אריינ דערינ פונ איבער פעלדז, פונ איבער נאכט אונ שטערנ, קוקט אריינ טיפ אונ נישטערט אזוי אונ זוכט. האָט אייזיק אויכ אריינגעקוקט אהינ איניינעם מיט לעוואָנע, געזעסנ אזוי באמ ריטשקעלע מיט א צאפל אינ הארצ, מיט א שמייכעלע א באגראָבנס טיפ אינ די ליפנ, א שמייכעלע וועגנ ווייטנ עק דאָרפ אונ וועגנ הויז דאָרטנ מיטנ מיידל; אונ וואָס ס'וועט זיינ מאָרגנ איז נישט געווענ זיינ זאכ, ער האָט נישט געוואָלט קלערנ.

נאָר אָט איז שוינ דאָס היי שטארק טרוקנ אונ איינגעפרעסט אינ די הויפנס, מע פירט עס אראָפ; די קארטאָפליעס זיינענ שוינ אויכ אויסגעגראָבנ אונ ליגנ אינ די זעק, אונ פונ ערגעצ א נאָענט דאָרפ האָט מענ געבראכט צו טרייבנ א סטאדע אהער אפ אָפגעשניטענער בערע, מאלעגייערט זי גאנצע טעג דאָ באמ ריטשקעלע. שמוציק זיינענ געוואָרנ די ברעגנ מיט דער בערע. אייזיקס פיס מיידנ אויס אומעטומ אומריינע ערטער, אונ אלצ דערמאָנט דאָכ אזוי שטארק אָנ די פינפ „שטיקעלעכ", וואָס דאָרטנ אינדערהיימ, אינ הויפ, אונ אלצ ציט אהינ אונ ציט.

איז אָט:

איינמאָל פארנאכט האָט ער זיכ אהינ אומגעקערט אונ האָט ווידער דערזענ די פיל צעוואָרפענע שטרויענע דעכער, ביימס זיי שטראלנ בא זונ-פארגאנג, ווי גינגאָלד, אירע דעכער, איר דאָרפ. אונ אינ נעראנט איז געלעגנ דאָס הויז דאָרטנ אינ ווייטנ שטילנ עק פונ דאָרפ. ער האָט גענומענ מיט זיכ א האנטעכ אונ זיכ געלאָזט גיינ צומ טייכ, וואָס מיט די געלע זאמדיקע ברעגנ. נאָר אפנ וועג האָט ער דעמ האנטעכ ערגעצ אהינגעטאָנ, עס פארלוירנ, אפאָנעמ, אונ אליינ האָט ער פארקערעוועט לינקס, ער איז אריינגעקומענ אינ הויז מיט די געלע גאנעקעס אונ האָט באלד בא דער טיר ווידעראמאָל דערפילט דעמ צאפל אינ הארצ. דאָס איז געווענ דער זעלביקער צאפל, וואָס באנאכט באמ ריטשקעלע, נאָר א מער שטארקער אונ שנעלער; ער האָט זיכ איבערגעבאזערט איינ מאָל אונ צוויי מאָל, אונ דאָס

שמייכעלע אפ די ליפּנ האָט א רעגע א ציטער געטאָג איג זיכ געגומענ איינגעראָבנ אלצ טיפער אונ טיפער.

אינ ערשטנ ביידער איז געווענ שטיל; ס'איז דאָרטנ קיינער נישט געווענ. אינ צווייטנ ביידער האָבנ אינ די אויגנ א בלאָנדזשע געטאָג א פּאָר שוואַרצע אראָפּגעלאָזטע שטאָרנ מיט א פּאָר פּאטנ נאָלדשיינ, וואָס זוימט זיי ארום. אונטער די פיס איז געווענ ווייכ, זיי האָבנ געטראָטנ אפ א קאָבריצ, אפּאָנעם, צי אפ א געוואַנט א גרויסנ, אזא, וואָס שפּרייט זיכ פונ וואַנט צו וואַנט, אינ פונ דער רעכטער זייט, פונ דער שווערער קאַנאַפּע, וואָס אינ ווינקל, האָט זיכ געגעבנ א שטעל אופ זי.

ווײַטער איז שוינ אלצ געווענ פארנעפּלט אונ נישט קלאָר, א ברוינ פּאָנעם מיט א ברוינעם האלדז האָבנ א שווינדל געטאָנ גאָר נאָענט פאר די אויגנ. הענט אנטפּלעקטע ביז די עלנבויגנס האָבנ זיכ אינ שטײַפער געטרײַשאפט פארפלאָכטנ ארום זײַנ האלדז, אינ פונ ווענטענ האָט אזוי שטארק געשמעקט מיטנ הייסנ זומער אונ מיט פרישער צוגעטריקנט היי — פונ אירע הייסע ליפּנ, צי פונ זײַנע?

אפ מאָרגנ פאר זונ־זעצנ־זיכ איז ער ווידער געזעסנ מיט איר דאָרטנ אינ צווייטנ ביידער אונ אכוצ זיי ביידע איז קיינער נישט געווענ. זי האָט אפ אים געוואַרט, געזוכט מיט לײַדנשאפטלעכע אויגנ עפּעס וואָס בא אים אינ פּאָנעם אונ האָט נישט געוווסט, וואָס מיט אים צו טאָנ. אלע רעגע האָט זי אים איבערגעזעצט פונ איר רעכטער האנט צו איר לינקער אונ פונ איר לינקער האנט צוריק אפ רעכטס.

„דאָ זיצ, אײַזיק."

אונ דאָס וואָרט „אײַזיק" איז ווידער בא איר ארויס מיט מאָדנעמ ביינ. גלײַכ ס'האָט אָקאָרשט איצט מיטאמאָל באקומענ פאר איר דעמ ריכטיקנ זינענ, ס'איז איר וואָרט אונ מער קיינעמס נישט; אז זי זאָגט עס, שמייכלט זי, אונ ס'צעשפּרייט זיכ אינ איר דאָס הארצ; זי באקומט פלוצעמ א פולע ברוסט מיט הארצ.

„אײַזיק!.."

נאָר פאר אים איז דאָס נישט געווענ קיינ נײַס. איינמאָל פארנאכט איז ער דאָרטנ לעבנ אפּגעשניטענעמ היי צוגעקומענ ביז צומ

ווײַטלעכנ פוסטנ וועלדל, ער האָט זיכ דאָרטנ אָפּגעשטעלט אונ זיכ אײַנגעהערט. ס'איז געווענ שטיל. ער האָט געפּרוווט א געשריי טאָנ אינ וועלדל אַרײַנ גאָר הויכ:

„באסי!..״

אונ פונ אַלע עקנ וועלדל האָט די שטילקײַט אָפּגעענטפערט מיט א מאָדנע פאַרטראַכטנ ערנסט:

„באסי!.. באסי!..״

אונ געווענ איז אָט דער נאָמענ אינגאַנצנ נײַ. לאַכלוטנ נישט ענלעכ אָפּ די נעמענ, וואָס מענטשנ האָבנ ביז הײַנטיקנ טאָג געהייסנ.

פונ דעמלט אָנ האָט אינגאַנצנ דאָס דאָרפ נאָכאַמאָל באַקומענ א נײַעמ אויסזענ. אינמיטנ הייסנ העלנ טאָג נאָכנ באָד זיכ האָט מענ געקאָנט אַרופקלעטערנ אַרופ באַרג, וואָס שיט פונ אונטער די פיס מיט ליימיק רויטע ברעקלעכ אונ מיט גלינצנדער זאַמד, זיצנ אַזוי מיטנ נאַסנ האַנטעכ אינ די הענט אונ קוקנ, ווי דאָס דאָרפ טונקט זיכ אינ זונ. ס'איז גרויס אונ ברייט אונ אינ ווײַטנ שטילנ עק באַהאַלט עס אויס דאָס הויז מיט די צוויי גאַנעקעס אונ מיט דער הויכער שפּיגל-קייק אָבנ האָכ. דער שפּיגל-קייק מינעט זיכ אונ שײַנט, גלאַנצט אונ שטראַלט ווי זונ, אונ נישט ווײַט פונ אימ איז דאָרטנ פּאַראַנ זי... ס'רייכערט דאָרטנ א קוימענ, א פּאָר טויבנ פליענ פאַרבײַ, אונ פאַרנאַכט וועט גיינ אַהינ ער, אײַזיק. ער וועט נישט טראַכטנ וועגנ גאָרנישט; ער וועט זײַנ פאַרנעפּלט פונעמ צאַפּל אינ האַרצ אונ וועט גיינ.

IV

דער אינזשעניר מיטנ לאַנגנ נישט שיינעמ געזיכט אונ מיטנ שטאַרק דינעמ האַלדז האָט נישט אויפגעהערט פאָרנ אַהינ אינ הויז. אַלע באַטאָג פאַרמיטיק האָט זײַנ צווייערדערדיקער מאָטאָציקלעט דורכגעשניטנ די לענג פונ דאָרפ אינ מיט קראַך אונ הילכיקער שי-סערײַ געיאָגט אַראָפּ, אַראָפּ צו די צוויי געלע גאַנעקעס, וואָס זײַ-נענ פאַרגאָסנ מיט זונ.

אַז ער איז פונ דאָרטנ געקומענ צוריק אַהער, צומ פעטער ייִדל אינ הויז צו דער באַשטימטער שאָ עסנ, איז ער געווענ אויפגעלייגט

און פריילעך און זיך אָפּט געפּרוּווט האַנגלען מיטן קליינעם קורדובל דעם בעמיקער. הייסט עס, אַז צווישן אים און באַסין איז גאָרנישט נישט געשען, ער איז ווי פריִער געווען איר כאָסן.

איַיזיק האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן אויף די פּאָר שאָ, ווען דער אינזשעניער האָט זיך געפונען דאָ באַם פּעטער יודל אין הויז באַם מיטיק. ער האָט איינ=אַליין אַרומגעבלאָנקעט און גאָרטן אין די וויַיטסטע שטילע ווינקלען, געזעסן דאָרטן אויף א נידעריקן שטיין, געגריבלט מיט א שפּענדל אין זאַמד און נישט געוואָלט טראַכטן וועגן אינזשעניער, נאָר געוואָלט טראַכטן וועגן זיך, איַיזיקן, וועגן דעם, וואָס איצט אינעם דאָזיקן מאָמענט, בעת ער זיצט אַזוי און גריבלט מיטן שפּענדל און זאַמד, איז ער יִינגלש און נאַריש, און זיַינע כאַוויירים דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, וואָלטן איצט פון אים געלאַכט. אין אַזאַ מין צושטאַנד האָט ער זיך געקאָנט געפינען א שאָ און צוויי, א גאַנצן באַטאָג. און נאָכדעם איז שוין געווען פאַרנאַכט. ער איז געזעסן איינ=אַליין צווישן די אָפּגעגילטע שפּיצן, וואָס אין אָנהייב יונגן וועלדל אַרום דאָרף, און האָט אויף איר געוואַרט. בא אים האָט דאָס האַרץ געצויגן, נאָר זי איז אַהין געקומען זעלטן, דעמלט האָט ער זיך ליידיקגייעריש און פויל אומגעקערט אַהיים, ליידיקגייעריש און פויל אַריַינגעקומען אין שטוב, און געדאַכט האָט זיך אים, אַז אַלע ווייסן וואָס מיט אים האָט געטראָפן, בא אַלעמען אין די אויגן איז ער געוואָרן וואָלוול...

דערצו איז נאָך גראָד צו יענער ציַיט איינמאָל באַנאַכט שטיל און אומגעריכט אַראָפּגעקומען ראָכלס מאַן, מוראַנאָוו דער אַרטיסט. אַראָפּגעקומען איז ער, ווי געוויינלעך, מיט די פיל בריליאַנטענע פינגערלעך אויף די הענט, מיט די בריליאַנטן=פינגערלעך, וואָס ער האַלט טאָמיד אויס צוליב א שלעכטן טאָג, צוליב א ציַיט, ווען מע וועט זיי מוזן פאַרזעצן.

ער איז, ווי געוויינלעך נאָך א שלעכטן סעזאָן, אָפּגעשלאָפן צעבראָסטעטע אַקעגן א פּאָר מעסלעס בא ראָכלען אינעם געמיטלעכן ציכטיק צוגעפּוצטן צימער, און ראָכל איז אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען אין די שטעק=שיך, מיט א בלאַסע און רויִקן געזיכט און א צופרידנקייט אין קאָל און אין יעדער טנוע, וואָס זי מאַכט אין שטוב צוליב באַלעבאַטישקייט. דער פּעטער יודל איז, ווי טאָמיד, געווען

316

בא די קאַלכשטיינער, אונ אינ הויז האָט גאַנצע טעג געהערשט אַ מאָדנע שטילקייט פונ אוים באַסענע אונ געהערט האָט זיכ שטענדיק, ווי אינ סימעס ביידער קלאַפּט אָנ אופהער דער שטייענדיקער וועקזייגער.

מוראַנאָווּ האָט מענ נאָכדעמ אוועקגעשטעלט אַ קליינ פאַרשפּרייט טישל אָפּ דער וועראַנדע נישט ווייט פונעמ גרויסנ טיש, ווו מע עסט. מע האָט געקאָכט פונ זייַנטוועגנ באַזונדערע שוואַרצע קאַווע, געבאַקנ פונ זייַנטוועגנ באַזונדער די אַלע געבעקסנ, וואָס ער האָט ליב. אונ געזעסנ איז ער גאַנצע שאָענ, צעכראַסטעט בא אָט דעמ טישל, אונ געטרונקענ די קאַווע פּאַמעלעכ, פאַרטראַכט, ווי מיט כעזשבנ, געדרוי־בערט גראָבע ציגאַרנ, געהוסט הילכיק, ווי אַ באַלעבאָס, אונ גערעט.

ער האָט געהאַט אַ קורצע נאָז, אַ פאַרשאַרפטע אונ פאַרשפּיצטע צומ עק, אונ אַלייננ איז ער געווענ אַ וווּקסיקער, פליישיקער, אַ פוי־לער, געקוקט באַוויליקנדיק מיט די שטאַרק אָפענע ביימלדיקע אויגנ אונ ליב געהאַט צו פאַרדרייענ אַ שטיקעלע וואַטע אַרומ אַ שווע־בעלע אונ לאַנג דרעלעווענ מיט דעמ אינ אייגעמ פונ זייַנע אומגע־וויינלעכ קליינע אויערנ. פונ גרויס גלייַכגילטיקייַט צומ גאַנצנ קליי־נעמ לעבנ, וואָס אַרומ אימ, האָט ער שוינ אַפילע נישט געגאַלט די שוואַרצע שיטערע סטערניעס, וואָס שפּראָצנ אימ אומעטומ פונ די באַקנ אונ פונ דער אויבערשטער ליפּ אונטער דער קורצער פאַר־שפּיצטער נאָז.

נאָר איינמאָל באַטאָג איז אַהער צומ פעטער יודל אינ הויז פלוצעמ געקומענ צו לויפנ באַסי. געקומענ איז זי מאָרגנס פרייִלעכ, אינ אַ העל־גרינ זייַדנ קלייד, וואָס זי האָט געמאַכט ברייט אינ די זייַטנ, נידעריקער פונ דער טאַליע, אונ יונג, יונג ווי פונ אַ יאָר אַכצנ. זי האָט זיכ געייַלט. זי איז געשווינד דורכ דורכ דער וועראַנדע אַזוי, אַז מ׳האָט זי אַפילע נישט באַוויזנ צו באַקענענ מיט מוראַנאָווּנ, וואָס זיצט דאָרטנ באַמ טישל, אונ איז גלייַכ אַוועק אינ גאָרטנ אַרייַנ, ווו זי האָט באַדאַרפט געפינענ אייַזיקנ.

מוראַנאָוו האָט זי באַגלייט מיט די צעעפנטע ביימלדיקע אויגנ, וואָס באַוויליקנ. ער האָט נישט אופגעהערט צו קוקנ, ווי איר העל־גרינ קלייד שווינדלט אינ גאָרטנ צווישנ די ביימער. ער האָט מיט־אַמאָל ווי פאַרלאָרנ די רויִקייַט אונ האָט אופגעהערט צו זיצנ באַמ טישל. אונ נאָכדעמ האָט זיכ אַ גאַנצנ טאָג געהערט, ווי ער בלאָנ־

קעט ארומ אינ גאָרטנ אונ אונטער דער שטוב, אונ פונ אומעטומ, ווו ער האָט זיכ געפונענ, האָט זיכ אהער אפ דער וועראַנדע גע-הערט, ווי ער פרוווט מיט גאַרלעמ זײַנ געדיכטע ארטיסטנ-שטימע:

„מיאָ, מיאָ — טני — וי — וי!"

אינ יענעמ פאַרנאַכט האָט זיכ מוראַנאָוו דער ארטיסט ארומגע-גאָלט, ארומגעוואַשנ, אָנגעטאָנ א פּאָר גרינע הויזנ מיט א שוואַרצ רעקל, א געשפּיליעטס אינ דער הייכ ביזנ פּאָנעמ, אונ האָט פאַרגעלייגט אײַזיקנ מאכנ א שפּאַציר איבערנ דאָרפּ... אײַזיק האָט אפ אימ א קוק געטאָנ, ער האָט געטראָגנ א הארטנ הוט אפנ קאָפּ, געהאלטנ א קליינ יאַמשאָווע שטעקעלע אינ האַנט; ער האָט אויסגעזענ ווי אַנ אנטרעפּרעניאָר פונ א קליינשטעטלדיקנ צירק. נאָר אָפּזאָגנ אימ האָט מענ האָב נישט געקאָנט, מע האָט געמוזט באַגראָבנ טיפ, טיפ דאָס שמייכעלע, וואָס צווישנ די ליפּנ אונ אונטער די ברעמענ לעבנ די אויגנ, אונ ארומשפּאַצירנ מיט אימ איבערנ דאָרפּ.

V

די באהאלטענע אומצופרידנקייט, וואָס אפ דער ראַפּינאַ-באַביק, האָט זיכ געשטאַרקט. זי האָט זיכ פאַרקליבנ אלץ טיפער אונ טיפער אינעמ טומל, אינעמ רויכ אונ אינעמ דאַמפּ, זי האָט לאַנג געשלאָ-גנ איר אַקשאַנעסדיקנ סאָר, נאָר דער צווייטער מעכאַניק אינ די בלויע ברילנ האָט די גאַנצע צײַט געאַרבעט אינ דער שטיל, אונ דער סאָר איז סאָפּקאָלסאָפּ ארויסגעשווומענ אינ האָט זיכ אנטפּלעקט. דאָס איז געשענ אינ א הייסנ זוניקנ פרימאָרגנ, וואָס נאָכ אײנעמ א כאָגע-טאָג, א זונטיק.

די בנייבאַיס, וואָס באמ פּעטער יודלעס אינ הויז, זײַנענ דעמלט אלע פונ גאַנצפרי געשטאַנענ אינדרויסנ אפ דער זונ; מע האָט אייג-ציקווייז געקלעטערט אפנ לייטער אונ אפנ דאַכ, מע האָט זיכ באַר-שטעלט מיט א פּלאַכער האַנט פונ זונ אונ מע האָט זיכ אײַנגעקוקט אינ די שפּיצנ פונ דער פאַבריקס דרײַ ריזנ-קוימענס, וואָס [illegible] ארויס אויסערנ דאָרפּ פונ הינטערנ בארג. די קוימענס האָבנ דאָרטנ מער מיט שוואַרצנ רויכ נישט געשפּיגנ, זיי זײַנענ געווענ טויט.

שטייענדיק אזוי אפנ דאַכ אונ אײַנקוקנדיק זיכ, האָט מענ פּלוי-

צעם דערהערט, ווי דעם אינזשעניערס צוויירעדערדיקער מאָטאָציקלעט שנײַדט דורכ מיט ראַש די שלעפעריקע שטילקײַט פונ דאָרפ אונ יאָגט אוועק לינקס, צום הויז מיט די געלע גאַנעקעס אפּאָנעם. נאָר אינ א פּאָר שאָ ארום, ווענ מ'איז אהינ צוגעגאנגענ, האָט מענ דאָס הויז שוינ געטראָפנ א פּוסטס, א געשלאָסנס, אלע זײַנע וויגער זײַנענ ערגעצ אוועק. אונ אויכ פונ דער פאבריק איז דורכ א קליינ מיידעלע אָנגעקומענ אהער צום פעטער יודלענ אינ הויז א צעטעלע, ווי דער בעמיקער האָט געשריבנ, אז אלע זייעריקע פאָרנ אוועק; אפ עטלעכע טעג פאָרנ זיי פונ פאבריק אוועק. ער האָט פרײַלעכ געלאָזט אלעמענ פרײַנטלעכ גריסנ.

דעמלט האָט דאָס גאנצע דאָרפ בא דער געוויינלעכער שײַנ פונ זונ אָנגעהויבנ אויסצוזענ אזוי מאָדנע, גלײַכ צו אוונט־צײַט מ.ז. אינ דעם עפּעס אומגעוויינלעכס געשענ, ליקוי־כאמע, אשטייגער, צי עפּעס אנדערש, אונ איבער די לאנגע אונ שטילע גאסנ האָבנ, ווי אינ א גרויסנ באָגע־טאָג, א יאָנטעוו, פאָרלעכווײַז אונ איינציקווײַז אָנגעהויבנ ארומשלײַענ זיכ די פיל ארבעטער פונ פאבריק. זיי זײַנענ אלע געווענ אָנגעטאָנ זונטיקדיק; זיי האָבנ געריסנ אינ די פויערשע סעדער די פרוכטנ אונ זיכ געוויצלט מיט די מיידלעכ, וואָס ווילנ דאָס נישט לײַדנ. זיי זײַנענ מאכנעסווײַז געשטאנענ אינמיטנ דאָרפ אפנ פלאצ, וואָס צווישנ די איינציקע צוויי טאָמיד געפּאקטע דאָרפ־לייטלעכ, געקאָנט יעדערנ אונ געכויזעקט פונ זיכ, פונ זייערע ווײַבער אונ פונ דער פּארטיע פורנ, וואָס האָבנ געבראכט אינ פאבריק האָלצ אונ נישט געהאט בא וועמענ צו מאָנענ סבאר־אנאָלע.

אפ מאָרגנ איז פאָרגעקומענ פונקט דאָס זעלבע. די ארבעטער האָבנ זיכ ווידער געשלײַעט אפ די שמאָלע גאסנ, דאָס דאָרפ האָט אויסגעזענ, ווי אום יאָנטעוו, אונ דאָס אומגעוויינלעכע איז נאָכ אלצ נישט געשענ.

אײַזיק האָט זיכ אינ יענע טעג געפילט מאָדנע; גלײַכ אלע עלטערע, וואָס האָבנ אפ אים א דייע, זײַנענ פונ דאָרפ אוועקגעפאָרנ, אונ ער, דער יינגסטער, איז דאָ איצט געבליבנ איינער אליינ. הײַנט איז ער א פרײַער; ער קאָנ טאָנ, וואָס ער וויל. ער האָט גענומענ דעם האנטעכ אונ איז אוועקגעגאנגענ צום טײַכ, וואָס מיט די געלע זאמדיקע ברעגנ. נאָר אפנ אָרט פונ צו באָדנ זיכ האָט ער ארופ־

געקלעטערט אויפֿן באַרג, וואָס שטייט פֿונ אונטער די פֿים מיט שטיי־נער־ברעקלעך אונ מיט הייסער זאמד. ער איז דאָרטנ א היפּשע צייט געזעסנ אונ האָט געקוקט אפֿ די צוויי שפּיגל־קייקנ, וואָס שטראַלנ ווייט־ווייט אפֿ די געלע גאַנעקעס, מיגענ זיך אונ גלאַנצנ אונ קיינער כוץ אים, אייזיקנ, ווייסט נישט, אז אָט דער גלאַנצ באַטייט:

„באסי!..“

ווו איז זי איצט געוועזנ? זי איז אוועק אינייִנעם מיטנ פֿאָטער, מיט דער מוטער, מיטנ אינזשעניער, מיטנ בעמיקער אונ מיט דער קליינער לינענ; זי האָט נישט געפֿילט, אז דאַפֿקע ווענ זיי אלע זייִנענ נישטאָ, איז קעדייִ געווענ צו בלייִבנ דאָ. אונ אָט, לעמאָשל, ווענ ס'ווייזט זיך ארויס, אז זי איזווירקלעך געבליבנ דאָ, ווענ ער קומט איצט אשטייגער צו אהינ, קלינגט אָנ באַם רעכטנ געלנ גאַנעק, אונ זי עפֿנט אים די טיר...

אינ עטלעכע טעג ארום זייִנענ אהער פֿונ דער גרויסער אונ ווייַ־טער שטאָט אראָפּגעקומענ צוויי פֿונ דער פֿארוואלטונג אונ מיט זיי אינייִנעם דער פֿאבריק־אינספּעקטער, דער סטאַנאָוואָי, אונ נאָך אייִנע, א געעלטערטע אונ וויכטיקע פּערזאָנ, וואָס האָט געזאָגט אלעמענ „דו“ אונ האָט זיך געפֿירט שטרענג ווי א גענעראַל.

די ארבעטער האָט מענ צונויפֿגערופֿנ אפֿ דער פֿאבריק אונ פֿאר זיי געהאלטנ רעדעס. מע האָט זיי צוגעזאָגט, מע האָט אפֿ זיי געשריִענ אונ זיי פֿאָרגעלייגט זיך שטעלנ צו דער ארבעט. די ארבעטער זייִנענ געקומענ שווייִגנדיק, אויסגעהערט שווייִגנדיק אונ שווייִגנדיק זיך פֿאַ־נאנדערגעגאנגענ. די פֿאבריק איז אזוי אָפּגעשטאנענ בא צענ טאָג פּוסט. נאָר סאָפּקאָלסאָפּ האָט זיך דאָס אלצ געענדיקט מיט גאָרנישט.

אינ אייִנעמ א פֿרימאָרגנ איז מענ באַם פּעטער יודלענ ווידעראַמאָל געקראָכנ אפֿנ דאַך א קוק טאָנ, ווי די שפּיצנ פֿונ די פֿאבריק־קוימענס לאָזנ שוינ ווידעראַמאָל שווארצע וואָלקנס; א פּאָר דאָרף־יונגענ האָט מענ ארעסטירט דערפֿאר, וואָס זיי האָבנ געסטראַשעט אונטערצינדנ, אונ דעמ צווייטנ מעכאַניק אינ די בלייִע ברילנ האָט מענ אָפּגע־זאָגט פֿונ זייִנ שטעלע. ער האָט זיך ארומגעדרייט, ווי א פּוסטע־פּאסניק איבערנ דאָרף. אָט דער יונגער באַלעזענער מעכאַניק מיט די קליי־נע, שלעכט וואקסנדיקע וואָנצעלעך אונ ברייטנ באַלמעלאָכישנ פּאָנעמ, וואָס זעט אויס אומעטיק, ווי דאָס פּאָנעמ פֿונ א כינעזער. ער האָט

געהאלטנ אינ איינ פארטראכט קוקנ דורכ די בלויע ברילנ ערגעצוווהינ צומ בארג, וואָס ארויס דאָרפ. ער האָט געקוקט אומעטיקערהייט אפ רעכטס און אפ לינקס. און געדאכט האָט זיכ, אז דאָס האלט ער אינ איינ פאָרשנ דעמ ווײַטלעכנ האריזאָנט, אינ איינ זוכנ א אָרט, וווהינ ער וואָלט געקאָנט אהינטאָנ זײַנ געביינ.

VI

געקומענ זײַנענ צוריק אלע פונ פאבריק, אכוצנ אינזשעניער און אכוצ אלע, וואָס וווינענ אינעמ נײַעמ הויז מיט די געלע געשניצטע גאנעקעס. דער דאָקטער מיטנ קורדופל דעמ בעמיקער האָבנ דאָ, ווי פריער, אלע טאָג געגעסנ מיטיק. מע האָט דאָ, ווי פריִער, מיט פארגעניגנ אפגערוט פונ גרויסנ קעסל־טומל, וואָס דאָרטנ אינ פאבריק איז, גלײַכגילטיק געשמועסט וועגנ דעמ, וואָס די ארבעטער אינ היגנ קאנט זײַנענ געוועזענע פויערימ.

„אָנ קעפ.”

„סקאָט.”

מע האָט זיכ דאָ נאָכ איינעמ א מיטיק אלע אינײַנעמ צוזאמענ מיט סימענ און מיט ראָכלענ געבראָכנ די קעפ און צוגעקלערט דעמ בוסעכ פונ די טעלעגראמעס, וואָס מע וועט באלד אוועקשיקנ דעמ אינזשעניער און באסינ צומ טאָג פונ זייער כופע, ערגעצ דאָרטנ אינ דער גרויסער שטאָט. און נאָכדעמ זײַנענ שוינ אהער טעלעגראמעס אָפט אָנגעקומענ פונ זיי ביידע, פונ באסינ און פונעמ אינזשעניער, טעלעגראמעס פונ דער לוסט־רײַזע, וואָס זיי מאכנ ערגעצ דורכ וואַרשע, דורכ ווינ און דורכ בערלינ. מע האָט זיי געלייענט דאָ באמ מיטיק אָט די טעלעגראמעס זייערע; מע האָט קריטיקירט זייער מארשרוט און מע האָט זיכ טאָמיד אינטערעסירט צו טרעפנ:

„ווו געפינענ זיי זיכ, צומ בײַשפיל, איצט?”

אײַזיק האָט נישט געוואָלט הערנ דעמ ענטפער און האָט זיכ אומבאמערקט ארויסגעשארט אינדרויסנ, אינ הויפ ארײַנ און אינ גאָרטנ. ער האָט דאָרטנ ארומגעשפאנט אייגער אליינ אינעמ ווײַסנ סטודענטישנ העמדל. ער האָט געטראָטנ אפ געלע בלעטער און אפ די שטיקלעכ צווײַגנ, וואָס ברעכנ זיכ אונטער די פיס. און נישט ווײַט אפ דער

וועראַנדע איז אײנ־אַלײנ געזעסנ צעכראַסטעט בא זײַנ טישל מוראַגאָוו דער אַרטיסט, גערויכערט ציגאַרנ, געלײגט פאַסיאַנסנ און אַלעמאָל געפּרווט מיט קויעכ זײַנ פעסטע און געדריכטע אַרטיסטישע שטימע:

„מיאָ, מיאָ — טנו — ו — ו.“

גלײַכ זי, באַסי, איז נאָכ דאָ און וועט דערהערנ, אַט וועט א שווינדל טאָנ איר העל־גרינ זײַדנ קלייד צווישנ די שטאַמענ פונ די ביימער, א שווינדל טאָנ און פאַרשווינדנ.

נאָר אַט איז געקומענ דער סאָפ פונ עלעל. אהינ אינ הויז מיט די געלע גאַנעקעס האָבנ זיכ אומגעקערט פאָטער און מוטער, געבראַכט האָט זיכ אָבער עפעס, אז זיי שלאָפנ דאָרטנ אָפ גאַנצע טעג, זיי שלאָפנ זיכ אויס פונ נאָכ דער כאַסענע. און דאָ באַם פעטער יודלענ אינ שטוב האָט מענ אָנגעהויבנ ריידנ וועגנ א מיניענ אָפ יאָמים־נויראָים, מע האָט געציילט די מענטשנ:

„מוראַגאָוו, איז נײַנ.“

„אײַזיק, איז צענ.“

אײַזיק האָט נישט געשאָקלט מיטנ קאָפ אָפ ניינ, כאָטש דער מיניענ האָט באַדאַרפט פאַרקומענ דאָרטנ אינעם הויז מיט די געלע גאַנעקעס, ער האָט זיכ געפוילט זאָגנ, אז ער פאָרט מאָרגנ אַוועק.

אינ יענעמ טאָג האָט ער צומ לעצטנ מאָל אַרופגעקלעטערט אָפנ באַרג, וואָס שיט מיט הייסע פריסיק־שטיינדלעכ און מיט זאַמד, און איז דאָרטנ לאַנג געזעסנ אונטער דער גליִענדיקער זונ מיטנ פּנים צום ווײַטנ און שטילנ עק פונ דאָרף. צוויי גרויסע שפיגל־קייכנ האָבנ אַרויסגעקוקט פונ צווישנ גרינע ביימער־שפּיצנ און פונ צווישנ דעכער געמינעט און געגלאַנצט; א פּאָר טויבנ זײַנענ געפלויגנ פאַרבײַ, א רויכל א קוים אָנגעזעענס האָט זיכ דאָרטנ רויִק געציִקעט פונ אײנעמ א קוימענ, און זומער־טאָג האָט געשײַנט, זונ האָט זיכ געגאָסנ אינ די גלעזערנע קייכנ אַרײַנ, זיכ געגאָסנ, געשײַנט און ווידער געגאָסנ, און אָפנ האַרצנ איז דאָכ געווענ גרינג.

מאָרגנ וועט ער, אײַזיק, שוינ דאָ נישט זײַנ. פאַרטאָג וועט זיכ מיט אימ אָפנ נאָענטנ וואָקזאַל צעקושנ דער שמייכלענדיקער פעטער יודל און וועט אָפ אימ צומ לעצטנ מאָל א בלאָז טאָנ מיטנ ריח פונ פאַלמירע־זייפ, מיט „גאָט צו דאַנקענ“ און מיט „וויל, זייער וויל“. א וואָכנדיקנ וועט אימ דער צוג אָוועקטראָגנ צוריק אינ דער גרויסער שטאָט,

צוריק צו זייַנע באַווייזים, וואָס זײַנען אַזעלכע שטײַפֿע, שוויַיגנדיקע און פֿאַרשאָרעמדיקע, ווי ער, שרייַבן קיינמאָל קיין בריוו נישט און זאָגן קיינמאָל נישט איינער דעם צווייטן, אַז זיי האָבן זיך ליב. נאָר אַמאָל ווען דאָס דאַרטן אַרופֿשווימען דער איצטיקער צאַפּל און האַרץ, און פֿאַרגראָבן ווערט זיך טיפֿער דאָס ציטעריקע שמייכעלע אין די ליפּן, עס ווערט זיך געדענקען אַ טאָג אַ זומערדיקער, אַ באַרג, וואָס שיט מיט פֿריסיק־שמײַנדלעך און מיט זאַמד, אַ פּאָר שפּיגל־קייקן, וואָס שטראַלן איבערן דאָרף מיט זילבערשייַן און מיט זון, און אַ מיידל אין אַ העל־גרינ זײַדן קלייד ווערט אויף אַ רעגע אַ שווינדל טאָג צווישן שטאַמען פֿון ביימער, אַ שווינדל טאָג און פֿאַרשווינדן.

דער באַריטאָן

I

דער באַרימטער באַריטאָנ אונ זינגער פונ ייִדישע פאָלקס-לידער איז איצטיקס מאָל אַרויסגעפאָרנ אַפ אַ טור ניִשט אַזוי צוליב פאַר-דינסטנ, ווי צוליב אַנדערע מער וויכטיקע סיבעס: איִמ איז געווענ אָנגעזאָלצנ אַפנ האַרצנ דערפונ, וואָס ער ווערט אַלט — שוינ איבער עטלעכע אונ פערציק.

ווי גלאַטיק אונ צאַפלדיק ער — דער זשוואַווע מיט די קלוגע שוואַר-צע אייגעלעכ אונ מיטנ ענערגישנ, לײַדנשאַפטלעכ-אַרויסגערוקטנ אונ-טערמויל — זעט ניִשט אויס, רוקט זיכ האָב אָנ אַפ איִמ עפעס אַזוינס, וואָס זײַנ נאָמענ איז צום באַדויערנ אַזוי פּאַשעט:

— עלטער...

ער פאַרגאַנווענט זיכ מיט זויערקײַט אויב ניִשט אינ די קנייטשנ, וואָס ארום זײַנע אויגנ, איז יעדנפאַלס אינ פאַרשיידענע שלעפעריקע טענער פונ זײַנ פראָסטפולער, מע קאָנ זאָגנ, וועלט-באַריִמטער שטימע.

איִמ האָט זיכ געדאַכט: עס איז גענוג ער זאָל זיכ דורכלופטערנ, א זינג טאָג פאַר א גרויסנ אוילעמ, אונ אָט די אַלע זויערלעכע נע-פּילנ וועלנ גלײַכ אַוועק ווי מיטנ ווינט.

נאָר אַרומפאָרנדיק איצט מיט קאָנצערטנ איבער איינעמ פונ די קליינע לענדער, וואָס האָבנ פאַר דער מילכאָמע געהערט צו רוסלאַנד, האָט ער נאָכ דערצו אָנגעהויבנ צו באַמערקנ, אַז דער אוילעמ ווײַזט אַרויס צו איִמ פיל ווייניקער אינטערעס, ווי צוריק מיט עטלעכע יאָר. דער אײַנדרוק איז אַזאַ:

— גיב דעמ אוילעמ עפעס נײַערס, ייִנגערס...

די טעאַטערס, ווו ער טרעט אַרויס, זײַנענ פול, אָבער ווײַט ניִשט

אזוי געפּאַקט, ווי אַמאָל. עס פעלט דער סאַמע איקער — דער „קאָפּ=אַפּ קאָפּ". ווי אַמאָל קומענ אינ האָטעל אים אָפּגעבנ קאָווער פאַרשיידענע זינגענדיקע און נישט=זינגענדיקע יונגעלייט און מיידלעכ, נאָר אויכ זיי זיינענ צו אים געלאָפנ פוילבלעכ, עס פעלט אינ זיי דער געוועזענער כסידישער ברענ מיט דער געוועזענער דאַנקבאַרקייט דערפאַר, וואָס ער, אַ מענטש מיט אַ פענאָמענאַלער שטימע, האָט אינ דער יוגנט פאַרלאָזט דעם פרעמדנ טעאַטער און איז אַוועק צו ייִדישע פאָלקס=לידער. זיי טראָגנ אינ האַרצנ די קעלט פונ אַרומיקנ קויטיקנ אָסיענ און זיינענ ביז גאָר ניכטער, באַלעבאַטיש=געזעצט... אים האָט פאַר=דראָסנ:

— פאַרוואָס זיינענ זיי אַזעלכע סטאַטעטשנע... אויסגעגעבענע?..

ער האָט דעריבער גערעדט צו זיי מיט אַ טאָנ פונ אָפּגעריצטקייט און גרינגשעצונג, פילנדיק דערביי אַ באַדערפעניש סיי צו איראָניזירנ איבער זיי, סיי אַ ביס צו געבנ:

— איכ פאָר אַרומ און געפינ נישט די ייִדישע יוגנט — די יוגנט פונ גליקלעכנ „הוליע=קאַפּצנ"... אַלע זיינענ עפעס געוואָרנ ווי פאַר=מעגלעכ, כאָטש די עקאָנאָמישע לאַגע אינ אַלגעמיינ איז דאָ זייער אַ שלעכטע. אַ?.. איר פרעגט באַ מיר, וואַזוי מע רופט אײַכ?.. פאַרוואָס בינ איכ עפעס מעכוייעוו דאָס צו געדענקענ פונ צוריק מיט זיבנ יאָר?.. וווינענדיק אינ איטאַליע, האָב איכ געקענט דריי טויזנט איטאַליענישע ווערטער, גאָר אַרויספאָרנדיק פונ דער איטאַליענישער גרענעץ, האָב איכ אָט די ווערטער אַרויסגעוואָרפנ פונ קאָפּ — זייער פּלאַץ אינ זיקאָרנ האָב איכ באַהאַרפט אָפּ עפעס בילכערס...

דאָס אַלץ, האָט זיכ אים געדאַכט, איז קאַרג. צו אַ פּאָר יונגעלייט האָט ער געזאָגט זייער גראָב:

— איר זאָלט האָבנ אַ קלאָל: די סאַמע קליינלעכסטע קאָוועד=זוכער זיינענ יענע, וואָס קלעפנ אַרומ „גרויסע מענטשנ".

די יונגעלייט האָבנ אינ פאַרלוירנקייט געשטשערעט די ציינ, געשמייכלט צי פונ טעמפּקייט, צי פונ ווייטעק, און אינ אים איז געוואַקסנ דער פאַרדראָס, פאַרוואָס די, וואָס קומענ אים קאָוועד אָפּגעבנ, זיינענ אַזעלכע קליינימשקע — זיי באַליידיקנ זיכ אַפילע נישט...

מער פונ אַלץ האָט אָבער באַליידיקט איינער אַ פּאַקט:

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געהאַט זיינע קאָנצערטנ אינ די צוויי

גרויסע שטעט פונ אַט דער קליינער מעדינע, האָט אימ אָנ אויפהער באָמבאַרדירט מיט בריוו אונ מיט טעלעגראַמעס איינס א קליינ שטעטעלע, וואָס וואַלגערט זיכ איצט אינ האַרבסט צווישנ גרויסע בלאָטעס בא דער גרענעצ.

— א פאַרדרייפּעט שטעטעלע, — האָט ער געקנייטשט מיט די אַקסלענ, — וואָס האָט זיכ עס אָנגעקלעפּט?!

פאַרמאָגט האָט עס סאַכאַקל בא דרײַ אָדער פיר טויזנט אײַנוווינער, דאָכ איז דאָס אַרויס פונ די קיילימ אונ האָט „פאַר יעדער פרײַז" — אַזוי האָט עס געשריבנ אינ די בריוו אונ אינ די טעלעגראַמעס — געוואָלט „האָבנ די זכיִע" צו הערנ בא זיכ אינ דער היים דעמ באַרימטנ זינגער אונ באַריטאָנ.

אינ די טעלעגראַמעס אונ אינ די בריוו האָט זיכ געפילט אַנ אַזעס פונ א שטעטעלע, וואָס ליגט ערגעצ אינ „עק" אַרומגערינגלט מיט בלאָטעס אונ מיט פוסטקײַט, נאָר אינ אַט דעמ אַזעס איז געלעגנ א טיפע באַליידיקונג פאַר אימ, דעמ גערימטנ — פריִער מיט עטלעכע יאָר וואָלט אַזא שטעטעלע אפילו נישט געוואַגט צו האָבנ אַזא טײַווע. יעדע נײַע טעלעגראַמע האָט ווי געגעבנ צו פילנ, אַז ער איז אַנ אָפּגעקומענער כאָסנ-באָכער אונ אַז מע רעדט אימ עפּעס זייער א נידעריקנ שידעכ.

נאָר פונ דער אַנדערער זײַט:

די האָזע פונ שטעטעלע האָט אימ געדינט, ווי א באַראָמעטער, אַז דער אינטערעס צו אימ איז געפאַלנ, ווי ער פאַלט ביכלאַל צו אָפּגענוצטע באַרימטקײַטנ — פריִער פלעגנ זיכ איבער זײַנע קאָנצערטנ שלאָגנ גרויסע שטעט, אונ איצט קאָנענ שוינ זעטנ מיט אימ זייער נײַגעריקײַט בלויז קליינע פאַרוואָרפענע שטעטלעכ.

וויאַזוי האָט ער באַדאַרפט אָפּנ שטעטעלעס אַזעס ענטפערנ?

— מאַכנ א שווײַג, נישט ענטפערנ גאָרנישט...

נאָר פונ דער אַנדערער זײַט... פאַרקערט:

די גרויסע באַרימטקײַט טוט פלוצעמ א שפּײַ אָפּ דעמ הײַנטנ קאָנצערט, וואָס זי האָט נאָכ דאָ אינ דער גרויסער שטאָט צו געבנ. זײַנ אַנטרעפּרענער פּראָטעסטירט, צעקריגט ער זיכ מיט אימ. עס ווערט א סקאַנדאַל אינ שטאָט, א סקאַנדאַל אינ דער פרעסע, נאָר ער הערט נישט קיינעמ אונ פאָרט אַוועק, מײַסע קונדעס, געבנ א קאָנצערט אינ א קליינ שטעטל...

צוליב וועלנ א שפּײַ טאָנ אפ דעמ, וואָס פעלט דער אמאָליקער ברענענדיקער „קאָפּ־אפּ־קאָפּ", האָט גענומענ אפ זיכ „אָפּריכטנ גאָלעמ" ער — דער באַרימטער באַריטאָנ מיטנ לײַדנשאַפטלעכ ארויסגערוקטנ אונטערמויל. ער איז געפאָרנ מיט שלעכט־אײַנגעריכטע פּראָווינ־ציעל־טרייסלדיקע באַנעג, אינ פאַרלויפ פונ א נאַכט זיכ איבערגעזעצט אמאָל דרײַ פונ אײנ שלעפּ־צוגעלע אינ צווייטנ, ביז ענדלעכ... אינ א גאָס־רעגנדיקער באַטאָגעדיקער שעה האָט ער אינ ברודיקער ווײַסטע־ניש דערגרייכט צומ פאַרבלאָטיקט־הילצערנעמ וואָקזאַל פונ כאַריפּעס־אזעסדיקנ שטעטעלע. באַמ ערשטנ בליק, וואָס ער האָט אפ דעמ געטאָנ, האָט אימ באַהערשט אײנ אײנציקער ביז גאָר שטאַרקער פאַרלאַנג:

— אנטלויפנ צוריק... וואָס גיכער זיכ אויסדרייענ אונ אנטלויפנ.

II

אינ אלאַכסנדיקנ גאָס־רעגנ, וואָס בא דער וואָקזאַל־טיר, האָבנ שווינדלדיק אונטערגעטענצלט די יונגעלײַט אונ די רעגנ־בורקעס, וואָס זײַנענ ארויסגעפּאָרנ אימ באַגעגענענ. זיי האָבנ אלע געהאַט עפּעס מאָדנע קרומע פּענעמער; זיי האָבנ געקוקט אזוי שעמעוודיק, ווי גלײַכ זיי ווייסנ, אז עמעצער מאַכט פונ זיי לייצאָנעס אונ האָבנ איבער עפּעס נישט אויפגעהערט צו שרײַענ:

— מאָרטכע!

— מאָרטכע!..

דער, וועמענ זיי האָבנ גערופנ „מאָרטכע", איז געווענ האַרער אונ קלענער פונ זיי אלע אונ איז אינגאַנצנ פאַרלוירנ געגאַנגענ אינ דער גרויס פונ זײַנ גרויסער געליענער רעגנ־בורקע. ער האָט זיכ געוואָרפנ פונ אײנ זײַט אינ דער אַנדערער; געלאָפנ מיט זײַנ בלאָנדער־געלנ פּע־נעמל פונעמ בינטל פאַרערער צומ גאַסט אונ פונעמ גאַסט צו אנ על־טערער בעקאָוועדיקער דאַמע — א גראָע מיט יונגע אויגנ אונטערנ יונגנ הוט — וואָס שטייט אײַנזאַמיק־שטאָלצנע אינמיטנ בינטל פאַרערער אונטער איר רעגנשירעמ — דער אײנציקער רעגנשירעמ דאָ אינ שלאַקס־רעגנ, וואָס אפ דער גאַנצער פּלאַטפאָרמע.

— וואַרט, וואַרט, — האָט ער געשריענ — לאָזט מיכ אָקאָרשט צו צומ גאַסט!

— אַט דאָס זײַט איר?.. איר אַליינ? — האָט ער פֿרײלעכ פֿונ אַלע זײַטנ באַקוקט דעמ גאַסט. — ווײ, ווײ, ווי איר האָט עס אָנגעזשומעט א וועלט!.. מיר דאָ האָבנ אויכ געוואָלט אפ אײַכ א קוק טאָנ... איר פֿאַרשטײט צי נײנ? יעיצעדהאָרע.. אַלע האָבנ געוואָלט פֿאָרנ אינ דער גרויסער שטאָט אַרײַנ אײַכ הערנ... מיר האָבנ דאָ ליב פֿאָלקסלידער.. האָבנ מיר זיכ מעיאַשעו געווענ: פֿאַר דעמ געלט, וואָס אונדז וועט קאָסטנ פֿאָרנ, קאָנענ מיר האָב אײַכ אַראָפּברענגענ צו אונדז... אונ נישט אַלע קאָנענ דאָכ פֿאָרנ, אָט צומ בײַשפּיל איכ... איכ בינ א פֿאַרנומענער אפ א שטעלע.. א בוכהאַלטער... א גוטע שטעלע, אָבער דאָכ — אפ א שטעלע...

— ווער איז די האַמע? — האָט די באַרימטקײַט, ווי טויב צו אַט דעמ גאַנצנ פּלוידערײַ, נישט אויפֿגעהערט קוקנ צומ מיטנ פֿונעמ רעדל פֿאַרערער, — אָט די גרויע האַמע, וואָס אונטערנ שירעמ?

— די האַמע? — האָט הײמ זיכ א כאַפּ געטאָנ קראַצנ אינ נאַקנ דער רירעוודיקער, וואָס הײסט מאָרטכע, — אָט דאָס איז זי האָב... זי האָט די גאַנצע צײַט נישט גערוט, געטאָנ אינ טויט אַרײַנ, מע זאָל אײַכ אָהער לעמאַנגאַשעמ אַראָפּברענגענ... זי איז די רײַכסטע האַמע בא אונדז אינ שטאָט... וואָס איז מיט איר אַזויגס געשענ, ווײסנ מיר נישט, נאָר זי האָט אײַנגעלײגט וועלטנ... אפּאָנעמ, א כסידע אײַערע, זי האָט זיכ אײַנגעשפּאַרט שטאָל אונ אײַזנ, אַז אײַבשטײנ זאָלט איר בא איר, נאָר בא איר, אינ ווײסט איר נאָר וואָס? — דאָס קלײנע געלבלאָנדע פּענעמל האָט צוגעמאַכט אײנ אײגל, אונ דענסטמאָל האָט זיכ אַרויסגערידנ, אַז עס איז ווײַט נישט קײנ נאַר — ווײסט איר נאָר וואָס?.. אַז איר וועט פֿאַרפֿאָרנ אינ אונדזעריקנ א האָטעל, וועלנ דאָכ אײַכ געווינ בײַסנ די וואַנצנ, אינ דערײַבער פֿאָלגט מיכ אונ לאָזט זיכ נישט בעטנ. וואָס אַרט אײַכ, איר וועט האַנאָע האָבנ.

איצט האָט מענ אינ רעגנ פֿאַרכאַפּט פֿלעצער אפ די צוגעגרײטע באַלעגאָלישע פֿורנ, זיכ פֿרײלעכ אויסגעזעצט אונ פֿרײלעכ אוועקגעשמיצ צומ הײפּשנ שטעטל, וואָס טוקט זיכ ווײַט, ווײַט אינ א בלאָטיקנ טאָל. קײנעמ איז אפֿילע נישט אײַנגעפֿאַלנ אויפֿצורעדנ אימ אונ די עלטערע בעקאָוועדיקע פֿרוי אפ אײנ פֿור, קײנעמ איז אפֿילע נישט אײַנגעפֿאַלנ זײ צוצופֿירנ אײנעמ צומ אַנדערנ אונ זײ באַקענענ.

דאָס הויז בא דער בעקאָוועדיקער גרויער פּרוי — א האַרבאָוועדיקס, א פאַרמעגלעכס, קימאַט א רײַכס.

וואַשנדיק זיך אינ איינעם פונ די געמיטלעכע צימערנ בא א ברייטנ וואַשקאַסטנ, האָט דער באַריטאָנ געפּרוווט מיט לײַכטע הוסטעלעך די שטימע אונ געפילט, אז מיט דעם, וואָס ער איז אמאָל אוועק פונ טעאַ=טער צו פאָלקס=לידער, האָט ער ווירקלעך אָפּגעטאָנ א גוטע זאַך... א פײַנע זאַך, וואָרעם אָט זעט ער דאָך: א שטעטעלע רוישט זיך... צי מע בלײַבט אָפּ אייביק בא דער שטימע, צי גיינ, נאָר א מענטש בלײַבט מענ דאָך... אונ דאָס שטעטעלע אליינ — א טײַער שטעטעלע... פונ קיינ שלעכטנ טאָג זאָל עס נישט וויסנ! אָט קוקט ער דורכנ פענצ=טער אונ זעט:

— ווי עס רוישט זיך א ביסל!.. מאַמעש, ווי א באַסעינע, אינ אלץ צוליב אים, דעם גאַסט — ער איז דאָך אליינ אויך פונ א שטעטל.

אינ עס=צימער האָבנ געוואַרט יונגעלײַט אונ מיידלעך — זינגענ=דיקע אונ נישט זינגענדיקע. א פּאָמפּעוודיקער באָכער — זייער א געזונטער מיט קרומע אויגנ — האָט געוואָלט בא אים אנ אייצע: וווהינ זאָל ער גיינ — אינ חראמע צי אינ אָפּערע? ווײַל אינ דראַמע האָט ער שוינ געשפּילט, ווי א ליבהאָבער, נאָר ער האָט א שטימע אונ האָט געהערט: עס וועט איינגיכנ ווערנ א יידישע אָפּערע. דער באָכער האָט שטאַרק גענודיעט אונ האָט נישט אויפגעהערט צו פאָ=בענ:

— איז ווי מיינט איר?.. גיט אנ אייצע, אדעראַבע...

דעם באַריטאָנ האָט פונ אָט דעם באָכער אָנגעהויבנ צוריק ווערנ אָנגעזאָלצנ אפנ הארצנ אונ עס איז פּלוצלינג ווידער ארופ דער גע=דאַנק, אז ער ווערט אלט — שוינ אריבער פערציק.. ער איז דעם באָכער גלײַך געוואָרנ א חאמסוינע, נאָר באַלד זײַנענ אלע זיך שנעל פאַנאַנדערגעגאַנגענ, ווײַל מע האָט דערלאַנגט עסנ מיטיק.

באַם געגרייטנ טיש זײַנענ געבליבנ נישט מער ווי צוויי: די באַלעבאָסטע — אויבנאָנ, אונ ער — בא דער זײַט. ער האָט געדריקט אינ זיך מיט גרויס אַפּעטיט די געשמאַק=געפּרעגלטע מײַכאָלים — עפּעס ווי פּייסעכדיקע מײַכאָלים, ער האָט קימאַט געפרעסנ, פאַרטרינ=קענדיק פונ מאָל צו מאָל מיטנ אונטערגעדריקטנ פאַרפראוועטנ שנאַפּס

אונ מיט ווײַנ, אונ האָט מיט נישט נאָר קיינ ריינע „באַריטאָנישע“ קאַוואַנעס געטראַכט וועגנ דער בעקאָוועדיק-גרייער פרוי:

— זי האָט נאָכ עפּעס יונגט אינ פּאָנעמ... אינ די אויגנ אונ ארומ מויל האָט זי עס נאָכ..

פונעמ שמועס, וואָס ער האָט מיט איר געפירט, האָט זיכ ארויס-געוויזנ, אז קיינ מאַנ האָט זי נישט — ער איז געשטאָרבנ נאָכ צו-ריק מיט צוועלפ יאָר אונ אז קיינ קינדער האָט זי אויכ נישט — זי האָט געהאַט סאַבאַקל איינ מיידל, א זעלטנ מיידל... געהאַט א זעלטענע שטימע, דאָס מיידל... אויכ געזונגענ פאָלקס-לידער. נאָר „דאָמאַשנע“. צוריק מיט אַנדערהאַלבנ יאָר געשטאָרבנ...

— פונ סקאַרלאַטינ, — האָט עפּעס זייער מאָדנע שטיל, ווי היי-זעריקלעכ א זאָג געגעבנ די פרוי, אונ בא איר זײַנענ געבליבנ הענ-גענ צוויי גרויסע טרערנ אפ ביידע אויגנ.

— פונ סקאַרלאַטינ?.. — האָט ער, אופהערנדיק א ווײַלע צו עסנ, איבערגעפרעגט מיט גרויס מיטגעפיל, אונ דערבײַ דערפילט, אז ער, דער באַריטאָנ, איז ווירקלעכ א לײַטישער מיטפילנדיקער מענטש, נישט אומזיסט איז ער אמאָל אַנשטאָט טעאַטער אוועק צו יידישע פאָלקס-לידער.

פול אָנגעגאָסנ אונ האַלב-מעוושעמדיק איז ער אופגעשטאַנענ פונ טיש, אופגעלייגט אונטערגעזונגענ, בײַם מע האָט אים אָפּגעפירט אינ באַזונדערנ צימער כאַפּנ א באַטאַגעדיקנ דרעמל. אונ ווײַל אינ דער גאַנצער וווינונג איז אויסער אים מער קיינ מאַנצבילנ נישט געווענ, האָט ער דעריבער דערפילט, אז ער איז דאָ נישט בלויז דער איינציקער מאַנצבל, נאָר אויכ דער איינציקער באַלעבאָס. זײַנ בענק-טער איז ארויסגעגאַנגענ אינ א קליינ סעדל ארײַנ. דאָס צימער איז געווענ נישט קיינ גרויס, א געמיטלעכס, נאָר א ליידיקס, קימאַט אָנ שום מעבל. אויסער דעם באַקוועמענ ווייכנ בעט, אפ וועלכנ ער איז געלעגנ א האַלב-מעוושעמדיקער, אנ אינווייניק-זינגענדיקער, זײַ-נענ בא דער זײַט געשטאַנענ א פּאָר שטולנ, אונ פונקט אנטקעגנ, אפ דער וואַנט, איז אינ א הילצערנער רויט-פּאָליטורטער ראַמ געהאַנגענ א פאַרגרעסערטער פאָטאָגראַפישער ביוסט פונ אנ אומגעוויינלעכ שיינ מיידל. אירע אויגנ האָבנ געקוקט מיט א מאָדנע אָפענער איבערגע-געבנקייט אונ אזוי צאַרט, ווי די דינ-געאַרבעטע שפּיצנ פונ איר

קאַפּטל, און איבער איר גאַנצן ציטעריקן פּנים איז געווען צעגאָסן יענער כיינעוודיק־רייצנדיקער שמייכל, וואָס די בעקאַוועדיק־גרויע באַלעבאָסטע האָט אים נאָך בלויז אין די אויגן און ערגעץ אין די ווינקלען, וואָס אַרום איר מויל. דאָס איז, אַפּנים, געווען דער באַלעבאָסטעס טאָכטער — דאָס איינע־און־איינציקע מיידל, וואָס האָט אויך געהאַט אַ שיינע שטימע. און האָט אויך געזונגען פאָלקס־לידער און איז צוריק מיט אַנדערהאַלבן יאָר געשטאָרבן פון סקאַרלאַטין.

ליגנדיק אַקעגן אויפן בעט אַ האַלב־מעוושעמדיקער, און אומווייניק־זינענדיקער, האָט ער נישט אויפגעהערט צו קוקן אויפן בילד.

— אַ שטיק מיידל, וואָס?.. אַ ציטעריקע און אַזאַ שיינע!.. אַ זעלטן שיינע..

דערבײַ האָט ער מעוושעמדיקערהייט געפילט צו איר ליידנשאַפטן, ווי צו אַ לעבעדיקער — אים איז גאַנץ ווייניק אָנגעגאַנגען, וואָס געשטאָרבן איז זי צוריק מיט אַנדערהאַלבן יאָר פון סקאַרלאַטין... ער איז אַנשלאָפן געוואָרן מיט אַ זיסן דרעמל און מיט אַ זיסער פאַנטאַזיע, אַז ער האָט מיט אָט דעם שיינעם פאָרמעגלעכן מיידל כאַסענע געהאַט, אַז ער איז איצט געקומען צו איר אַהיים. דערבײַ איז אים לאַכלומן נישט אָנגעגאַנגען, וואָס ערגעץ־ווו באַ זיך אין דער היים האָט ער צו לאַנגע יאָר אַ ווײַב מיט צוויי קינדער.

— אַ טײַער שטעטעלע — האָט ער אַלץ געטרעכט, — אַ זעלטן שטעטעלע..

נאָר מיט אַ פּאָר שאָ שפּעטער, ווען ער האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, האָט ער באַ זיך אין צימער דערזען דעם קליינעם אין רירעוודיקן געל־בלאָנדן יונגערמאַן, אָט דעם, וואָס אויפן וואָקזאַל האָבן צו אים אַלע געשריען: „מאָרטכע, מאָרטכע!" ער האָט זיך פון אים דערוווסט, אַז דער טעאַטער, ווו ער דאַרף אײַנאָוונט אַרויסטרעטן, איז אַ הילצערנער, נישט קיין געהייצטער — אייגנטלעך אַ קינאָ, נישט קיין טעאַטער, דער יונגערמאַן האָט געהאַט אַ בוכהאַלטעריש־אומעטיק פּנים און האָט זיך ענדלעך אויסגעקיועמשט, אַז אייגנטלעך...

— אייגנטלעך פעלט נאָך היפּש געלט צו דער צוגעזאָגטער סומע... האַלעווײַ זאָל איך עס פאַרדינען אין צוויי כאַדאָשים... דער פּידיען באַ דער קאַסע איז עפּעס גאָר קיין פּידיען נישט.. קוים וואָס עס ציקעט זיך... נאָר וואָס זשע דען? מע האָפט אַלץ, אַז אין דער

לעצטער שאָ פאַרנ אָנהייב וועט זיכ פאַרבעסערנ... אַוואַדע מוז זיכ פאַרבעסערנ, וואָרעם אַז נישט?..

דער יונגערמאַנ האָט אַפ אימ אַ קוק געגעבנ מיט צוזאַמענגעצויגענע אייגעלעכ פונ אַ קלוג שרעטעלע, געעפנט דאָס מויל, באַוויזנ אַ שאַרפ צינגעלע מיט שאַרפע ציינדעלעכ אונ האָט זיכ פאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ דריבנע געלעכטערל:

— וואָרעם אַז נישט, — האָט ער אויסגעלאָזט, — אַז נישט איז דאָכ טאַקע שלעכט!..

אונ דעמ באַריטאָנ האָט צומ אַלעמ ערשט פאַרדראָסנ אָט דאָס געלעכטערל — עפּעס צו אַ הייִמיש... צו אַ פּאַניבראַטסקי... ער האָט פונ נאָכנ שלאָפ געקוקט אַפ אימ מיט דויטלעכע, ביז-אויסגעגלאָצטע אויגנ.

— איר האָט פאַרנ אַרײַנקומענ צו מיר געדאַרפט אָנקלאַפּנ אינ טיר, — האָט ער בייז אַ כאָרכל געטאָנ אַפנ יונגערמאַנ, — יאָ, יאָ... וואָס קוקט איר אַזוי?.. איר זײַט קליינשטעטלדיקע דריפּקעס... איר ווייסט וועמענ איר האָט אַראָפּגעבראַכט צו זיכ אינ שטעטל?!.. גייט געזונטערהייט..

דער איבערגעשראָקענער יונגערמאַנ איז געוואָרנ פריִער בלאַס אונ נאָכדעמ רויט, אונ שעמעוודיק זיכ אַרויסגערוקט פונ צימער. דער באַריטאָנ האָט אינ גרויס כּאַס אָנגעהויבנ אַרומשפּאַנענ הינ אונ צוריק איבערנ צימער, אַרומגעשפּאַנט לאַנג, נאָר באַרויִקנ זיכ נישט געקאָנט אונ געגעבנ אָנ עפּעס אַ קלאַפּ מיטנ פויסט, אַזוי אַז אַקעגנ אַפ דער וואַנט האָט זיכ ווי פאַרשעמט דאָס מיידל, וואָס איז געשטאָרבנ פונ סקאַרלאַטינ, אונ אינ גאַנצנ עסצימער, ווו עס האָט שוינ געוואַרט דער סאַמאָוואַר, האָבנ זיכ אַלע דערשראָקנ אונ גענומענ זיצנ זייער שטיל אונ זיכ אײַנהערנ. אינ עסצימער האָבנ אַכוץ דער בעקאָוועדיק-גרויער באַלעבאָסטע מיטנ געל-בלאָנדנ יונגערמאַנ געוואַרט פרישע יונגע לײַט מיט מיידלעכ. דער פאַנפעוודיקער זייער געזונטער באָכער איז געווענ גרייט צו פרעגנ נאָכאַמאָל אַנ אייצע. דער באַריטאָנ איז אַרײַנגעקומענ אַהינ, געבליבנ שטיינ אינמיטנ צימער, אַרומגעקוקט אַלעמענ מיט בייזע אויגנ אונ נישט אויסרייִדנדיק קיינ וואָרט זיכ צוגעזעצט צומ טיש, נאָר פלוצלינג אויסגעפּלאַצט אַפנ גאַנצנ שטילוואַרטנדיקנ עולם:

— וואָס קריכט איר אַהער וואָס?.. ווער האָט געשיקט נאָכ אײַכ?!

ווען נישט קיין ייִדישער אַרטיסט קומט אַהער, ווען שאַליאַפּין קומט אַהער, וואָלט איר אויך געוואָלט צו אים צו קריגן?.. גייט אײַך פֿונדאַנען!.. ס'אַרא אַזעס!..

דער דערשראָקענער אוילעם האָט זיך אָנגעהויבן מאָדנע פּאַמעלעך פֿאַנאַנדערגיין. די אויפֿגעשטאַנענע באַלעבאָסטע האָט אַ רעגע אין פֿאַרלוירנקייט אַ בראָך געגעבן די הענט. דער באַריטאָן האָט זיך צו קיינעם נישט אומגעקוקט און ווי אַפּצולאַכעס ברייט זיך אַוועקגעזעצט טרינקען טיי, נאָר פּלוצלינג איז ער אויפֿגעשפּרונגען און גענומען מיט גרויס כּאַס צו קלאַפּן אין טיש.

— ווען גייט אַוועק פֿונדאַנען דער צוג?!.. אַ פֿור זאָל מיר זײַן!.. די רעגע זאָל מיר זײַן אַ פֿור צום וואָקזאַל!

עס איז געווען פֿאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך געטרייסלט איינער אַליין אויף דער פֿור צום וואָקזאַל. דער רעגן האָט ווידער געגאָסן אין אַלאַכסן און זייער געדיכט, אין שמאָלע געסלעך איז מען אַרויסגעלאָפֿן פֿון פֿאַרבײַגעפֿאָרענע הײַזער און געקוקט ווי אויף אַ בייזוואונדער, ווי ער טרייסלט זיך איינער אַליין מיט זײַנע פּעקלעך. פֿון אונטן בײַ דער גרויסער הילצערנער געבײַדע האָבן מאַמעס, האַלטנדיק קינדער אויף די הענט, זיך געקריגט בײַ דער קאַסע און געפֿאָדערט צוריק זייער געלט. פֿון פֿאָרנט, אויפֿן בלאָטיקן באַרג, האָט מיט נעלע קאַלטע פֿײַערלעך זיך געלויכטן די הילצערנע געבײַדע פֿונעם קליינעם ברודיקן וואָקזאַל. דער באַריטאָן האָט זיך געטרייסלט אויפֿן וואָגן, ווי נישט קיין היגער, ווי גלײַך צווישן אים און שטעטעלע איז גאָרנישט ניט געשען. אים איז נאָר געווען ביז גאָר אָנגעזאָלצן אויפֿן האַרצן, און געפֿילט האָט ער אָן אויפֿהער, אַז מע קאָן גאָרנישט נישט העלפֿן — ער, דער באַריטאָן, איז שוין אַריבער פֿערציק:

— ער ווערט אַלט.. ער ווערט אַלט...

אינהאלט

	זייט
ארום וואָקזאַל	5
דער טויבער	91
דער לעצטער ראָשעשאָנע	121
שייוועט געדאַליע	137
דער קאַברען	159
א ראָמאַן	179
גאָטע	193
דרויב	203
יאָרדים	218
אָן א נאָמען	233
אין א פאַרגרעבטער שטאָט	245
אין איינעם א זומער	299
דער באַריטאָן	327

Редактор—Л. Гольдберг
Техред—М. Погостер
Корректор—М. Иткин.
Сдано в набор 17/VIII—35 г.
Подписано к печати 11/XI—35 г.
ф. б. 82 X 110$^{1}/_{32}$. 21$^{1}/_{4}$ п. л.
Уп. Главлита Б—13858. „Эмес“ № 143
Тираж 6000.

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9,
зак. № 857